STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12004

DER PRINTS UN DER BETLER

Mark Twain

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-12004-9

D:\YIDDISH\TITLES\9780657120047T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מ א ר ק ט װ ע נ

דער פּרינץ און דער בעטלער

א מײַסע פאר יוגנט פון יעדן עלטער

פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקװע 1938

ענגליש — ז. ווענדראָפ

איך וועל אײַך דאָ דערצײלן אַ מײַסע, ווי עס האָט זי מיר דערצײלט אַ מענטש, וואָס האָט זי געהערט פון זײַן פאָטער, וועלכער האָט זי, דאָסגלײַכן, געהערט פון זײַן פאָטער. יענער ווידער האָט געהערט די זעלבע מײַסע פון זײַן פאָטער, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, אַלץ צוריק און צוריק צו די פאַרגאַנגענע דורות. אין מעשך פון דרײַ הונדערט יאָר און מער איז די מײַסע איבערגעגאַנגען ה
פון פאָטערס צו זין, ביז זי איז אָט אַזאַ אויפן דערגאַנגען צו אונדז.

עס קאָן זײַן, אַז די מײַסע איז אַן עמעסע מײַסע, און עס קאָן זײַן, אַז ס'איז ניט מער ווי אַ לעגענדע, אַן אויסגעטראַכטע זאַך. מעגלעך, אַז דאָס האָט קיינמאָל גאָר ניט פּאַסירט. אָבער, ווי די מײַסע איז, האָט עס דאָך געקאָנט פּאַסירן. עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז אין די אַלטע צײַטן האָבן אין דער געשיכטע געגלייבט קלוגע און געלערנטע מענטשן, און עפּשער האָבן גאָר די פּאָשעטע און ניט־געלערנטע געגלייבט זי און געגלייבט אין איר.

ערשטער קאפיטל

דער געבורט פונ דעמ פרינצ און פונ דעמ בעטלער

אינ דער אלטער שטאָט לאָנדאָנ איז אינ איינעמ א הארבסט-פרימאָרגנ פונ זעכצנטנ יאָרהונדערט אינ אנ אָרעמער פאמיליע, וואָס האָט געהייסנ קענטי, געבאָרנ געוואָרנ א יינגל. דאָס קינד איז געקומענ אינ דעמ הויזגעזינד ווי אנ אומגעבעטענער גאסט. אינ דעמ זעלביקנ טאָג איז אינ א רײַכער פאמיליע טיודאָר אויכ געבאָרנ געוואָרנ א יינגל. אינ דער דאָזיקער רײַכער פאמיליע איז דער נײַגעבאָרענער זונ געווענ זייער אנ אָנגעלייגטער גאסט. און ניט נאָר פאר זײַנע עלטערנ איז ער געווענ געווונטשנ — גאנצ ענגלאנד האָט געווארט אפ זײַנ געבורט. ענגלאנד האָט אזוי לאנג געבענקט נאָכ אימ, געווארט אפ אימ און געבעטנ גאָט פאר אימ, אז ווענ ער איז לעסאָפ געקומענ אפ דער וועלט, — איז דאָס פאָלק קימאט מעשוגע געוואָרנ פונ סימכע. האלבבאקאנטע מענטשנ האָבנ זיכ ארומגעכאפט אינ די גאסנ, געקושט און געהאלדזט זיכ פאר גרויס פרייד. יעדערער האָט זיכ געמאכט דעמ טאָג א יאָנטעוו, יאכסאָנימ און פראָסטע מענטשנ, אָרעמ און רײַכ, קליינ און גרויס האָבנ געטאנצט און געזונגענ, געגעסנ און געטרונקענ און געוואָרנ שטארק אופגערוימט. און געדויערט האָט דער יאָנטעוו עטלעכע טעג און נעכט נאָכאנאנד.

באטאָג איז לאָנדאָנ געווענ א פראכט אָנצוקוקנ. יעדע באלקאָנ-טיר און יעדעס פענצטער זײַנענ געווענ באפוצט מיט קאָלירטע פלאָטערנדיקע פאָנענ, איבער אלע גאסנ האָבנ זיכ געצויגנ לוסטיקע פראָצעסיעס, אומעטומ האָט געשפילט מוזיק. ניט ווייניקער שיינ איז די

שטאָט געווען באַנאַכט: אַז יעדן טאָג גאַס האָבן געפֿלאַקערט פֿײַ־ערן, און דער אויסגעטרונקענער עולם האָט געטאַנצט און לוסטיק געמאַכט זיך אַרום זיי.

גאַנץ ענגלאַנד האָט פֿון קיין אַנדער זאַך ניט גערעדט, ווי נאָר פֿון דעם נײַגעבאָרענעם קינד עדוואַרד טיודאָר, דעם פּרינץ פֿון וועלס.

און ער, דער ענגלישער טראָנפֿאָלגער, איז זיך געלעגן פֿאַרוויקלט אין זײַדנס און אַטלאַס, ניט האָבנדיק קיין שום האַסאָגע וועגן דעם גאַנצן פֿאַראַד, וואָס מע האָט דאָ געמאַכט אַרום אים, ניט ווײסנדיק, אַז די גרעסטע לאָרדן און הויף־דאַמען ניאַנטשען זיך מיט אים, פּאַסן אים אויף און היטן אים אָפּ ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג, — און, דעם עמעס געזאָגט, האָט ער זיך ווייניק געקימערט וועגן דעם.

אָבער וועגן דעם צווייטן יינגל, טאָם קענטי, אַ פֿאַרוויקלטן אין אַ בינטל שמאַטעס, האָט קיינער אַ וואָרט ניט גערעדט, אַחוץ עפּשער זײַן אייגן אָרעם הויזגעזינד, וועלכן ער האָט מיט זײַן קומען געבראַכט פֿרישע זאָרגן און פֿרישע צאָרעס.

צווייטער קאַפּיטל

טאָמס קינדעריאָרן

איצט לאָמיר איבערהיפּן עטלעכע יאָר.

לאָנדאָן איז געווען פֿופֿצן הונדערט יאָר אַלט און איז, ווערליק יענער צײַט, געווען אַ גרויסע שטאָט: זי האָט פֿאַרמאָגט אַ הונדערט טויזנט אײַנוווינער; אַנדערע זאָגן אַפֿילע, אַז צוויי מאָל אַזוי פֿיל. די גאַסן זײַנען געווען זייער שמאָל, געדרייט און שמוציק, דערהויפּט אין יענעם טייל שטאָט, וווּ טאָם קענטי האָט געוווינט — אין דער געגנט פֿון לאָנדאָנער בריק.

די הײַזער זײַנען געווען הילצערנע, דער צווייטער שטאָק — ברייטער פֿון דעם ערשטן, און דער דריטער שטאָק ברייטער פֿון צווייטן, אַזוי אַז וואָס העכער די געבײַדע איז געווען, אַלץ ברייטער איז זי געווען אויבן. געבויט זײַנען זיי געווען פֿון גראָבע איבערגעקרייצטע באַלקנס, און דער שטעכ צווישן זיי איז געווען פֿאַרפּולט מיט פֿעסטן מאַ־

דער שמוץ־הויף.

טעריאל אונ פונ אויבנ געטינקעוועט מיט זאמד אונ וואפנע. די באלקנס זײַנענ געווענ געפארבט רויט, בלוי אָדער שווארצ—וועדליק דעם גוסט פונ באלעבאָס, וואָס דאָס האָט צוגעגעבנ די הײַזער א מאָלעריש־פריי־לעכנ אויסזענ. די פענצטערלעך אינ די הײַזער זײַנענ געווענ קלײנינקע, באגלאָזט מיט קלײנע שײַבעלעך. געעפנט האָבנ זיי זיך דרויסנ־צו, אפ זאוועסעס, ווי טירנ.

דאָס הויז, אינ וועלכנ טאָמס פאָטער האָט געוווינט, איז געשטאַנענ אינ א פארוקט ווינקל, וואָס האָט געהייסנ דער שמוץ־הויפ, אינ שכיינעס מיטנ פודינג־געסל.

דאָס הײַזל איז געווענ קליינ, אלט אונ האלב צעפאלנ, אָבער פול געפאקט מיט מוירעדיק אָרעמע מישפּאָכעס. די פאמיליע קענטי האָט פארנומענ א צימער אפנ דריטנ שטאָק. די מוטער מיטנ פאָטער האָבנ געהאט א מינ בעט אינ ווינקל, אָבער טאָם, זײַנ באָבע אונ זײַנע צוויי שוועסטער, בעט אונ נענ, זײַנענ ניט געווענ באַגרענעצט: זיי האָבנ געהאט פאר זיכ דעם גאנצנ דיל אונ געקאָנט שלאָפנ, ווו זיי האָבנ געוואָלט. זיי האָבנ פארמאָגט די רעשטלעכ פונ א פּאָר קאָלדרעס אונ א הויפנ צעריבנ אונ פארפוילט שטרוי, פונוואנענ יעדערער האָט באנאכט גענומענ פאר זיכ אפ א געלעגער, וואָס ס'איז צו דער האנט געקומענ, אונ באטאָג איז דאָס צונויפגעשארט געוואָרנ אינ איינ ווינקל.

בעט אונ נענ זײַנענ געווענ א צווילינג — צו פופצנ יאָר אלט. דאָס זײַנענ געווענ גוטהארציקע, אָפּגעלאָזענע, אָפּגעריסענע אונ טיפ־אומוויסנדיקע מיידלעכ. די מוטער איז אינגאנצנ געווענ געראָטנ אינ די טעכטער, אָבער די באָבע אונ דער פאָטער זײַנענ געווענ א פּאָר עמעסע טײַוואָלימ. זיי פלעגנ זיכ אָנשיקערנ, ווענ זיי האָבנ נאָר געהאט די געלעגנהײַט דערצו, אונ אָנהייבנ א געשלעג צווישנ זיכ, אָדער מיט יעדערנ, ווער עס איז זיי געקומענ אונטער דער האנט.

דזשאָנ קענטי איז געווענ א גאנעוו, אונ זײַנ מוטער — א בעטלערקע. פונ די קינדער האָבנ זיי געמאכט בעטלער, אָבער מאכנ זיי פאר גאנאָווימ האָט זיכ זיי ניט אײַנגעגעבנ.

אינ דעמ זעלביקנ הויז, אָבער אָפּגעזונדערט פונ דער איבעריקער כעוורע, האָט געוווינט א געוועזענער גאלעכ, וועלכנ דער קיניג האָט געלאָזנ אפ דער עלטער אָנ א היימ אונ אָנ ברויט מיט א פּענסיע פונ עטלעכע גראָשנ א וואָכ. אָט דער אלטער גאלעכ פלעגט פארופנ צו זיכ די קינדער פונ געסל אונ לערנענ זיי געהיימ גוטע זיטנ. דער זעלביקער פאָטער ענדריו האָט אויכ אויסגעלערנט טאָמענ לייענענ, שרײַבנ אונ א ביסל לאטײַנ. ער וואָלט דאָס זעלביקע געטאָנ מיט טאָמס שוועסטער אויכ, אָבער יענע האָבנ שטארק מוירע געהאט, אז ווענ זייערע כאווערטעס וועלנ זיכ דערפונ דערוויסנ, וועלנ זיי אָפּשפּעטנ פונ זיי פאר זייער מאָדנעמ אופטו.

גאנצ שמוצ־הויפ־געסל איז געווענ פונקט אזא בינשטאָק, ווי דאָס הויז, אינ וועלכנ טאָמ קענטי האָט געוווינט. שיקרעס, זידלערײַ אונ געשלעגנ זײַנענ געווענ פונ די געוויינלעכסטע זאכנ אינ שמוצ־הויפ סײַ בײַטאָג סײַ בײַנאכט, צעבראָכענע קעפ איז דאָרטנ געווענ א טאָגטעגלעכע דערשײַנונג, אזוי גוט ווי הונגער. פונדעסטוועגנ, האָט זיכ טאָמ ניט געפילט אומגליקלעכ. עמעס, עס האָט זיכ אימ ניט גרינג געלעבט, אָבער ער האָט פונ עפעס בעסערס ניט געוווסט. דאָס איז געווענ דער סאָרט לעבנ, וואָס אלע יינגלעכ פונ שמוצ־הויפ־געסל האָבנ געלעבט, אונ טאָמ האָט געמיינט, אז אנדערש קאָנ גאָר ניט זײַנ. ער האָט געוווסט, אז אויב ער וועט אינ אָוונט קומענ אהיימ מיט ליידיקע הענט, וועט אימ פריער דער טאטע גוט אָנשילטנ אונ אָנשלאָגנ, דערנאָכ, אז דער טאטע וועט מיד ווערנ שלאָגנדיק, וועט זיכ די באָבע, די מאכשייפע, נעמענ צו דער ארבעט אונ פארבעסערנ. ער האָט געוווסט, אז בײַנאכט, ווענ דאָס גאנצע הויז־געזינד וועט שוינ שנאָרכנ אינ שווערנ שלאָפ, וועט זיכ די הונגעריקע מאמע צוגאנווענענ צו אימ אונ שטילערהייט אונטערוקנ א פענעצל פארטריקנט ברויט אָדער וואָסערע־ניט־איז רעשטלעכ שפײַז, וואָס זי האָט אָפגעשפאָרט פונ איר אייגענעמ מויל, ניט קוקנדיק אפ דעמ, וואָס דער מאנ האָט זי ניט איינ מאָל געשלאָגנ צומ טויט, ווענ ער האָט זי דערבײַ געכאפט.

ניינ, טאָמענ האָט זיכ געלעבט ניט שלעכט, איבערהויפט ווענ ס'פלעגט קומענ זומער. ער האָט געבעטלט נאָר אפ אזויפיל, אפ וויפל עס איז נייטיק געווענ, קעדיי אויסצומײַדנ דעמ טאטנס אונ דער באָבעס קלעפ, וואָרעמ די געזעצנ זײַנענ דעמלט געווענ שטרענג אונ די שטראָפ פאר בעטלענ — שווער. ער האָט דעריבער א רעכט ביסל צײַט פארבראכט אינ הערנ דעמ פאָטער ענדריוס פראכטפולע אלטע מײַסעלעכ אונ לעגענדעס וועגנ ריזנ אונ פייעס, וועגנ קארליקעס אונ שיידימ, וועגנ פארקישעפטע שלעסער, וועגנ מעכטיקע קייסאָרימ אונ העלדישע פרינצנ. זײַנ קאָפ איז פול געווענ מיט אָט די אלע וווּנדערפולע געשטאלטנ, אונ ניט איינ נאכט, ליגנדיק אינ דער פינצטער אפ זײַנ בינטל צעפוילט שטרוי א צעשלאָגענער, א מידער אונ א הונגעריקער, — האָט ער געלאָזט זײַנ פאנטאזיע שוועבנ אונ האָט גיכ פארגעסנ אָנ אלע ווייטיקנ אונ אלע יעסורימ, מאָלנדיק זיכ דאָס פרעכטיקע לעבנ פונ אנ איידעלנ פרינצ אינ א קייסערלעכנ פאלאצ.

מיט דער צײַט איז זײַן גרעסטער ווּנטש געוואָרן: זען מיט זײַנע אייגענע אויגן אַן עמעסן לעבעדיקן פּרינץ. דער דאָזיקער ווּנטש האָט אים פאַרפאָלגט טאָג און נאַכט. איינמאָל האָט ער אַפילע אַרויסגע־זאָגט זײַן פאַרבאָרגענעם ווּנטש פאַר זײַנע כאַווייריִם פון שמוץ־הויף־געסל, אָבער יענע האָבן אים אַזוי אָנראַכמאָנעסדיק אויסגעלאַכט, אַז

דערוואַקסענע האָבן אָנגעהויבן קומען צו אים
זיך אַן אייצע האַלטן.

ער האָט שוין פאַרזאָגט אַ צענטן צוריידן מיט זיי וועגן אַזעלכע זאַכן. פון דעמלט אָן האָט ער געהאַלטן זײַנע כאַלוימעס פאַר זיך.

טאָם האָט אָפט געלייענט דעם אַלטן גאַלעכס אַלטע ביכער און געבעטן, ער זאָל אים זיי פאַרטײַטשן און דערקלערן. דאָס לייענען און דאָס טרוימען האָבן ביסלעכווײַז אַרויסגערופן אין אים געוויסע ענדע־רונגען. די העלדן, וואָס ער האָט באַשאַפן אין זײַן פאַנטאַזיע, זײַנען

געווענ אזוי שיינ אונ פראכטפול, אז ער האָט זיכ אָנגעהויבנ שעמענ מיט זײַנע טראנטעס אונ שמוץ, אונ אימ האָט זיכ געוואָלט אלײנ אויכ זײַנ רײנער אונ בעסער אָנגעטאָנ. ער האָט ווי פריִער געשפּילט אינ בלאָטע אונ האנאָע געהאט דערפונ אויכ; אָבער אָנשטאָט צו פּליושקענ זיכ אינ דער טעמזע גלאט אינ דער וועלט ארײַנ, צוליב שטיפערײַ, האָט ער אָנגעהויבנ ליב האָבנ דאָס באָדנ זיכ נאָכ דערפאר, וואָס עס מאכט רײנ.

טאָמ האָט שטענדיק געפונענ עפּעס אינטערעסאנטעס אינ דער טשיפּסײַד־געגנט אונ אפ די יארידנ. פונ צײַט צו צײַט פלעגט זיכ אימ, צוזאמענ מיט דער איבעריקער באפעלקערונג פונ לאָנדאָנ, אײַנגעבנ צו זענ א מיליטערישנ פּאראד, ווענ מע פלעגט פירנ עפּעס א בארימטנ געפאנגענעמ איבערנ וואסער אָדער מיט דער יאבאָשע אינ דער לאָנדאָנער טורמע טאָוער.[1] אײנ זומער־טאָג איז אימ אפילע באשערט געווענ צו זענ, ווי מע האָט די אומגליקלעכע אנא אסקיו[2] אונ נאָכ דרײַ מענטשנ פארברענט אפ א שײַטערהויפנ, אונ געהערט ווי א בישאָפּ האָט געהאלטנ פאר די פארמישפּעטע א דראָשע, וואָס איז טאָמענ גאָר ניט געווענ אינטערעסאנט. יאָ, ביכלאל איז טאָמס לעבנ געווענ גענוג טשיקאווע אונ פארשײדנארטיק...

ביסלעכווײַז האָט דאָס שטענדיקע לײענענ אונ כאָלעמענ וועגנ קיניגנ אונ פּרינצנ געמאכט אפ טאָמענ אזא אײַנדרוק, אז ער האָט גענומענ האלטנ זיכ ווי א פּרינצ. זײַנ ארט רײדנ אונ באנעמענ זיכ איז געוואָרנ מאָדנע צערעמאָניש אונ הויפמעסיק, צומ גרויסנ פארגעניגנ אונ פארווײַלונג פונ זײַנע כאווײרימ אונ באקאנטע. נאָר כאָטש זיי האָבנ זיכ לוסטיק געמאכט איבער אימ, פונדעסטוועגנ איז זײַנ ווירקונג צווישנ זײַנע כאווײרימ געוואקסנ פונ טאָג צו טאָג. ביסלעכווײַז האָט מענ אפ אימ גענומענ קוקנ מיט א געוויסנ דערעכערעצ, ווי אפ עפּעס א העכערער בריִע. א קלײניקײַט, וואָס ער ווייסט אונ וואָס ער קענ אלצ אופטאָנ! אונ כוצ דעמ, איז ער אזוי קלוג אונ געלערנט! טאָמס באמערקונגענ אונ טאָמס אופטועכצנ זײַנענ דורכ די קינדער דערגאנגענ אויכ צו זײערע עלטערנ, וואָס האָבנ אויכ אָנגעהויבנ צו קוקנ אפ אימ, ווי אפ א גוואלדיק־פײִק אונ אויסערגעוויינלעכ ייִנגל. דערוואקסענע מענטשנ האָבנ אָנגעהויבנ קומענ צו אימ אינ יעדער פארלעגנהײַט אנ אײַצע האלטנ זיכ אונ זײַנענ געווענ אויסער זיכ פונ

דער כאָכמע און אײַנפאַלנ, וואָס ער ווײַזט ארויס באַם ארויסזאָגנ זײַנ באַשלוס אָדער זײַנ אורטײל קורצ, ער איז געוואָרנ דער העלד פונ גאַנצנ געסל, אכוצ זײַנ אייגענער פאַמיליע, וואָס האָט אינ אים קיינ שום באַזונדערס ניט באַמערקט.

א שטיקל צײַט שפּעטער האָט טאָם שטילערהייט אײַנגעפירט זײַנ אייגענעם קיניגלעכנ הויפ. ער איז, פאַרשטייט זיכ, געווענ דער פּרינצ. זײַנע נאָענטסטע כאַווײרים — לײַב-היטערס, קאַמערהערנ, שטאַלמײַס-טערס, לאָרדנ, הויפ-דאַמענ און מיטגלידער פונ דער קיניגלעכער פאַ-מיליע. יעדנ טאָג האָט דער הויפ אופגענומענ דעם נײַ-געבאַקענעם פּרינצ מיט אַלע צערעמאָניעס, וואָס טאָם האָט אויסגעלייענט אינ זײַ-נע ביכער. יעדנ טאָג זײַנענ אינ מיניסטעריומ פונ דעם קלוימערשטיקנ קיניגרײַכ באַהאַנדלט געוואָרנ אַלע וויכטיקע מעלוכע-פראַגנ און יעדנ טאָג האָט זײַנ אויסגעטראַכטע מאַיעסטעט ארויסגעגעבנ באַפעלנ צו זײַנ פאַנטאַסטישער אַרמײ, פלאָט און וויצע-קיניגנ.

דערנאָכ פלעגט ער זיכ ווידער ארויסלאָזנ אינ זײַנע שמאַטעס אי-בער די גאַסנ אויסצובעטלענ א פּאָר גראָשנ, ווידער עסנ זײַנ פאַרדאַרט שטיקל ברויט, נאָכאַמאָל אַרײַנכאַפּנ זײַנ כײלעק קלעפּ און קלאָלעס, ביז ער פלעגט א מאָל טאָג שפּעט באַנאַכט אפ זײַנ הויפנ פאַרפוילט שטרוי און ווידער אָנהייבנ לעבנ אינ זײַנע פאַנטאַזיעס און כאַ-לוימעס מיטנ לעבנ פונ א פּרינצ.

דערווײַל איז דער ווּנטש צו זענ כאָטש איינ מאָל אינ לעבנ אַנ עמעסנ פּרינצ, א לעבעדיקנ פּרינצ פונ בלוט און פלייש, געוואַקסנ באַ טאָמענ פונ טאָג צו טאָג און פונ וואָכ צו וואָכ, ביז דער דאָזיקער ווּנטש האָט פאַרשלונגענ אַלע אַנדערע ווּנטשנ און איז געוואָרנ דער איינציקער באַגער פונ זײַנ לעבנ.

איינמאָל ווינטער, אינ א קאַלטנ יאַנוואַר-טאָג, האָט טאָם, ווי גע-ווײנלעכ, ארויסגעלאָזנ זיכ אפ זײַנ בעטלער-גאַנג. שאָ פאַר שאָ האָט ער זיכ, אַנ אָפּגעריסענער, א באָרוועסער און א הונגעריקער פאַרלאָרנ ארומגעדרייט הינ און צוריק לעבנ מײַנסינג-לײנ, אַרײַנקוקנדיק אינ די פענצטער פונ די גאָרקיכנ, ווו עס זײַנענ, ווי אפּצו-לאָכעס, געווענ אויסגעשטעלט טייגעכצנ, געפילט מיט געהאַקט באַזער-פלייש, און נאָכ אַזעלכע מעשונעדיקע מײַכאָלימ, וואָס כאָטש ער אַלײנ האָט זיי קיינמאָל ניט פאַרזוכט, פונדעסטוועגנ האָט ער געפילט נאָכנ

רייעכ נאָכ, אז דאָס זײַנען געריכטנ ניט פאַר פּאָשעטע מענטשנ, אונ אז נאָר קייסאָרים אונ קיניגנ קאָנענ זיכ פאַרגינענ אזוינס צו עסנ.

א קליינ רעגנדל האָט געגאָסנ, ווי דורכ א זיפּ. דער טאָג איז געווענ א וכמורנער, א טרויעריקער, די לופט — א נאַסע, א דורכ־נעמענדיקע. באַנאַכט האָט ער זיכ פאַרשלעפּט אהיימ אזוי דורכגע־ווייקט, מיד אונ הונגעריק, אז אפילע דער טאַטע מיט דער באָבענ האָבנ, אפ זייער אייגענעמ שטייגער, אפ אימ ראַכמאָנעס באַקומענ אונ אימ ניט לאַנג געפּײַניקט: דערלאַנגט אימ גלײַכ א גוטנ כיילעק קלעפּ אונ געשיקט שלאָפנ.

א לאַנגע צײַט האָבנ אימ די ווייטעקנ אונ הונגער, פונ איינ זײַט, אונ די קוילעס אונ געשלעגנ אינ שטוב, פונ דער צווייטער זײַט, ניט געלאָזנ אײַנשלאָפנ, נאָר ביסלעכווײַז האָבנ אימ זײַנע מאַכשאָוועס אוועקגעטראָגנ העט ווײַט אינ צויבער־לאַנד, אונ ער איז אײַנגעשלאָפנ אינ א פּרעכטיקנ גרויסנ פּאַלאַצ צווישנ פּרינצלעכ, באַשאָטענע פונ קאָפּ ביז די פיס מיט דימענטנ אונ בריליאַנטנ, אַרומגערינגלט מיט דינער, וואָס בוקנ זיכ צו די פיס אונ פלײַענ פײַל פונ בויגנ אויסצופילנ זייער יעדנ באַפעל. עס פאַרשטייט זיכ, אז ער אליינ איז אויכ געווענ איינער פונ די פּרינצנ.

א גאַנצע נאַכט האָט ער געלעבט דאָס לעבנ פונ א פּרינצ אינ קיניג־לעכנ הויפ. ער האָט זיכ געבאָדנ אינ שטראָמענ פונ ליכט אונ גלאַנצ, זיכ באַוועגט צווישנ לאָרדנ אונ הויפ־דאַמענ, אײַנגעאָטעמט די רייכעס פונ די פײַנסטע פּסאָמימ אונ פּאַרפומענ, אופגענומענ די זיסע קלאַנגענ פונ צויבער־מוזיק אונ געענטפערט דאָ מיט א שמייכל, דאָ מיט א לײַכטנ נייג פונ זײַנ פּרינצלעכנ קאָפּ אפ די אונטערטעניקע רעוועראַנסנ פונ דעמ גלענצנדיקנ אוילעמ, וואָס האָט געמאַכט פאַר אימ א וועג בײַמ זײַנ דורכגאַנג.

אונ ווענ ער האָט אופגעוואַכט אינדערפרי אונ דערזענ דעמ דאַלעס אונ עלנט אַרומ זיכ, — האָט עס אימ, ווי שטענדיק נאָכ אזעלכע כאַ־לוימעס, אויסגעזענ נאָכ טויזנט מאָל אָרעמער אונ עלנטער ווי פריִער. עס האָט אימ פאַרקלעמט דאָס האַרצ אונ ער האָט זיכ באַגאָסנ מיט טערע טרערנ.

דריטער קאַפּיטל

טאָמס באַגעגעניש מיטנ פּרינצ

טאָמ האָט זיכ אויפגעהויבנ א הונגעריקער אונ איז א הונגעריקער ארומ פונ שטוב, אָבער זײַנע געדאנקענ זײַנענ אינגאנצנ געווענ פארנומענ מיט דעמ שאָטנדיקנ גלאנצ פונ זײַנע באנאכטיקע כאלוימעס.

ער האָט געוואנדערט איבער דער שטאָט אהינ אונ אהער, אלײנ ניט ווייסנדיק, וווּהינ ער גײט אונ וואָס עס טוט זיכ ארומ אימ. פארבײַגײער האָבנ אימ געשטויסנ, אנדערע האָבנ אימ געזידלט, פארוואָס ער זעט ניט, ווו ער גײט, אָבער דאָס פארכאָלעמטע יינגל האָט זיכ ניט געקימערט וועגנ דעמ.

פארטראכטערהייט איז ער אזוי פארגאנגענ ביז צו טעמפל־באר — אזוי ווײַט פונ דער היימ איז ער נאָכ קײנמאָל ניט געווענ. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפ א מאָמענט, ווי ער וואָלט זיכ מעיאשעוו געווענ מיט זיכ אלײנ, נאָכדעמ האָט ער זיכ ווידער פארטראכט אונ איז אוועק ווײַטער, ביז ער האָט זיכ ארומגעזענ, אז ער געפינט זיכ אויסער די טויערנ פונ לאָנדאָנ.

סטרענד האָט שוינ דעמאלט אויפגעהערט צו זײַנ א דורכפאָר־וועג אונ האָט זיכ שוינ גערעכנט פאר א שטאָטישער גאס, אָבער א מאָדנע גאס איז דאָס געווענ. פונ איינ זײַט גאס איז אפילע געשטאנענ א שורע הײַזער, אָבער אפ דער צווייטער זײַט זײַנענ, אפ א ווײַטנ שטעכ איינע פונ דער אנדערער, געשטאנענ בלויז עטלעכע גרויסע געבײַדעס. דאָס זײַנענ געווענ פאלאצנ פונ רײַכע אריסטאָקראטנ מיט גרויסע פרעכטיקע גערטנער, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ ביז צומ ברעג טײַכ. איצט זײַנענ אפ דעמ אָרט פונ די אמאָליקע שאָטנדיקע פראכט־גערטנער אויסגעוואָקסנ גאנצע קילאָמעטערס כמורנע הײַזער פונ ציגל אונ שטיינ.

אינגיכנ האָט ער זיכ געפונענ אינ דאָרפ טשערינג אונ האָט זיכ געזעצט אָפּרוענ אפנ פונדאמענט פונעמ פרעכטיקנ צײלעמ, וואָס אנ אראָפּגעזעצטער קייסער האָט דאָ אמאָל אויפגעשטעלט. אָפּגערוט א ביסל, איז ער זיכ לאנגזאמ אוועק איבער א שטילנ, פײַנעמ וועג, איז פארבײַגעגאנגענ דעמ קארדינאלס גרויסנ פרעכטיקנ פאלאצ, ביז ער איז געקימענ צו דעמ נאָכ מער פרעכטיקנ קיניגלעכנ וועסטמינסטער־פאלאצ.[3]

מיט אנ אָפנ מויל איז טאָמ געשטאנענ און מיט גרויס היספּײַלעם נעקוקט אפ דעמ דאָזיקנ ווּנדער פונ דער בוי-קונסט, אפ דער גרויסער מאסע גראניט און מירמלשטיינ, אפ די ווײַט-פארשפּרייטע נעבנ-געבײַדעס, אפ די שטרענגע טורעמס און פעסטונגענ, אפ די גוואלדיק-ברייטע טויערנ מיט באגילדטע שטאנגענ און מיט גאנצע שורעס קאָלאָסאלע גראניטענע לייבנ און אפ די אנדערע צייכנס און סימבאָלנ פונ קיניגלעכער מאכט.

ניט שוינ זשע וועט זײַנ גרעסטער ווּנטש ניט אויסגעפילט ווערנ? ער שטייט געוויס פארנ קיניגלעכנ פאלאצ. קאָנ ער דענ ניט האָפנ, אז דער אייבערשטער וועט אימ העלפנ צו דערזענ א פרינצ, — אנ עמעסנ פרינצ פונ פלייש און בלוט?

פונ יעדער זײַט באגילדטנ טויער איז געשטאנענ א לעבעדיקע סטאטוע — א גלײַכער, גראציעזער, אומבאוועגלעכער וואכ-קריגער, פונ קאָפּ ביזנ קנאפל אינ געווער און פאנצער פונ בלישטשענדיקנ שטאָל. פונ דערווײַטנס, אנטקעגנ טויער, זײַנענ געשטאנענ דאָרפסלײַט און שטאָטלײַט און געווארט אפ א געלעגנהײַט צו כאפּנ א קוק אפ וועמענ-ניט-איז פונ דער קיניגלעכער פאמיליע. אויסגעפוצטע דאמענ און הערנ, באגלייט פונ פראכטפול-געקליידטער דינערשאפט, זײַנענ אלע ווײַלע צוגעפאָרנ און אָפּגעפאָרנ צו די אָדער יענע טויערנ פונ דעמ קיניגלעכנ הויפ.

דער אָרעמער קליינער טאָמ אינ זײַנע שמאטעס איז אויכ צוגעגאנגענ צומ טויער און האָט לאנגזאמ און אומזיכער געגומענ באוועגנ זיכ פארבײַ די וואכלײַט. זײַנ קליינ הערצל האָט האסטיק געקלאפּט און זײַנ האָפענונג צו זענ א לעבעדיקנ פרינצ האָט זיכ געשטארקט. מיטאמאָל האָט ער דורכ די גאָלדענע שטאנגענ דערזענ א בילד, וואָס האָט אימ א הייב געטאָנ אינדערלופטנ אזוי, אז ער האָט שיר ניט א געשריי געטאָנ פאר פרייד. אינעווייניק אינ הויפ איז געשטאנענ א שיינ, סימפּאטיש ייִנגל, פארברוינט און טונקל פונ שטענדיקע שפּילנ און ספּאָרט אפ דער פרישער לופט; געקליידט איז דאָס ייִנגל געווענ אינגאנצנ אינ פּראכטפולנ זײַד און סאמעט, באפוצט מיט די טײַערסטע שטיינער; אפּנ זײַט איז בא אימ געהאנגענ א קינזשאל און א שווערד, אינגאנצנ באשאָטנ מיט דימענטנ און בריליאנטנ, אפ די פיסלעכ — פײַנע שיכלעכ מיט רויטע קנאפל, און אפנ קאָפּ — א פּרעכטיק רויט היטעלע, באפוצט מיט

אראָפּהענגענדיקע שטרויס⸗פעדערנ, וואָס זײַנענ צוגעפּעסטיקט געווענ צומ היטעלע מיט א גרויסנ שעמערירנדיקנ איידלשטיינ. ער איז געווענ ארומגערינגלט פונ עטלעכע פײַנ⸗באַפּוצטע הערנ — אוואדע זײַנע דינער.

אָ, דאָס איז געווענ א פּרינצ! אנ עמעסער, לעבעדיקער פּרינצ! דאָ קאָנ קיינ שומ סאָפעק ניט זײַנ! יאָ, די טפילע פונ דעמ קליינינקנ, אָרעמינקנ בעטלערל איז סאָפּקאָלסאָפּ פאָרט אָנגענומענ געוואָרנ!

טאָמ האָט קוימ געקאָנט דעמ אָטעמ כאַפּנ פונ אויפרעגונג. זײַנע ברייט⸗אויפגעריסענע אויגנ האָבנ געשײַנט מיט פרייד און באַגײַסטערונג. אינ זײַנ נעשאָמע האָט איצט געהערשט נאָר איינ פארלאנג: צוגיינ נענטער צומ פּרינצ און גוט אָנקוקנ זיכ אַפּ אימ. איידער ער האָט נאָכ בארעכנט וואָס ער טוט, איז ער שוינ געשטאַנענ מיטנ פּאָנעמ צוגעפּרעסט צו די צוימ⸗שטאַנגענ. אָבער דאָ האָט אימ איינער פונ די זעלנער א כאַפּ געטאָנ באמ קאָלנער און דערלאַנגט א שלײַדער צו דער כעוורע דאָרפישע און שטאָטישע ליידיקגייערס, זאָגנדיק דערבײַ:

— פארגעס ניט ווי צו באַנעמענ זיכ, דו, יונגער בעטלער!

דער אוילעמ האָט הילכיק א הירזשע געטאָנ און גענומענ שיטנ מיט ווערטלעכ אַפּ דעמ אָרעמענ יונגל, אָבער אינ דער זעלביקער מינוט איז דער יונגער פּרינצ מיט א פארפלאַמט פּאָנעמ און מיט אויגנ, וואָס האָבנ געשאָטנ פונקענ, צוגעשפּרונגענ צומ טויער און אויפגעבראַכט אויסגעשריענ:

— ווי וואַגסטו אַזוי צו באַגיינ זיכ מיט אנ אָרעמ יונגל?! ווי האָט דײַנ האַנט געוואַגט אויפהייבנ זיכ אפילע אַפּ דעמ קלענסטנ פונ מײַנ פּאָטער, דעמ קיניגס, אונטערטאַנער?! עפנ די טויערנ און לאָז אימ ארײַנ!

איר האָט געדאַרפט זענ, ווי דער זעלביקער האַמוינ, וואָס האָט נאָר וואָס כויזעק געמאַכט פונ אָרעמענ טאָמ, האָט א ריס געטאָנ די היטלענ פונ די קעפּ! איר האָט געדאַרפט זענ, ווי זיי האָבנ דאָס א ביסל געריסנ די העלדזער, שרײַענדיק: לאַנג לעבנ זאָל דער פּרינצ פונ אועלס!..[4]

די וואַכ⸗לײַט האָבנ סאַליוטירט מיט זייערע האַלעבאַרדנ און געעפנט דעמ טויער. דער פּרינצ פונ דאַלעס און נויט אינ זײַנע פלאַטערנדיקע שמאַטעס איז ארײַנ אינ הויפ און באַגריסט זיכ פארנ האַנט מיטנ

— לאָז אים ארײַן!

פרינצ פונ פראכט אונ מאכט. די זעלנער האָבנ ווידעראמאָל אָפּגעגעבנ א סאליוט.

אונ עדוארד טיודאָר האָט אזוי געזאָגט:

— דו זעסט אויס מיד אונ הונגעריק; מע האָט דיכ שלעכט באהאנדלט. קומ מיט מיר!

א האלבע טוצ הויפ=לײַט האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ פאָרויס, געוואָלט זיכ ארײַנמישנ, אפּאָנעמ, אָבער דער פרינצ האָט אפּ אנ עכט קיניגלעכנ שטייגער א מאכ געטאָנ מיט דער האנט, אונ יעדער פונ זיי איז פארגליווערט געוואָרנ אפּ זײַנ אָרט, ווי א סטאטוע.

עדוארד האָט ארײַנגעפירט טאָמענ אינ א רײַכ=פארפּוצטנ זאל, וועלכנ ער האָט אָנגערופנ זײַנ קאבינעט. אפּ דעמ פרינצס באפעל האָט מענ טאָמענ ארײַנגעבראכט א מאָלצײַט, אזא, וואָס ער האָט קיינמאָל אפילע די נעמענ פונ די שפּײַזנ ניט געהערט, סײַדנ עפּשער באגעגנט זיי אינ ביכער. מיט אנ עכט=קיניגלעכער איידלקײַט אונ דערצויגנקײַט האָט דער פרינצ ארויסגעשיקט די דינער פונ צימער, קעדיי זײַנ באשיידענער גאסט זאָל זיכ ניט שעמענ צו עסנ. דאנ האָט ער זיכ אליינ געזעצט לעבנ טאָמענ אונ, אינ דער צײַט, ווענ יענער האָט געגעסנ, גענומענ פאנאנדערפרעגנ אימ:

— ווי רופט מענ דיכ, יינגעלע?

— טאָמ קענטי, אויב עס געפעלט דיר, סער.

— א מאָדנער נאָמענ. * אונ ווו וווינסטו?

— אינ שטאָט, אויב עס געפעלט דיר, סער, אינ שמוצ=הויפ, אינ פודינג=געסל.

— שמוצ=הויפ, המ... ווידער א מאָדנער נאָמענ! אונ עלטערנ האָסטו?

— עלטערנ האָב איכ, סער, אונ א באָבע אויכ, אָבער איכ האָב זי ניט ליב, שטראָפּ מיכ גאָט ניט פאר די רייד, אונ צוויי שוועסטער, א צווילינג, בעט אונ נענ, האָב איכ.

— דײַנ באָבע איז, ווי איכ פארשטיי, ניט שטענדיק פרײַנטלעכ צו דיר.

* קענטי הייסט אפּ ענגליש — א פריילעכער, א לעבעדיקער.

— זי איז צו קײנעם קײנמאָל ניט פֿרײַנטלעך, סער. איר האַרץ איז שלעכט און אירע מײַסים זײַנען שלעכט אַלע טעג פֿון איר לעבן.

— שלאָגט זי דיך?

— עס טרעפֿן צײַטן, ווען עס רוט איר האַנט. דאָס איז, ווען שלאָף אָדער באַזוּיפּטקײַט נעמט אָפּ איר די אויבערהאַנט, אָבער ווען איר זין איז קלאָר, באַצאָלט זי מיר דאָפּלט.

די אויגן פֿון דעם קלײנינקן פּרינץ האָבן אַ בליץ געטאָן מיט פֿײַער.

— וואָס! זי שלאָגט דיך?

— יאָ, יאָ, סער.

— שלאָגן דיך, אַזאַ קלײנינקן און שוואַכינקן! הער זשע צו מײַנע רײד: אײדער די נאַכט וועט אָנקומען, וועט זי געפֿינען איר אָרט אין טאָוער. מײַן פֿאָטער דער קיניג...

— דו האָסט געווים פֿאַרגעסן, סער, אַז זי איז פֿון נידעריקן שטאַם, און דער טאָוער איז נאָר פֿאַר די אַדל־לײַט.

— עמעס, דו ביסט גערעכט, איך האָב גאָר פֿאַרגעסן וועגן דעם, אָבער איך וועל שוין אויסטראַכטן אַ שטראָף פֿאַר איר. איז דײַן פֿאָטער גוט צו דיר?

— ניט בעסער פֿון דער באָבען, סער.

— אַפֿאָנעם, אַז אַלע טאַטעס זײַנען גלײַך. מײַן פֿאָטער איז אויך ניט ווייכהאַרציק: זײַן האַנט איז שווער, אָבער מיך שוינט ער. ער קאַרגט אָבער ניט פֿאַר מיר קײן שטראָף־רײד. און ווי באַגײט זיך מיט דיר דײַן מוטער?

— זי איז גוטהאַרציק, סער, און פֿאַרשאַפֿט מיר ניט קײן לײד און קײן פּײַן. דאָסגלײַכן מײַנע שוועסטער בעט און נען זײַנען אײנגאַנצן געראָטן אין איר.

— ווי אַלט זײַנען דײַנע שוועסטער?

— פֿופֿצן יאָר, סער.

— לײדי עליזאַבעט, מײַן שוועסטער, איז פֿערצן יאָר אַלט און לײדי דזשײן גרײ, מײַן קוזינע, איז אין מײַנע יאָרן. זײ זײַנען ליבנסווירדיק און שײן, אָבער מײַן שוועסטער—לײדי מערי מיט איר אָנגעכמורעט פּאָנעם... זאָג נאָר: דײַנע שוועסטער פֿאַרבאָטן אויך זײערע דינסטן צו

לאבנ, קעדײ זײ זאָלנ, כאָלילע, ניט פאַרזינדיקנ דערמיט זײערע נעשאָמעס?

— מײַנע שװעסטער? מײנסטו, סער, אז זײ האָבנ דינסטנ?

דער קלײנינקער פרינצ האָט א װײַלע געקוקט אפ דעמ קלײנינקנ בעטלער אונ געזאָגט:

— װי אלט זײַנענ דײַנע שװעסטער?

— איכ בעט דיכ, פאַרװאָס ניט? װער זשע העלפט זײ אויסטאָנ זיכ פארנ שלאָפ אונ װער טוט זײ אָנ אינדערפרי?

— קײנער ניט, סער. װילסטו, זײ זאָלנ אפדערנאכט אויסטאָנ זײער קלײד אונ שלאָפנ נאקעטע, װי די כײַעס?

— זײער קלײד? האָבנ זײ דענ מער ניט װי צו אײנ קלײד?

— אָ, סער! װאָס װאָלטנ זײ דענ געטאָנ מיט צװײ קלײדער? האָבנ זײ דענ צו צװײ לײַבער?

— דאָס איז א פײַנער געדאנק אונ א גוטער אײַנפאל! זײַ מיר מויכל, איכ בינ ניט אויסנ געװענ צו מאכנ שפאס פונ דיר, אָבער דײַנ גוטע נענ אונ בעט װעלנ האָבנ אי קלײדער, אי דינערשאפט אונ טאקע אינגיכנ: מײַנ שאצהאלטער װעט שױנ דאָס באזאָרגנ. אָ, נײנ, נײנ,

דאנק מיר ניט. דאָס איז א קלייניקייט. דו רעדסט שיינ און האָסט טאַלאַנט דערצו. ביסטו געלערנט?

— איכ ווייס ניט, צי בינ איכ געלערנט, צי ניט, סער. דער גוטער גאַלעכ ענדריו איז געווענ אַזוי פריינטלעכ צו לערנענ מיכ פונ זיינע ביכער.

— פאַרשטייסט לאַטייִנ?

— זייער ווייניק, דאַכט זיכ, סער.

— לערנ לאַטייִנ, יינגעלע, לערנ. דאָס איז נאָר פונ אָנהייב שווער, גריכיש איז א סאַכ שווערער. אָבער ניט די דאָזיקע שפּראַכנ, ניט אַנדערע לעשווינעס זיינענ ניט שווער פאַר ליידי עליזאַבעט און פאַר מיינ קוזינע. דו האָסט געהאָרכט הערנ, ווי די יונגע פריילנס רייִדנ אַפ פרעמדע שפּראַכנ! אָבער דערצייל מיר בעסער פונ דיינ שמוץ־הויף. פאַרברענגסטו דאָרטנ עפּעס פריילעכ די צייט?

— דעמ עמעס געזאָגט — זייער פריילעכ, סער, ווענ איכ בינ נאָר ניט הונגעריק. מיר האָבנ דאָרטנ באַלאַגאַנעס און אַלערליי פאָרשטעלונגענ, הייגט מאַלפּעלעכ! אָ, וואָס פאַרא קאָמישע ברוימלעכ דאָס זיינענ! און ווי פיינ זיי זיינענ אָנגעטאָנ! עס זיינענ פאַראַנ פאָרשטעלונגענ, אינ וועלכע די קאָמעדיאַנטנ שרייענ און שלאָגנ זיכ ביז זיי פאַלנ אַלע טויט, און דאָס אַלץ אָנקוקנ קאָסט בלויז איינ פאַרטינג [5] — ניט מער. עמעס, ס'איז נאָר גענוג שווער צו באַקומענ דעמ פאַרטינג, סער.

— דערצייל נאָכ עפּעס.

— מיר, יינגלעכ פונ אונדזער געסל, פירנ אָפּט מילכאָמע איינע מיט די אַנדערע און שלאָגנ זיכ אַפ שטעקנס, ווי די האַנטווערקער־געזעלנ.

דעמ פרינצס אויגנ האָבנ א בליצ געטאָנ, און ער האָט געזאָגט:

— דערופ וואָלט איכ אויכ א באַלנ געווענ. דערצייל נאָכ, איכ בעט דיכ.

— מיר שפּילנ אינ פערדלעכ, צו זענ, ווער פונ אונדז לויפט געשווינדער.

— הערפונ וואָלט איכ זיכ אויכ ניט אָפּגעזאָגט. ווייטער!

— זומער־צייט באָדנ מיר זיכ און שווימענ אינ די קאַנאַלנ און אינ טייכ, מיר טוקנ אָפּ איינער דעמ אַנדערנ, באַשפּריצנ זיכ מיט וואַסער, גרונטעווענ, מאַכנ אַלערליי קונצנ אינ וואַסער און...

— מײַן פֿאָטערס גאַנצע מלוכה וואָלט איך אָוועקגעגעבן פֿאַר איין מאָל פֿאַרזוכן אַזאַ פֿאַרווײַלונג! אָבער דערצייל ווײַטער, איך בעט דיך.

— מיר זינגען און טאַנצן אַרום דעם מײַ־דראָנג[6] אין טשיפּסײַד, מיר שפּילן זיך אין זאַמד, באַדעקנדיק איינער דעם אַנדערן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס; אַמאָל מאַכן מיר קיכעלעך פֿון בלאָטע. אָ, די ליבע בלאָטע! קיין בעסערע זאַך ווי צו שפּילן זיך דערמיט איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ! מיר באָדן זיך פּאַשעט אין בלאָטע! ניט אין קעגנוואַרט פֿון אײַער גנאָד צו דערמאָנען.

— אָ, האָב ראַכמאָנעס, רייד מער ניט! — האָט דער פּרינץ אויסגעשריִען, — עס איז געטלעך! אָ, ווען איך וואָלט געקאָנט אָנטאָן צעריסענע קליידער, ווי דו, אַראָפּנעמען די שיך פֿון מײַנע פֿיס און קײַקלען זיך אין בלאָטע, כאָטש איינײנציק מאָל, און קיינער זאָל מיר דאָס ניט פֿאַרבאָטן, און קיינער זאָל מיר קיין אויסרייד ניט מאַכן. איך וואָלט, דוכט זיך, די קרוין אָוועקגעגעבן דערפֿאַר!

— און ווען איך וואָלט געקאָנט כאָטש איין מאָל אָנטאָן אַזעלכע קליידער, ווי דײַנע, זיסער האַר, — בלויז איינײנציק מאָל! — האָט טאָם אויסגערופֿן.

— אָ! דו וואָלסט עס געוואָלט! טאָ זאָל עס געשען! וואַרף אַראָפּ די שמאַטעס און טו אָן אויף זיך אָט די גאַנצע פּראַכט, יינגעלע! דײַן גליק וועט זײַן ניט דויערהאַפֿט, אָבער עס וועט צוליב דעם קלענער ניט זײַן. לאָמיר זיך בײַטן, קאָלזמאַן מיר קאָנען. מיר וועלן זיך צוריק איבערטאָן, איידער עמעצער וועט אונדז שטערן.

איניקע מינוט שפּעטער איז דער פּרינץ פֿון וועלס געווען באַהאַנגען מיט טאָמס שמאַטעס און טראַנטעס, און דער פּרינץ פֿון דאַלעס איז געשטאַנען אין די פּרעכטיקע קיניגלעכע קליידער. ביידע זײַנען צוגעגאַנגען און געשטעלט זיך זײַט בײַ זײַט אַנטקעגן גרויסן שפּיגל. און, אָ, וווּנדער! עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך גאָר קיינמאָל ניט געביטן מיט די קליידער! זיי האָבן איינער דעם אַנדערן נײַגעריק אָנגעקוקט, דערנאָך אַרײַנגעקוקט אין שפּיגל און ווידעראַמאָל אָנגעקוקט זיך. דאַן האָט דער פֿאַרוווּנדערטער פּרינץ געזאָגט:

— וואָס זאָגסטו דערצו?

— אָ, סער, צווינג מיך ניט ענטפֿערן! עס פּאַסט ניט, אַז איינער פֿון מײַן שטאַנד זאָל זיך דערוועגן אַזוינס אַרויסצוזאָגן.

— אויב אזוי, וועל איך זאָגנ. דו האָסט די זעלביקע אויגנ, די זעלביקע האָר, די זעלביקע שטים, דאָס זעלביקע באַנעמענ אונ האַלטנ זיך, דאָס זעלביקע פּאָנעם אונ געשטאַלט, וואָס איך. ווענ מיר זאָלנ ביידע אַרויסגיינ נאַקעט, וועט קיינער ניט קענענ זאָגנ, ווער פונ אונדז איז דו אונ ווער איז דער טראָנפאָלגער — דער פּרינצ פונ אוועלס. אונ איצט, ווענ איך בינ אָנגעטאָנ אינ דײַנע קליידער, קאָנ איך ערשט רעכט פילנ, וואָס דו האָסט איבערגעלעבט, ווענ דער ברוטאַלער זעלנער... זע נאָר, וואָס איז עס פאַר א צייכנ אפ דײַנ האַנט?

— יאָ, אָבער ס'איז גאָרניט. אונ אײַער גנאָד ווייסט דאָך, אז דער אָרעמער וואַך־זעלנער...

— שווײַג שטיל! דאָס איז געווענ מיִעס אונ שלעכט פונ זײַנ זײַט! — האָט דער קליינער פּרינצ א טופּע געטאָנ מיטנ פיסל. — אויב דער קיניג... ניט ריר זיך פונ אָרט, ביז איך וועל צוריקומענ. דאָס איז א באַפעל!

אינ איינ אויגנבליק האָט ער א כאַפּ געטאָנ פונ טיש אונ באַהאַלטנ עפּעס א זאַך פונ גרויסער מעלוכע־וויכטיקײַט, איז פײַל פונ בויגנ אַרויסגעלאָפנ אינ זײַנע שמאַטעס אונ האָט זיך געלאָזנ איבערנ פּאַלאַצ־גאָרטנ גלײַך צום טויער, מיט א פאַרפלאַמט פּאָנעם אונ ברענענדיקע אויגנ. צוגעלאָפנ צום טויער, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָנ די ריגלענ אונ, טרייסלענדיק זיי, געשריִענ:

— עפנ אופ די טויערנ, ריגל אָפּ די ריגלענ!

דער זעלנער, וואָס האָט פריִער א שלײַדער געטאָנ טאָמענ, האָט גלײַך געפאָלגט דעם באַפעל, אונ ווענ דער פּרינצ איז אינ זײַנ קיניגלעכנ צאָרנ דורכגעלאָפנ פאַרבײַ אים, האָט ער אים דערלאַנגט אזא זעצ אינ אויער, אז ער איז אַרויסגעפלויגנ ווי אַנ אונטערגעשאָסענער אזש ביז צום מיטנ גאַס.

— דאָס האָסטו פונ מיר, דו שלעפּערשע קישקע, פאַר דעם אויסרייד, וואָס איך האָב צוליב דיר געכאַפּט פונ זײַנ הויכקײַט, דעם פּרינצ! — האָט אים דער זעלנער נאָכגעשריִענ.

דער אוילעם האָט געלאַכט. דער פּרינצ האָט זיך אופגעהויבנ פונ בלאָטע אונ מיט קאַס א געשריי געטאָנ אפ דעם זעלנער:

— איך בינ דער פּרינצ פונ אוועלס, דער ענגלישער טראָנפאָלגער. מײַנ פּערזאָנ איז הייליק, אונ דיך וועט מענ הענגענ פאַר אַרופלייגנ דײַנ האַנט אפ מיר!

... איך גריס אייער גנעדיקע הויכקייט.

דער זעלנער האָט גענומענ די ביקס, ווי מע נעמט בא אָפּגעבנ סאליוט, אונ האָט מיט שפּאָט געזאָגט:

— איכ גרים אײַער גנעדיקע הויכקײַט!

אונ באלד מיט קאס אונ שוינ ערנסט אויסגעשריענ:

— טראָג אָפּ דײַנע ביינער, דו מעשוגענער שלעפּער!

דאָ האָבנ די כעוורע לײדיקגייער, וואָס האָבנ זיכ שטענדיק געדרייט ארום פּאלאצ, ארומגערינגלט דעמ קלייגעמ אָרעמענ פּרינצ אונ באגלייט אימ אראָפּ-וועג מיט קוילעס אונ געלעכטער:

— מאכט א וועג פאר זײַנ קיניגלעכער הויכקײַט, א וועג פאר דעמ פּרינצ פונ אועלס! הורא-א!!..

פערטער קאפּיטל

דעמ פּרינצס צאָרעס הייבנ זיכ אָנ

עטלעכע שאָ נאָכאנאנד האָט דער ווילדער האמוינ נאָכגעיאָגט דעמ פּרינצ אונ כויזעק געמאכט פונ אימ. אזוי לאנג ווי ער האָט זיכ געקאסט אונ געסטראשעט דעמ האמוינ מיט זײַנ קיניגלעכער שטראָפ, — האָט ער געגעבנ אלצ פרישנ שטאָפ צו רייצנ אימ. אָבער ווי נאָר ער האָט שוינ מער קיינ קויעכ ניט געהאט צו ענטפערנ אפּ דעמ שפּאָט, איז ער פאר זיי מער ניט געווענ אינטערעסאנט, אונ זיי האָבנ זיכ געזוכט אנדערע פארווײַלונגענ. ער האָט זיכ ארומגעקוקט ארומ זיכ אונ דערזענ, אז ער געפינט זיכ אינ אנ אומבאקאנטער געגנט. דאָס אייגציקע, וואָס עס איז פאר אימ קלאָר געווענ, איז, אז ער איז אינ לאָנדאָנ גופע. ער האָט ווײַטער געוואנדערט צוועקלאָז, ביז ער איז געקומענ צו א פאָרשטאָט. די הײַזער זײַנענ געוואָרנ שיטערער אונ דורכגייער—זעלטענער. ער האָט אויסגעוואשנ זײַנע צעבלוטיקטע פיס אינ א טײַכל, וואָס האָט געפלאָסנ אפּ דעמ אָרט, וו׳ עס געפינט זיכ איצט פערינגדאָנ-גאס, זיכ אָפּגערוט א ווײַלע אונ איז אוועק ווײַטער. אינגיכנ האָט ער דערגרייכט א גרויסנ פּלאצ, וו׳ עס זײַנענ געשטאנענ צעוואָרפנ עטלעכע הײַזער, איבער וועלכע עס האָט זיכ געהויבנ א גרויסע קירכ. ער האָט דערקענט די דאָזיקע קירכ. מע האָט זי געהאלטנ אינ איבערבויענ, אונ זי

איז אינגאנצנ געווענ ארומגערינגלט מיט רישטעוואניעס, אפ וועלכע עס האָבנ געארבעט אונ באוועגט זיכ א סאכ מויערער.

דער פרינצ האָט פרײַער אָפגעאָטעמט. איצט וועט נעמענ א סאָפ צו זײַנע מאטערנישנ: דאָס איז דאָכ די אלטע פראנציסקאנער קירכ, וואָס זײַנ פאָטער, דער קיניג, האָט אָפגענומענ בא די מאָנאכנ אונ געלאָזט איבערבויענ אפ א קינדערהיימ פאר אָרעמע, פארלאָזענע קינדער אונ א נאָמענ געגעבנ איר די „קריסטוס-היימ“. זיי, די אָרעמע, וועלנ מיט גרויס פארגעניגנ באהילפיק זײַנ דעמ זונ פונ יענעמ, וואָס איז געווענ אזוי גוט צו זיי, ביפראט ווענ ער אליינ איז איצט אזוי עלנט אונ פארוואָגלט, ווי די קינדער, וואָס געפינענ אָדער וועלנ ווענ-עס-איז געפינענ שוצ דאָ אינ דעמ הויז. אינ א מינוט ארומ איז ער שוינ געשטאַנענ צווישנ א לעבעדיקער כעוורע יינגלעכ, וואָס זײַנענ אומגעלאָפנ, געשפרונגענ, געשפילט אינ פילקעס אונ שפרינג-פראָש מיט גרויס טומל אונ געפילדער. געקליידט זײַנענ זיי געווענ אלע אפ איינ שטייגער, ווי עס פלעגנ זיכ צו יענער צײַט אָנטאָנ לערנ-יינגלעכ אונ דינערשאפט. אָנשטאָט א היטל האָט יעדערער געטראָגנ אפנ שפיץ קאָפּ א מינ פלאכע יארמלקע, די גרייס ווי א טעצל, וואָס האָט ניט באשיצט אונ ניט באצירט דעמ קאָפּ; פונ אונטער דעמ היטל איז געפאלנ אפנ שטערנ א פלאָנטער ניט פארקעמטע האָר, אונטערגעשאָרנ אינ א קרײַזל, אפנ האלדז — א האלדזבאנד, ווי עס טראָגנ די גײַסטלעכע, א לאנגנ, שמאָלנ, בלאָענ מאלבוש מיט ברייטע ארבל, א ברייטנ, רויטנ גארטל, העל-געלע זאָקנ מיט זאָקנבענדלעכ איבער די קני, אונ שיכ מיט גרויסע מעטאלענע ספראָנטשקעס. ביכלאל, איז עס געווענ א גענוג מיעסע קליידונג.

די יינגלעכ האָבנ איבערגעשלאָגנ די שפיל אונ ארומגערינגלט דעמ פרינצ, וואָס האָט מיט אײַנגעבוירענער זעלבסטווירדע געזאָגט:

— גוטע קינדער, לאָזט זאָגנ אײַער עלטסטנ, אז עדוארד, דער פרינצ פונ וועלס, וויל ריידנ מיט אימ.

א הילכיקער געלעכטער איז געווענ דער ענטפער אפ דעמ פרינצס מעלדונג אונ איינ ניט העפלעכער כעוורעמאנ האָט געזאָגט:

— זאָג נאָר, שלעפער דו איינער, ביסטו עס דעמ פרינצס שאָליעכ?

דעמ פרינצס פאָנעמ האָט זיכ אָנגעצונדנ מיט קאס אונ זײַנ האנט

האָט פונ זיכ אַליינ א וואָרפ געטאָנ זיכ צו דער זײַט, אָבער דאָרטנ איז קיינ געווער ניט געהאנגענ.

דאָס האָט ארויסגערופנ א פרישנ שטורעמ פונ געלעכטער.

— האָט איר געזענ? — האָט איינ יונגל קלוימערשט ערנסט געזאָגט, — ער האָט זיכ געכאפּט פארנ שווערד. אפּאָנעמ, אז דאָס איז טאקע דער פרינצ גופע.

כעוורע האָבנ פּאָשעט געקײַכט פונ געלעכטער.

דער פרינצ האָט זיכ שטאָלצ אויסגעגלײַכט אונ געזאָגט:

— איכ בינ ווירקלעכ דער פרינצ, אונ עס איז זייער ניט שיינ, אז איר, וואָס עסט מײַנ פאָטערס, דעמ קיניגס, ברויט, זאָלט מיכ אזוי באהאנדלענ.

דאָס האָט ערשט רעכט געווײַלט די יונגלעכ, אונ דער כעוורעמאנ, וואָס האָט דער ערשטער גערעדט, האָט אויסגעשריענ צו זײַנע כאווײרימ:

— איי, איר, כאזײרימ, קנעכט, ברויט־פרעסער פונ זײַנ הויכקײַטס פאָטער, דעמ קיניג! פאלט אפ די קני אונ קוקט זיכ צו צו זײַנ פרינצלעכער גרויסקײַט אונ זײַנע קיניגלעכע טראגטעס! אלע ביז איינעמ אפ די קני!..

מיט גרויס טומל אונ געלעכטער האָבנ זיי אלע ווי איינער א פאל געטאָנ אפ די קני, קלוימערשט, אויסדריקנדיק אונטערטעניקײַט אונ קאָוועד צו זייער קאָרבנ.

דער פרינצ האָט א שטויס געטאָנ איינעמ פונ די יונגלעכ מיטנ פוס אונ אינ גרויס קאַס אויסגעשריענ:

— דערווײַל נעמ דאָס, מאָרגנ וועל איכ באפעלנ אויסצובויענ פאר דיר א טליע!

אָ, דאָס איז שוינ גאָר קיינ געלעכטער ניט. דאָס גייט שוינ צו ווייט. דאָס געלעכטער האָט זיכ גלײַכ אָפּגעהאקט, אונ זײַנ אָרט האָט פארנומענ א ווילדער קאס. א גאנצע טוצ שטימענ האָבנ מיט איינ מאָל אויסגעשריענ:

— האלט אימ! נעמט אימ! אינ טײַכ ארײַנ! וואַרפט אימ אינ טײַכ! ע, ווו זײַנענ די הינט? ע, לײַאָנ! פענגס, אהער!

דערנאָכ איז פאָרגעקומענ עפּעס אזוינס, וואָס ענגלאנד האָט נאָכ קיינמאָל ניט געזענ: די הייליקע פערזאָנ פונ דעמ ענגלישנ טראָנפאָל־

גער איז גראָב אָנגעגריַפט געוואָרנ פונ פּלעבייִשע הענט, מע האָט אימ געשלאָגנ אונ געריִיצט אפ אימ הינט.

ווענ ס'איז צוגעפאלנ די נאכט, האָט זיכ דער פּרינצ געפונענ אינ דעמ סאַמע געדיכט באַפעלקערטנ טייל לאָנדאָנ. זײַנ גאַנצער גופ איז געווענ צעבײַלט, די הענט האָבנ געבלוטיקט אונ זײַנע שמאטעס זײַנענ געווענ אײַנגאַנצנ פארשמירט אינ בלאָטע אונ שמוצ. ער האָט געוואַנדערט אלצ ווײַטער אונ ווײַטער, פארפּלאָנטערנדיק זיכ אלצ מער אונ מער אונ קוימ שלעפּנדיק די פיס פונ הונגער אונ מידקײַט. ער האָט אופגעהערט פאַנאַנדערצופרעגנ פארבײַגייער דעמ וועג, ווײַל כוצ זידלערײַ אונ שפּאָט, האָט עס אימ קיינ זאכ ניט געבראַכט. ער האָט נאָר געמורמלט צו זיכ אליינ: „שמוצ-הויפ — אזוי הייסט עס. ווענ איכ זאָל נאָר אויסגעפינענ, ווו דאָס איז, איידער די קויכעס גייענ מיר אויס, — דאנ בינ איכ געראַטעוועט: זײַנע עלטערנ וועלנ מיכ געוויס גלײַכ אָפּפירנ אינ פּאַלאַצ אונ באַווײַזנ, אז איכ בינ ניט איינער פונ זייער מישפּאָכע, אונ איכ וועל צוריק קומענ אפ מײַנ ריכטיק אָרט“.

פונ צײַט צו צײַט פלעגט ער זיכ דערמאָנענ אָנ דעמ צופאל לעבנ קריסטוס-היימ אונ טראַכטנ: „ווענ איכ וועל זײַנ קיניג, וועלנ די יִנגלעכ האָבנ ניט נאָר ברויט פאר זייערע מײַלער אונ א דאכ איבער זייערע קעפּ, נאָר אויכ שפּײַז פאר זייערע נעשאָמעס. איכ וועל זיי לאָזנ לערנענ פונ די ביכער, וואָרעמ א זאטער מאָגנ איז א סאכ ניט ווערט, ווענ דאָס הארצ איז הונגעריק אונ דער קאָפּ איז פּוסט. איכ וועל זענ, אז דער הײַנטיקער טאָג זאָל אפ שטענדיק בלײַבנ אינ מײַנ זיקאָרנ, אונ מײַנ פאָלק זאָל עפּעס דערפונ געניסנ, וואָרעמ וויסנ מאַכט ווייכ דאָס הארצ אונ איידל די זיטנ“.

די פײַערלעכ אפ די גאסנ האָבנ אָנגעהויבנ צו פינקלענ. עס האָט געגומענ רעגענענ אונ עס איז צוגעפאלנ א קאלטע אונ נאסע נאכט. דער היימלאָזער פּרינצ, דער היימלאָזער יורעש פונעמ ענגלישנ טראָנ האָט אלצ טיפער אונ טיפער ארײַנגעדרונגענ אינ דעמ פּלאָנטער פונ שמאָלע אונ צעדרייטע געסלעכ, ווו געסטנ פונ דאלעס אונ עלנט זײַנענ געווענ אָנגעזעצט איינע אפ דער אנדערער, ווי בינשטאָקנ.

מיטאמאָל האָט אימ א גרויסער, אומגעלומפּערטער שיקערער פארשוינ א כאַפּ געטאָנ פארנ קאָלנער אונ מיט א הייזעריסער שטימ אויסגעשריִענ:

— ווידער ארומגעשלעפּט זיך ביז האלבער נאכט און אוואדע א פּארטינג ניט געבראכט אהיים! זאָג איך דיר, אויב איך האָב געטראָפן, איז מײַן נאָמען ניט הזשאָג קענטי, אויב איך וועל ניט צעברעכן אלע ביינער אין דײַן דאר גופל!

דער פּרינץ האָט זיך א ריס געגעבן פון דעם שיקערס האנט און אויסגערופן:

— אָ, ביסטו עס זײַן פּאָטער?! גאָט זאָל געבן, איך זאָל קיין מאָל ניט האָבן. אויב אזוי, וועסטו מיך אָפּפירן אין פּאלאץ און אים נעמען אהיים.

— זײַן פּאָטער? — האָט דער שיקער געשטאמלט, — איך ווייס ניט, וואָס מיינסטו דערמיט. איך ווייס נאָר, אז איך בין דײַן פּאָטער, ווי דו וועסט זיך באלד איבער...

— אָ, שפּאס ניט, מאך ניט קיין אָנשטעלן, לייג ניט אָפּ! — האָט דער פּרינץ מיט געבעט אויסגעשריען. — איך בין מיד, איך בין פארוווּנדעט און צעשלאָגן, איך קאָן מער ניט אויסהאלטן! פיר מיך שנעל אָפּ צום קיניג, מײַן פּאָטער, און ער וועט דיך גליקלעך מאכן, מער ווי דו האָסט ווען־עס־איז געטרוימט. גלייב מיר, מענטש אייגער, אז איך טרײַב קיין שפּאס ניט, אז איך זאָג דעם ריינעם עמעס! שטרעק אויס דײַן האנט און ראטעווע מיך! איך בין ווירקלעך דער פּרינץ פון וועלס!

דער פארשווין האָט א ביסל צעטומלט באטראכט דאָס יינגל און, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט:

— ער איז דאָך מעשוגע, ווי יעדער מעשוגענער פון מעשוגאָים־הויז!

דערנאָך האָט ער אים ווידער א נעם געטאָן פארן קאָלנער און מיט זידלערײַ און ווילדן געלעכטער געזאָגט:

— מעשוגע, ניט מעשוגע, נאָר איך מיט דער באָבע קענטי וועלן באלד געפינען די ווייכע ערטער אין דײַן פוילן גוף, ווי איך בין א מענטש!

און אזוי ריידנדיק, האָט ער אוועקגעשלעפּט דעם דערשראָקענעם און צאפּלדיקן פּרינץ, באגלייט פון א טומלדיקער כאָפּטע ליידיק־גייער.

פינפטער קאפיטל

טאָמ אלס פאטריציער

איבערגעבליבנ אליינ אינ פרינצס קאבינעט, האָט טאָמ קענטי גענומענ אויסנוצנ די גוטע געלעגנהייט. ער האָט זיכ געדרייט פארנ גרויסנ שפיגל אהינ אונ אהער, אָנקוועלנדיק פונ זיינע פרינצלעכע קליידער; ער האָט, קוקנדיק אינ שפיגל, גענומענ נאָכמאכנ דעמ פרינצס שטאָלצנ גאנג אונ באנעמונג, ער האָט ארויסגענומענ די שווערד פונ שייד, פארנייגט זיכ אונ א קוש געטאָנ דאָס קלינגל, צוריקגעדריק די שווערד צומ הארצנ, ווי עס האָט מיט א פינפ-זעקס וואָכנ צוריק געטאָנ א ריטער, וואָס האָט באגריסט דעמ קאָמענדאנט פונ טאָוער, ביימ ער האָט אימ איבערגעגעבנ די געפאנגענע, די גרויסע לאָרדנ פונ נאָרפאָלק אונ סערי. טאָמ האָט זיכ געשפילט מיטנ באגילדטנ אונ באפערלטנ קינזשאל, וואָס איז געהאנגענ אפ זיינ זייט; ער האָט באטראכט די טייערע אונ זעלטענע באפוצונג פונעמ צימער; ער האָט זיכ צוגעזעצט אפ יעדנ שטול, קלערנדיק, ווי גליקלעכ ער וואָלט זיכ געפילט, ווענ שמוץ-הויפ-געסל וואָלט געקאָנט אצינד ארייננקוקנ כאָטש דורכ א שפעלטעלע אונ זענ זיינ הערלעכקייט. ער האָט געקלערט וועגנ דעמ, צי וועט מענ אימ גלייבנ, ווענ ער וועט אינ דער היימ דערציילנ די וווּנדערלעכע זאכנ, וואָס האָבנ מיט אימ פאסירט, אָדער זיי וועלנ צושאָקלענ מיט די קעפ אונ זאָגנ, אז זיינ איבערגעשטרענגטע פאנטאזיע האָט אימ, נעבעכ, געבראכט צו מעשוגאַס.

אז ס'איז אוועק א האלבע שאָ, האָט זיכ טאָמ געכאפט, אז דער פרינצ זאמט זיכ עפעס צו לאנג, אונ ער האָט זיכ גלייכ דערפילט איינזאמ. נאָכ א ווײַלע שפעטער האָט ער גענומענ צוהערנ זיכ, צי גייט ניט דער פרינצ, אונ האָט אופגעהערט צו שפילנ מיט די קאָסטבארע זאכנ ארומ אימ. ער האָט זיכ דערפילט אומבאקוועמ, דערנאָכ אומרויִק אונ צומ סאָפ דערשלאָגנ. וואָס וועט זיינ, טאָמער קומט עמעצער ארייננ אונ געפינט אימ אינ דעמ פרינצס קליידער, אונ דער פרינצ, וואָס זאָל דערקלערנ די פארוואנדלונג, איז ניטאָ דערביי! וועלנ זיי אימ ניט אופהענגענ גלייכ אפנ אָרט אונ דערנאָכ ערשט באטראכטנ דעמ איניענ? ער האָט געהערט, אז גרויסע לייט אייסעקנ זיכ ניט לאנג מיט אזעלכע קלייניקייטנ.

זײַנ שרעק איז וואָס װײַטער געוואַקסנ אַלץ מער און מער, און, ציטערנדיק ווי א בלאַט, האָט ער שטיל געעפנט די טיר אינ פאָדערצימער, באַשלאָסנ צו לויפנ אופזוכנ דעמ פרינצ און דורכ אימ געפינענ שוץ און פרײַהײַט. זעקס קאַמערהערנ און צוויי יונגע פאַזשנ פונ העכסטנ

ער האָט באַשלאָסנ צו לויפנ.

גראַד, אויסגעפוצטע ווי ליאַלקעס, זײַנעג אופגעשפּרונגענ פונ זייערע ערטער און טיפ פאַרנייגט זיכ, ווי נאָר ער האָט זיכ באַוויזנ בײַ דער טיר. ער איז שנעל אָפּגעטראָטנ אַהינטער און צוריק צוגעמאַכט די טיר.

— אָ, זיי לאַכנ פונ מיר! איצט וועלנ זיי גיינ און דערציילנ. אָ, צו וואָס בינ איכ גאָר אַהער געקומענ? צו וואָס בינ איכ אַליינ געגאַנגענ זוכנ מײַנ טויט?

ער האָט געשפרײזט אהינ און צוריק איבערנ דיל, פול מיט שווערנ פאַרגעפיל, ציטערנדיק בא יעדנ שאָרכ. באַלד האָט זיכ אַנ עפנ געטאָנ די טיר און אײנער פונ די פאַזשנ האָט געמאָלדנ:

— לײדי דזשײנ גרײ!

די טיר האָט זיכ צוגעמאַכט און א ליבנסווירדיק, רײַכ געקלײדט יונג מײדל איז צוגעלאָפנ צו טאָמענ. מיטאַמאָל אָבער האָט זי זיכ אָפּ-געשטעלט און אומרויִק געפרעגט:

— אָ, וואָס פעלט דיר, מײַנ לאָרד?

טאָמענ האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט. אָבער ער האָט זיכ אָנגענומענ מוט און אויסגעשטאַמלט:

— אָ, האָב מיטלײַד מיט מיר! איכ בינ ניט קײנ לאָרד, נאָר בלויז דער אָרעמער טאָם קענטי פונ שמוץ-הויפ, וואָס אינ שטאָט. איכ בעט דיכ, לאָז מיכ זענ דעם פרינצ, און ער וועט מיט זײַנ גנאָד צוריק אומקערנ מיכ צו מײַנע אָרעמע שמאַטעס און פרײַלאָזנ מיכ פונדאַנענ אומבאַשעדיקט. אָ, זײַ דו גוטהאַרציק און ראַטעווע מיכ!

טאָם האָט א פאַל געטאָנ אַפ די קני, בעטנדיק מיט די אויגנ און מיט די אויסגעשטרעקטע הענט אַזוי גוט ווי מיטנ צונג. דאָס יונגע מײדל איז ווי פאַרשטײנערט געוואָרנ פונ שרעק. זי האָט אויסער זיכ אויסגעשריענ:

— אָ, מײַנ לאָרד! ד ו אַפ די קני? און פאַר מ י ר!

א דערשראָקענע אַפ טויט איז זי ארויסגעלאָפנ פונ צימער, איבער-לאָזנדיק טאָמענ נאָכ מער פאַרצווײפלט ווי פריִער.

— ניטאָ קײנ הילפ, ניטאָ קײנ האָפענונג. איצט וועלנ זײ קומענ און מיכ א נעמ טאָנ, — האָט ער געמורמלט.

אינ דער צײַט, ווענ טאָם איז דאָ געלעגנ אַנ אָפּגעשטאָרבענער פונ שרעק, האָט זיכ איבערנ פאַלאַצ פאַרשפרײט די שרעקלעכע נײַס. פונ דינער צו דינער, פונ לאָרד צו הויפ-דאַמע, פונ סאַלאָנ צו סאַלאָנ, פונ שטאָק צו שטאָק איז איבער אַלע קאָרידאָרנ בעסאָד איבערגעגעבנ גע-וואָרנ: „דער פרינצ איז פונ זינענ אראָפּ, דער פרינצ איז מע-שוגע!"

באַלד זײַנענ אינ יעדנ סאַלאָנ, אינ יעדנ מאַרמאָר-זאַל געשטאַנענ גרופּעס גלענצנדע לאָרדנ, דאַמענ און ווײניקער וויכטיקע הויפ-לײַט, שעפּטשענדיק זיכ מיט טרויעריקע פּנעמער.

אינ א ווײַלע ארומ איז א הויפ=מארשאל פארבײַגעגאנגענ פארבײַ די גרופּעס מענטשנ אונ פײַערלעכ אויסגערופנ:

— אינ נאָמענ פונ קיניג!

אונטער געפאר פונ טויט=שטראָפ זאָל זיכ קײנער ניט דערוועגנ צו גלייבנ דעמ פאלשנ אונ נארישנ קלאנג, ניט ריידנ וועגנ דעמ אונ ניט פאנאנדערטראָגנ עס אויסער די ווענט פונ פאלאצ. אינ נאָמענ פונ דעמ קיניג!

די שעפּטשערײַ איז אָפּגעהאקט געוואָרנ, פונקט ווי אלע וואָלטנ מיט איינ מאָל שטומ געוואָרנ.

מיטאמאָל איז געוואָרנ א מורמלערײַ איבער אלע קאָרידאָרנ:

— דער פּרינצ! זעט, דער פּרינצ גייט!

דער אָרעמער טאָמ איז לאנגזאמ געגאנגענ פארבײַ גידעריק=פאר=נייגטע קעפּ, מאטערנדיק זיכ צו ענטפערנ אפ די באגריסונגענ אונ האכנאָעדיק אינ איבעראשט קוקנדיק אפ די ארומיקע מיט פארווונ=דערטע אונ דערשראָקענע אויגנ. גרויסע אדל=לײַט זײַנענ געגאנגענ פונ ביידע זײַטנ, אונטערהאלטנדיק אימ אונטער די הענט. הינטנ זײַנענ נאָכגעגאנגענ עטלעכע דינער אונ הויפ=דאָקטוירימ.

מע האָט ארײַנגעפירט טאָמענ אינ איינעמ פונ די פּרעכטיקע צי=מערנ אינ פאלאצ אונ פארמאכט די טיר.

ארומ אימ איז געשטאנענ די גאנצע סוויטע אונ פונ פאָרנט האָט זיכ צו אימ אָנגעבויגנ פונ א סאָפע א ווויקסיקער, זייער דיקער מענטש, מיט א ברייט, אָנגעדראָלנ פּאָנעמ אונ שטרענגע אויסזענ. זײַנ גרויסער קאָפּ איז געווענ גרײַז=גראָ, אונ זײַנ באָרד, וואָס האָט ארומגענומענ דאָס פּאָנעמ, ווי א רעמל, איז אויכ געווענ גראָ. זײַנע קליידער זײַנענ געווענ פונ טייערנ שטאָפ, אָבער אָפּגעניצט אונ אינ איינעקע ערטער אָפּגעריבנ. איינ פוס איז בא אימ געווענ געשוואָלנ אונ איז א פארבינטעוועטעך געלעגנ אפ א קישנ. אלע ארומ זײַנענ געווענ שטיל, אונ יעדער קאָפּ, אכוצ דעמ אלטנ מאנס קאָפּ, איז געווענ נידע=ריק געבויגנ. אָט דער אינוואליד מיטנ שטרענגנ אויסזענ איז געווענ דער גרויזאמער העגרי דער אכטער, קיניג פונ ענגלאנד.

ער האָט אָנגעהויבנ צו ריידנ אונ זײַנ שטרענג פּאָנעמ איז גלײַכ צארט געוואָרנ.

— וואָס איז געשענ מיט דיר, מײַנ לאָרד עדוארד, מײַנ פּרינצ?

עס האָט זיכ דיר פארגלוסט א שפּאַס טרײַבנ מיט דײַנ גוטנ פאָטער, דעמ קיניג, וואָס ליבט דיכ אזוי און באגייט זיכ מיט דיר אזוי פרײַנטלעכ?

דער אָרעמער טאָמ האָט זיכ צוגעהערט צו דעמ אָנהייב פונ די רייד, אפ וויפל זײַנ שרעק און צעמישונג האָבנ אימ דערלויבט, אָבער ווענ זײַנע אויערנ האָבנ געכאַפּט די ווערטער: „דײַנ גוטנ פאָטער, דעמ קיניג“, איז ער בלייכ געוואָרנ ווי קרײַד, האָט א פאל געטאָנ אפ די קני, ווי פונ א קויל געטראָפנ, און, אופהייבנדיק די הענט, האָט ער מיט געבעט אויסגעשריענ:

— דו — דער קיניג! דאנ בינ איכ פארלאָרנ!

די דאָזיקע ווערטער האָבנ געטראָפנ דעמ קיניג ווי א דונער. זײַנע אויגנ האָבנ פארלאָרנ געוואנדערט פונ פּאָנעמ צו פּאָנעמ, ווי זיי וואָלטנ געזוכט הילפ, דערנאָכ האָבנ זיי זיכ דערשראָקנ אָפּגעשטעלט אפ דעמ יינגל, וואָס איז געשטאַנענ פאר אימ, און ער האָט מיט טי־פער אנטוישונג געזאָגט:

— ליידער, זײַנענ די קלאַנגענ ניט ווײַט פונ עמעס, און איכ האָב געגלייבט, אז ס'איז איבערגעטריבנ.

ער האָט טיפ אָפּגעזיפצט און צארט געזאָגט:

— דו ביסט ניט געזונט, מײַנ קינד. קומ צו מיר, דײַנ פאָטער.

א פּאָר לאָרדנ האָבנ אונטערגעכאַפּט טאָמענ אונטער די הענט און אוועקגעשטעלט אימ אפ די פיס. אונטערטעניק און ציטערנדיק האָט ער זיכ דערנעענטערט צומ הערשער פונ ענגלאנד. דער קיניג האָט ארײַנגע־נומענ טאָמס צעשראָקנ פּאָנעמ צווישנ זײַנע ווייכע הענט, האָט אימ א ווײַלע ערנסט און מיט ליבע אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט אינ אימ געזוכט א צייכנ פונ צוריקגעקערטנ פארשטאנד. דערנאָכ האָט ער צוגעדריקט דעמ יינגלס געקרײַזלטנ קאָפּ צו דער ברוסט און, צערטלעכ גלעטנדיק אימ איבערנ קעפּל, געזאָגט:

— דערקענסטו ניט דײַנ פאָטער, קינד? ברעכ ניט מײַנ אלט הארצ. זאָג, אז דו דערקענסט מיכ. דו דערקענסט מיכ, יאָ? ניט אזוי?

— יאָ, דו ביסט מײַנ גנעדיקער האר, דער קיניג, גאָט זאָל דיכ באשיצנ!

— עמעס, עמעס.. דאָס איז גוט... זײַ זשע רויק, ציטער ניט אזוי. דאָ איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל דיר שלעכטס טאָנ, דאָ איז ניטאָ קיינ איינער, וואָס זאָל דיכ ניט ליבנ, דיר איז שוינ בעסער איצט, דײַנ

שלעכטער כאָלעם איז פאַרבײַ, ניט עמעס, מײַן קינד? דו ווייסט שוין איצט, ווער דו ביסט, ניט עמעס? דו וועסט זיך שוין מער ניט אָנרופֿן מיט פרעמדע נעמען, ווי דו האָסט געטאָן א ווײַלע צוריק, יאָ, מײַן קינד?

— איך בעט, זײַ גנעדיק, גלייב מיר, מײַן מעכטיקער הערשער, איך האָב געזאָגט דעם עמעס, איך בין דער אומווירדיקסטער פון דײַנע אונטערטאַנער, — א בעטלער פון געבורטס־טאָג אָן, און נאָר אַן אומגליקלעכער צופאַל האָט מיך געבראַכט אַהער. אָבער איך האָב קיין שלעכטס ניט געטאָן. איך בין נאָך אזוי יונג צו שטאַרבן, און דו קענסט מיר שענקען דאָס לעבן מיט איין קליינעם וואָרט דײַנעם. אָ, זאָג זשע דאָס וואָרט, גרויסער האַר!

— שטאַרבן? רייד ניט אַזעלכע רייד, מײַן זיסער פּרינץ. רו און פרידן אַף דײַן אומרויִק האַרץ. דו וועסט ניט שטאַרבן!

טאָם האָט א פאַל געטאָן אַף די קני מיט א פרייד־אויסגעשריי:

— גאָט זאָל דיר באַצאָלן פאַר דײַן גוט האַרץ, אָ, מײַן קיניג, זאָל ער דיר געבן לאַנגע יאָרן צום גליק פון דײַן לאַנד.

טאָם איז צוריק אויפגעשפּרונגען און, ווענדנדיק זיך מיט א גליק־לעכן פּאָנעם צו די צוויי לאָרדן, וואָס האָבן אים באַדינט, האָט ער מיט פרייד אויסגעשריִען:

— האָט איר געהערט? איך וועל ניט שטאַרבן; דער קיניג אַליין האָט אזוי געזאָגט.

אַלע האָבן מיט גרויס דרעכערעצ אָנגעבויגן די קעפּ, אָבער קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און א וואָרט ניט געזאָגט. טאָם האָט א ווײַלע ניט געוווּסט אַליין, וואָס צו טאָן, דערנאָך האָט ער זיך אונ־טערטעניק געווענדט צום קיניג:

— קאָן איך איצט גיין?

— גיין? געוויס קאָנסטו, אויב דו ווילסט, אָבער פאַרוואָס זאָלסטו ניט פאַרווײַלן מיט אונדז נאָך א ביסל? וווּהין ווילסטו גיין?

טאָם האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און אונטערטעניק געזאָגט:

— עפּשער האָב איך א טעות געהאַט, נאָר איך האָב געמיינט, אַז איך בין פרײַ און האָב געוואָלט צוריק אומקערן זיך צו דער אָרעמער כורווע, וווּ איך בין געבאָרן און דערצויגן געוואָרן אין אָרעמקײַט. אין יענעם אָרעמען ווינקל וווינען מײַן מוטער און מײַנע שוועסטער, און

ס'איז דעריבער מײַנ הײמ. צו דער רײַכקײַט אונ דעמ לוקסוס פונ דײַנ פאלאצ בינ איכ אָבער ניט געװוינט. אָ, איכ בעט דיכ, גנעדיקער האר, לאָז מיכ גײנ אהײמ!

דער קיניג האָט זיכ פארטיפט אינ געדאנקענ אונ זײַנ פּאָנעמ האָט אויסגעדריקט טיפנ צער אונ אומרו. דערנאָכ האָט ער מיט א שװאכער האָפענונג אינ זײַנ שטימ געזאָגט:

— עפּשער איז ער נאָר געווירט אפ דעמ אײנ פּונקט אונ אינ אלעמ איבעריקנ איז ער קלאָר. זאָל גאָט געבנ, עס זאָל אזוי זײַנ. לאָמיר נאָר אויספּרווונ.

ער האָט געשטעלט טאָמענ א פראגע אינ לאטײַנ, אונ טאָמ האָט אימ ווי-עס-איז געענטפערט אינ דער זעלביקער שפּראכ.

דער קיניג איז געווענ אנציקט אונ האָט עס פאר אלעמענ ארויס-געוויזנ. די לאָרדנ אונ דאָקטוירימ האָבנ אויכ ארויסגעוויזנ זײער צו-פרידנקײַט.

דער קיניג האָט ווײַטער גערעדט:

— דער ענטפער איז אפילע ניט נאָכ זײַנע פײַיקײַטנ אונ געלערנט-קײַט, אָבער דאָס באווײַזט, אז זײַנ פארשטאנד איז נאָר צעמישט א ביסל, אָבער ניט אינגאנצנ פארלאָרנ. וואָס זאָגט איר, סער? — האָט ער זיכ געווענדט צומ הויפּט-דאָקטער.

דער דאָקטער האָט זיכ טיפ פארנײגט אונ געענטפערט:

— די מײנונג פונ אײַער קיניגלעכער מאיעסטעט שטימט מיט מײַנ אײגענער איבערצײַגונג, אײַער האשאָרע איז ריכטיק.

דער קיניג איז געווענ שטארק צופרידנ מיט דער מײנונג פונ אזא אווטאָריטעטנ מענטשנ, ווי דער הויפּט-דאָקטער איז, אונ ער האָט גוט-מוטיק געזאָגט:

— איצט זײַט אלע אופמערקזאמ. מיר וועלנ אימ ווײַטער פאר-הערנ.

ער האָט געשטעלט טאָמענ א פראגע אינ פראנצויזיש. טאָמ איז א ווײַלע געשטאנענ שטיל, פילנדיק זיכ אומבאקוועמ, וואָס אזויפיל אויגנ זײַנענ אפ אימ געווענדט. דערנאָכ האָט ער פעסט געזאָגט:

— די דאָזיקע שפּראכ איז מיר פרעמד, זאָל עס מיר אײַער מא-יעסטעט פארגעבנ.

דער קיניג האָט צוריק א פאל געטאָנ אפ דער סאָפע. די דינער

האָבן זיך א וואָרף געטאָן העלפן אים, אָבער ער האָט זיי אָפּגעשטופּט אָן א זײַט און געזאָגט:

— לאָזט מיך צו רו. ס'איז ניט מער ווי א קליינע שוואַכקײַט. הייבט מיך אונטער! אָט אזוי... קום אהער, מײַן קינד. לייג אוועק דײַן אָרעם, קראַנק קעפּל אַף דײַן פּאָטערס ברוסט און זאָל האָס דיך באַרויִקן, אָט אזוי... דו וועסט אינגיכן געזונט זײַן. ס'איז ניט מער ווי א פאַרבײַגייענדיקע צעררודערונג פון דײַן פאַנטאַזיע... האָב קיין מוירע ניט, מײַן קינד, דו וועסט זײַן געזונט...

דערנאָך האָט ער זיך א קער געטאָן צו די אָנוועזנדע און זײַן צערט־לעכקײַט איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן. זײַנע אויגן האָבן געבליצט מיט מאַכט און גרויזאַמקײַט, ווען ער האָט געזאָגט:

— הערט צו, איר אַלע! מײַן זון איז מעשוגע, אָבער דאָס איז ניט אַף שטענדיק. דאָס איז אים געקומען פון צופיל לערנען און פון צו ווייניק זײַן אַף דער פרישער לופט. אוועק מיט די ביכער און מיט די לערער! איר זאָלט עס שוין אויספּאַסן. פאַרנעמט אים מיט ספּאָרט, פאַרווײַלט אים מיט שפּילערײַען, זײַן געזונט זאָל זיך שטאַרקן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן נאָך העכער אַף זײַן געלעגער און האָט נאָך שטרענגער און ענערגישער געזאָגט:

— ער איז מעשוגע, אָבער ער איז מײַן זון און דער יוירעש פון ענגלישן טראָן! און — מעשוגע, אָדער ניט מעשוגע — הערשן וועט ער!.. און האָרכט איר אַלע ווײַטער און לאָזט עס וויסן די איבע־ריקע. ווער עס וועט לאָזן פאַלן א וואָרט וועגן זײַן קראַנקײַט — יענער טרעט ארויס קעגן דעם פרידן און אָרדענונג פון דער מעלוכע, און וועט געשיקט ווערן אַף דער טליִע!.. גיט מיר א טרונק... איך ברען!.. דער אומגליק האָט אויסגעזויגן מײַנע קרעפטן. אָט אזוי... נעמט צו דעם בעכער... האַלט מיך אונטער... אָט אזוי... איצט איז גוט... מעשוגע איז ער? ער מעג טויזנט מאָל זײַן מעשוגע, בלײַבט ער אַלץ דער פּרינץ פון וועלס, און איך, דער קיניג, וועל עס באַשטעטיקן! מאָרגנ־דיקן טאָג זאָל ער אָפיציִעל פּראָקלאַמירט ווערן אַלס טראָנפאָלגער לויט אַלע אַלטע צערעמאָניעס און מינהאָגים. גיב גלײַך אָפּ א באַפעל וועגן דעם, מײַן לאָרד הערטפאָרד!

איינער פון די לאָרדן האָט געקניט פאַר דעם קיניגס סאָפע און געזאָגט:

— אײַער מאיעסטעט דער קיניג ווייסט, אז דער גרויס-מארשאל פונ ענגלאנד זיצט אינ טאָוער אונ עס פּאסט ניט, אז אײנער, וואָס...

— שווײַג שטיל! באליידיק ניט מײַנע אויערנ מיט דעמ דאָזיקנ פאר-האסטנ נאָמענ! ניט שוינ זשע וועט דער מאנ אייביק לעבנ? קאָנ מיר עמעצער שטערנ אינ מײַנ ווילנ? אָדער וועט דער פּרינצ בלײַבנ ניט באשטעטיקט אינ זײַנע רעכט, ווײַל אינ מײַנ קיניגרײַכ פעלט א גרויס-מארשאל, וואָס זאָל אפ אימ ארופלייגנ די צייכנס פונ זײַנ ראנג? ניינ, בײַ דעמ אלמעכטיקנ גאָט! וואָרנ מײַנ פּארלאמענט, אז איידער די זונ וועט אופגיינ, זאָל ארויסגעטראָגנ ווערנ דעמ לאָרד נאָרפאָלק א טויט-אורטייל [7], אויב ניט, וועלנ זיי דערפאר טײַער באצאָלנ!

דער לאָרד האָט געזאָגט:

— דעמ קיניגס ווילנ איז א געזעצ.

אונ, אופהייבנדיק זיכ פונ די קני, האָט ער זיכ אומגעקערט צו זײַנ אָרט.

ביסלעכווײַז איז דער אויסדרוק פונ צאָרנ פארשוווּנדנ פונ קיניגס פּאָנעמ, אונ ער האָט ווייכ געזאָגט:

— טו מיכ א קוש, מײַנ פּרינצ, אָט אזוי... וואָס האָסטו מוירע? בינ איכ דענ ניט דײַנ ליבנדיקער פאָטער?

— דו ביסט גוט צו מיר, דעמ אומווירדיקנ, אָ, דו מעכטיקער אונ בארעמהארציקער הערשער, דאָס ווייס איכ, אָבער... אָבער עס טוט מיר וויי צו וויסנ, אז יענער דארפ שטארבנ אונ...

— אָ, דאָס איז ענלעכ צו דיר, דו ביסט עס. איכ דערקענ דײַנ הארצ. כאָטש דײַנ זינ איז גערירט, אָבער דײַנ הארצ איז געבליבנ דאָס זעלביקע: דו האָסט שטענדיק געהאט א גוט הארצ. אָבער דער דאָזיקער הערצאָג האָט זיכ געשטעלט דיר אינ וועג. ער האָט זיכ געשטעלט צווישנ דיר אונ דײַנע רעכט. איכ וועל געפינענ אפ זײַנ אָרט אנ אנדערנ, וואָס וועט ניט פארפלעקנ דעמ הויכנ פּאָסטנ מיט פאראט. זאָרג ניט, מײַנ פּרינצ, אונ זאָל דיכ דײַנ אָרעמער קאָפּ ניט באאומרויִקנ פונ אזעלכע זאכנ.

— אָבער דאָס דערנענטער איכ זײַנ טויט! וויפל וואָלט ער נאָכ געלעבט, ווענ ניט איכ?

— ניט קלער וועגנ אימ, מײַנ פּרינצ, ער האָט עס ניט פארדינט.

גיב מיר נאָכ א קוש און גיי צו דײַנע שפּילצײַג און פאַרווײַלונגען. וואָרעמ מײַנ קראַנקײַט האָט מיכ אויסגעפּײַניקט. איכ בינ מיד און וויל אָפּרוען. גיי מיט דײַנ פעטער דעמ לאָרד הערטפאָרד און די איבעריקע און קומ ווידער, ווענ איכ וועל אָפּרוען.

מיט א שווער הארצ האָט טאָמ פאַרלאָזנ דאָס צימער. דער באַפעל צו קומענ ווידער איז געווענ א טויט־קלאַפּ פאַר זײַנ שוואַכער האָפענונג פרײַ צו ווערנ. דורכגייענדיק די זאַלנ און קאָרידאָרנ, האָט ער ווידער געהערט א מורמלערײַ: „דער פּרינצ, דער פּרינצ גייט!“

ער איז אַלצ מער און מער געפאַלנ בײַ זיכ: איצט איז ער זיכער געווענ, אַז ער בלײַבט אויפ אייביק געפאַנגענ אינ דעמ גאָלדענעמ שטײַגל, אַ איינזאַמער און עלנטער פּרינצ. סײַדנ גאָט אַליינ וועט אויפ אימ ראַכמאָנעס האָבנ און אימ באַפרײַענ.

און וווּהינ ער האָט זיכ ניט געקערט, איז פאַר זײַנע אויגנ געשוועבט דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ און דאָס באַקאַנטע פּאָנעמ פונ דעמ גרויסנ לאָרד נאָרפאָלק מיט אויגנ פול מיט פאָרוואָרפ געווענדט צו אימ.

ווי אָנגענעמ זײַנענ געווענ זײַנע אַלטע פאַנטאַזיעס און כאַלוימעס, און ווי שרעקלעכ עס איז די ווירקלעכקײַט!

זעקסטער קאַפּיטל

מע לערנט טאָמענ שטאַט

מע האָט טאָמענ אַרײַנגעפירט אינ דעמ הויפּט־זאַל פונ א רײַ קיניגלעכ אויסמעבלירטע צימערנ און דאָרטנ האָט מענ אימ אָנגעזעצט, כאָטש אימ איז זייער ניט אָנגענעמ געווענ צו זיצנ, ווענ אַזויפיל עלטערע מענטשנ און לײַט פונ הויכנ גראַד זײַנענ געשטאַנענ אַרומ אימ. ער האָט געבעטנ זיי זאָלנ זיכ אויכ זעצנ, אָבער זיי האָבנ זיכ בלויז מיט דאַנק פאַרנייגט, געמורמלט עפּעס און ווײַטער געבליבנ שטיינ. ער האָט נאָכאַמאָל געבעטנ זיצנ, אָבער זײַנ „פעטער“ דער גראַפ הערטפאָרד האָט אימ אײַנגערוימט אינ אויער:

— איכ בעט דיכ, מײַנ הערשער, ניט צוצושטיינ צו ייִ, עס איז ניט פּאַסיק, זיי זאָלנ זיצנ אינ דײַנ קעגנוואַרט.

— דער לאָרד סענט־דזשאָן! — האָט געמאָלדן א הויף־דינער.

נאָך דעם, ווי דער לאָרד סענט־דזשאָן האָט זיך טיף פארנייגט, האָט ער געזאָגט:

— איך קום פון קיניג אין שליכעס וועגן אן איניען, וואָס דארף בלייבן בעסאָד. וועט איער קיניגלעכע הויכקייט באווייליקן צו באפעלן,



דער לאָרד סענט־דזשאָן האָט זיך טיף פארנייגט.

אז אלע, וואָס זיינען אָנוועזנד דאָ, בוץ דעם גראף הערטפאָרד, זאָלן פארלאָזן דאָס צימער?

זעענדיק, אז מען ווייסט ניט, וואָס ער זאָל דאָ טאָן, האָט דער גראף הערטפאָרד אים איינגערוימט, אז ער דארף בלויז א מאך טאָן מיטן האנט, ניט געבנדיק זיך די מי צו ריידן, אויב ער האָט דערצו קיין לוסט ניט. ווען אלע זיינען ארויס, האָט דער לאָרד סענט־דזשאָן געזאָגט:

— זיין מאיעסטעט דער קיניג האָט באפוילן, אז צוליב געהעריקע

און וויכטיקע מעלוכע=מאָטיוון זאָל דער פּרינץ אַפּ אַלע מעגלעכע אויפ=
פּאַנים באַהאַלטנ זײַנ צײַטווײַליקע שוואַכקײַט, ביז זי וועט אַריבער און
דער פּרינץ וועט געזונט ווערנ ווי פריִער. נעמלעכ, ער זאָל מער ניט
לייקענענ, אַז ער איז דער עמעסער פּרינץ און יוירעש פונ ענגלישנ
טראָנ; ער זאָל מער ניט אָפּװענדנ מיט קיינ וואָרט אָדער באַוועגונג די
צייכנס פונ ערע און אופמערקזאַמקײַט, וואָס ווערנ אימ אַרויסגעוויזנ פונ
זײַנע אונטערטאַנער און וואָס קומענ אימ לויט זײַנ ראַנג און זײַנער
פאַרהייליקט דורכ טראַדיציע; ער זאָל אופהערנ צו ריידנ וועגנ זײַנ,
קלוימערשט, נידעריקער אָפּשטאַמונג און לעבנ, וואָס זײַנ קראַנקע פאַנ=
טאַזיע שטעלט זיכ פאָר; ער זאָל זיכ מיט אַלע קרעפטנ באַמיִענ ווי=
דער אַרויסצורופנ אינ זײַנ זיקאָרנ יענע פּענעמער און געשטאַלטנ, וואָס
ער איז געוווינט צו קענענ, און ווענ דאָס וועט אימ ניט געלינגענ, זאָל
ער בעסער שווײַגנ, נאָר ניט אַרויסווײַזנ מיט קיינ וואָרט אָדער צייכנ,
אַז ער דערקענט עמעצנ ניט, אָדער, אַז ער האָט עפּעס פאַרגעסנ; באַ=
זונדערס פאָרזיכטיק זאָל ער זײַנ אינ דער עפנטלעכקײַט, אַשטייגער,
אינ דער צײַט פונ גרויסע אופנאַמענ אָדער פּאַראַדנ; יעדעס מאָל, ווענ ער
וועט זײַנ אינ ספק בענוגייע צו זײַנ האַנדלונג אָדער רייד, זאָל ער
ניט אַרויסווײַזנ קיינ שום צייכנס פונ פאַרלעגנהײַט, נאָר ער זאָל זיכ באַ=
ראַטנ מיטנ גראַפ הערטפאָרד, אָדער מיט מיר, זײַנ באַשיידענעמ דינער,
וואָס זײַנענ טאַקע דערופ צוגעשטעלט געוואָרנ צו זײַנ קיניגלעכער הויכ=
קײַט, ביז עס וועט אַריבער די גויטוועגדיקײַט אינ אונדזער דינסט. אַזוי
האָט געזאָגט זײַנ קיניגלעכע מאַיעסטעט, וואָס שיקט זײַנ קיניגלעכער
הויכקײַט זײַנ גרוס און בראָכע און וואָס טוט מיספּאַלעל זײַנ צו גאָט,
אַז ער זאָל דיר שיקנ אַ גיכע היילונג און זאָל דיכ פונ הײַנט אָנ און
אייביק באַשיצנ און באַשירעמענ.

דער לאָרד סענט=דזשאָנ האָט זיכ ווידער פאַרנייגט און איז אָפּגע=
טראָטנ אָנ אַ זײַט. דאַנ האָט טאָמ האַכנאָעדיק געזאָגט:

— דער קיניג האָט אַזוי געזאָגט. ווער זשע קאָנ גרינגשעצנ דעמ
קיניגס באַפעל אָדער אויסטײַטשנ אימ ווי אימ איז באַקוועמ, צי מיט
געשיקטקײַט אויסמײַדנ אימ? דעמ קיניגס וואָרט וועט אויסגעפילט
ווערנ!

דער לאָרד הערטפאָרד האָט געזאָגט:

— בענוגייע זײַנ מאַיעסטעט דעמ קיניגס פאַראָרדענונג וועגנ ביכער

און נאָכ אזעלכע ערנסטע זאכנ וועט עפּשער אײַער קיניגלעכע הויכקײַט באוויליקנ צו פארברענגענ די צײַט אינ לײַכטע פארווײַלונגענ, קעדיי ניט קומענ מיר אפנ באנקעט, וואָס דאָס קאָנ שאטנ אײַער געזונט?

טאָמס פּאָנעמ האָט אויסגעדריקט וווּנדער; וואָס פאר א באנקעט מיינט ער? און, באמערקנדיק דעמ לאָרד סענט-דזשאָנס בליק געווענדט אפ אימ מיט צאר, איז ער נאָכ מער צעמישט געוואָרנ און האָט זיכ פארויטלט.

דער לאָרד סענט-דזשאָנ האָט געזאָגט:

— דײַנ זיקאָרנ האָט דיכ ווײַטער פארפירט, און דו האָסט ארויסגעוויזנ איבערראשונג. אָבער האָב קיינ צאר ניט און באמי זיכ ניט צו דערמאָנענ—דאָס וועט ניט אייביק אזוי זײַנ: דאָס וועט אריבער צוזאמענ מיט דײַנ קראנקײַט. דער לאָרד הערטפאָרד רעדט פונ דעמ באנקעט, וואָס די שטאָט גיט פונ אײַער הויכקײַטס וועגנ, זײַנ מאיעסטעט דער קיניג האָט נאָכ מיט א באדאָשימ צוויי צוריק צוגעזאָגט, אז אייער קיניגלעכע הויכקײַט וועט באערנ דעמ באנקעט מיט אײַער אָנוועזנהײַט. איצט דערמאָנסטו זיכ שוינ, מײַנ פרינצ?

— עס טוט מיר לייד מודע צו זײַנ, אז איכ האָב ווירקלעכ פארגעסנ, —האָט טאָמ געזאָגט און איז ווידער רויט געוואָרנ.

אינ דעמ דאָזיקנ מאָמענט איז געמאָלדנ געוואָרנ, אז די פרינצעסנ עליזאבעט און די ליידי דזשיינ גריי זײַנענ געקומענ.

די צוויי לאָרדנ האָבנ זיכ אָנגעקוקט איינער דעמ צווייטנ מיט א פילבאדײַטנדיקנ בליק, און דער לאָרד הערטפאָרד איז שנעל אָפּגעטראָטנ צו דער טיר.

ווענ די צוויי פרײַלנס זײַנענ פארבײַגעגאנגענ, האָט ער שטיל געזאָגט:

— איכ בעט אײַכ, מײַנע ליידיס, האלט זיכ אזוי, ווי איר וואָלט קיינ זאכ ניט באמערקט און ניט ארויסווײַזנ קיינ שום איבערראשונג, ווענ זײַנ זיקאָרנ וועט אימ פעלשנ, עס וועט אײַכ לייד טאָנ צו באמערקנ, ווי ער פארגעסט יעדע קלייניקײַט.

דער לאָרד סענט-דזשאָנ האָט דערווײַל גערעדט צו טאָמענ אפנ אויער:

— איכ בעט דיכ, מײַנ הערשער, גוט צו פארגעדענקענ זײַנ מאיעסטעטס קיניגס פארלאנג: געדענק אלצ, וואָס דו קאָנסט נאָר געדענ-

קענ, אונ דאָס, וואָס דו געדענקסט ניט, — מאכ זיך, אז דו געדענקסט. לאָז זיי ניט באמערקנ, אז דו האָסט זיך א סאכ געענדערט אינ דײַנע געוווינהײַטנ, וואָרעמ דו ווייסט דאָך, ווי דו ביסט טײַער דײַנ שוועסטער אונ שפּיל־כאווערטע ליידי דזשיינ אונ וויפל צאר דײַנ שוואכקײַט וואָלט זיי פארשאפנ. באוויליקסטו, מײַנ הערשער, איך אונ דײַנ פעטער זאָלנ לעבנ דיר פארבלײַבנ?

מיט א באוועגונג אונ א שטיל ארויסגעמורמלט וואָרט האָט טאָמ אויסגעדריקט זײַנ האסקאָמע. ער האָט שוינ פארשטאנענ, וואָס מע פארלאנגט פונ אימ, אונ אינ זײַנ ערלעכ הארצ איז שוינ פעסט געווענ דער באשלוס, צוצופאסנ זיך אונ, ווי ווײַט ער וועט נאָר קענענ, אויספילנ דעמ קיניגס באפעל. ניט קוקנדיק אפ דער וואָרענונג אונ אפ טאָמס פאָרזיכטיקײַט, פלעגט דער שמועס צווישנ אימ אונ די יונגע ליידיס פונ צײַט צו צײַט אָפּגעהאקט ווערנ.

ניט אײנ מאָל האָט טאָמ געהאלטנ בא אונטערגעבנ זיך אונ דערקלערנ זיך פאר אומפייִק צו שפּילנ אזא שווערע ראָל. אָבער דער פרינצעסנ עליזאבעטס טאקטישע באנעמונג אָדער א וואָרט פונ אײנעמ אָדער דעמ אנדערנ לאָרד, ארײַנגעוואָרפנ אינ דער ריכטיקער צײַט, האָט אימ יעדעס מאָל פארהיט דערפונ.

אײנמאָל האָט זיך די ליידי דזשיינ געווענדט צו אימ מיט א פראגע, וואָס האָט אימ אינגאנצנ צעטומלט:

— האָסטו שוינ הײַנט אויסגעפילט דײַנ פליכט צו איר מאיעסטעט דער קיניגנ, מײַנ לאָרד?

טאָמ האָט א ווײַלע ניט געוווסט, וואָס צו טאָנ, איז צעמישט געוואָרנ אונ איז שוינ גרייט געווענ א זאָג צו טאָנ, וואָס עס וועט אימ קומענ אפנ זינענ, ווענ דער לאָרד סענט־דזשאָנ האָט זיך ארײַנגעמישט אונ מיט דער לײַכטקײַט אונ טאקט פונ א הויפ־פּאָליטיקער, וואָס איז געוווינט צו אלערליי אײדעלע סיטואציעס אונ צו געפינענ אנ אויסוועג פונ אלע שוועריקײַטנ, האָט ער געזאָגט:

— געוויס האָט ער זי באזוכט, מײַנ ליידי, אונ די קיניגנ האָט אימ געמוטיקט אונ געטרייסט. ניט עמעס, אײַער הויכקײַט?

טאָמ האָט א מורמל געטאָנ עפּעס אזוינס, וואָס האָט געדארפט באטײַטנ צושטימונג, ער האָט געפילט, אז ער טרעט ארופ אפ א געפערלעכנ באָדנ.

שפעטער א ביסל איז געקומענ צו רייד, אז טאָמ דארפ איצט אופהערנ זיינע לימודים, אונ די פּרינצעסנ האָט באמערקט:

— א שאָד, זייער א שאָד! דו האָסט געמאכט אזעלכע פאָרשריטנ! אָבער האָב געדולד, עס איז ניט אפ לאנג, דו וועסט נאָכ זיינ געבענטשט מיט קענטעניש, ווי דיינ פאָטער, אונ באהערשנ אזויפיל שפראכנ, ווי ער, מיינ ליבער פּרינצ.

— מיינ פאָטער!? — האָט טאָמ, פארגעסנדיק זיכ אפ א מאָמענט, אויסגעשריענ. — איכ גלייב, אז ער קענ אפ זיינ אייגענעמ לאָשנ ניט געפונענ גוט ריידנ, אז עמעצער, אחוצ דעמ חזיר אינ זיינ חזירשטעלכל, זאָל פארשטיינ, וואָס ער מיינט; אונ וואָס איז שייעכ צו אנדערע...

ער האָט זיכ אָפגעהאקט, איז רויט געוואָרנ אונ שטיל אונ טרויעריק צוגעגעבנ:

— אכ, מיינ קראנקייט האָט מיכ ווידער אָנגעכאפּט, אונ מיינ זיקאָרנ בלאָנדזשעט אפסניי. איכ בינ ניט אויסנ געווענ צו טאָנ אומקאָוועד זיינ קיניגלעכער מאיעסטעט.

— מיר ווייסנ עס, סער, — האָט די פּרינצעסנ עליזאבעט געזאָגט, נעמענדיק אכטונגספול אונ צערטלעכ איר „ברודערס" האנט צווישנ אירע ביידע דלאָניעס. — זיי רויק. די שולד פאלט ניט אפ דיר, נאָר אפ דיינ קראנקייט.

— דו ביסט א צארטע טרייסטערנ, מיינ ליידי, — האָט טאָמ מיט דאנקבארקייט געזאָגט, — אונ דערלויב מיר צו דאנקענ דיר פאר דיינ גוטהארציקייט, אויב איכ מעג זיינ אזוי דרייסט.

איינמאָל האָט די לייכטזיניקע קליינע ליידי דזשיינ א שאָס געטאָנ אפ טאָמענ מיט אנ איינפאכער גריכישער פראזע. דער פּרינצעסנ עליזאבעטס שארפ אויג האָט גלייכ, נאָכנ אויסדרוק פונ טאָמס פּאָנעמ, באמערקט, אז די פייל איז אוועקגעפלויגנ פארביי, האָט זי טייקעפ א שאָט געטאָנ פונ טאָמס וועגנ צוריק מיט א גאנצנ זאלפ גריכיש אונ שנעל איבערגעביטנ דעמ שמועס אפ עפּעס אנדערש.

די צייט איז פארבייגעגאנגענ גאנצ אָנגענעמ אונ, אינ אלגעמיינ, געפונענ גלאט. שטרויכלונגענ אונ שטערונגענ זיינענ געוואָרנ אלצ ווייניקער, אונ טאָמ, זעענדיק, אז יעדער באמיט זיכ צו העלפנ אימ אונ ניט צו באמערקנ זיינע פעלערנ, האָט זיכ געפילט אלצ בעסער אונ בעסער.

ווענ עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז די פּרינצעסנ עליזאבעט אונ די ליידי דזשיינ וועלנ אימ באגלייטנ אפנ שטאָט-באנקעט, האָט זיכ זײַנ הארצ א הייב געטאָנ פונ פרייד. ער האָט געפילט, אז מיט זיי וועט ער ניט זײַנ עלנט אונ פארלאָרנ אינ דער גרויסער פארזאמלונג פונ פרעמדע אונ אומבאקאנטע, ביים מיט א שאָ פריער נאָכ וואָלט דער איינ געדאנק, אז זיי וועלנ מיט אימ מיטגיינ, ארופגעוואָרפנ אפ אימ א טויט-שרעק.

טאָמס גוטע מאלאָכים — די צוויי לאָרדנ — האָבנ פונ דער אונטערהאַלטונג געהאט ווייניקער פארגעניגנ. ווי די איבעריקע אינ דער קלײנער געזעלשאפט. זיי האָבנ זיכ געפילט, ווי זיי וואָלטנ געפירט א גרויסע שיפ דורכ א געפערלעכנ קאנאל; זיי זײַנענ קעסיידער געווענ אפ דער וואכ אונ האָבנ [illegible], אז זייער אופגאבע איז ניט קיינ קינדער-שפּיל. דעריבער, ווענ דער וויזיט פונ די צוויי ליידיס האָט געהאלטנ באמ ענדיקנ זיכ אונ איינער פונ די דינער האָט געמאָלדנ, אז דער לאָרד גילפאָרד דודליי בעט מע זאָל אימ אופנעמענ — האָבנ זיי ניט נאָר דערפילט, אז עס איז גענוג אפ הײַנט, נאָר אז זיי זײַנענ אויכ ניט אימשטאנד נאָכאמאָל דורכצומאכנ די גאנצע רײַזע צוריק. זיי האָבנ דעריבער מיט גרויס דערעכערעצ געראטנ טאָמענ, ער זאָל זיכ אנטשולדיקנ אונ ניט אופנעמענ דעמ לאָרד גילפאָרד, ניט קוקנדיק דערופ, וואָס דער אָפּזאָג אופצונעמענ דעמ פּרעכטיקנ יונגינקנ לאָרד האָט ארויסגערופנ אנ אויסדרוק פונ אנטוישונג אפ ליידי דזשיינס פּאָנעמ.

אלע זײַנענ מיטאמאָל שטיל געוואָרנ, ווי זיי וואָלטנ אפ עפּעס געווארט. טאָמ האָט ניט פארשטאנענ, וואָס דאָס באטײַט. ער האָט א קוק געטאָנ אפנ לאָרד הערטפאָרד, וואָס האָט אימ געגעבנ א צייכנ, אָבער ער האָט דעמ דאָזיקנ צייכנ אויכ ניט פארשטאנענ. דאנ איז די געשיקטע פּרינצעסנ עליזאבעט מיט איר געוויינלעכער גראציעזקײַט לײַכט געקומענ צו הילפ:

— האָבנ מיר די דערלויבעניש פונ דעמ פּרינצ, מײַנ ברודער, אָפּשייד צו נעמענ?

אונ טאָמ האָט געזאָגט:

— געוויס! איר קענט בא מיר בעטנ וואָס איר ווינטשט, מײַנע ליידיס, איר הארפט נאָר זאָגנ, וואָס איר ווילט, דאָכ וואָלט איכ

בעסער געגעבנ יעדער אנדער זאכ, וואָס ליגט נאָר אינ מײַנ אָרעמער קראפט, אײדער געבנ אײַכ די דערלויבעניש אוועקצונעמענ פונ מיר די ליכט אונ לײַטזעליקײַט פונ אײַער אָנוועזנהײַט. זײַט געזונט אונ גאָט זאָל זײַנ מיט אײַכ!

אונ טאָמ האָט אינערלעכ געשמייכלט, טראכטנדיק: נאָכ אלעמענ האָב איכ ניט אומזיסט געלעבט צווישנ פרינצנ אונ פרינצעסנס אינ מײַנע פאנטאזיעס אונ האָב געלערנט מײַנ צונג צו באנוצנ זייער פײַנע אונ באפוצטע שפראכ.

ווענ די צוויי הויכ-געבוירענע לײַדיס זײַנענ ארויסגעגאנגענ, האָט זיכ טאָמ מיד געווענדט צו זײַנע אופפאסער אונ געזאָגט:

— וועלנ די הויכ-געבוירענע לאָרדנ באוויליקנ צו דערלויבנ מיר גײנ ערגעץ אינ א ווינקל אונ אָפרוענ?

דער לאָרד הערטפאָרד האָט געענטפערט:

— ווי אײַער הויכקײַט ווינטשט. אײַער זאכ איז — באפעלנ, אונ אונדזערע — פאָלגנ. אז דו זאָלסט רוענ איז זייער נייטיק, ווײַל דו מוזט אינגיכנ פאָרנ אינ שטאָט אפנ באנקעט.

ער האָט א קלונג געטאָנ, אונ ס'איז ארײַנ א פאזש, וועלכנ ער האָט באפוילנ ארײַנבעטנ סער וויליאמ הערבערטנ. דער האָזיקער קאמערהער איז גלײַכ ארײַנ אונ אָפגעפירט טאָמענ אינ א פרעכטיק צימער. דאָס ערשטע, וואָס טאָמ האָט געטאָנ, איז געווענ צו כאפנ א גלאָז וואסער, אָבער א דינער, אויסגעפוצט אינ זײַד אונ סאמעט, האָט אונטערגעכאפט דעמ בעכער אונ, פאלנדיק אפ אײנ קני, דערלאנגט אימ דעמ בעכער אפ א גאָלדענער טאצ. דאנ האָט דער מידער געפאנגענער אנידערגעזעצט זיכ אונ, בעטנדיק מיט די אויגנ דערלויבעניש, גענומענ אויסטאָנ די שיכ, אָבער א צווייטער פארשוינ, אויכ אויסגעפוצט אינ זײַד אונ סאמעט, האָט א פאל געטאָנ אפ די קני אונ גענומענ די טירכע אפ זיכ. ער האָט נאָכ צוויי-דרײַ מאָל געמאכט א פרווו צו טאָנ עפעס אליינ, אָבער זעענדיק, אז יעדעס מאָל כאפנ זיי די ארבעט פונ האנט, האָט ער זיכ אונטערטעניק אונטערגעגעבנ אונ בלויז א מורמל געטאָנ:

— פארשאָלטנ זאָל איכ זײַנ, אויב איכ פארשטיי, וואָס דאָ טוט זיכ. ס'איז מיר א כידעש, וואָס זיי אָטעמענ ניט פונמײַנטוועגנ אויכ!

אויסגעטאָנ פונ זײַנע טאָג-קליידער אונ אײַנגעוויקלט אינ קאָסטבארע

נאכט־קליידער, האָט ער זיך, לעסאָפּ, געלייגט אָפּרוען, אָבער וועגן שלאָפֿן האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, ווײַל זײַן קאָפּ איז געווען צו פֿול מיט געדאַנקען און דאָס צימער — מיט מענטשן. ער האָט זיך בעשומויפֿן ניט געקאָנט באַפֿרײַען פֿון די געדאַנקען און האָט אויך ניט געוווּסט, וויאַזוי פּאָטער צו ווערן פֿון די מענטשן. זײַנען זיי פֿאַר־בליבן, — צו זײַן פֿאַרצווייפֿלונג און אויך צו זייער גרוים באַדויערן.

ווען טאָמס נאָבעלע צוויי שאָמרים זײַנען געבליבן אַליין, האָבן זיי זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, שאָקלענדיק מיט די קעפּ און שפּרײַזנדיק אַהין און צוריק. דערנאָך האָט לאָרד סענט־דזשאָן געזאָגט:

— אָפֿן גערעדט, וואָס זאָגסטו דערצו?

— אויב אָפֿן גערעדט, שטייט די זאַך אַזוי: דער קיניג האַלט באַם שטאַרבן. מײַן פּלימעניק איז מעשוגע — אַ וואַנזיניקער וועט ער באַשטײַגן דעם טראָן און אַ וואַנזיניקער וועט ער אַפּ אים פֿאַרבלײַבן. גאָט, באַשיצ ענגלאַנד, וואָרעם אין שוץ וועט עס זיך שטאַרק נייטיקן!

— ריכטיק זײַנען דײַנע רייד, אַזוי זעט עס טאַקע אויס, אָבער... דערוועקן זיך ניט בא דיר קיין ספּייקעס בענעגייע צו... צו...

ער האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט און איז דערנאָך שטיל געבליבן. ער האָט קענטיק געפֿילט, אַז ער באַרירט דאָ זייער אַן איידעלע מאַ־טעריע.

דער לאָרד הערטפֿאָרד האָט זיך אָפּגעשטעלט קעגן אים, אַ קוק געטאָן אַף אים מיט אַ קלאָרן פֿרײַען בליק און געזאָגט:

— רייד ווײַטער, דאָ איז קיינער, אַכוץ מיר, ניטאָ. ספּייקעס וועגן וואָס?

— איך וואָלט געוואָלט אויסמײַדן אויסצודריקן אין ווערטער דאָס, וואָס איך האָב אין די געדאַנקען, איבערהויפּט פֿאַר דיר, וואָס איז מיט אים פֿון איין בלוט, מײַן לאָרד. אָבער בעטנדיק מעכילע, אויב איך באַליידיק, וויל איך פֿרעגן: זעט עס ניט אויס ווונדערבאַר, אַז מעשוגאַס זאָל אַזוי ענדערן זײַן האַלטונג און מאַנירן? עמעס, זײַן האַלטונג איז נאָך איצט אויך פּרינצלעך. אָבער זי אונטערשיידט זיך אין דער אָדער יענער קלייניקײַט פֿון זײַן פֿריערדיקער האַלטונג און געוווינהײַט. זעט עס ניט אויס מאָדנע, אַז מעשוגאַס זאָל אויסמעקן פֿון זײַן זיקאָרן אַפֿילע דעם אָנבליק פֿון זײַן פֿאָטער, די זיטן און מינ־

האָגים פון די ארומיקע און איבערלאָזן אים זײַן לאַטײַן, אָפּמעקנדיק אין דער זעלביקער צײַט זײַן פראנצויזיש און גריכיש? מײַן לאָרד, זײַ ניט באליידיקט, פארגרינגער מיר מײַנע ספייקעס, בארויק מײַנע געדאנקען און נעם אָן מײַן דאנק. עס פארפאָלגט מיך זײַן באהויפּטונג, אז ער איז ניט דער פרינץ און...

— שטילער, מײַן לאָרד! גענוג! דײַן צונג רעדט פאראט! האָסטו פארגעסן דעם קיניגס באפעל? געדענק, אז איך בין א שותף צום פארברעכן, אויב איך הער בלויז דײַנע רייד.

לאָרד סענט־דזשאָן איז בלאס געוואָרן און האָט זיך געאײַלט צו פארענטפערן:

— איך בין שולדיק, איך בין מוידע, פאראט מיך ניט. טו מיט מיר דעם בעסער, און איך זאָג דיר צו קיינמאָל מער ניט צו ריידן אפילו און ניט צו דענקען וועגן דעם. באגיי זיך ניט שטרענג מיט מיר, מײַן לאָרד, ווען ניט, בין איך פארלאָרן.

— איך בין צופרידן, מײַן לאָרד, — האָט גראף הערטפאָרד געענטפערט, — אָבער געדענק, ניט צו דערמאָנען מער פון דעם דאָ, אָדער פאר אנדערע, דאן וועט עס זײַן ווי דו וואָלסט קיינמאָל דערפון ניט גערעדט. אָבער דו דארפסט ניט צווייפלען: ער איז דער זון פון מײַן שוועסטער. איז זײַן שטים, זײַן פּנים, זײַן גאנצע געשטאלט ניט נאָענט באקאנט מיר פון וויגעלע אָן? מעשוגאס קאָן מאכן די אלע ווידערשפּרעכיקע דערשײַנונגען, וואָס דו זעסט אין אים, און נאָך מער. געדענקסטו ניט, וויאזוי דער אלטער באראָן מארלײַ האָט אין מעשוגאס פארגעסן זײַן אייגן פּנים, וועלכעס ער האָט געקענט זעכציק יאָר נאָכאנאנד, און געטײַנעט, אז עס געהער צו אן אנדערן? נאָך מער, ער האָט געהאלטן, אז ער איז א זון פון מאריא מאגדאלינא און אז זײַן קאָפּ איז געמאכט פון שפּאַנישן גלאָז. און געדענקסטו, ווי ער האָט קיינעם ניט געלאָזן צורירן זיך צום קאָפּ, מורא האָבנדיק, מע זאָל אים דורך אומפאָרזיכטיקייט ניט צעברעכן? פארטרײַב דײַנע ספייקעס, מײַן גוטער לאָרד, דאָס איז דער עמעסער פרינץ — איך קען אים גוט — און ער וועט אינגיכן זײַן קיניג. עס קאָן ניט שאטן, דו זאָלסט עס גוט פארגעדענקען און קלערן וועגן דעם מער, ווי וועגן עפּעס אנדערש...

נאָך א ווײַטערדיקן שמועס, אין וועלכן דער לאָרד סענט־דזשאָן

האָט זיכ מיט אלע קויכעס געמאטערט צו פארגלעטנ זײַנ פריערדיקע אומפאָרזיכטיקײַט, איבערכאזערנדיק עטלעכע מאָל, אז ער איז פעסט איבערצײַגט אונ אז קיינ זאכ וועט אינ אימ שוינ מער קיינ שומ ספייקעס ניט ארויסרופנ, — האָט דער לאָרד הערטפאָרד אָפגעלאָזנ זיינ מיטהיטער אונ איז פארבליבנ אפ דער וואכ איינער אליינ. ער האָט זיכ באלד טיפ פארטראכט, אונ וואָס לענגער ער האָט געטראכט, אלץ אומרויִקער איז ער, קענטיק, געוואָרנ. ער האָט גענומענ שפרײַזנ איבערנ צימער אונ מורמלענ צו זיכ אליינ:

— בא! ער מוז זײַנ דער פרינצ! קאָנ ווער אינ גאנצנ לאנד באהויפטנ, אז עס קאָנענ זײַנ צוויי ניט פונ איינ בלוט אונ פלייש אונ דערבײַ אזוי וווּנדערבאר ענלעכ, פונקט ווי א צווילינג? אונ אפילע ווענ ס'וואָלט יאָ געמאָלט זײַנ, איז עס ניט נאָכ א גרעסערע רעטעניש, אז דער גורל זאָל ארײַנוואַרפנ איינעמ אפ דעמ אָרט פונ צווייטנ? ניינ, דאָס איז א נארישקײַט, א נארישקײַט אונ גאָר!

אינ א ווײַלע ארומ האָט ער ווײַטער צו זיכ גערעדט:

— ווענ ער וואָלט געווענ א שווינדלער אינ וואָלט זיכ ארויסגעגעבנ פארנ פרינצ, — וואָלט דאָס געווענ פארשטענדלעכ; דאָס וואָלט געהאט א זינ. צי האָט אָבער אמאָל געלעבט אפ דער וועלט אזא שווינדלער, א פאלשער פרינצ, וואָס ווערט פונ קיניג גערופנ פרינצ, פונ הויפ גערופנ פרינצ, פונ יעדערנ גערופנ פרינצ, אונ ער אליינ זאָל עס לייקענענ אונ שרײַענ, אז ער איז ניט קיינ פרינצ אונ פארדינט ניט די דאָזיקע ערע? ניינ! בא דער נעשאָמע פונ הייליקנ סוויטהינ, — ניינ! דאָס איז דער עמעסער פרינצ, נאָר מעשוגע!

זיבעטער קאפיטל

טאָמס ערשטער קיניגלעכער מיטיק

ארומ איינס אזייגער באטאָג האָט טאָמ געהאָרכזאמ געלאָזנ זיכ אָנטאָנ צו מיטיק. מע האָט אימ אויסגעפוצט אזוי פײַנ, ווי פריִער, אָבער יעדע זאכ, יעדע זאכ, פונ היטל ביז די זאָקנ, — איבערגעביטנ. איינגיכנ האָט מענ אימ מיט גרויס פאראד ארײַנגעפירט

אינ א גרויס און פּרעכטיק-געצירט צימער, וווּ א טיש איז שוינ געווענ
געגרייט פאַר איינ פּערזאָנ. דאָס געפּעס אינ צימער איז געווענ פונ מאַ-
סיוונ גאָלד און באַפּוצט מיט אויסקריצונגענ און צייכענונגענ פונ דעמ
באַרימטנ מײַסטער בענווענוטאָ[8], וואָס דאָס האָט צוגעגעבנ די אַלע זאַכנ
אנ אומאָפּשאַצבאַרנ ווערט. דאָס צימער איז האַלב פול געווענ מיט אנ
אַדעליקער סוויווע. א קאַפּעלאַנ[9] האָט געזאָגט די טפילע, און טאָמ, וואָס
האָט זיכ גוט אויסגעהונגערט, איז שוינ גרייט געווענ א נעמ טאָג זיכ
צו דער אַכילע, — אָבער דער לאָרד גראַפ פונ בערקלײַ האָט אימ
אָפּגעשטעלט און פאַרבונדנ א סערוועטל אַרום זײַנ האַלדז — פאַר-
בינדנ דאָס סערוועטל דעמ פּרינצ פונ ועלס איז געווענ אנ ערנ-פּרי-
ווילעגיע, וואָס איז אינ דער האָזיקער נאָבעלער מישפּאָכע איבערגעגאַנ-
גענ בעיערושע פונ דאָר צו דאָר. דער טרינק-מײַסטער איז געשטאַנענ
בא דער זײַט און האָט אונטערגעכאַפּט דעמ קאָס יעדעס מאָל, ווענ
טאָמ האָט זיכ געוואָלט אַליינ מאַטריעכ זײַנ אָנצוגיסנ וויינ; דער קי-
ניגלעכער פאַרזוכער איז אויכ געשטאַנענ בא דער זײַט, גרייט צו פאַר-
זוכנ בא דער ערשטער פאָדערונג יעדעס פאַרדעכטיקע געריכט, ריזי-
קירנדיק פאַרסאַמט צו ווערנ. דעמ עמעס געזאָגט, איז דער פאַרזוכער,
צו יענער צײַט, פאַרבליבנ ניט מער ווי צוליב אַלטער טראַדיציע-וועגנ
און איז זייער זעלטנ באַנוצט געוואָרנ צו פאַרזוכנ די עסנס. עס זײַנענ
אָבער געווענ צײַטנ, און ניט מיט א סאַכ דוירעס צוריק, ווענ די שטעלע
פונ די פאַרזוכער האָט געהאַט אירע געפערלעכע זײַטנ און איז געווענ
פונ די ערנ-פּאָסטנס, נאָכ וועלכע מע האָט זיכ ניט געיאָגט. פאַרוואָס
מע האָט פאַר דער געפערלעכער אַרבעט פונ א פאַרזוכער ניט באַ-
נוצט א הונט אָדער א פוקס, איז טאַקע א מאָדנער כידעש, אָבער
אַלע מינהאָגימ און זיטנ פונ געקרוינטע הערשער זײַנענ מאָדנע... כוץ
דעמ סערוועטל-פאַרבינדער, דעמ באָקאַל-האַלטער און פאַרזוכער איז
דאָ געווענ דער מילאָרד דאַרסי, דער ערשטער קאַמערדינער. צוליב
וואָס און וואָס האָט ער געהאַט צו טאָנ, דער גוטער יאָר ווייסט אימ.
נאָר ווי די מײַסע איז, ער איז דאָ געווענ, און גאָר! הינטערנ שטול
איז געשטאַנענ דער לאָרד הויפּט-קעלערמאַנ, וואָס האָט אונטער דער
אויפזיכט פונ דעמ לאָרד הויפּט-הויזפאַרוואַלטער און דעמ לאָרד הויפּט-
קוכער אויפגעפּאַסט דעמ טיש-צערעמאָניאַל. טאָמ האָט, אכוץ זיי, גע-
האַט נאָכ דרײַ הונדערט און פיר און אכציק דינער. אָבער זיי זײַנענ,

פארשטייט זיכ, ניט אלע געווענ דאָ אינ צימער, אפילע ניט א פערט=
כיילעק פונ זיי. ער האָט אפילע איצט נאָכ ניט געוווסט, אז זיי זײַנענ
ביכלאל פאראנ אפ דער וועלט.

טאָמ האָט גענומענ דאָס עסנ מיט די הענט.

אלע אָנוועזנדע זײַנענ גוט געוואָרנט געוואָרנ צו געדענקענ, אז דער פרינצ איז צײַטווײַליק ניט באַמ פולנ זינענ, אונ דעריבער זאָל זיכ קיינער ניט דערוועגנ ארויסצוווײַזנ סימאָנימ פונ איבערראשונג באַ זײַנע מע=שוגעדיקע גענג. די מעשוגעדיקע גענג זײַנע האָבנ זיכ גלײַכ ארויסגע=

וויזנ, אָבער דאָס האָט בא די אָנוועזנדע בלויז ארויסגערופנ מיטגעפיל אונ צאר, אָבער ניט קיינ שפּאס. אלעמענ האָט זייער באנק געטאָנ צו זענ דעמ באליבטנ פּרינצ אינ אזא טרויעריקנ צושטאנד.

דער אָרעמער טאָמ האָט מיינסטנטייל זיכ באנוצט מיט די פינגער אָנשטאָט א גאָפּל, אָבער דאָס האָט בא קיינעמ ניט ארויסגערופנ קיינ שמייכל, קיינער האָט אפילע ניט ארויסגעוויזנ, אז ער האָט עס באמערקט. ער האָט נײַגעריק אונ מיט גרויס אינטערעס באטראכט דאָס סערוועטל, וואָס איז געווענ פונ זייער פײַנעמ לײַוונט, אונ נאָכער געזאָגט:

— איכ בעט אײַכ, נעמט עס צו, אז ניט, קאָנ איכ נאָכ, אינ מײַנ צעשטרייטקײַט, דאָס שמוציק מאכנ.

דער סערוועט־מײַסטער האָט מיט גרויס רעספּעקט אונ ערפורכט צוגענומענ דאָס סערוועטל, אָנ שומ צייכנ פונ ווידערשפּרוכ.

טאָמ האָט באטראכט דעמ סאלאט אונ די ווײַסע ריבנ, אונ געפרעגט, וואָס אזוינס איז עס אונ צי קאָנ מענ עס עסנ. ער האָט קיינמאָל פריער אזעלכע לוקסוס־גרינסנ ניט געזענ, ווײַל ערשט ניט לאנג האָט מענ אזעלכע גרינסנ גענומענ ציכטנ אינ ענגלאנד, אָנשטאָט ארײַנצופירנ זיי פונ האָלאנד[10]. טאָמס פראגנ זײַנענ פארענטפערט געוואָרנ מיט ערנסטנ רעספּעקט, אָנ א שומ סימענ פונ פארוואונדערונג.

ווענ ער האָט געענדיקט עסנ, האָט ער זיכ אָנגעשאָטנ פולע קעשענעס מיט ניס, אָבער עס האָט אויסגעזענ, ווי קיינער וואָלט עס ניט באמערקט אָדער וואָלט ניט געווענ איבערראשט דערפונ. באלד האָט ער אליינ אָבער זיכ דערפילט זייער אומבאקוועמ אונ צעטראָגנ פונ דעמ, ווײַל דאָס איז געווענ די איינציקע זאכ, וואָס מע האָט אימ געלאָזנ אומגעשטערט אליינ טאָנ מיט די אייגענע הענט, אונ איצט איז ער זיכער געווענ, אז ער איז באגאנגענ א העכסט אומפּאסיקע זאכ, וואָס איז קעגנ דער ווירדע פונ א פּרינצ.

אינ דעמ זעלביקנ מאָמענט האָט בא אימ אָנגעהויבנ עפּעס צו צופּנ אונ קיצלענ די מוסקולנ פונ נאָז, אונ דער שפּיצ פונ דעמ דאָזיקנ נײַטיקנ גליד האָט זיכ אָנגעהויבנ צו קנייטשנ אונ צו הייבנ. דאָס האָט געדויערט א היפּשע ווײַלע, אונ טאָמ האָט אָנגעהויבנ ארויסצווײַזנ גרויס אומרויקײַט. ער האָט מיט אנגסט געקוקט דאָ אפ איינעמ, דאָ אפנ צווייטנ לאָרד אונ זײַנע אויגנ זײַנענ פול געוואָרנ מיט טרערנ. מיט צעשראָקענע פּנימער זײַנענ זיי צוגעשפּרונגענ צו אימ,

בעטנדיק ער זאָל זיי זאָגנ, וואָס אים פעלט. טאָמ האָט מיט עמעסנ אנגסט אינ זײַנ קאָל געזאָגט:

— איכ בעט אײַכ, פארגיט מיר, מײַנע הויכגעשעצטע לאָרדנ: עס בײַסט מיכ גוואלדיק אינ נאָז. ווי איז דאָ דער מינהעג אינ אזעלכע פאלנ? אָבער, איכ בעט אײַכ, ענטפערט גיכער, וואָרעמ איכ קאָנ זיכ קוימ אײַנהאלטנ.

קיינער האָט ניט געשמייכלט. אָבער אלע זײַנענ געווענ אינ דער גרעסטער פארלעגנהײַט אונ געבעטנ מיט די אויגנ איינער בא דעמ אנדערנ אנ אייצע, א קלייניקײַט דאָס איז! מע איז דאָכ דאָ געשטאנענ מאמעש פאר א טויטער וואנט: אינ דער גאנצער פריערדיקער ענגלישער געשיכטע איז ניט געווענ קיינ שומ אָנווײַזונג, וויאזוי צו האנדלענ אינ אזעלכע פאלנ. דער צערעמאָניע-מײַסטער איז גראָד ניט געווענ דערבײַ, עס איז אויכ ניט געווענ קיינ איינ מענטש, וואָס זאָל זיכ פילנ זיכער גענוג, אוועקצולאָזנ זיכ אפ דעמ דאָזיקנ ניט אויסגעפאָרשטנ יאמ פונ זיטנ אונ מינהאָגימ, אָדער וואָס זאָל נעמענ אפ זיכ די ריזיקע פונ לייזנ די דאָזיקע וויכטיקע פראָבלעמ. אכ, ליידער, איז אינ קיניגלעכנ הויפ ניט געווענ קיינ בעיערושעדיקער נאָז-קראצער!

די טרערנ זײַנענ דערווײַל אריבער די ברעגעס אונ האָבנ אָנגעהויבנ צו פליסנ איבער טאָמס באקנ, די קיצלדיקע נאָז האָט מער ווי פריער זיכ גענייטיקט אינ פארלײַכטערונג — אונ דאָ ווייסט קיינער ניט וואָס צו טאָנ! אָבער דאָ האָט די נאטור ענדלעכ געבראָכנ אלע צוימענ פונ עטיקעט: בעטנדיק אינ הארצנ מעכילע, טאָמער באגייט ער א זינד, — האָט טאָמ זיכ געמאכט הארצ, אופגעהויבנ די האנט אונ אליינ זיכ אָפגעווישט די נאָז.

נאָכנ עסנ האָט אימ איינער פונ די לאָרדנ אונטערגעטראָגנ א ברייטע, פלאכע, גאָלדענע וואזע מיט דופטיק רויזנ-וואסער צו שווענקענ דערמיט דאָס מויל אונ וואשנ די הענט, אונ דער לאָרד סערוועט-מײַסטער איז געשטאנענ מיט א סערוועטל, גרייט אויסצווישנ אימ די הענט. טאָמ האָט א ווײַלע, ווי צעטומלט, געקוקט אפ דער וואזע, נאָכדעמ האָט ער זי אונטערגעטראָגנ צו די ליפנ, א רעכטנ זופ געטאָנ, צוריק אָפגעגעבנ דעמ לאָרד אונ געזאָגט:

— ניינ, עס געפעלט מיר ניט, מײַנ לאָרד: שמעקנ שמעקט עס גאנצ פײַנ, אָבער ס'איז ניט גענוג שטארק.

דער דאָזיקער נײַער באַווײַז פֿון דעם פּרינצס מעשוגאַס האָט זיך מיט ווײַטעק אָפּגערופֿן בײַ יעדערן אין האַרצן, אָבער עס האָט בײַ קײ־נעם קײן געלעכטער ניט אַרויסגערופֿן.

טאָמס צווײטער טאָעס איז געווען אויפֿצוהײבן זיך פֿון טיש פּונקט

טאָם האָט אָנגעפּאַקט די פּיס־פּאַנצערס.

דעמלט, ווען דער קאַפּעלאַן האָט זיך געשטעלט הינטער זײַן שטול און מיט אויפֿגעהויבענע הענט און אויפֿגעהויבענע אויגן געקליבן זיך בענטשן. דאָך האָבן אַלע ווי ניט באַמערקט, אַז דער פּרינץ האָט געטאָן אַן אומגע־ווײנלעכע זאַך.

אױף זײַן אײגענער באַקאָשע האָט מען אונדזער קלײנעם פּרינץ אָפּגעפֿירט אין זײַן פּריוואַט־קאַבינעט און איבערגעלאָזן אײנעם אַלײן.

אינ דעמ דאָזיקנ קאבינעט איז אפ דעמבענע טאָוולען געהאנגענ א זאמלונג פונ בלישטשענדיק זעלטנ געווער אונ קריגס=אמוניציע, איינגאנצנ באפוצט מיט פרעכטיקע אינקרוסטאציעס, אויסגעפילט מיט גאָלד. די דאָזיקע געווער=זאמלונג האָט געהערט צומ עמעסנ פרינצ,—א מאטאָנע פונ דער קיניגנ. טאָמ האָט אָנגעפאסט די פיס=פאנצערס, אונ די הענט=שיצער, אונ די קאסקע מיט די גרויסע פעדערנ אונ אלע איבעריקע קלייזײַעג, וואָס ער האָט געקאָנט אָנטאָנ אפ זיכ אָנ זײַטיקער הילפ. איינ מאָמענט האָט ער שוינ געוואָלט רופנ עמעצנ, ווער סע זאָל אימ העלפנ אָנצוטאָנ זיכ אינ פולער קריגס=אוניפאָרמ, אָבער דאָ האָט ער זיכ דערמאָנט אָנ די ניס, וואָס ער האָט מיטגעבראכט, אונ האָט טייקעפ א טראכט געטאָנ, וואָס פאר א פארגעניגנ עס וועט זײַנ צו עסנ זיי אָנ טויזנטער הענט צו העלפנ אימ אונ אָנ טויזנטער אויגנ צו קוקנ אפ אימ; ער האָט שנעל אופגעהאנגענ די קלייזײַעג אפ זייערע ערטער אונ זיכ גענומענ קנאקנ ניס. ער האָט געגעסנ די ניס אונ דאָס עדשטע מאָל פאר דער גאנצער צײַט, זינט גאָט האָט אימ פאר זײַנע זינד געמאכט פאר א פרינצ, האָט ער זיכ געפילט קימאט גליקלעכ.

אָפגעפארטיקט זיכ מיט די ניס, האָט ער דערזענ אינ אנ אלמער עטלעכע שיינע ביכער, צווישנ וועלכע עס איז געווענ איינ בוכ וועגנ הויפעטיקעט פונ ענגלישנ הויפ. דאָס איז פאר אימ געווענ אנ עמעסער געפינס. ער האָט זיכ אוועקגעלייגט אפ א ברייטער קאנאפע אונ מיט גרויס פלײַס גענומענ שטודירנ דעמ בוכ.

לאָמיר זשע דערווײַל איבערלאָזנ אימ דאָרטנ אליינ.

אכטער קאפיטל

מע זוכט דעמ מעלוכע־שטעמפל

ארומ פינפ אזייגער האָט זיכ העגרי דער אכטער אופגעכאפט פונ א שווערנ דרעמל, מורמלענדיק צו זיכ אליינ:

„אומרויִקע כאלוימעס, אומרויִקע כאלוימעס!.. מײַנ סאָפ איז שוינ נאָענט... די כאלוימעס זײַנענ א וואָרענונג פאר מיר, אונ דער אָפגעשוואכטער פולס באשטעטיקט עס...“

באלד נאָכ דעמ האָט א בייז פײַערל אופגעפלאקערט אינ זײַנע אויגנ, אונ ער האָט אויסגערופנ:

— דאָכ וועל איכ נית שטארבנ, ביז ער וועט פריִער נית אוועקגיינ פונ דער וועלט.

באמערקנדיק, אז דער קיניג האָט זיכ אופגעכאפט, האָט איינער פונ זײַנע אופפאסער געמאָלדנ, אז דער לאָרד-קאנצלער וואַרט אינ פאָדער-צימער, אונ פרעגט, צי וועט דער קיניג באוויליקנ אופצונעמענ אימ.

— פיר אימ ארײַנ, פיר אימ ארײַנ! — האָט דער קיניג ענערגיש אויסגערופנ.

דער לאָרד-קאנצלער איז ארײַנ, געקניט לעבנ קיניגס קאנאפע אונ געזאָגט:

— איכ האָב פאראָרדנט, אונ לויט דעמ קיניגס באפעל האָבנ די פערנ פונ דײַנ קיניגרײַכ ארויסגעטראָגנ דעמ הערצאָג פונ נאָרפאָלק זײַנ טויט-אורטייל. איצט שטייענ זיי אלע אינ זייערע שטאטס-קליידער בא די טויערנ פונ פארלאמענט אונ ווארטנ אונטערטעניק אפ דײַנ מאיעסטעטס ווײַטערדיקנ באפעל אינ דעמ איניעג.

דעמ קיניגס פאָנעמ איז באלויכטנ געוואָרנ מיט א גרויזאמער פרייד.

אונ ער האָט אזוי געזאָגט:

— הייבט מיכ אופ! אליינ וועל איכ גיינ צו מײַנ פארלאמענט אונ מיט מײַנ אייגענער האנט וועל איכ שטעמפלענ דעמ אורטייל. וואָס באפרײַט מיכ פונ...

זײַנ שטימ האָט זיכ מיטאמאָל איבערגעריסנ. א טויט-בלאסקײַט האָט אָפגעווישט די שוואכע פארב פונ זײַנע באקנ. די דינער האָבנ אימ צוריק אוועקגעלייגט אפ די קישנס אונ גיכ אונטערגעטראָגנ אימ הייל-געטראנקענ.

דער קיניג האָט א ווײַלע אָפגערוט אונ באטריבט געזאָגט:

— אכ, ווי איכ האָב געלעכצט נאָכ דער דאָזיקער זיסער שאָ! אונ אָט, זי קומט צו שפעט, אונ איכ בינ בארויבט פונ דער אזוי לאנגגעבאגערטער פרייד... אָבער אײַלט זיכ, אײַלט זיכ, זאָלנ אנדערע טאָנ די דאָזיקע זיסע פליכט, וואָס איז מיר נית באשערט צו טאָנ. איכ גיב איבער דעמ גרויסנ מעלוכע-שטעמפל א קאָמיסיע. קלײַב דו אויס די לאָרדנ, וואָס וועלנ זיצנ אינ איר, אונ נעמט זיכ צו דער ארבעט, אײַל זיכ, מענטש דו איינער! איידער די זונ וועט אופגיינ

אונ צוריק פארגיינ, זאָלסטו מיר ברענגענ זיינ קאָפּ, איך זאָל אים קאָנען אָנקוקנ.

— ווי דער קיניג האָט באַפוילנ, אזוי וועט געשענ. וועט דער קיניג באַווילִיקנ, מע זאָל מיר איצט ארויסגעבנ דעם שטעמפּל, איך זאָל קאָנענ גלייך צוטרעטנ צו דער ארבעט?

— דער שטעמפּל? ווער היט דעם שטעמפּל, אויב ניט דו?

— איך בעט מעכילע בא אייער מאיעסטעט, אָבער איר האָט אים בא מיר מיט צוויי טעג צוריק צוגענומענ, זאָגנדיק, אז ער וועט פריער ניט געברויכט ווערנ, ביז אייער אייגענע קיניגלעכע האַנט וועט אים ניט באַנוצנ אפּ דעם הערצאָגס פונ גאָרפאָלק אורטייל.

— יאָ, אזוי האָב איך טאקע געטאָנ. אָבער ווו האָב איך אים אהינגעטאָנ?.. איך בינ זייער שוואך... מיינ זיקאָרנ פאראט מיך אזוי אָפּט די לעצטע טעג... ס'איז מערקווירדיק, מערקווירדיק.

דער קיניג האָט אָנגעהויבנ צו מורמלענ אומפארשטענדלעכע ווערטער, שאָקלענדיק פונ צייט צו צייט מיט זיינ גראָען קאָפּ אונ באמיענדיק זיך צו דערמאָנענ, וואָס האָט ער געטאָנ מיטנ שטעמפּל. צום סאָפּ האָט זיך דער לאָרד הערטפאָרד דערוועגט צו קניִענ אונ מאכנ א מעלדונג.

— מיינ הערשער, אויב איך מעג זיינ אזוי דרייסט, וואָלט איך דערמאָנענ אייער מאיעסטעט, אונ דאָ זיינענ פאראנ נאָך אייניקע, וואָס געדענקענ, אז איר האָט איבערגעגעבנ דעם גרויסנ שטעמפּל אינ די הענט פונ זיינ הויכקייט, דעם פּרינצ פונ וועלס, ער זאָל אים האלטנ אפּ דעם פאל, ווענ עס וועט קומענ דער טאָג...

— עמעס, עמעס! — האָט דער קיניג איבערגעשלאָגנ, — ברענג אים צו פירנ! גיי, די צייט לויפט!

לאָרד הערטפאָרד איז אוועקגעלאָפנ צו טאָמענ, אָבער ער האָט זיך אינגיכנ צוריק אומגעקערט מיט ליידיקע הענט אונ זייער צעטראָגנ. ער האָט אזוי געזאָגט:

— עס טוט מיר זייער באנק, מיינ הערשער אונ קיניג, צו ברענגענ דיר אזא טרויעריקע אונ שווערע בסורע. אָבער עס איז גאָטס ווילנ, אז דעם פּרינצס קראנקייט זאָל נאָך אָנהאלטנ, אונ ער קאָנ זיך ניט דערמאָנענ, ער זאָל האָבנ באקומענ דעם שטעמפּל. איך האָב זיך דעריבער געיילט צו קומענ אונ מעלדנ עס אייער קיניגלעכער מאיעס=

טעט, רעכענענדיק, אַז די צײַט איז טײַער און עס האָט קײן זין ניט צו זוכן דעם שטעמפּל אין דער לאַנגער רײ זאַלן און אַפּאַרטאַמענטן, וואָס געהערן צו זײַן קיניגלעכער הויף...

א ביטערער קרעכץ פונעם קיניג האָט איבערגעריסן דעם לאָרדס רייד. אין א ווײַלע אַרום האָט ער מיט א טיפן טרויער אין קאָל געזאָגט:

— באומרויִק אים ניט מער! מײַן אָרעם קינד! גאָטס האַנט ליגט שווער אַף אים, און מײַן האַרץ גייט מיר אויס פון ראַכמאָנעס צו אים. אָ, ווי איך באַדויער, וואָס איך קאָן ניט טראָגן זײַן שווערע לאַסט אַף מײַנע אַלטע, פון זאָרג געבויגענע פּלייצעס און דערמיט ברענגען פרידן אים!

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, האָט עפּעס געמורמלט און איז שטיל געוואָרן. אין א ווײַלע אַרום האָט ער ווידער געעפנט די אויגן, זײַן בליק האָט צוועקלאָז געוואַנדערט איבערן צימער, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דעם קניִענדיקן לאָרד-קאַנצלער. דעם קיניגס פּאָנעם האָט זיך גלײַך אָנגעצונדן מיט קאַס:

— וואָס, דו ביסט נאָך אַלץ דאָ?! און דו גייסט ניט ענדיקן די זאַך וועגן יענעם פאַרעטער? ווי מיר האָבן א גאָט, דײַן הוט וועט מאָרגן זײַן פרײַ, ווײַל זי וועט ניט האָבן קײן קאָפּ צו באַצירן!

א פאַרציטערטער, האָט דער קאַנצלער געענטפערט:

— גוטער קיניג, איך בעט ראַכמימ! איך האָב בלויז געוואַרט אַף דעם שטעמפּל.

— מענטש איינער! ביסטו פון זינען אַראָפּ? דער קליינער שטעמפּל, וועלכן איך האָב געוואָלט מיטנעמען מיט זיך אַף מײַן רײַזע קײן אויסלאַנד, ליגט אין מײַן שאַץ-קאַמער. און וויבאַלד דער גרויסער שטעמפּל איז פאַרשוווּנדן, וועט דער קליינער שטעמפּל ניט גענוגן? ביסטו בא דײַן פאַרשטאַנד? פאַרשווינד! און געדענק—קום ניט מער פאַר מײַנע אויגן, ביז דו וועסט מיר ניט ברענגען זײַן קאָפּ!

דער אָרעמער קאַנצלער האָט ניט געזאַמט און איז פאַרשוווּנדן פון דער געפערלעכער שכיינעשאַפט. די קאָמיסיע האָט אויך ניט לאַנג געטראַכט און געגעבן איר האַסקאָמע צו דעם אורטייל, וואָס דער קנעכטישער פּאַרלאַמענט האָט אַרויסגעטראָגן דעם עלטסטן ענגלישן פּער—דעם אומגליקלעכן הערצאָג פון נאָרפאָלק, באַשטימענדיק אַף מאָרגן זײַן קעפּונג.[11]

נײַנטער קאפּיטל

די פּראָצעסיע אפנ טײַכ

אזייגער נײַנ אינ אָוונט האָט דער גאנצער ברעג טײַכ אינ גאָר זײַנ לענג געפינקלט מיט פײַערנ. דער טײַכ אליינ איז, ווי ווײַט דאָס אויג האָט געקאָנט כאפּנ צו דער שטאָט=צו, געווענ געדיכט באדעקט מיט שיפּלעכ אונ לוסט=בארקעס. אָט די גאנצע פלאָטיליע, באפּוצט מיט פילפארביקע לאמטערנס, האָט זיכ לײַכט באוועגט פונ די כוואליעס, אזוי אז זי האָט אויסגעזענ ווי אנ ענדלאָזער בלומענ=גאָרטנ, באוועגט פונ א לײַכט זומער=ווינטל. די גראנדיעזע טעראסע מיט די שטיינ=טרעפּ, וואָס האָבנ געפירט פונ פּאלאצ צום וואסער אונ וואָס זײַנענ געווענ גרויס גענוג אויפצוהאלטנ א גאנצע ארמיי פונ א דײַטשיש פירשטנטום, — איז געווענ א בילד אָנצוקוקנ, מיט די רייענ קיניגלעכע אלעבארדנטרעגער אינ בלישטשענדיקע געווער, מיט דער פּרעכטיק אונ פאנטאסטיש געקליידעטער דינערשאפט, וואָס איז גאנצע מאכנעסווײַז געלאָפנ אהינ אונ צוריק, ארופ אונ אראָפּ, גרייטנדיק זיכ צום פּאראד.

מיטאמאָל איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ א באפעל, — אונ טייקעפּ איז יעדע לעבעדיקע באשעפעניש פארשוווּנדנ פונ די טרעפּ. אפילע די לופט גופע איז פול געוואָרנ מיט שפּאנונג אונ דערווארטונג. ווי ווײַט דער בליק האָט דערגרייכט, האָט מענ געקאָנט זענ טויזנטער אונ צענדליקער טויזנטער מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ אופּגעשטעלט אינ זייערע שיפלעכ אונ, באשיצנדיק מיט די הענט די אויגנ פונ די לאמטערנס אונ פאקעל=פײַערנ, געקוקט אהינ, צום פּאלאצ=צו.

א שורע פונ וואָסערע פּערציק אָדער פופציק קיניגלעכע יאכט=שיפנ האָבנ זיכ צוגעשיפט צו די מארמאָר=טרעפּ. זיי זײַנענ געווענ רײַכ באגילדט, די פאָדערטיילנ אונ רודערס באדעקט מיט קונציקע שניצערײַענ. אייניקע פונ זיי זײַנענ געווענ דעקאָרירט מיט פאָנענ אונ פארביקע בענדער; אנדערע זײַנענ געווענ באהאנגענ מיט גאָלד=געוועבטע שטאָפנ, אויסגעהעפטע מיט די הערבנ פונ פארשיידענע נאָבעלע פאמיליעס. איבער אייניקע האָבנ געפלאטערט זײַדענע פאָנענ, באהאנגענ מיט אָנ א שיר זילבער=גלעקלעכ, וואָס האָבנ פריילעכ אונ צארט געקלונגענ יעדעס מאָל, ווענ דער ווינט האָט זיי באַרירט. בא אנדערע, ווידער,

פונ נאָכ א העכערער מאדרייגע, ווײַל זיי האָבנ געהערט צו די נאָבל-לײַט, וואָס זײַנען געווענ אינ דעמ פרינצס נאָענטסטער סוויטע, — זײַנען די זײַטנ פונ די שיפלעכ געווענ באדעקט מיט פרעכטיקע פאמיליענ-הערבנ אונ מיט שילדנ, באהאנגענע מיט גלאנצנדיק געווער. יעדע יאכטע איז געשלעפט געוואָרנ פונ א באדינונגס-שיפל. כוץ די רודערער, איז אינ יעדנ באדינונגס-שיפל געזעסנ א קאָמאנדע סאָלדאטנ אינ בלישטשענדיקע קאסקעס אונ מיט ברוסט-פאנצערס אונ אנ אָרקעסטער מוזיקאנטנ.

באלד האָט זיכ אינעמ גרויסנ טויער באוויזנ דער אוואנגארד פונ דער פראָצעסיע: א מיליטער-אָפטייל פונ אלעבארדיסטנ. זיי זײַנען געווענ אָנגעטאָנ אינ שווארצ אונ טונקל-ברוינ געשטרייפטע זאָקנ אונ סאמעטענע הימלעכ, באפוצט באמ זײַט מיט זילבער-רייזנ, אינ קאמזוילנ פונ טונקל-רויטנ אונ בלויענ געוואנט. אפ די קאמזוילנ זײַנען פונ הינטנ אונ פונ פאָרנט געווענ מיט גאָלד אויסגענייט צו דרײַ פעדערנ — דעמ פרינצס הערב. די הענטלעכ פונ די אלעבארדנ זײַנען באדעקט געווענ מיט פורפור-סאמעט, פארפעסטיקט מיט גאָלד-טשוועקעס אונ באצירט מיט גאָלד-קיטאסנ. די אלעבארדיסטנ האָבנ זיכ אינ צוויי לאנגע שורעס אויסגעצויגנ לינקס אונ רעכטס פונ פאלאצ-טויער ביזנ ברעג טײַכ. דעמ פרינצס דינער אינ פורפור- אונ גאָלד-ליווריען האָבנ פאנאנדערגעוויקלט א דיקנ בונטנ טעפיכ. גלײַכ נאָכ דעמ האָט זיכ פונ פאלאצ-זײַט דערהערט א טרומייטנ-שאל, אפ וואָס די מוזיקאנטנ אפנ וואסער האָבנ געענטפערט מיט א פריילעכנ פאָרשפיל. פונ פאלאצ-טויער האָבנ זיכ די ערשטע באוויזנ צוויי הויפ-מארשאלנ, וואָס זײַנען מיט גרויס שטאט געגאנגענ פאָרויס מיט די ווײַסע קיניגלעכע בולאוועס אינ די הענט; הינטער זיי האָט א שטאָט-באאמטער געטראָגנ די שטאָט-רוט אונ א צווייטער באאמטער — די שטאָט-שווערד. נאָכ זיי זײַנען געקומענ סערזשאנטנ פונ דער שטאָט-וואכ אינ פולער פאראד-אוניפאָרמ אונ מיט בענדער אפ די ארבל.

דערנאָכ זײַנען געגאנגענ העראָלדנ פונ פארשיידענע ריטערלעכע אָרדענס אינ זייערע וואָפנ-קליידער אונ מיט שפיצנ-בענדער אפ די ארבל, באגלייט פונ זייערע וואָפנ-טרעגער; דערנאָכ זײַנען געקומענ די ריכטער אינ זייערע רויטע ריכטער-מאנטלענ אונ הימלעכ; דערנאָכ איז געגאנגענ דער ענגלישער לאָרד-קאנצלער אינ זײַנ רויטנ קאנצלער-

מאנטל, אָפנ פונ פאָרנט אונ באנייט מיט הארמלענ=פעלצ, א דעפוטאציע פונ שטאָטישע ראטמענער אינ רויטע מאנטלענ, אונ צומ סאָפ — פאָרשטייער פונ אלערליי געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אונ קאָרפּאָראציעס אינ זייערע פּאראד=קליידער. נאָכ זיי אלעמענ האָבנ זיכ אראָפּגעלאָזנ פונ די טרעפ צוועלפ פראנצויזישע אדל=לייט, אָנגעטאָנ אינ גאָלד=געשטיקטע קאמזוילנ פונ פרעכטיקנ ווייסנ דאמאסקער זייד, אינ קורצע מאנטלענ פונ פורפור=סאמעט, אונטערגעשלאָגנ מיט פיאָלעטנ זייד, אונ אינ קורצע לייב=פארביקע סאמעט=הייזלעכ. דאָס איז געווענ די סוויטע פונ דעמ פראנצויזישנ געזאנדטנ, הינטער וועלכער עס איז געגאנגענ די סוויטע פונ שפאנישנ געזאנדטנ, אָנגעטאָנ אינ שווארצע סאמעטענע קליידער אָנ שומ באצירונג. הינטער זיי זײַנענ ווידער געגאנגענ עטלעכע ענגלישע אדל=לייט מיט זייערע סוויטעס אונ וואָפנ=טרעגער.

עס האָט זיכ ווידער דערהערט א הילכיקער טרומייטנ=שאל אונ אינ טויער פונ קיניגלעכנ הויפ האָט זיכ באוויזנ דעמ פרינצס פעטער, דער צוקינפטיקער גרויס=הערצאָג פונ סאָמערסעט, אָנגעטאָנ אינ א שווארצנ מיט גאָלד=געוועבטנ קאמזויל, אינ א פורפור=מאנטל, אויסגעשטיקט מיט גאָלד=בלומענ אונ ארומגענייט מיט א זילבער=נעצ. ער האָט זיכ אויסגעקערעוועט מיטנ פאָנעמ צומ הויפ, אראָפּגענומענ דעמ פעדערהוט, טיפ פארנייגט זיכ אונ הינטערוויילעכס אראָפּגעלאָזנ זיכ פונ די טרעפ, נידעריק בוקנדיק זיכ אפ יעדנ טרעפל. א נייער שטארקער טרומייטנ=שאל אונ דערנאָכ אנ אויסרופ:

— מאכט א וועג פאר דעמ הויכ=געבאָרענעמ אונ מעכטיקנ לאָרד עדוארד, דעמ פרינצ פונ אועלס!

צו דער זעלביקער צייט האָבנ אפ די ווענט פונ פאלאצ=הויפ הויכ אויפגעפלאמט מיט א דונער=קנאל א שורע פייערנ, אונ דער טויזנט=קעפיקער פאָלקס=געזעמל אפנ טייכ האָט אויסגעבראָכנ אינ ענטוזיאסטישע באגריסונג=אויסרופנ.

אונ טאָמ קענטי, דער העלד פונ דעמ דאָזיקנ גרויסנ יאָנטעוו, האָט זיכ באוויזנ פארנ פאָלק אונ האָט לייכט פארנייגט זײַנ „קיניגלעכנ“ קאָפ...

ער איז געזעסנ געקליידט אינ א פראכטפולנ קאמזויל פונ ווייסנ אטלאס מיט א ברוסט=דעקל פונ פורפור=שטאָפ, באשאָטנ מיט בריליאנטנ

און ארומגענייט מיט הארמלענ; אפ זײַנע אקסלענ איז געווענ ארופ־
געוואָרפנ א מאנטל פונ ווײַסנ בראָקאט אפ אונטערשלאאק פונ בלויענ
אטלאס, באפוצט מיט „דרײַ פעדערנ“ — די עמבלעמע פונ פרינצ. דער

טאָמ קענטי האָט זיכ באוויזנ
אפ דער טעראסע.

מאנטל איז אינגאנצנ באשאָטנ געווענ מיט פערל אונ קאָסטבארע שטיי־
נער אונ האָט זיכ פארשפיליעט מיט א בריליאנטענעמ העקל. אפנ האלדז
האָט ער געטראָגנ דעמ צייכנ פונ „זאָקנבענדל־אָרדענ“ — אנ אָרדענ,
אינ וועלכנ עס זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ מיטגלידער פונ דער קיניג־
לעכער פאמיליע — אונ אנדערע אויסלענדישע אָרדענס, אלע באשאָטנ

מיט דימענטנ אונ בריליאַנטנ, וואָס האָבנ געפינקלט אונ געשפּילט קעגנ די שטראַלנ פונ דער זונ.

אָ, טאָמ קענטי, געבאָרנ אינ א כורווע, דערצויגנ אינ לאָנדאָנער רינשטאָקנ, גוט באַקאַנט מיט טראַנטעס, שמוץ אונ דאַלעס, — וואָס פאַר א ווונדער-בילד דו זעסט אַצינד פאַר דײַנע אויגנ!

צענטער קאַפּיטל

דער פּרינצ אינ קלעמ

מיר האָבנ איבערגעלאָזנ דזשאָנ קענטי, שלעפּנדיק דעמ עמעסנ פּרינצ אינ שמוץ-געסל, מיט א טומלדיקנ אונ לוסטיקנ האַמוינ הינטער זיכ. צווישנ דעמ גאַנצנ האַמוינ האָט זיכ געפונענ בלויז איינ מענטש, וואָס האָט ארײַנגעוואָרפנ א גוט וואָרט פאַרנ יונגל, אָבער קיינער האָט זיכ אָפּ אימ ניט אומגעקוקט. ס'איז א ספק, צי האָט מענ אימ, איבערהויפּט, געהערט — אַזוי גרויס איז געווענ דער טומל אונ די קוילעס פונ האַמוינ.

דער פּרינצ האָט ניט אויפגעהערט צו ראַנגלענ זיכ פאַר זײַנ פרײַהײט אונ פּראָטעסטירנ קעגנ דער אַכזאָריעסדיקער באַהאַנדלונג, ביז דזשאָנ קענטי האָט פאַרלאָרנ דאָס לעצטע ביסל געדולד, וואָס ער האָט נאָכ פאַרמאָגט, אונ האָט אויפגעהויבנ זײַנ דעמבענעמ שטעקנ איבער דעמ פּרינצס קאָפּ. דאָ איז דעמ פּרינצס איינציקער באַשיצער אונטערגעשפּרונגענ אונ געפּרוווט אָפּווענדנ קענטיס האַנט.

— דו וועסט זיכ מיר ארײַנמישנ, וועסטו זיכ? נא זשע דיר! — האָט דזשאָנ קענטי אויסגעשריענ, אונ מיטנ גאַנצנ קויעכ אַראָפּגעלאָזנ זײַנ שטעקנ אָפּ דעמ באַשיצערס קאָפּ.

עס האָט זיכ דערהערט א קרעכצ, אונ א טונקעלע געשטאַלט האָט זיכ אַראָפּגעלאָזנ אָפּ דער ערד צווישנ די פיס פונ האַמוינ, וואָס איז דורכ דעמ דאָזיקנ צופאַל אָפּ קיינ איינ האָר ניט געשטערט געוואָרנ אינ זײַנ פאַרווײַלונג.

איינגיכנ האָט דזשאָנ קענטי ארײַנגעשלעפּט דעמ פּרינצ צו זיכ אינ שטוב, פאַרהאַקנדיק די טיר הינטער זיכ. בא דער שוואַכער שײַנ פונ

אַ כײַלעוו=ליכטל האָט דער פּרינץ ווי=עס=איז געקאָנט באַטראַכטן די עקלהאַפֿטע גאַנאָווים=אײַנ שלעפּער=נעסט און אירע אײַנוווינער. אין איין ווינקל זײַנען געזעסן צוגעטוליעט צום וואַנט צוויי שמוציקע, ניט פֿאַרקעמטע מײדלעך און אַ מיטליאָריקע פֿרוי. אויף זייערע פּנימער איז געלעגן דער אויסדרוק פֿון שרעק, ווי בײַ כּלעס, וואָס זײַנען געוווינט צו שלעכטער באַהאַנדלונג, און וואָס וואַרטן יעדע מינוט אויף קלעפּ.

— ווער ביסטו?

פֿון אַ צווייטן ווינקל האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אַלטע מאַכשייפֿע מיט פֿאַנאַנדערגעלאָזענע גראָע האָר און מיט בייזע אויגן.

דזשאָן קענטי האָט זיך געווענדט צו דער אַלטער:

— הער נאָר! אַ פֿײַנע קאָמעדיע האָבן מיר דאָ! שלאָג אים ניט איבער, ביז דו וועסט זיך ניט רעכט פֿאַרווײַלן. דערנאָך לאָז אים פֿילן דײַן שווערע האַנט וויפֿל דײַן האַרץ גלוסט. קום נאָר אַהער, דו יאַט! לייג נאָר אַרויס דײַן מעשוגאַס נאָכאַמאָל! זאָג, ווי רופֿט מען דיך און ווער ביסטו?

רויט ווערנדיק פֿון כּאַס, האָט דער פּרינץ אויפֿגעהויבן זײַן צאָרנדיקן און פֿעסטן בליק אויף קענטין און געזאָגט:

— נאָר דײַנ אומדערצװיגנקײַט קאָנ דיכ ברענגענ דערצו, אז אזעלכע, װי דו, זאָלנ מיר באַפֿױלנ צו רײדנ. איכ זאָג דיר נאָכאַמאָל דאָס זעלביקע, װאָס איכ האָב פֿריִער געזאָגט: איכ בינ עדואַרד, דער פּרינצ פֿונ אױעלס, אונ ניט קײנ אנדערער.

פֿונ גרױס איבעראַשונג איז די אלטע מאַכשײפֿע װי צוגעװאַקסנ געװאָרנ צו דער ערד אונ עס האָט איר אױש דער אָטעמ פֿאַרכאַפּט. זי האָט געקוקט אַפֿ דעמ פּרינצ מיט נאַריש-פֿאַרװוּנדערטע אױגנ. דאָס האָט זײער אמוזירט איר מערדערישנ זונ, אונ ער האָט אױסגעשאָסנ א װילדנ געלעכטער. אָבער אַפֿ טאָמס מוטער אונ שװעסטער האָט עס געמאַכט גאָר אנ אנדער אײַנדרוק. ניט קוקנדיק אַפֿ זײער מוירע פֿאַר קלעפּ, זײַנענ זײ פֿאַרצװײפֿלטע אונ דערשראָקענע צוגעלאָפֿנ צומ פּרינצ, אױסרופֿנדיק:

— אָ, אָרעמער טאָמ, אָרעמ קינד!

די מוטער האָט א פֿאַל געטאָנ פֿאַרנ פּרינצ אַפֿ די קני אונ, קוקנדיק אַפֿ אימ מיט פֿאַרלאָפֿענע פֿונ טרערנ, צעשראָקענע אױגנ, האָט זי געזאָגט:

— אָ, מײַנ אָרעמ יִנגעלע! דײַנ נאַריש לײענענ האָט עס געבראַכט דערצו! די ביכלעכ האָבנ בײַ דיר דײַנ פֿאַרשטאַנד געראַובט! אָ, פֿאַרװאָס ס'טו מיכ ניט געפֿאָלגט, װענ כ'האָב דיכ געװאָרנט, זאָלסט אזױפֿיל ניט לײענענ?

דער פּרינצ האָט אַרײַנגעקוקט אינ איר פּאָנעמ אונ צערטלעכ געזאָגט:

— דײַנ זונ איז געזונט אונ איז ניט מעשוגע, גוטע פֿרױ. זײַ געטרײסט, לאָז מיכ צומ פּאַלאַצ, װוּ ער איז איצט, אונ דער קיניג, מײַנ פֿאָטער, װעט דיר אימ גלײַכ צוריקשיקנ.

— דער קיניג, דײַנ פֿאָטער! — האָט די מוטער פֿאַרבראָכנ די הענט. — אָ, מײַנ קינד! ניט רײד אזעלכע רײד, װאָרעמ זײ שמעקנ מיט טױט פֿאַר דיר אונ מיט אומגליק פֿאַר אלע, װאָס זײַנענ נאָענט צו דיר! טרײסל אָפּ פֿונ זיכ דעמ דאָזיקנ בײזנ כאָלעמ, רופֿ צו הילפֿ דײַנ פֿאַרלאָרענעמ זיקאָרנ. גיב א קוק אַפֿ מיר: בינ איכ דענ ניט דײַנ מוטער, װאָס האָט דיכ געבױרנ אונ ליבט דיכ?

דער פּרינצ האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ אונ אומגערנ געזאָגט:

— אײנ גאָט װײסט, אז איכ װאָלט געװאָלט פֿאַרהיטנ דײַנ האַרצ

פונ שמערצ, אָבער עס איז עמעס, אז איכ האָב קיינמאָל ביז איצט דיינ פּאָנעמ ניט געזענ.

די פרוי האָט זיכ אראָפּגעלאָזנ אפ דער ערד אונ, פארדעקנדיק דאָס פּאָנעמ מיט די הענט, גענומענ יאָמערנ אונ קלאָגנ.

— זאָל די פּאָרשטעלונג ווייטער גיינ! — האָט קענטי אויסגעשריענ.

— נענ, בעט, איר אומדערצויגענע מוידנ! וואָס פאר א האָזע צו שטיינ אינ פּרינצס קעגנוואַרט? אפ די קני, איר שליומפּערס, אונ בוקט זיכ צו אימ!

אונ ער האָט ווידער אויסגעשאָסנ מיט א הירזשעריי, ווי א פערד.

די מיידלעכ האָבנ גענומענ אומדרייסט בעטנ פאר זייער ברודער, אונ נענ האָט געזאָגט:

— ווענ דו וואָלסט אימ געלאָזנ לייגנ זיכ, פאָטער. שלאָפ אונ רו וועלנ היילנ זיינ מעשוגאַס! זע, לאָז אימ!

— טו דאָס, פאָטער, — האָט בעט אויכ געבעטנ, — ער איז היינט מער מיד ווי געוויינלעכ. מאָרגנ וועט ער צו זיכ קומענ, וועט ער בעטלענ פלייסיקער ווי שטענדיק אונ וועט שוינ ניט קומענ אהיימ מיט ליידיקע הענט.

די דאָזיקע באמערקונג האָט אויסגעניכטערט קענטינ פונ זיינ פריילעכקייט אונ געגעבנ זיינע געדאנקענ א מער פּראקטישע ווענדונג. ער האָט זיכ מיט קאַס געווענדט צומ פּרינצ אונ געזאָגט:

— מאָרגנ דארפנ מיר צאָלנ צוויי פּענים דעמ באלעבאָס פונ דעמ דאָזיקנ לאָכ. צוויי פּענים — דו פארשטייסט — פאר א האלב יאָר דירע־געלט. ווענ ניט, שלײַדערט מענ אונדז פונדאנענ ארויס. ווייז נאָר, וואָס האָסטו אופגעקליבנ מיט דיינ פוילער בעטלעריי.

— באליידיק מיכ ניט מיט דיינע געמיינע געשעפטנ, — האָט דער פּרינצ געזאָגט, — איכ זאָג דיר נאָכאמאָל: איכ בינ דעמ קיניגס זונ.

א זעצ מיט קענטיס געזונטער לאפּע איבערנ אקסל האָט אָפּגעוואָרפנ דעמ פּרינצ אינ די אָרעמס פונ דער פרוי קענטי, וואָס האָט אימ צוגעדריקט צו איר ברוסט, אונטערשטעלנדיק איר אייגענעמ קערפּער אונטער דעמ האָגל פעטש אונ קלעפּ, וואָס האָבנ געזאָלט פאלנ אפ איר „קינד“.

די דערשראָקענע מיידלעכ האָבנ זיכ אָפּגערוקט אינ זייערע ווינק־

לען, אָבער די באָבע איז פלינק צוגעלאָפנ אונ גענומענ העלפנ איר זונ.

דער פרינצ איז אָפגעשפרונגענ פונ פרוי קענטי אונ אויסגעשריענ:

— דו זאָלסט ניט ליידנ דורכ מיר, מאדאם, זאָלנ די דאָזיקע כאַזיירים טאָנ זייער ווילנ איבער מיר אליינ.

די דאָזיקע ווערטער האָבנ אזוי אופגעקאָכט די „כאזיירים“, אז זיי האָבנ זיכ גענומענ צו דער ארבעט, ניט פארלירנדיק קיינ צייט. פריער האָבנ זיי גוט צעהארגעט דאָס יינגל, דערנאָכ האָבנ זיי זיכ גענומענ פאר די צוויי מיידלעכ אונ זייער מוטער דערפאר, וואָס זיי האָבנ ארויסגעוויזנ מיטגעפיל צו דעמ קאָרבנ.

— נו אונ איצט — שלאָפנ! אלע ביז איינעמ! די פארוויילונג האָט זיכ מיד געמאכט.

די ליכט איז אויסגעלאָשנ געוואָרנ אונ די גאנצע פאמיליע האָט זיכ געלייגט. ווי נאָר דאָס שנאָרכנ פונ קענטי אונ זיינ מוטער האָט אָנגעזאָגט, אז זיי זיינענ איינגעשלאָפנ, האָבנ די יונגע מיידלעכ צוגעפויזעט צו דעמ פרינצס געלעגער אונ איינגעדעקט אימ מיט שטרוי אונ שמאטעס, אימ זאָל ניט קאלט זיינ. זייער מוטער האָט זיכ אויכ צוגערוקט צו אימ, געגלעט אימ די האָר, געוויינט איבער אימ אונ געשעפטשעט אינ זיינ אויער געבראָכענע טרייסט־ווערטער אונ צערטלעכקייטנ. זי האָט פאר אימ אָפגעשפאָרט עפעס צו עסנ אויכ, אָבער זיינע ווייטעקנ האָבנ בא אימ אָפגענומענ דעמ אפעטיט, — ווייניקסטנס, צו פארדארטע שטיקלעכ שווארצ ברויט. ער איז גערירט געוועג פונ איר מוטיקער באשיצונג, פאר וועלכער זי האָט אזוי טייער באצאָלט, אונ פונ איר מיטגעפיל. אינ איידעלע אונ עכט־פרינצלעכע ווערטער האָט ער איר געדאנקט פאר איר גוט הארצ, געבעטנ גיינ שלאָפנ אונ באמיענ זיכ צו פארגעסנ אירע ליידנ. ער האָט צוגעגעבנ, אז זיינ פאָטער, דער קיניג, וועט ניט איבערלאָזנ איר פריינטלעכקייט אונ איבערגעגעבנקייט אומבאלוינט.

די דאָזיקע צוריקגעקומענע „מעשוגאס“ האָט אפדאָסגיי צעבראָכנ איר הארצ. זי האָט אימ ווידער אונ ווידער געדריקט צו איר הארצ אונ איז אוועק אפ איר געלעגער, באגיסנדיק זיכ מיט ביטערע טרערנ.

ווענ זי איז אזוי געלעגנ פארטיפט אינ טרויעריקע געדאנקענ אונ באטראכט אלצ, וואָס דאָ איז געשענ, — האָט זיכ צו איר פארגאנוועט א געדאנק, אז אינ דעמ יינגל איז פאראנ עטוואָס אזוינס, וואָס איז ניט

געווענ אונ וואָס האָט ניט געקאָנט זײַנ אינ טאָמענ, א קלאָרנ אָדער א
מעשוגענעמ. זי וואָלט עס ניט געקאָנט אויסדריקנ, זי וואָלט ניט גע=
קאָנט זאָגנ גענוי, וואָס אזוינס איז עס, אָבער איר איידעלער מוטער=
אינסטינקט האָט עס געפילט אונ פארשטאנענ.

וואָס, אויב דאָס דאָזיקע יִנגל איז טאקע ניט איר זונ? אָ, נאריש=
קײַטנ! ניט קוקנדיק אפ איר צאר אונ זאָרג, האָט זי קימאט א שמייכל
געטאָנ בא דעמ געדאנק.

אָבער ניט אכטנדיק אפ דער „נארישקײַט“ פונ דעמ געדאנק, האָט
ער זי פארפאָלגט, באומרויִקט, געפּײַניקט אונ ניט געלאָזנ באפרײַענ זיכ
פונ אימ. צומ סאָפ האָט זי פארשטאנענ, אז קאָלזמאנ זי וועט ניט
געפינענ עפּעס א מיטל, וואָס זאָל איינמאָל פאר אלעמאָל אונ אָנ שומ
סאָפעק קלאָר מאכנ, צי דאָס יִנגל איז איר זונ אָדער ניט, — וועט זי
פונ דעמ פײַנפולנ געדאנק קיינ רו ניט האָבנ. יאָ, דאָס איז דער איינ=
ציקער אויסוועג פונ דער פארלעגנהײַט. זי האָט זיכ דעריבער גלײַכ
גענומענ אויסצוטראכטנ אזא פרווו=מיטל. אָבער ס'איז גרינגער געווענ
צו באשליסנ זיכ, איידער אויסצופירנ עס. זי האָט צוגעטראכט איינ
פרווו נאָכנ צווייטנ, אָבער זי האָט זיי געמוזט איינס נאָכנ אנדערנ אָפּ=
ווארפנ, ווײַל קיינ איינער איז ניט געווענ גוט גענוג אונ זיכער גענוג.
אונ א ניט אומבאדינגט זיכערע פראָבע וועט זי ניט צופרידנשטעלנ.
אומזיסט, אפאָנעמ, ברעכט זי זיכ דעמ קאָפּ: זי וועט גאָרניט אויס=
קלערנ. ווענ דער דאָזיקער טרויעריקער געדאנק האָט דורכגעשוועבט אינ
איר מויעכ, האָט איר אויער געכאפט דעמ יִנגלס רעגלמעסיק אָטע=
מענ, אונ זי האָט פארשטאנענ, אז ער איז אײַנגעשלאָפנ. אונ ווי זי איז
אזוי געלעגנ אונ צוגעהערט זיכ, איז דאָס רעגלמעסיקע אָטעמענ אי=
בערגעבראָכנ געוואָרנ דורכ א לײַכטנ, דערשראָקענעמ געשריי, ווי איי=
נער שרײַט אויס פונ א שלעכטנ כאָלעמ. די דאָזיקע צופעליקע געשעע=
ניש האָט איר מיטאמאָל אונטערגעזאָגט א פלאנ, וואָס איז ווערט גע=
ווענ מער פונ אלע אירע פריִערדיקע פלענער צוזאמענ גענומענ. זי האָט
גלײַכ גענומענ שטיל אָבער אײַלנדיק אָנצינדנ א ליכט, מורמלענדיק
צו זיכ אליינ: „ווענ איכ זאָל אימ נאָר זענ בייסמײַסע, וואָלט איכ
גלײַכ געוווּסט, צי ער איז מײַנ זונ צי ניט. זינט יענעמ טאָג, ווענ
פאר זײַנ פּאָנעמ האָט אויפגעריסנ פולווער, — האָט קיינ איינ מאָל ניט
פאסירט, ער זאָל ניט פארשטעלנ מיטנ האנט די אויגנ יעדעס מאָל,

ווענ מע שלאָגט אימ פלוצעמ איבער זײַנע געדאנקענ אָדער ווענ ער דערשרעקט זיכ אינ שלאָפ, אונ דערבײַ מאכט ער שטענדיק פונקט די זעלביקע באוועגונג ווי דעמלט: ניט ווי אלע מענטשנ — מיט דער האנטפלאכ אינעווייניק, צו די אויגנ, נאָר שטענדיק פארקערט: מיט דער האנטפלאכ אויסנווייניק. איכ האָב עס געזענ הונדערט מאָל, אונ

זי האָט זיכ פאָרזיכטיק אָנגעבויגנ איבער אימ...

עס איז קיינ איינ מאָל אנדערש ניט געווענ אונ קיינמאָל ניט פארפעלט. יאָ, איכ וועל זיכ באלד איבערצײַגנ“.

זי האָט פאוואָלינקע אונטערגעפויזעט צומ יינגל, פארשטעלנדיק די ברענענדיקע ליכט מיטנ האנט. זי האָט זיכ פאָרזיכטיק אָנגעבויגנ איבער אימ, קוימ אָטעמענדיק פונ אײַנגעהאלטענער אופרעגונג. נאָכדעמ האָט זי מיטאמאָל אוועקגענומענ די האנט אזוי, אז די ליכט האָט אימ א בליצ געטאָנ גלײַכ אינ פאָנעמ ארײַנ, דערבײַ האָט זי נאָכ א קלאפ געטאָנ מיטנ האנט אָנ דיל הארט לעבנ זײַנ אויער. דער פרינצ האָט ברייט אופגעעפנט די אויגנ, געוואָרפנ א דערשראָקענעמ בליק ארומ זיכ, אָבער קיינ שומ באזונדערע באוועגונג מיטנ האנט ניט געמאכט.

די אומגליקלעכע פרוי איז ווי פון א דונער געטראָפן געוואָרן פון צאר און איבערראשונג. אָבער זי האָט זיך באמיט צו פארבאָרגן אירע געפילן און איינצושלעפערן דאָס יינגל אפסניי. דאן איז זי צוריק גע־גאנגען אף איר אָרט און גענומען באטראכטן דעם טרויעריקן רעזול־טאט פון איר פרווו. זי האָט זיך געמאטערט איינריידן, אז טאָמס מע־שוגאס האָט אויך אָפּגעמעקט זיין געוויינלעכע האנט־באוועגונג, אָבער זי האָט עס ניט געקאָנט: „ניין, — האָט זי זיך געזאָגט, — זיינע הענט זיינען ניט מעשוגע און זיי וואָלטן ניט געקאָנט פארגעסן אזא אלטע געוווינהייט אין אזא קורצער צייט. אָ, וואָס פאר א שווערער טאָג עס איז היינט פאר מיר!“

דאָך האָט די האָפענונג איצט ניט געוואָלט אָפּטרעטן, פונקט ווי פריער דער סאָפּעק. זי האָט בעשומויפן ניט געקאָנט צווינגען זיך צו גלייבן אין דעם רעזולטאט פון איר פרווו, און זי האָט נאָכאמאָל און ווידעראמאָל אומגעריכט געוועקט און געשראָקן דאָס יינגל, אָבער דער רעזולטאט איז יעדעס מאָל געווען דער זעלביקער. דאן האָט זי זיך אוועקגעשלעפּט צו איר געלעגער און האָט א פאל געטאָן שלאָפן, זאָגנ־דיק צו זיך אליין: „אָבער איך קאָן זיך פון אים ניט אָפּזאָגן! אָ, ניין, איך קאָן ניט, איך קאָן ניט, ער מוז זיין מיין קינד!“

ווען די אומגליקלעכע מוטער האָט אופגעהערט צו שטערן דעם פּרינצס שלאָף, און זיינע ווייטעקן זיינען ביסלעכוויז קלענער געוואָרן, — איז ער פון גרויס מידקייט ענדלעך איינגעשלאָפן מיט א פעסטן, דער־פרישנדיקן שלאָף. שאָ נאָך שאָ איז פארביגעגאנגען, און ער איז אלץ געשלאָפן ווי א דערהארגעטער. אזוי איז ער אָפּגעשלאָפן א שאָ פיר אָדער פינף. נאָכדעם האָט זיין פארגליווערונג גענומען פארבייגיין און ער האָט האלב־שלעפעריק, האלב־וואך א מורמל געטאָן:

— סער וויליאם...

און אין א מינוט ארום ווייטער:

— היי, סער וויליאם הערבערט! דערנעענטער זיך נאָר אהער און האָרך, וואָס פאר א מאָדנער כאָלעם... סער וויליאם! דו הערסט?... מענטש איינער, מיר האָט זיך אויסגעדאכט, אז איך בין פארוואנדלט געוואָרן אין א בעטלער... היי, ווער איז דאָרטן? וועכטער! סער ווי־ליאם! וואָס? אפילע קיין דעזשורנער דינער ניטאָ? אָ, דאָס וועט זיי גלאט ניט...

— וואָס פעלט דיר, — האָט אים עמעצער שטיל געפרעגט, — וועמען רופסטו?

— וויליאם הערבערט רופ איך. און ווער ביסטו?

— ווער זאָל איך זײַן, אויב ניט דײַן שוועסטער גען? אָ, טאָם, איך האָב גאָר געהאַט פאַרגעסן. דו ביסט דאָך, נעבעך, מעשוגע, אָרעם יינגל, ביסט נאָך אַלץ מעשוגע! האָלעוויי וואָלט איך בעסער ניט אויפגעשטאַנען צו זען עס! אָבער, איך בעט דיך, באַהערש דײַן צונג, אַז ניט וועט ער אונדז אַלעמען דערהאַרגענען צום טויט.

דער דערשראָקענער פּרינץ האָט אַ שפּרונג געטאָן, אָבער דער שאַרפער ווייטעק אין זײַנע צעשלאָגענע גלידער האָט אים גלײַך דערמאָנט אָן דער ווירקלעכקײַט, און ער האָט צוריק אַ פאַל געטאָן מיט אַ קרעכץ אויף דעם פוילן בינטל שטרוי, אויסרופנדיק:

— אָ, נאָך אַלעמען איז עס טאַקע ניט געווען קיין חלום!

אין איין מינוט האָט ער ווידער דערפילט זײַן גאַנצן צער און פײַן, וואָס ער האָט אין שלאָף פאַרגעסן. איז ער, הייסט עס, שוין ניט מער קיין געפּיעשטשעטער פּרינץ, וואָס לעבט אין אַ קיניגלעכן פּאַלאַץ, ניט קיין פּרינץ, אויף וועמען די אויגן פון אַ גאַנץ פאָלק קוקן מיט ליבע און פאַרגעטערונג, נאָר אַ היימלאָזער, אַ בעטלער, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, אַ געפאַנגענער אין אַ פאַרברעכער-נעסט, וואָס פּאַסט זיך בלויז פאַר בהמות, אַ כאַוווער פון בעטלער און גאַנאָווים!

אינמיטן פון זײַנע טרויעריקע געדאַנקען האָט צו זײַן אויער דערגרייכט עפּעס אַ טומל און פרײלעכע אויסגעשרייען ניט ווײַט פון שטוב. גלײַך נאָך דעם האָבן זיך דערהערט עטלעכע שאַרפע קלעפּ אין טיר. דזשאָן קענטי האָט אויפגעהערט צו שנאָרכן און געפרעגט:

— ווער קלאַפּט? וואָס דאַרפסטו דאָרטן?

— ווייסטו ווער איז געווען דער, וועמען דו האָסט אָוועקגעלייגט מיט דײַן שטעקן? — האָט געפרעגט אַ קאָל פון הינטערן טיר.

— ניין, ניט איך ווייס, ניט איך וויל וויסן.

— מיר דאַכט, אַז דו וועסט באַלד בײַטן דײַן טאָן. אויב דו ווילסט פאַרהיטן דײַן האַלדז פון טליע, זאָלסטו גלײַך אַנטלויפן, ווײַל דײַן קאָרבן גיט איצט אָפּ זײַן נעשאָמע צו גאָט. דאָס איז דער גאַלעך ענדריו!

— גאָט, דערבאַרעם זיך! — האָט קענטי אויסגעשריִען. ער האָט

אופגעהויבנ די גאנצע פאמיליע און מיט א פארשטיקט קאָל באפוילנ:

— הייבט זיכ אופ אלע ביז איינעמ! אָדער פארבלייבט אפ אייערע ערטער און קומט אומ!

ווייניקער ווי אינ פינפ מינוט איז די גאנצע פאמיליע שוינ געווענ אינ דרויסנ און געלאָפנ ווו די אויגנ האָבנ זי געטראָגנ. דזשאָנ קענטי האָט געהאלטנ דעמ פרינצ פאר דער האנט און, שלעפנדיק אימ איבער א פינצטער געסל, געוואָרנט אימ:

— זאָלסט האלטנ צונג, דו מעשוגענער נאר, און ניט זאָגנ אונדזער נאָמענ, דו הערסט? איכ וועל מיר אויסקלייבנ א נייעמ נאָמענ, קעדיי אראָפצופירנ די גזועצ=הינט פונ שפור. האלט זשע די צונג, דו הערסט?

ווענדנדיק זיכ צו די איבעריקע פונ דער פאמיליע, האָט ער מיט פארקוועטשטע ציינ אויסגעברומט:

— אויב אונדז וועט אויסקומענ פאנאנדערצוטיילנ זיכ, זאָל יעדערער האלטנ וועג צו דער לאָנדאָנער בריק, און ווער עס וועט קומענ ביז דעמ לייוונט=הענדלערס קראָמ, דער זאָל ווארטנ אפ די איבעריקע, און פונ דאָרטנ וועלנ מיר אלע אנטלויפנ קיינ סאוטוואָרק.

אינ דעמ דאָזיקנ מאָמענט איז די פאמיליע ארויס פונ פינצטערניש אינ דער ליכטיקייט, און ניט נאָר אינ דער ליכטיקייט, נאָר זי איז אריינגעפאלנ אינ רעכטנ מיטנ פונ א טומלדיקנ און פרייליכנ האמוינ, וואָס האָט געזונגענ, געשפרונגענ, געטאנצט און לוסטיק געמאכט זיכ אפנ ברעג פונ דער טעמזע. דער גאנצער ברעג, ווי ווייט דאָס אויג האָט געכאפט, איז באדעקט געווענ מיט יאָנטעוו=פייערנ. די לאָנדאָנער בריק איז געווענ אילוימינירט, סאוטוואָרק=בריק—דאָסגלייכנ; די טעמזע גופע האָט אינגאנצנ געפלאמט מיט פייערנ און געפינקלט מיט קאָלירטע לעמפלעכ. ראקעטנ האָבנ זיכ אָנ אופהער אופגעהויבנ צומ הימל און, פלאצנדיק מיט גערויש, באשאָטנ דעמ ברעג און דעמ טייכ גופע מיט א רעגנ בליצנדיקע פונקענ, וואָס האָבנ פארוואנדלט נאכט אינ טאָג. אומעטומ זיינענ געווענ לוסטיקע קאָמפאניעס; עס האָט אויסגעזענ, ווי גאנצ לאָנדאָנ וואָלט ארויסגעשאָטנ אינ דרויסנ.

דזשאָנ קענטי האָט ארויסגעלאָזט א ווילדע קלאָלע און געהייסנ דער פאמיליע גלייכ אָפטראָגנ זיכ צוריק, אָבער עס איז שוינ געווענ צו שפעט. ער מיט זיינ גאנצנ גזינדל איז שוינ פארשלונגענ געוואָרנ אינ

דעם מענטשלעכן בינשטאָק, און אין איין מינוט זיינען זיי אָפּגעטיילט געוואָרן איינער פון צווייטן, אכוץ דעם פּרינץ, וועמען קענטי האָט ניט ארויסגעלאָזט פון זיין אייזערנער האנט.

דעם פּרינצס הארץ האָט געקלאַפּט מיט האָפענונג, אז איצט וועט אים געלינגען צו אנטלויפן. דורכשפּאַרנדיק זיך דורכן געזעמל, האָט הזשאָן קענטי א שטויס געטאָן א געזונטן און היפּש־באַזויפענעם שיפערמאַן. יענער האָט ארופגעלייגט זיין שווערע האנט אף קענטיס אקסל און געזאָגט:

— ע, וואָהין טראָגט דיך, מיין פריינט? פאַרדרייסט זיך א מויעך מיט שמוציקע געשעפטן, ווען אלע געטרייע אונטערטאַנער פון קיניג מאכן זיך פריילעך און לוסטיק, הא?

— דאָס איז מיין אייסעק, און דיך גייט עס ניט אָן! — האָט קענטי אָנגעדרודלט געזאָגט. — נעם אראָפּ דיין לאַפּע און לאָז מיך גיין.

— אז דו ביסט אזא ווילער יונג, ווייסטו, ברודער־לעבן, ניט דורכגיין, ביז דו וועסט ניט טרינקען פארן געזונט פון אונדזער טראָנפאָלגער, דעם פּרינץ, איך זאָג עס דיר! — האָט דער שיפערמאַן געזאָגט און פארשטעלט קענטין דעם וועג.

— גיב זשע דעם בעכער, אָבער גיכער, גיכער!

דער אוילעם ארום האָט זיך פאַרינטערעסירט און אויסגעשריען:

— דעם קריַיז־בעכער! דעם ברודערשאַפט־בעכער! זאָל דער פּאַסקודנער יונג טרינקען ברודערשאַפט מיט אונדז, אז ניט וועלן מיר אים שיקן צו די פיש אלס א פארבייסן!

מע האָט געבראַכט א גרויסן קריַיז־בעכער, דער שיפערמאַן האָט מיט איין האנט געהאַלטן דעם בעכער פארן הענטל און מיט דער צווייטער האנט צוגעהאַלטן דעם ברעג פון א קלוימערשטיק סערוועטל, ווי עס האָט זיך געפאָדערט לויט די אלטע מינהאָגים. קענטי האָט געדארפט מיט איין האנט אָנעמען פאר דעם צווייטן הענטל און מיט דער צווייטער—עפענען דאָס דעקל פון בעכער. *

* טרינקען דעם קריַיז־בעכער אָדער „ברודערשאַפט” איז זייער אן אלטער מינהעג אין ענגלאַנד. דער מינהעג האָט געפאָדערט, אז בא ביידע טרינקער זאָלן ביידע הענט זיין פארנומען, קעדיי אין דער צייט, וואָס זיי האלטן דעם קריַיז־בעכער מיט איין האנט, זאָלן זיי מיט דער צווייטער האנט ניט אריַינרוקן איינער דעם צווייטן א שפּיז אין בויך. ר ע ד.

דער פּרינץ האָט זיך באַנוצט דערמיט, וואָס זײַן האַנט איז אַפּ איין מינוט פרײַ געוואָרן, און איז פאַרשווונדן צווישן געדיכטן אוילעם ארום אים. אין א מינוט ארום איז אים געווען אזוי שווער צו געפינען אין דעם דאָזיקן לעבעדיקן יאַם, ווי שווער עס איז צו געפינען א מאַטבייע אין אַטלאַנטישן אָקעאַן.

דער פּרינץ האָט עס טאַקע גלײַך דערשפּירט, און גענומען באַקלערן, וואָס זאָל ער איצט טאָן. וועגן דזשאָן קענטי האָט ער שוין מער ניט געטראַכט. ער האָט באַלד באַגריפן נאָך א זאַך: אַז אַנשטאָט צו באַערן אים, מאַכט די שטאָט איצט א יאָנטעוו פאַר א פאַלשן פּרינץ. ער האָט דעריבער באַלד געמאַכט דעם אויספיר, אַז דער בעטלער טאָם קענטי האָט אויסגענוצט דעם גליקלעכן צופאַל און שפּילט די ראָל פון דעם עמעסן פּרינץ. אַזוי־אַרום, בלײַבט אים נאָר איבער איין זאַך צו טאָן: דערקלײַבן זיך צום ראָטהויז, לאָזן זיך דערקענען און אַראָפּרײַסן די מאַסקע פון דעם שווינדלער. ער האָט בא זיך אויך אָפּגעמאַכט, ער זאָל געבן טאָמען גענוג צײַט אַפּ משוווע טאָן און דערנאָך ערשט הענגען אים, טרינקען און פערטלען, לויט ווי עס האָט געפאָדערט דער געזעץ און מינהעג פון יענער צײַט פאַר מעלוכע־פאַראַט.

עלפטער קאַפּיטל

אין ראָטהויז

די קיניגלעכע יאַכט־שיפּ, באַגלייט פון א גאַנצער פלאָטיליע פּרעכטיקע באַרקעס און יאַכטעס, האָט מיט גרויס פּאַראַד דורכגעשניטן זיך א וועג דורך די טויזנטער איליומינירטע שיפלעך, וואָס האָבן באַדעקט די טעמזע. די לופט איז פול געווען מיט מוזיק, די ברעגן פון טײַך זײַנען באַדעקט געווען מיט יאָנטעוו־פײַערן. די ווײַטע שטאָט איז אײַנגעהילט געווען אין א גלאַנדיקער ליכטיקייט, וואָס האָט זיך געגאָסן פון אַנצאָליקע יאָנטעוו־פײַערן; איבער זיי האָבן זיך, ווי אין דער הייך געשלײַדערטע שפּיזן, געהויבן צום הימל גאָלדענע טורעם־שפּיצן, באַפּוצט מיט פינקלענדיקע שטערן. די גאַנצע צײַט, וואָס דער קיניגלעכער שיפן־צוג האָט זיך באַוועגט, איז ער באַגריסט געוואָרן פון די ברעגן

מיט הילכיקע פרייד-געשרייענ אונ מיט אנ אָנגופהערלעכער שיסערײַ פונ האַרמאַטנ.

פאַר טאָמ קענטי, וואָס איז געלעגנ האַלב-פאַרזונקענ אינ זײַנע זײַדענע קישנס, זײַנענ די דאָזיקע קלאַנגענ אונ דאָס גאַנצע אומבאַשרײַבלעכע בילד געווענ עטוואָס אויסערגעוויינלעכ דערהויבנ אונ וווּנדערבאַר. אָבער פאַר זײַנע צוויי קלײנע פרײַנט — פאַר דער פּרינצעסנ עליזאַבעט אונ פאַר דער לײדי דזשײנ, וואָס זײַנענ געזעסנ פונ זײַנע בײדע זײַטנ, איז עס געווענ אײנע פונ די געוויינלעכסטע זאַכנ.

צושווימענדיק ביז דאָוגייט, האָט זיכ דער שיפנ-צוג געלאָזנ איבער די דורכזיכטיקע וואַסערנ פונ אואָל-ברוק-קאַנאַל, וואָס איז שוינ איצט העכער הונדערט יאָר פאַרשאָטנ אונ אָפּ וועלכנ עס שטײענ גאַנצע מײַלנ געבײַדעס אַראָפּ צו בעקלערסבערי, פאַרבײַ הײַזער אונ אונטער העלאיליומינירטע בריקנ, וואָס זײַנענ באַלאַגערט געווענ מיט לוסטיקנ אוילעמ, ביז זיי האָבנ זיכ צומ סאָפּ אָפּגעשטעלט אינ א באַסײנ, ווו עס געפינט זיכ איצט באַרהוש-יאַרד, אינ רעכטנ מיטלפּונקט פונ דער שטאָט לאָנדאָנ.

טאָמ איז אַרויס פונ זײַנ יאַכטע אונ איז אינ דער באַגלייטונג פונ זײַנ גלענצנדער סוויטע דורכגעגאַנגענ מיט דער גאַנצער פּראָצעסיע איבער טשיפּסײַד, איבער אָלד-דזשורי אונ בייסינגהאָל-גאַס צומ ראָטהויז.

דער לאָרד-מער אונ די ראַטמענער אינ זייערע פּורפּור-מאַנטלענ אונ גאָלדענע קייטנ האָבנ באַגעגנט טאָמענ אונ זײַנע דאַמענ מיט געהעריקנ קאָוועד אונ אַרונטערגעפירט זיי אונטער א פּראַכטפולנ באַלדאַכינ, אויבנאָנ פונ גרויסנ שטאָט-זאַל. פאָרויס זײַנענ געגאַנגענ העראָלדנ מיט דער שטאָט-רוט אונ שטאָט-שווערד אינ די הענט אונ אָנגעזאָגט וועגנ דעמ פּרינצס אָנקומענ.

די לאָרדנ אונ דאַמענ פונ טאָמס אונ זײַנע פּרינצעסנס סוויטע האָבנ פאַרנומענ זייערע ערטער הינטער זיי.

בא א צווייטנ טיש, א ביסל נידעריקער, זײַנענ געזעסנ די הויפּלײַט אונ אַנדערע פאָרנעמע געסט פונ גרויסנ יכעס צוזאַמענ מיט די שטאָט-מאַגנאַטנ. די מיטגלידער פונ פּאַרלאַמענט האָבנ זיכ צעזעצט בא באַזונדערע קלײנע טישלעכ איבערנ גאַנצנ זאַל. די אַלטע סטאַטועס פונ גויג אונ מאַגויג[12] — די סימבאָלישע שאָמרימ פונ דער שטאָט — האָבנ גלײַכגילטיק געקוקט פונ זייערע הויכע פּיעדעסטאַלנ אָפּ דעמ

בילד, וואָס זיי זײַנענ פאַר דוירעס אינ דוירעס געווױנט געווענ צו זענ.

עס האָט זיך דערהערט א טרומייטנ־קלאַנג אונ ס'איז געמאָלדנ געוואָרנ, אז דער מאָלצײַט האָט זיך אָנגעהויבנ. בא דער לינקער וואַנט האָט זיך באַוויזנ א דיקער קעלער־מײַסטער, הינטער וועלכנ עטלעכע דינער האָבנ מיט געהעריקער פײַערלעכקײַט געטראָגנ אנ עכט קיניגלעכ געבראָטנס, וואָס האָט זיך מאַמעש געבעטנ אונטערנ מעסער.

נאָכ דער טפילע איז טאָמ אופגעשטאַנענ (מע האָט אימ שוינ אויסגעלערנט) — אונ מיט אימ דער גאַנצער זאַל — אונ האָט געטרונקענ פונ א גרויסנ גאָלדענעמ קרײַז־בעכער מיט דער פרינצעסנ עליזאַבעט. פונ איר איז דער בעכער איבערגעגאַנגענ צו דער לײדי דזשיינ, אונ דערנאָכ איז ער ארומגעגאַנגענ די גאַנצע פאַרזאַמלונג. אזוי האָט זיך אָנגעהויבנ דער באַנקעט.

ארומ האַלבער נאַכט איז דער מאָלצײַט געווענ אינ רעכטנ ברענ. איצט האָט זיך אָנגעהויבנ איינע פונ יענע וווּנדערשיינע פאָרשטעלונגענ, וואָס זײַנענ אזוי באַליבט געווענ אינ יענע אַלטע צײַטנ. אינ די אַלטע כראָניקעס באַשרײַבט איינער, וואָס איז דערבײַ געווענ, די פאָרשטעלונגענ אינ אזעלכע ווערטער:

„מע האָט געמאַכט אָרט, אונ אָט האָבנ זיך באַוויזנ א באַראָנ אונ א גראַפ, פאַרשטעלט פאַר טערקנ: אינ לאַנגע זײַדענע מיט גאָלד־באַשפרענקלטע באַלאַכאָנענ, אינ רויטע סאַמעטענע טשאַלמעס, ארומגעוויקלט מיט דיקע גאָלד־שנורנ; אופ די דיקע גאָלדענע גאַרטלענ זײַנענ בא זיי געהאַנגענ צו צוויי טערקישע קרומע שווערדנ. נאָכ זיי זײַנענ ארויסגעגאַנגענ א צווייטער באַראָנ מיט א צווייטנ גראַפ, אָנגעטאָנ אפנ רוסישנ שטייגער: אינ לאַנגע געלע אטלאַסענע כאַלאַטנ מיט ווײַסע פאַסנ אינ דער ברייט. נאָכ יעדנ ווײַסנ פאַס איז אָנגענייט געווענ א פאַס פונ רויטנ סאַמעט. אופ די קעפ האָבנ זיי געטראָגנ גרויע פעלצענע היטלענ, אינ די הענט האָט יעדער געהאַלטנ א האַק, אונ אופ די פיס האָבנ זיי געטראָגנ שטיוול מיט שאַרפע, אינ דער הייכ פאַרבויגענע שפיצנ (יעדערער א פוס די לענג). נאָכ זיי איז ארויסגעגאַנגענ א ריטער, נאָכ אימ דער לאָרד אדמיראַל מיט פינפ נאָבעלע מענער, אָנגעטאָנ אופ דעמ פרײַסישנ שטייגער אינ קאַמזוילנ פונ רויטנ סאַמעט, מיט טיפע אויסשניטנ פונ פאָרנט אונ פונ הינטנ אונ פאַרשנורעוועט

אפנ ברוסט מיט זילבערנע קייטלעכ; פונ אויבנ האָבנ זיי געטראָגנ קורצע מאנטלענ פונ רויטנ אטלאס. אפ די קעפ — גרויסע היט, באפוצט מיט פאזאנענ=פעדערנ, ווי עס האָבנ געטראָגנ די טענצער פונ יענער צײַט. די פאקעל=טרעגער, אנ ערעכ א מאנ הונדערט, זײַנענ געווענ פארשטעלט פאר מאורענ; די פענעמער אָפּגעשווארצט, אונ אָנגעטאָנ אינ רויטע אונ גרינע סאמעטענע קליידער. דערנאָכ זײַנענ געקומענ שווישפילער, קאָמעדיאנטנ, זינגער, טענצער, קאָרדנ אונ דאמענ, וואָס האָבנ אלע געטאנצט א ווילדנ טאנצ, אז ס'איז געווענ נאָר אָנצוקוקנ".

אינ דער צײַט, ווענ טאָם האָט פונ זײַנ הויכ אָרט אָנגעקוקט דעם „ווילדנ" טאנצ אונ איז אנציקט געווענ פונ דער קאלײדאָסקאָפּישער פארבנ=וועקסלונג, וואָס האָט זיכ ווי א שטורעמ=ווינט געדרייט פאר זײַנע אויגנ, — אינ דער זעלביקער צײַט האָט דער עמעסער פרינצ, געקליידט אינ שמאטעס, געפּאָדערט זײַנע רעכט, געטאדלט דעם פאלשנ פרינצ אונ געריסנ זיכ ארײַנצוגיינ אינ שטאָט=זאל! דער האמוינ האָט זיכ געוואלדיק געווײַלט מיט דעם דאָזיקנ אומגעריכטנ צופאל אונ האָט זיכ געשטופּט אונ געשטויסנ פאָרויס אָנצוקוקנ מיט אויסגעצויגענע העלדזער דאָס קליינע סקאנדאליסטל.

באלד האָט דער האמוינ אָנגעהויבנ צו רייצנ אונ אָפּצולאכנ פונ אימ, קעדיי ארײַנצוברענגענ אימ נאָכ אינ מער היצ. טרערנ פונ צאָרנ אונ באליידיקונג האָבנ אָנגעפילט זײַנע אויגנ, אָבער ער האָט אויסגעהאלטנ דעם שפּאָט פונ האמוינ מיט אנ עכט=קיניגלעכער ווירדע. דער האמוינ האָט זיכ אָבער ניט בארויִקט אונ דער פרינצ איז לעסאָף ארויס פונ געדולד אונ אויסגעשריִענ:

— איכ זאָג אײַכ נאָכאמאָל, איר באנדע שמוציקע הינט, — איכ בינ דער פרינצ פונ וועלס! אונ ווי עלנט אונ ווי פארלאָזנ איכ זאָל ניט זײַנ, אָנ איינ מענטשנ, וואָס זאָל מיר העלפנ אָדער א גוט וואָרט זאָגנ, וועל איכ זיכ דאָכ ניט אונטערגעבנ אונ וועל פעסט האלטנ אונ פארטיידיקנ מײַנע רעכט!

— צי דו ביסט פרינצ אָדער ניט פרינצ — דאָס איז אלציינס. ווי די זאכ איז, — ביסטו א בראוו אונ מוטיק יינגל, אונ ניט אָנ פרײַנט אויכ. איכ שטיי בא דײַנ זײַט צו איבערצײַגנ דיכ אינ דעם. אונ ווייסטו, וואָס כ'וועל דיר זאָגנ: דו האָסט זיכ געקאָנט אָנשטויסנ אפ אנ ערגערנ פרײַנט, ווי מײַלס הענדאָנ. ביפראט ווענ דו האָסט ניט מאטריִעכ גע=

װען דײַנע פֿיס צו זוכן אים אויך. לאָז אָפּרוען דײַן קלײן העלדזל, מײַן קינד. איך װעל שױן פֿאַר דיר רײדן מיט די דאָזיקע געמײנע מײַז אַפֿ זײער אײגענעם לאָשן.

דער פֿאַרשױן, װאָס האָט זיך אָנגענומען דעם פּרינצס קריװדע, איז לױט זײַן אױסזען, זײַן האַלטונג און קלײדונג געװען אַ מין שפּאַגישער דאָן צעזאַר דע באַזאַן. ער איז געװען װוּקסיק, פֿעסט געבױט און מיט געזונטע מוסקולן. זײַן קאַמזױל און הױזן זײַנען געװען פֿון טײַערן שטאָף, אָבער אָפּגעבליאַקירט, אױסגעריבן, און די גאָלד-שנורן, מיט װעלכע זײ זײַנען אַרומגענײט געװען, — שטאַרק פֿאַרטונקלט. זײַן האַלדזבאַנד איז געװען מיִעס צעריבן און שמוציק, די פֿעדערן אַפֿן ברײטן הוט — צעבראָכן און פֿאַרשמוצט. אַפֿ זײַן גורט איז געהאַנגען אַ ראַפּיר אין אַ פֿאַרזשאַװערטער אײַזערנער שײד. נאָך זײַן האַלטונג נאָך האָט מען געקאָנט זען, אַז ער איז ניט פֿון די שרעקעװדיקע מענטשלעך.

די רעדע פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרשױן איז אױפֿגענומען געװאָרן מיט כױזעק און געלעכטער. פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך דערהערט קױלעס: „דאָס איז נאָך אַ פֿאַרשטעלטער פּרינצ!“... „האַלט דײַן צונג, פֿרעמדער, װאָרעם דער איז געפֿערלעך!“... „זעסט ניט, װאָס? קוק אים נאָר אָן!“.. „גיב נאָר דאָרט אַ שלעפּ פֿון אים דעם יאַטל — אין מײַך אַרײַן דאָס הינטל!“

און טאַקע גלײַך נאָך דעם האָט עפּעס אַ פֿאַרשױן אַרופֿגעלײגט אַפֿן פּרינצס אַקסל אַ האַנט, גרײט אױסצופֿירן די גוטע אײצע. אָבער אין דער זעלביקער מינוט האָט דער אומבאַקאַנטער אַרױסגעצױגן זײַן שװערד און דערלאַנגט דעם פֿאַרשױן אַזאַ זעץ מיט דער פֿלאַכער זײַט שװערד איבערן קאָפּ, אַז ער האָט, װי אַ סנאָפּ, אַ פֿאַל געטאָן צו דער ערד.

— האַרגעט דעם הונט! האַרגעט אים! טױט אים! — האָט געשריִען דער המון, אַרומרינגלענדיק דעם אומבאַקאַנטן פֿון אַלע זײַטן. ער איז הינטערװײַלעכס אָפּגעטראָטן צו אַ װאַנט און, װי אַ װילדער, גענומען פֿאָכען מיט זײַן לאַנגער שװערד רעכטס און לינקס. זײַנע קאָרבאָנעס זײַנען געפֿאַלן פֿון אַלע זײַטן, אָבער דער צערײצטער המון האָט געטראָטן איבער זײערע קערפּערס און נאָך מיט מער רעציכע געריסן זיך צום קעמפֿער. עס האָט אױסגעזען, אַז זײַנע מינוטן זײַנען

געציילט און זײַן פארניכטונג — אומפארמײַדלעך, ווען עס האָט זיך מיטאמאָל דערהערט א טרומייטנ־סיגנאל, און א הערא̇לד האָט אויסגערופנ: „מאכט א וועג פאר דעם קיניגס שאָליעכ“, — און א מאכנע רײַטער האָט זיך ארײַנגעשניטנ צווישנ האמונ, וואָס איז זיך צעלאָפנ אינ אלע זײַטנ, אזוי גיכ ווי די פיס האָבנ נאָר געקאָנט טראָגנ. דער מוטיקער אומבאקאנטער האָט א כאפ געטאָנ דעם פרינצ אינ זײַנע אָרעמס, און אינ א מינוט ארום איז ער שוינ געווענ ווײַט פונ האמונ און פונ יעדער געפאר.

איצט לאָמיר זיך אומקערנ צום ראָטהויז.

פלוצעמ, אינ רעכטנ מיטנ יאָנטעוו, האָט אלע פרייד־געשרייענ און דעמ מאָלצײַט־טומל פארהילכט א קלאָרער האָרנ־רופ. אינ זאל איז גלײַכ שטיל געוואָרנ, עס האָט זיך בלויז געהערט אייניינציק קאָל, — דאָס קאָל פונ דעמ הויפ־קוריער, וואָס האָט עפעס פאָרגעלייענט. די גאנצע פארזאמלונג האָט אימ אויסגעהערט שטייענדיק.

די לעצטע ווערטער זײַנע זײַנענ געווענ:

— דער קיניג איז טויט!

אינ דער גרויסער פארזאמלונג האָבנ אלע ווי אײנער אָנגעבויגנ זייערע קעפ און זײַנענ אזוי פארבליבנ עטלעכע מינוט, נאָכדעמ האָבנ זיך אלע אראָפגעלאָזנ אפ די קני, אויסגעשטרעקט זייערע הענט צו טאָמענ, און א מעכטיקער אויסגעשריי, פונ וועלכנ די גאנצע געבײַדע האָט ווי א ציטער געטאָנ, האָט פארהילכט דעמ זאל:

— לאנג לעבנ זאָל דער קיניג!

טאָמ האָט מיט אויפגעריסענע אויגנ געקוקט אפ דעמ פארבלענדנדיקנ בילד פאר זיך. דערנאָכ האָט זײַנ פארכאָלעמטער בליק אָפגעשטעלט זיך אפ די פרינצעסנס, וואָס האָבנ געקניט לעבנ זײַנ זײַט, און צום סאָפ — אפ זײַנ „פעטער“ דעמ גראפ פונ הערטפאָרד.

זײַנ פאָנעמ האָט פלוצעמ אָנגענומענ אנ אויסדרוק פונ פעסטנ באַשלוס, און, אָנבייגנדיק זיך צו לאָרד הערטפאָרדס אויער, האָט ער אימ שטיל געזאָגט:

— זאָג מיר דעמ עמעס, אפ דײַנ ערע און געוויסנ! ווענ איכ זאָל דאָ אָפגעבנ א באפעל, וואָס נאָר א קיניג האָט דאָס רעכט און פרייוויליקע אָפצוגעבנ, וועט ער אויסגעפילט ווערנ, און קיינער וועט זיך ניט אנטקעגנשטעלנ צו זאָגנ: ניינ?

— קיינער אין דער גאנצער מעלוכע, מײַן הערשער, איז דײַן פארזאגן באפעלט די מאיעסטעט פון ענגלאנד, דו ביסט קיניג — דײַן וואָרט איז געזעץ!

דאן האָט טאָמ אין א שטארק ערנסטן טאָן געזאָגט:

— אויב אזוי, זאָל זײַן פון הײַנט אָן דעם קיניגס געזעץ זײַן א געזעץ פון גנאָד און בארעמהארציקײַט, און ניט קיין געזעץ פון בלוט! שטיי אויף און גיי! לויף גשווינד אין געפענקעניש און לאָז וויסן דעם קיניגס ווילן: דער לאָרד נאָרפאָלק וועט ניט שטארבן!

— דער לאָרד נאָרפאָלק זאָל ניט שטארבן!

די דאָזיקע ווערטער זײַנען אונטערגעכאפט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל, ווײַט און ברייט איבערן גאנצן זאל, און ווען דער לאָרד הערטפאָרד איז אוועק אויספילן דעם קיניגס שליכעס, האָט זיך דערהערט א צווייטער דונער־געשריי:

— די הערשאפט פון בלוט איז געענדיקט! לאנג לעבן זאָל עדוארד, דער קיניג פון ענגלאנד!

צוועלפטער קאפיטל

דער פרינצ און זײַן דערלייזער

ווי נאָר מײַלס הענדאָן און דער קליינער פרינצ האָבן זיך ארויסגעריסן פון האמויג, אזוי האָבן זיי זיך געלאָזן דורך הינטערגעסלעך צום טײַך־צו. זיי האָבן אומגעשטערט דערגרייכט די לאָנדאָנער בריק,[13] וווּ זיי האָבן זיך ווידער ארײַנגעשניטן צווישן אוילעם. הענדאָן האָט די גאנצע צײַט ניט אָפּגעלאָזט דעם פרינצס — ניין, דעם קיניגס — האנט. די שרעקלעכע נײַעס איז שוין געווען אומעטום באוווּסט, און דאָס יינגל האָט פון טויזנטער מײַלער געהערט „דער קיניג איז טויט!" „דער קיניג איז טויט!" דעם קליינעם וואנדערערס הארץ איז פארגליווערט געוואָרן פון דער טרויעריקער ידיעה, און א שוידער איז דורכגעגאנגען איבער זײַן לײַב. ער האָט באגריפן, וואָס פאר א גרויסער פארלוסט דאָס איז פאר אים, און זײַן נעשאָמע איז פארזונקען געוואָרן אין טיפן צאר, ווײַל דער גרויזאמער טיראן, וואָס האָט אפּ

אונדזערע פרײַנט האָבן זיך לאנגזאם דורכגעשלאָגן א וועג.

אלעמענ א מוירע געוואָרפנ, איז צו אימ שטענדיק צארט געווענ. זײַנע אויגנ זײַנענ פול געוואָרנ מיט טרערנ, וואָס האָבנ אלצ פארנעפלט ארומ אימ. איינ ווײַלע האָט ער זיך געפילט דער פארלאָזנסטער, עלנטסטער און פארגעסנסטער פונ גאָטס באשעפעניש. אָבער באלד האָט א צווייטער דונער־געשריי דורכגעשניטנ די נאכט: „לאנג לעבנ זאָל דער קיניג עדוארד דער זעקסטער!" — און דאָס האָט אָנגעצונדנ א פײַערל אינ זײַנע אויגנ און דורכגענומענ זײַנ גאנצנ קערפּער ביז די שפּיצ פינגער מיט שטאָלצ. „אכ, — האָט ער געקלערט, — ווי גרויס און מערקווירדיק דאָס זעט אויס — איכ בינ קיניג!"

אונדזערע פרײַנט האָבנ זיך לאנגזאמ דורכגעשלאָגנ א וועג דורכ דעמ מענטשנ־געדראנג, ביז זיי האָבנ זיך דערשלאָגנ צו דער בריק.

אָט די בריק, וואָס איז שוינ געשטאנענ זעקס הונדערט יאָר און איז שטענדיק געווענ א טומלדיק און לעבהאפט דורכגאנגסאָרט, איז געווענ קעדײַ אָנצוקוקנ: די בריק איז געווענ א מינ שטאָט פאר זיך. פונ ביידע זײַטנ בריק האָבנ זיך געצויגנ אלערליי קראָמענ און סקלאדנ מיט דירעס פונ אויבנ: די בריק האָט געהאט איר אייגענע אכסאניע, אירע אייגענע ביר־שענקענ, אירע בעקערײַענ, אירע באקאליי־געוועלבלעכ, איר שפּײַז־מארק, אירע ווארשטאטנ און אפילע איר אייגענע קירכ. אפ אירע צוויי שכיינים, — לאָנדאָנ און סאוטוואָרק, — וואָס זי האָט פארייניקט צוזאמענ, האָט זי געקוקט ווי אפ צוויי פאָרשטעט, ניט מער. דאָס איז געווענ, אזוי צו זאָגנ, א מינ באזונדערע קאָרפּאָראציע — אנ ארט קליינע שטאָט, וואָס איז באשטאנענ פונ איינ גאס, אנ ערעכ א פינפטל מײַל די לענג. געוווינט האָט מענ ווי אינ א דאָרפ, און איינער האָט געקענט דעמ צווייטנ אויסגעבונדנ, מיט די טאטעס און מאמעס און אלצ, וואָס עס קאָכט זיך בײַ יענעמ א : טעפל, אלס צוגאָב. די בריק האָט, פארשטייט זיך, געהאט איר אייגענע אריסטאָקראטיע — ייִכעסדיקע אלטע מישפּאָכעס פונ קאצאָווימ, בעקער, וואָס האָבנ אינ מעשעכ פונ פינפ אָדער זעקס הונדערט יאָר, דאָר נאָכ דאָר, געוווינט אינ די זעלביקע אלטע דירעס און געוווסט די גאנצע טשיקאווע געשיכטע פונ דער בריק, פונ אָנהייב ביזנ סאָפ. די דאָזיקע ייִכעסדיקע בריק־אײַנוווינער האָבנ געהאט זייער אייגע=

נעמ בריק=לאָשנ, געדעקט אפ זייער אייגענעמ בריק=שטייגער און ליגנ געזאָגט א סאכ, מיט טאמ און מיט גרונט, גאָר אפ א באזונדערנ אויפנ, ווי עס קאָנענ נאָר ליגנ זאָגנ בריק=מענטשנ. דערצו זײַנענ זיי געווענ טעמפּ, אומוויסנדיק און גוואלדיק צופרידנ מיט זיכ אליינ. קינדער זײַנענ דאָרטנ געבאָרנ געוואָרנ, אויסגעהאָדעוועט זיכ, כאסענע געהאט, געעלטערט זיכ און געשטאָרבנ, קיינ איינ מאָל ניט אריבערשטעלנדיק א פוס אויסער דער לאָנדאָנער בריק. עס פארשטייט זיכ, אז אזעלכע מענטשנ זײַנענ זיכער געווענ, אז אָט די מענגעס מענטשנ, וואָס באוועגנ זיכ טאָג און נאכט איבערנ בריק, מיט דעמ מישמאש פונ קוילעס און געשרייענ, מיט דער הירזשערײַ פונ פערד, מיט דעמ מעקענ פונ בעהיימעס און שעפּסנ, מיט דער אייביקער טופעריי פונ פיס, — איז דאָס וויכטיקסטע אפ דער וועלט, און אז זיי זײַנענ קימאט די באלעבאטימ איבער דעמ אלעמענ. און אויב איר ווילט, זײַנענ זיי טאקע געווענ די באלעבאטימ. וואָרעמ ווער נאָכ האָט געקאָנט אָנקוקנ פונ פענצטער די באוועגונג, ווי זיי? בעשאס עפּעס א פאראד, אשטייגער, ווענ א קיניג אָדער אנ אנדער טאָג=העלד איז דורכגעפאָרנ די גאסנ, האָבנ זיי פאר א געוויסנ געצאָלט, ס'פארשטייט זיכ, געלאָזנ אנדערע אָנקוקנ די פראָצעסיע דורכ זייערע פענצטער. ווײַל, בעעמעס, איז אינ גאנצ לאָנדאָנ קיינ אנדער אָרט ניט געווענ, וווּ מע זאָל אזוי גוט קאָנענ זענ א פראָצעסיע אינ איינ לאנגער, אומגעשטערטער שורע, ווי אפ דער בריק.

מענטשנ, וואָס זײַנענ געבאָרנ געוואָרנ אפ דער בריק, האָבנ געהאלטנ דאָס לעבנ ערגעצ אנדערש פאר אומדערטרעגלעכ לאנגווײַליק און פוסט. די געשיכטע דערציילט אונדז פונ איינעמ, וואָס האָט אפנ איינ=און=זיבעציקסטנ יאָר פונ זײַנ לעבנ דאָס ערשטע מאָל פארלאָזנ די בריק און איז אוועקגעפאָרנ אינ דאָרפ דערלעבנ זײַנע יאָרנ אינ רו. אָבער ער האָט דאָרט קיינ רו ניט געפונענ. גאנצע נעכט האָט ער זיכ געוואָרפנ און געשלײַדערט אינ בעט און ניט געקאָנט אײַנשלאָפנ, — אזוי האָט אימ געדריקט און געפּײַניקט און געשראָקנ די דאָרפישע שטילקייט. ווענ ער האָט שוינ מער קיינ קויעכ ניט געהאט אויסצוהאלטנ, איז ער צוריקגעלאָפנ אינ זײַנ אלטער היימ — א טויטער מענטש, אנ עמעסער סקעלעט, און דאָ ערשט האָט ער געפונענ זײַנ רו אינ זיסנ שלאָפ, אונטער דער פארוויגנ=

דיקער מוזיק פונ די פליענדיקע כוואליעס, אונטער דעמ טומל, קלאפערײ אונ דונער פונ דער לאָנדאָנער בריק.

צו יענע צײטנ האָט די לאָנדאָנער בריק געגעבנ אירע אײנוווינער— איבערהויפט די קינדער—„אָנשוילעכע לעקציעס" פונ געשיכטע אינ דער געשטאלט פונ שווארצ-בלויע, האלב-צעפוילטע קעפ פונ באוווסטע מענטשנ, וואָס האָבנ געשטעקט אפ די אײזערנע שטאכעטנ פונ די בריק-טויערנ.

גאָר לאָמיר זיכ צוריק אומקערנ צו אונדזער געשיכטע.

הענדאָנ האָט געהאלטנ סטאנציע אינ דער קלײנער אכסאניע, וואָס אפ דער בריק. ווענ ער איז מיט זײנ קלײנעמ פרײנט צוגעגאנגענ צומ טיר פונ דער אכסאניע, האָט ער דערהערט, ווי א גראָבע שטימ האָט געזאָגט:

— אזוי, פאָרט אמאָל געקומענ! מער וועסטו, דאכט זיכ, ניט אנטלויפנ, קאָנסט זײנ זיכער. איכ'ל פונ דײנ זעקל בײנער מאכנ א פודינג, וועסטו עפשער ניט לאָזנ אונדז אזוי לאַנג ווארטנ דאָס צווײטע מאָל! — אונ דזשאָנ קענטי האָט שוינ אויסגעצויגנ זײנ האנט אָנצונעמענ דאָס ײנגל.

מײלס הענדאָנ האָט אימ פארשטעלט דעמ וועג אונ געזאָגט:

— ניט אזוי האסטיק, מײנ פרײנט. אומזיסט, רעכנ איכ, ביסטו אזוי גראָב. וואָס געהערט זיכ דאָס ײנגל אָנ מיט דיר?

— אויב דו דארפסט זיכ דאפקע מישנ אינ פרעמדע אײסאָקימ, איז ער מײנ זונ.

— ס'איז א ליגנ! — האָט מיט היצ אויסגעשריענ דער קלײנינקער קיניג.

— דרײסט געזאָגט, מײנ ײנגל! אונ איכ גלײב דיר, מעג דײנ קעפל זײנ קלאָר אָדער צעדרײט. גאָר, ווי די מײסע איז, מעג דער דאָזיקער געמײנער קאָפּ-שנײדער יאָ זײנ דײנ פאָטער אָדער ניט — אימ גיב איכ דיכ ניט אָפ, ער זאָל דיכ פײניקנ אונ שלאָגנ, ווי ער האָט נאָרוואָס געסטראשעט, אויב דו ווילסט בעסער בלײבנ מיט מיר, ס'פארשטײט זיכ.

— איכ וויל, איכ וויל! איכ קענ אימ ניט, איכ קענ אימ ניט אָנקוקנ, איכ וועל בעסער שטארבנ, אײדער גײנ מיט אימ.

— אויב אזוי, איז די זאכ געענדיקט! ניטאָ מער וואָס צו רײדנ.

— דאָס וועלנ מיר נאָכ זענ, — האָט דזשאָנ קענטי אויסגעשריִענ, — איכ וועל אימ מיט געוואַלט...

— באַריר נאָר אימ, דו שמוציקער מענטשנ-אָפּפאַל, שפּאַלט איכ דיכ, ווי א גאַנדז! — האָט הענדאָנ א זאָג געטאָנ און, שטעלנדיק זיכ צווישנ קענטינ און דעמ יונגנ קיניג, האָט ער אַראָפּגעלייגט די האַנט אויפ הענטל פונ זײַנ שווערד. — נו, הער נאָר, — האָט הענדאָנ ווײַטער געזאָגט. — איכ האָב גענומענ דאָס יינגל אונטער מײַנ שוץ, ווענ א האַמויִנ אַזעלכע נעפּאַשעס, ווי דו, זײַנענ אימ באַפאַלנ און וואָלטנ אימ עפּשער געהאַרגעט. מייִנסטו, אַז איכ וועל אימ איצט איבערגעבנ צו נאָכ אַנ ערגערנ גורל? וואָרעמ, צי ביסטו זײַנ פאָטער אָדער ניט, — און דעמ עמעס גערעדט, גלייב איכ, אַז דו לײַגסט, — איז א בעקאָוועדיקער לײַכטער טויט בעסער פאַר דעמ יינגל, ווי לעבנ אינ די הענט פונ אַזאַ חײַע ווי דו ביסט. טאָ גיי זשע בעסער דײַנ וועג און וואָס גיכער, וואָרעמ איכ האָב פײַנט פוסטע רייד און בינ ניט צו געדולדיק בעטעווע אויכ.

מיט קלאָלעס און זידלערײַ איז דזשאָנ קענטי אָפּגעטראָטנ און איז פאַרשוווּנדנ געוואָרנ אינעמ האַמויִנ. הענדאָנ מיט זײַנ קליינעמ פרײַנט האָט זיכ אויפגעהויבנ אויפנ דריטנ שטאָק צו זיכ אינ צימער, באַשטעלנדיק, פאַרבײַגייענדיק, א מאָלצײַט.

דאָס אָרעמע צימערל מיט זײַנ ביסעלע אַלט מעבל איז באַלויכטנ געווענ פונ א פּאָר דינע ביילעווי-ליכטלעכ. דער קליינער קיניג האָט זיכ קוימ דערשלעפּט צומ בעט און האָט א פאַל געטאָנ אויפ דעמ, אָנ קויכעס פונ מידקײַט און הונגער. ער איז געווענ אויפ די פיס קימאַט א גאַנצנ טאָג און א גאַנצע נאַכט, — ס'איז שוינ געווענ צוויי אָדער דרײַ אַזייגער פאַרטאָג, — און ער האָט די גאַנצע צײַט קיינ טראָפּנ וואַסער אינ מויל ניט געהאַט. ער האָט שלעפעריק געמורמלט:

— איכ בעט דיכ, וועק מיכ אויפ, ווענ דער טיש וועט זײַנ געגרייט, — און איז גלײַכ אַרײַנגעפאַלנ אינ א טיפנ שלאָפ.

א שמייכל האָט דורכגעשוועבט אינ הענדאָנס אויגנ און ער האָט צו זיכ אַליינ געזאָגט:

— אויפ מײַנ וואָרט, דאָס קליינע בעטלערל פאַרקלײַבט זיכ אינ א פרעמדער דירע, פאַרנעמט יענעמס בעט, ווי זײַנ אייגנס, און זאָל ער עס כאָטש זאָגנ: „זײַט מויכל" אָדער „האָט קיינ פאַריבל ניט".

אינ זײַנ מעשוגאס האָט ער זיכ אָנגערופנ דער פרינצ פונ אועלמ, אונ מע מוז צוגעבנ, אז ער שפילט די ראָל פונ א פרינצ נִיט שלעכט. אָרעמ, אָרעמ שוצלאָז מײַזל! קײנ סאָפעק ניט, שלעכטע באהאנדלונג האָט אימ פונ זינענ אראָפגעפירט. װעל איכ זײַנ זײַנ פרײַנט. איכ האָב אימ געראַטעװעט, אונ עפּעס ציט מיכ צו אימ. איכ האָב שױנ גאָר ליב דעמ קלײנעמ, דרײסטנ בעװורעמאַנ. װי העלדיש ער האָט זיכ א ביסל אנטקעגנגעשטעלט די שמוציקע לומפּנ, אונ מיט װאָס פאר א שטאָלצ ער האָט א ביסל געװאָרפנ דער באנדע זײַנ פאראכטונג! אונ װאָס פאר א שײנ, ליב אונ מילד פּנעמל ער האָט איצט, װענ דער שלאָפ האָט פונ אימ אָפּגעװישט זאָרג אונ צאר. איכ װעל אימ לערנענ, איכ װעל אימ אױסהײלנ פונ זײַנ קראנקײַט; יאָ, איכ װעל זײַנ זײַנ עלטערער ברודער, זאָרגנ פאר אימ אונ אופּפּאסנ אפ אימ. אונ טאָמער װעט אימ װער באלײדיקנ אָדער אָנרירנ, מעג יענער אָנגרײטנ טאכריכימ.

ער האָט זיכ אָנגעבױגנ איבערנ יינגל אונ באטראכט אימ מיט א פרײַנטלעכנ אונ ראכמאָנעסדיקנ בליק, גלעטנדיק צערטלעכ זײַנ קעפּל אונ פאריכטנדיק די צעשױבערטע קרײַזלעכ מיט זײַנ גרױסער פארברױנטער האנט. א לײַכטער שױדער איז דורכגעגאנגענ איבער דעמ יינגלס קערפּער.

— זע נאָר, — האָט הענדאָנ צו זיכ אלײנ געזאָגט, — דער פּײַנער מאנ װאָס איכ בינ: געלאָזנ אימ ליגנ ניט צוגעדעקט, ער זאָל זיכ נאָכ פארקילנ! װאָס טו איכ דאָ? זאָל איכ אימ אױסבעטנ האָס בעט, װעט ער זיכ אופּכאפּנ, אונ ער נײטיקט זיכ אזױ אינ א רעכטנ שלאָפ!

ער האָט זיכ ארומגעקוקט ארומ זיכ, אָבער ער האָט קײנ זאכ ניט געפונענ, מיט װאָס צוצודעקנ האָס יינגל. ער האָט ניט לאנג געטראכט אונ אראָפּגענומענ פונ זיכ דעמ קאמזױל, זאָגנדיק: „איכ בינ שױנ געװױנט צו ביטערער קעלט אונ שלעכטער קלײדונג, מיר װעט עס ניט שאטנ“, — אונ גענומענ שפּאַנ איבערנ צימער אהינ אונ צוריק, קעדײ אָנצוװאַרעמענ זיכ, אונ רײדנדיק צו זיכ אָנ אופהער:

— זײַנ קראנקער מארכ שטעלט זיכ פאָר, אז ער איז דער פּרינצ פונ אועלס. ס'װעט זײַנ מאָדנע צו האָבנ דאָ בא מיר א טראָנפאָלגער איצט, װענ דער יעניקער, װאָס איז געװענ דער פּרינצ פונ אועלס, איז

שוין איצט קיניג. אָבער זײַן קראַנקער מאַרך האָט זיך אײַנגערעדט נאָר איין פֿאַנטאַזיע, אַז ער איז דער פּרינץ פֿון אועלס, און אים פֿאַלט ניט אײַן, אַז איצט דאַרף ער זיך שוין אָנרופֿן ניט פּרינץ, נאָר קיניג... אויב נאָך די זיבן יאָר, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין פֿרעמדע לענדער אין געפֿענקעניש און האָב ניט געהאַט קיין שום ידיעות פֿון דער היים, וועל איך נאָך געפֿינען מײַן פֿאָטער לעבעדיק, — וועט ער געוויס אויפֿנעמען דאָס אָרעמע יינגל און געבן אים אַן אָרט אונטער זײַן דאַך צוליב מיר. דאָסגלײַכן וועט טאָן מײַן עלטערער ברודער אַרטור. מײַן צווייטער ברודער היו — זאָל ער נאָר פּרוּוון ניט לאָזן, אַט די פֿוקסהאַרציקע, מיִעסע באַשעפֿעניש, וועל איך אים דעם קאָפּ צעשפּאַלטן. יאָ, אַהין, צו מײַן פֿאָטער אַהיים וועלן מיר פֿאָרן. און טאַקע גלײַך.

אַ דינער האָט אַרײַנגעטראָגן אַ הייס געריכט, אַוועקגעשטעלט עס אויף אַ קליינעם סאָסנאָווע טישל, צוגעשטעלט שטולן און איז אַרויסגעגאַנגען, האַלטנדיק, אַז אַזעלכע ביליקע אָרכים קענען זיך אַליין באַדינען.

דער קלאַפּ מיטן טיר האָט אויפֿגעוועקט דאָס יינגל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן בעט און געוואָרפֿן אַ צופֿרידענעם בליק אַרום זיך. נאָר באַלד האָט זײַן פּאָנעם אויסגעדריקט צאַר, און ער האָט מיט אַ טיפֿן זיפֿץ געמורמלט צו זיך אַליין: „אָ, עס איז געווען ניט מער ווי אַ כאָלעם, וויי איז צו מיר!“ דאָ האָט ער באַמערקט מײַלס הענדראָנס קאַמזויל, האָט געוואָרפֿן אַ בליק פֿונעם קאַמזויל צו הענדראָנען, האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ קאָרבן ס'איז פֿאַר אים דאָ געבראַכט געוואָרן, און האָט צערטלעך געזאָגט:

— דו ביסט גוט צו מיר, יאָ, דו ביסט זייער גוט צו מיר, נעם און טו דאָס אָן. איך וועל עס שוין מער ניט דאַרפֿן.

דאַן איז ער אויפֿגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום וואַש־טיש און געבליבן שטיין וואַרטנדיק.

— מירן דאָ באַלד עסן געשמאַקן הייסן סופּ! — האָט הענדראָן פֿריילעך געזאָגט, — מירן דאָס אַ ביסל אַ קײַ טאָן. אַלץ איז אַזוי געשמאַק און זודיק. דער דרעמל, וואָס דו האָסט געכאַפּט, און דער מאָלצײַט וועלן דיך ווידער מאַכן פֿאַר אַ לײַט, וועסט זען!

דאָס יינגל האָט ניט געענטפֿערט. ער האָט אויפֿמערקזאַם, מיט ווונ=

דער און אפילע א ביסל אומגעדולדיק א קוק געטאָן אפ דעם הויכן ריטער מיט זײַן שווערד. הענדראָן האָט איבעראַשט געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

— סער, איך וואָלט געוואָלט אײַנוואַשן זיך.

— אָ, איז דאָס גאָר! פרעג בא מײַלס הענדראָנען קײן דערלויבעניש נים, אויב דו ווילסט עפּעס. זײַ ווי בא זיך אין דער הײם און באַלעבאַטעווע איבער אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט.

דאָס יינגל האָט ווײַטער גאָרניט געענטפערט און ניט גערירט זיך פון אָרט. נאָך מער, ער האָט א פאָר מאָל אומגעדולדיק א טופּע געטאָן מיט זײַן קלײנעם פיסל אָן דיל. הענדראָן איז געווען גאָר פאַרוווּנדערט און האָט געזאָגט:

— גאָט איז מיט אונדז! וואָס איז געשען?

— זײַ אזוי גוט, גיס אוף וואַסער און פּלוידער ניט אזויפיל!

קוים אײַנהאַלטנדיק זיך פון געלעכטער און זאָגנדיק צו זיך אַלײן: „איך שווער בא אַלע הײליקע, ס'איז גרויסאַרטיק!" — איז הענדראָן גיך צוגעשפּרונגען, אויסגעפילט דעם קלײנעם חוצפּעדיקן גאַסטס געבעט, און איז געבליבן שטײן, ווי א פאַרגליווערטער, ביז דער באַפעל: „נו, א האַנטעך!" — האָט אים ניט צו זיך געבראַכט. ער האָט גענומען א האַנטעך באַם יינגל אונטערן סאַמע נאָז און דערלאַנגט אים אָן ווערטער. דערנאָך איז ער אַלײן צוגעגאַנגען וואַשן זײַן פּאָנעם. אין דער צײַט, ווען ער האָט עס געטאָן, האָט זיך זײַן אדאָפּטירט קינד געזעצט צום טיש און געוואָלט נעמען עסן. הענדראָן איז דערווײַל פאַרטיק געוואָרן מיטן וואַשן זיך, גענומען דעם צווייטן שטול און אויך געוואָלט צוזעצן זיך צום טיש, אָבער דאָס יינגל האָט מיט פאַריבל א געשריי געטאָן:

— האַלט אָפּ! ווילסטו זיך זעצן אין דעם קיניגס קעגנוואַרט?

דער קלאַפּ האָט געטראָפן הענדראָנען ביזן בײן. ער האָט געמורמלט צו זיך אַלײן: „יאָ, אָרעמס קינד, זײַן משוגעת שטימט מיט דער צײַט. עס האָט זיך געביטן צוזאַמען מיט דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מלוכה, און איצט שטעלט ער זיך פאָר, אז ער איז קיניג. מײַלע, וואָס זאָל מען טאָן, איך מוז אים שוין דאָס אויך נאָכגעבן. אז ניט — קאָן ער מיך נאָך הײסן אַרײַנזעצן אין „טורמע".

און צופֿרידן מיט דעם שפּאַס, האָט ער אָפּגערוקט דעם שטול פֿון טיש, געשטעלט זיך הינטער דעם קיניגס שטול און אָנגעהויבן באַדינען אים.

אין דער צײַט, ווען דער קיניג האָט געגעסן, איז זײַן קיניגלעכער שטאָלץ אַ ביסל ווייכער געוואָרן, און וואָס מער ער האָט געזעטיקט זײַן הונגער, אַלץ מער אויפֿגעלייגט איז ער געוואָרן צו ריידן.

— דערצייל מיר דײַן ביאָגראַפֿיע.

— מיר דאַכט, אַז דו האָסט זיך אָנגערופֿן מײַלס הענדאָן, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט? — האָט ער געזאָגט צו הענדאָנען.

— ריכטיק, אײַער מאַיעסטעט! — האָט הענדאָן געענטפֿערט, זאָגנדיק צו זיך אַליין: „אויב איך מוז שוין נאָכגעבן דעם אָרעמען יונגלס מעשוגאַס, מוז איך אים שוין רופֿן „קיניג“ און „אײַער מאַיעסטעט“. אָפּשטעלן זיך אינמיטן וועג טויג ניט, אַז ניט קאָן איך גאָר קאַליע מאַכן דעם גוטן טאַט, וואָס איך טו“.

דער קיניג האָט דערוואַרעמט זײַנ האַרצ מיט א צווייטער גלאָז ווײַנ און געזאָגט:

— איכ וואָלט געוואָלט וויסנ, ווער דו ביסט. דערציילְ מיר דײַנ ביאָגראַפיע. דו האָסט א נאָבעלנ אויסזענ און מאַנירנ. שטאַמסטו פונ אדל־לײַט?

— מיר געהערנ צו דער קלענערער אַריסטאָקראַטיע, אײַער מאַיעסטעט. מײַנ פאָטער איז א באַראָנעט — איינער פונ די יינגערע לאָרדנ — סער ריטשאַרד הענדאָנ פונ הענדאָנ־שלאָס אינ קענט.

— דער נאָמענ איז מיר ארויס פונ זיקאָרנ. דערצייל ווײַטער.

— ניט קיינ סאַכ צו דערציילנ, אײַער מאַיעסטעט. דאָכ וועט עס, עפשער, פאַרווײַלנ אײַער מאַיעסטעט א וואָסער האַלבע שאָ, ווענ ס'איז קיינ אנדער פאַרווײַלונג ניטאָ. הייסט עס, הייב איכ אָנ. מײַנ פאָטער סער ריטשאַרד איז זייער רײַכ און זייער גרויסמוטיק. מײַנ מוטער איז געשטאָרבנ, ווענ איכ בינ נאָכ געווענ א קינד. איכ האָב צוויי ברידער: אַנ עלטערנ — אַרטור, מיט א כאַראַקטער אינ פאָטער געראָטנ, און היו, יינגער פונ מיר — א נידעריקער נעפעש, א ניט־פאַרגינער, א פאַרדאָרבענער, א פאַלשער, א פאַרשלאָסענער, מיט איינ וואָרט, — א מיעסער מענטש! אזא איז ער געווענ פונ וויגל אָנ און אזא איז ער געווענ מיט צענ יאָר צוריק, ווענ איכ האָב אים צום לעצטנ מאָל געזענ. צו נײַנצנ יאָר איז דאָס געווענ א פאַרטיקער טויגעניכצ מיט אלע ברעקעלעכ. איכ בינ דעמאָלט אַלט געווענ צוואַנציק און מײַנ ברודער אַרטור — צוויי און צוואַנציק יאָר, אַכוצ אונדז האָט בא אונדז געוווינט מײַנ קוזינע עדיט — זי איז דעמאָלט אַלט געווענ זעכצנ יאָר — א בילד־שיינ, צאַרט, גוטהאַרציק מיידל. א טאָכטער פונ א גראַפ, די לעצטע אינ דער מישפּאָכע, א יורעשטע פונ א גרויס פאַרמעגנ און א טיטול, ווײַל אינ דער מישפּאָכע זײַנענ קיינ מאַנצבילענ ניטאָ. איכ האָב זי געליבט און זי האָט מיכ געליבט, אָבער זי איז פאַרקנאַסט געווענ מיט מײַנ ברודער אַרטור נאָכ פונ וויגל, און מײַנ פאָטער סער ריטשאַרד וואָלט בעשומויפנ ניט דערלאָזנ די טנאָים זאָלנ געבראָכנ ווערנ. אַרטור האָט געליבט אַנ אנדער מיידל און האָט אונדז אַלצ געזאָגט, מיר זאָלנ ניט פאַרלירנ דעמ מוט, און לעבנ מיט דער האָפענונג, אַז צײַט און מאַזל וועט אונדז נאָכ אַלעמענ ברענגענ גליק. היו האָט ליב געהאַט עדיטס פאַרמעגנ, כאָטש געזאָגט האָט ער,

אַז ער האָט ליב זי אַליין. אָבער דאָס איז שוין געווען זײַן טעווע צו זאָגן איין זאַך און מיינען עפּעס אַנדערש. אָבער זײַן גאַנצע מי איז געווען אומזיסט. ער האָט געקאָנט אָפּנאַרן מײַן טאַטער, אָבער ניט עמעצן אַנדערש. מײַן פֿאָטער האָט אים געליבט מער פֿון אַלע אַנדערע קינדער, ער האָט אים געטרויט און געגלייבט, ווײַל ער איז געווען דער יינגסטער און פֿון אַלעמען געהאַסט, און דאָס איז אין אַלע דורות געווען גענוג געווען צו געווינען אַ פֿאָטערס האַרץ. דערצו האָט ער נאָך פֿאַרמאָגט אַ גלאַט צינגל צו כאַנפֿענען און איז געווען אַ גרויסער בעריע אױף זאָגן ליגנס — צוויי זאַכן, וואָס העלפֿן שטענדיק אונטערצוהאַלטן בלינדע ליבע. איך, ווידער, בין געווען אַ ווילדער יונג — דעם עמעס געזאָגט — זייער אַ ווילדער, כאָטש, צוריק גערעדט, איז עס געווען אַן אומשולדיקע ווילדקײַט, מאַכמעס זי האָט קיינעם, אויסער מיר אַליין, ניט געשאַדט, האָט קיינעם קיין שאַנד ניט פֿאַרשאַפֿט, קיין שאָדן ניט אָנגעמאַכט און האָט אין זיך ניט געהאַט קיין סימען פֿון פֿאַרברעכן אָדער עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל שענדן דעם נאָמען פֿון אַן אָדעליקער פֿאַמיליע.

אָבער מײַן ברודער היו האָט גוט אויסגענוצט מײַנע כעסרוינעס. זעענדיק, אַז אַרטור איז שוואַך אין געזונט און האָפֿנדיק צו בלײַבן דער איינציקער יורעש, אויב איך וועל אָפּגעראַמט ווערן פֿון וועג, האָט ער — איבעריקנס, ס'איז אַ לאַנגע מײַסע, מײַן הערשער, און ניט ווערט צו הערן. בעקיצער, מײַן ברודער האָט אַזוי געמאַכט, אַז מײַנע כעסרוינעס זײַנען פֿאַרגעשטעלט געוואָרן ווי פֿאַרברעכנס. גע־ענדיקט האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט געפֿונען אין מײַן צימער אַ זײַדענעם שטריק־לייטער, — וואָס ער אַליין האָט אונטערגעוואָרפֿן, — און מיט דער הילף פֿון אונטערגעקויפֿטע דינער און אַנדערע אויסוואָרפֿן האָט ער אײַנגערעדט מײַן פֿאָטער, אַז איך האָב זיך געקליבן אַרויסצוגאַנווענען עדימען און כאַסענע האָבן מיט איר קעגן זײַן ווילן.

דרײַ יאָר פֿאַרוואָגלט זײַן ווײַט פֿון דער היים און פֿון ענגלאַנד וועט מיך מאַכן פֿאַר אַ זעלנער און פֿאַר אַ מענטש — האָט מײַן פֿאָטער געזאָגט — און וועט מיך לערנען כאָטש װיפֿל־ניט־איז סייכל.

אין דער לאַנגער צײַט פֿון מײַן פֿאַרוואָגלונג האָב איך געקעמפֿט אין אַ סאַך מילכאָמעס אין פֿאַרשיידענע לענדער, האָב געליטן הונגער און נויט, געהאַט אַלערליי צופֿאַלן און פּאַסירונגען. אין איין שלאַכט

בינ איכ גענומענ געוואָרנ געפאנגענ, אונ פאר די לעצטע זיבנ יאָר, וואָס זײַנענ פארבײַ אונ פארשווונדנ, איז א געפענקעניש אינ א פרעמד לאנד געווענ מײַנ היימ.

אדאנק מײַנ אײַנפאל אונ מוט איז מיר געלונגענ ארויסצורײַסנ זיכ אפ דער פרײַ אונ אנטלויפנ אהער. אונ אָט בינ איכ נאָרוואָס אָנגעקומענ אהער, אָרעמ, אָנ געלט אונ אָנ קליידער אונ נאָכ אָרעמער אינ יעדיעס פונ הענדאָנ-שלאָס, אונ איכ וויימ ניט, וואָס איז געוואָרנ מיט זײַנע אײַנגווינער. אָט איז מײַנ גאנצע טרויעריקע געשיכטע, אײַער מאיעסטעט.

— מע האָט דיכ מיִעס באאוולט! — האָט דער קליינער קיניג מיט א פײַער אינ די אויגנ געזאָגט. — אָבער איכ וועל דיר צוריקגעבנ דײַנע רעכט — איכ שווער באמ קרייצ, אז איכ וועל דאָס טאָנ! דער קיניג האָט אזוי געזאָגט!

אונ אָנ אופגעשרויפטער דורכ מײַלס הענדאָנס געשיכטע, האָט ער פאניאנדערגעלאָזנ זײַנ צונג אונ ארויסגעלייגט זײַנ אייגענע געשיכטע פאר דעמ איבעראשטנ צוהערער.

ווענ ער האָט געענדיקט, האָט מײַלס געטראכט:

„אוי וויי! וואָס פאר א פאנטאזיע ער האָט עס א ביסל! בענעמאָנעס, דאָס איז א קינד מיט ניט קיינ געוויינלעכנ סייכל; אז ניט וואָלט ער ניט געקאָנט — מעג ער זײַנ קלאָר אָדער מעשוגע — אויסקלערנ אזא גלאטע אונ לאנגע מײַסע גלאט פונ גאָרניט! אזא ראָמאנ זויגט מענ פונ פינגער ניט אויס אונ פונ דער לופט כאפט מענ עס אויכ ניט. אָרעמ, פארלאָרנ קעפל! ווי לאנג איכ לעב, וועט דיר קיינ פרײַנט אונ היימ ניט פעלנ. איכ וועל אימ ניט אָפלאָזנ פונ זיכ אפ א טריט, ער וועט זײַנ מײַנ ליבלינג, מײַנ קליינער כאווער. אונ ער וועט אויסגעהיילט ווערנ, — יאָ, ער וועט געזונט ווערנ אונ וועט זיכ נאָכ מאכנ א גרויסנ נאָמענ, אונ מיט שטאָלצ וועל איכ דעמלט זאָגנ: „יאָ, ער איז מײַנער! איכ האָב אימ גענומענ, א קליינעמ אָפגעריסענעמ שלעפער, אָבער איכ האָב געזענ, אז אינ אימ שטעקט עפעס אונ איכ האָב זיכ געזאָגט: זײַנ נאָמענ וועט נאָכ אמאָל קלינגענ אפ דער וועלט — קוקט זשע אימ אָנ. באטראכט אימ — בינ איכ ניט גערעכט געווענ?”

פארטראכט אונ לאנגזאמ האָט דער קיניג ווײַטער גערעדט:

— דו האָסט מיכ פארהיט פונ שפּאָט אונ שאנד, מעגלעכ — מײַנ לעבנ געראטעוועט אונ אזויארום — די קרוינ. אזא טאט פאָדערט א רײַכע באלוינונג. זאָג זשע דײַנ פארלאנג, אונ אלצ, וואָס עס איז אינ מײַנ קיניגלעכער מאכט, וועט אויסגעפילט ווערנ!

דאנ האָט ער א פאל געטאָנ אפ איינ קני.

דער דאָזיקער פאנטאסטישער פאָרשלאָג האָט ארויסגעשלאָגנ הענדאָנע פונ זײַנ פארטראכטקײַט. ער האָט געוואָלט באדאנקענ דעמ קיניג אונ זאָגנ, אז ער האָט בלויז געטאָנ זײַנ פליכט אלס בירגער, אונ אז אימ קומט קיינ לוינ דערפאר ניט, אָבער א מער פארנונפטיקער געדאנק איז אימ געקומענ אפנ זינענ, אונ ער האָט געבעטנ עטלעכע מינוט צײַט צו באטראכטנ דעמ גרויסמוטיקנ פאָרשלאָג, — א זאכ, וואָס איז דעמ קיניג שטארק געפעלנ.

— ס'איז גלײַכער ניט אײַלנ זיכ, ווענ עס האנדלט זיכ וועגנ אזא וויכטיקער זאכ, — האָט ער באמערקט.

מײַלס האָט א ווײַלע געטראכט אונ דערנאָכ געזאָגט צו זיכ אליינ: „יאָ, אזוי דארפ מענ טאָנ. אנדערש וועל איכ עס קיינמאָל ניט אויספירנ. פאר דער איינ שאָ האָב איכ זיכ איבערצײַגט, ווי שווער עס וואָלט געווענ ווײַטער אָנצופירנ די שפּיל. יאָ, איכ וועל עס אימ פאָרשלאָגנ. ווי גוט דאָס איז, וואָס איכ האָב זיכ ניט אָפּגעזאָגט פונ דער געלעגנהײַט".

דאנ האָט ער א פאל געטאָנ אָפ איינ קני אונ געזאָגט:

— דאָס, וואָס איכ האָב געטאָנ, איז ניט מער, ווי דער איינפאכער כויוו פונ יעדנ טרײַענ אונטערטאנער אונ האָט דעריבער קיינ שומ באדײַטונג ניט, נאָר אויב אײַער מאיעסטעט האלט, אז איכ פארדינ א וואָסער-ניט-איז באלוינונג, נעמ איכ זיכ דעמ מוט צו קומענ צו אײַער מאיעסטעט מיט דער דאָזיקער באקאָשע: קימאט מיט פיר הונדערט יאָר צוריק האָט, ווי אײַער מאיעסטעט איז באוווסט, צווישנ ד'זשאָנ דעמ קיניג פונ ענגלאנד אונ דעמ פראנצויזישנ קיניג געהערשט א גרויסע סינע. דעמלט איז באשלאָסנ געוואָרנ, אז ביידע קייסאָרימ זאָלנ ארויסשטעלנ צוויי קריגער, וואָס זאָלנ לייזנ דעמ סיכסעכ אינ פרײַענ פעלד, אינ אנ אזוי גערופענעמ גאָטס מישפּעט. אונ אָט זײַנענ געקומענ ביידע קיניגנ אונ מיט זיי אויכ דער שפּאנישער קיניג בײַזײַנ אונ אורטיילנ וועגנ דעמ רעזולטאט פונ קאמפ. דער ערשטער איז ארויס דער פראנצויזישער קעמפער. אָבער אזוי גרויזאמ איז געווענ זײַנ אויסזענ, אז קיינ איינער פונ די ענגלישע ריטער האָט זיכ ניט געקאָנט באשליסנ צו פארמעסטנ זײַנ געווער מיט אימ. אונ עס האָט געהאלטנ, אז דער זייער וויכטיקער קאָנפליקט זאָל זיכ ענדיקנ מיט א מאפּאָלע פארנ ענגלישנ קיניג. נו, גראָד אינ יענער צײַט האָט געשמאכט אינ געפענקעניש לאָרד דע-קאָורסי, דער שטארקסטער מענטש אינ ענגלאנד. בארויבט פונ אלע זײַנע טיטלענ אונ פונ זײַנע רײַכטימער, האָט ער לאנגע יאָרנ געדארפט שמאכטנ אינ געפענקעניש. האָט מענ זיכ צו אימ געווענדט מיט א באקאָשע, ער זאָל ארויס קעמפנ. ער האָט אײַנגעשטימט אונ איז ארויס אינ געווער אונ פאנצער, גרייט צו דער שלאכט. ווי נאָר אָבער דער פראנצויז האָט דערזענ דעמ מוירעדיקנ קעגנער אונ דערהערט דעמ בארימטנ נאָמענ זײַנעמ, — אזוי איז ער

אַנטלאָפן, ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן. און אַף אַזאַ אופן האָט דער ענגלישער קיניג געוווּנען דעם קאָנפליקט.

דער קיניג רזשאָן האָט אומגעקערט דעם לאָרד דע־קאָורסי זײַן פאַרמעגן און טיטלען און געזאָגט: „זאָג דײַן ווּנטש, און דו וועסט עס האָבן, מעג עס זײַן אַפילע קאָסטן אַ האַלבע מעלוכע", אַף וואָס דע־קאָורסי האָט, קנײַענדיק, געענטפערט: „אויב אַזוי, מײַן האַר, איז מײַן ווּנטש, אַז איך און אַלע דוירעס פון מײַן מישפּאָכע נאָך מיר זאָלן האָבן דעם זכוס צו בלײַבן מיט אַ צוגעדעקטן קאָפּ אין דער קעגנוואַרט פון די ענגלישע קיניגן פון הײַנט אָן און ווײַטער, ביז דער ענגלישער טראָן וועט עקזיסטירן". זײַן באַקאָשע איז, ווי אײַער מאַיעסטעט איז באַוווּסט, אויסגעפילט געוואָרן, און פאַר די גאַנצע פיר הונדערט יאָר האָט קיין איין מאָל ניט פּאַסירט, אַז עמעצער פון דער דאָזיקער אַלטער פאַמיליע זאָל אויסטאָן זײַן הוט אין דער קעגנוואָרט פון קיניג — אַ זאַך, וואָס קיין אַנדערער טאָר ניט טאָן. באַגרינגנדיק מײַן באַקאָשע מיט דעם דאָזיקן היסטאָרישן בײַשפּיל, טו איך בעטן דעם קיניג, ער זאָל מיר באַווײַזן זײַן גנאָד און געבן מיר דעם אײנציקן זכוס — וואָס דאָס וועט זײַן די גרעסטע באַלוינונג פאַר מיר, — אַז איך און מײַנע קינדס־קינדער זאָלן מעגן זיצן אין דער קעגנוואָרט פון די ענגלישע מאַיעסטעטן.

— שטיי אויף, סער מײַלס הענדאָן, ריטער! — האָט דער קיניג ערנסט געזאָגט, אַ קלאַפּ געבנדיק הענדאָנען מיט דער שווערד איבער־אַקסל, אַלס צייכן פון גנאָד און געשענקטן טיטל. — שטיי אויף און זעץ זיך. דײַן באַקאָשע איז אויסגעפילט. אַזוי לאַנג, ווי ענגלאַנד וועט זײַן ענגלאַנד און די קרוין וועט זײַן קרוין, וועט דויערן דײַן פּריווי־לעגיע.

זײַן מאַיעסטעט איז פאַרטראַכטערהייט דורכגעגאַנגען איבערן צי־מער, און הענדאָן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן שטול, זאָגנדיק צו זיך אַליין: „ס'איז געווען אַ גוטער אײַנפאַל, וואָס ס'עט מיר שטאַרק צוניץ קומען: מײַנע פיס טוען מיר גוט ווײ, און ווען ניט דער אײַנ־פאַל, וואָלט איך געדאַרפט שטיין וואָכן און וואָכן, ביז זונט ווערן. בין איך, הייסט עס, געוואָרן אַ ריטער פון באַלוימעס־קיניגרײַך! אַ מאָדנע לאַגע פאַר אַזאַ פּראַ ווי איך בין. אָבער איך וועל דערפון ניט שפּאָטי

הימנ. ווארעמ דאס, וואס פאר מיר איז שאטנס אונ כאלוימעס, איז פאר אימ די ווירקלעכקײַט. דאס באווײַזט נאר אפ זײַנ אײדעלנ כאראקטער אונ גרויסמוטיקײַט. א, אבער וואס וועט זײַנ, אויב ער וועט מיכ רופנ בא מײַנ נײַעמ טיטל פאר פרעמדע מענטשנ? שײנ וועל איכ דעמלט אויסזעענ מיט מײַנ הערלעכנ טיטל אונ מײַנע צעריסענע קלײדער! אבער ס'מאכט ניט אויס, זאל ער מיכ רופנ ווי ער וויל, ווי באלד עס געפעלט אימ. איכ וועל זײַנ צופרידנ״.

דרײַצנטער קאפיטל

דער פרינצ ווערט פארשווונדנ

א שלעפעריקײַט איז באפאלנ די צוויי פרינצנ.

דעמלט האט דער קיניג געזאגט:

— צי אראפ פונ מיר די שמאטעס! — מײנענדיק זײַנע קלײדער.

הענדאנ האט אנ שומ רייד גלײַכ אויסגעטאנ דאס ינגל אונ אוועקגעלײגט אימ שלאפנ. דאנ האט ער געווארפנ א בליק איבערנ צימער, זאגנדיק צו זיכ אלײנ: „ער האט ווידער פארנומענ מײַנ בעט, ווי פריער. מײלע, וואס קאנ איכ טאנ?״

דער קלײנער קיניג האט באמערקט זײַנ פארלעגנהײַט אונ האט עס אפגעפארטיקט מיט אײנ ווארט:

— דו וועסט שלאפנ בא מײַנ טיר אונ באוואכנ זי.

אינ א מינוט ארומ האט ער שוינ אינ א טיפנ שלאפ פארגעסנ אנ אלע זײַנע צארעס.

— מײַנער קינד, ער האט בעמעס געדארפט געבארנ ווערנ א קיניג! — האט הענדאנ מיט היספײַלעס געזאגט. — ער שפילט די ראל אויסגעצייכנט.

ער זיכ אויסגעצויגנ אפ דער פאדלאגע, זאגנדיק צופרידנ:

געהאט ערגערע דירעס פאר די לעצטע זיבנ יאר,

נ א זינד פאר גאט צו באקלאגנ זיכ אפנ איצטיקנ

אפנ, ווענ ס'האט שוינ אנגעהויבנ טאגנ. ארומ

האַלבן טאָג איז ער אופגעשטאַנען, האָט טײלװײַז אָפּגעדעקט דעם שלאָפנדיקן קיניג און מיט א שטריקל שטיל אראָפּגענומען פון אים א מאָס. דער קיניג האָט זיך אופגעכאַפּט ערשט דעמלט, װען די מאָס איז שױן געװען גענומען. ער האָט זיך באַקלאָגט, אז ס'איז אים קאַלט און געפרעגט הענדראָנען, װאָס ער טוט.

— שױן פּאַרטיק, מײַן הערשער, — האָט הענדראָן געזאָגט, — איך האָב עפּעס א געשעפטל אין גאַס, אָבער איך װעל זיך לאַנג ניט זאַמען. שלאָף דערװײַל װידער אײַן, — דו גײַטיקסט זיך אין שלאָף. אָט אזױ, לאָז, איך װעל דיך אײַנדעקן איבערן קאָפּ, װעסטו זיך גיכער אײַנװאַרעמען.

נאָך אײדער הענדראָן האָט געענדיקט רײדן, איז שױן דער קיניג צוריק געװען אין טרױמען־לאַנד. מײַלס איז שטיל אַרױסגע־גאַנגען און אין דרײַסיק־פערציק מינוט אַרום שטיל אומגעקערט זיך מיט א געניצטן יונגלשן אָנצוג פון ביליקן מאַטעריאַל. עמעס, א ביסל אַן אָפּגעטראָגענעם, אָבער נאָך א גאַנץ רײנעם און צוגע־פּאַסטן צום סעזאָן. ער האָט זיך אװעקגעזעצט און גענומען באַט־ראַכטן זײַן קנױע, רײדנדיק צו זיך אַלײן:

— מיט א ברײטערער קעשענע װאָלט מען געקאָנט קױפן עפּעס בעסערס, אָבער װען מע האָט ניט קײן פולן בײַטל, דאַרף מען זיך באַנוגענען דערמיט, װאָס מע קאָן קױפן מיט א לײדיקלעכן.

„אין אונדזער שטאָט האָט געװױנט א װײַבל.
א װײַבל אין אונדזער שטאָט“ —

האָט ער אונטערגעזונגען.

— אױ, ער כאַפּט זיך אוף, מע דאַרף נעמען מיט א טאָג גי־דעריקער... ס'טױג ניט צו שטערן זײַן שלאָף ערעװ אזא לאַנגער רײַזע, בפֿרט װען ער איז אזױ מיד, אָרעם יונגל... דאָס מאַלבעשל איז נאָך גאָר נישקאָשעדיק. א שטאָך דאָ, א שטאָך דאָרטן, און ס'װעט זײַן גאָר א צאַצקע. די הײזלעך זײַנען נאָך בעסער, כאָטש אײן שטאָך און א צװײטער װעט דאָך אױך ניט שאַטן. די שיך זײַנען דאָך גאָר אַן אַנטיקל: גוטע, שטאַרקע און װעלן װאַרעם האַלטן די פּיס־לעך. דאָס װעט פאַר אים גאָר זײַן א מאָדנע זאַך—געװױנט געװױס צו גײן זומער און װינטער באָרװעס... זעט נאָר, װאָס פאָדעם מ'האָט

עס מיר א ביסל אָנגעגעבנ פאר איינ פארטינג! ווענ דאָס וואָלט געווענ ברויט, וואָלט עס געקלעקט אפ א יאָר... דערצו האָט מענ מיר נאָכ צוגעגעבנ א גוטע גרויסע נאָדל גלאט אומזיסט. נו, איצט וועל איכ האָבנ אנ אייסעק ארײַנצוצ:ענ דעם פאָדעמ אינ נאָדל.

אונ ער האָט געטראָפנ אויכ. ער האָט געטאָנ ווי אלע מאנצבלענ טוענ, ווי זיי האָבנ פונ אייביק אָנ געטאָנ אונ וועלנ טאָנ: געהאלטנ די נאָדל גלײַכ אונ געמאטערט זיכ ארײַנצוטאָנ דעם פאָדעמ דורכנ לעכל, — פונקט פארקערט ווי ווײַבער טוענ: האלטנ דעם פאָדעמ אונ באוועגנ מיט דער נאָדל. איינ מאָל אונ נאָכ א מאָל האָט ער זיכ געמאטערט דורכצ:ענ דעם פאָדעמ, אָבער אומזיסט: דאָ איז דער פאָדעמ פארפאָרנ פונ איינ זײַט, דאָ — פונ דער צווייטער זײַט, דאָ איז ער אריבער פונ אויבנ אונ דאָ האָט ער זיכ פארקנייטשט דאפקע פארנ סאמע לעכל. אָבער ער האָט געהאט געדולד צו אזעלכע זאכנ נאָכ פונ יענער צײַט, ווענ ער איז געווענ א זעלנער. צום סאָפ איז אימ פאָרט געלונגענ ארײַנצוצ:ענ דעם פאָדעמ אונ נעמענ זיכ צו דער ארבעט.

— פאר דער אכסאניע צוזאמענ מיט הײַנטיקנ אָנבײַסנ — באַצאָלט, — האָט ער ווײַטער צו זיכ גערעדט, — אונ ס'איז נאָכ עפעס געבליבנ, פאר וואָס צו קויפנ א פאָר הייזעלעכ אונ אפ די צוויי—דרײַ טעג הויצאָע, וואָס מיר דארפנ, ביז מיר וועלנ אָנקומענ אהינ. עס ווארט אפ אונדז אלדאָסגוטס אינ הענראָנ=שלאָס...

„זי האָט געליבט איר מאנ"...

— אוי וויי! כ'האָב ארײַנגעהאקט די נאָדל אונטערנ נאָגל... ע, בלאָטע! שוינ געוווינט דערצו... אָבער קיינ גרויסער סייכל איז עס ניט... מירנ דאָרטנ א לעב טאָג, מײַנ קליינער, האָב קיינ מוירע ניט! דײַנע צאָרעס וועלנ זיכ ענדיקנ דאָרט אונ דאָסגלײַכנ — דײַנ צערודערטקײַט...

„זי האָט גאָר שטארק געליבט איר מאנ,
אָבער זי האָט א צווייטער"...

— אָט דאָס זײַנענ שטעכ! — האָט ער, באטראכטנדיק די ארבעט, געזאָגט, — ס'זײַנענ דאָכ גאָר קיניגלעכע שטעכ! א שיינ פאָנעמ האָבנ די שנײַדערשע פיצינקע שטעכעלעכ אנטקעגנ מײַנע!

„זי האָט גאָר שטארק געליבט איר מאנ,
אָבער זי האָט א צווייטער געליבט"...

— קוק נאָר אָן, שוין געענדיקט, און אַ פֿײַן שטיק אַרבעט אויך, — גיך און גוט. נו, איצט וועל איך אים אויפֿוועקן, אָנטאָן אים, אויפֿגיסן אים, דערנאָך וועלן מיר אַוועקגיין אין מאַרק, וואָס לעבן טאַבאַרד־אַכסאַניע אין סאָוטוואָרק און... — זײַ אַזוי גוט, שטיי אויף, מײַן הערשער! — ער ענטפֿערט ניט. ניט שוין זשע וועל איך מוזן פֿאַרשווענדן זײַן הייליקע פּערזאָן מיט מײַן אָנרירונג, ווײַבאַלד ער איז טויב צו ווערטער? וואָס איז דאָס?

ער האָט אָפּגעדעקט די קאָלדרע — דאָס ייִנגל איז פֿאַרשוווּנדן!

ער איז געבליבן אָן לשון פֿון איבעראַשונג. דערנאָך ערשט האָט ער באַמערקט, אַז צוזאַמען מיטן ייִנגל זײַנען אויך פֿאַרשוווּנדן זײַנע שמאַטעס. ער איז שרעקלעך אויפֿגערעגט געוואָרן, גענומען קאָכן און זידן, רופֿנדיק מיט אַלע קוילעס דעם באַלעבאָס פֿון דער אַכסאַניע.

אין דער זעלביקער מינוט האָט דער דינער אַרײַנגעבראַכט אָנבײַסן.

— זאָג מיר, דו טײַוולשער בײן, וווּ איז דאָס ייִנגל, אַז ניט מאַך איך פֿון דיר אַ טעל! — האָט אונדזער זעלנער אַ רעווע געטאָן און דערלאַנגט אַזאַ שפּרונג אויפֿן קעלנער, אַז יענער האָט פֿון שרעק פֿאַרלאָרן דאָס לשון.

ציטערנדיק ווי אין פֿיבער, האָט דער דינער אײַן אָפּגעהאַקטע ווערטער דערקלערט:

— ווי נאָר איר זײַט אַרויס, מײַן האַר, אַזוי איז געקומען צו לויפֿן עפּעס אַ יונג און געזאָגט, אַז איר האָט באַפֿוילן, דאָס ייִנגל זאָל גלײַך קומען אויף יענער זײַט בריק בײַ סאָוטוואָרק, וווּ איר וואַרט אויף אים. איך האָב אים אַהער אַרײַנגעפֿירט. ווען ער האָט אים אויפֿגעוועקט, האָט דאָס ייִנגל פֿאַריבל געהאַט, פֿאַרוואָס מ'האָט אים אויפֿגעהויבן „אַזוי פֿרי“, ווי ער האָט עס גערופֿן, אָבער ער האָט גלײַך אָנגעטאָן זײַנע שמאַטעס און איז אַוועקגעגאַנגען, באַמערקנדיק בלויז, אַז ס'וואָלט געווען איידעלער פֿון אײַער זײַט, איר זאָלט אַליין קומען און ניט שיקן נאָך אים אַ פֿרעמדן. און אָט אַזוי...

— און אָט אַזוי ביסטו אַ גוילעם! אַ גוילעם, וואָס מע קאָן גרינג אָפּנאַרן, — געהאַנגען זאָל ווערן די גאַנצע מישפּאָכע דײַנע! נאָר עפּשער איז קיין שלעכטס ניט געשען און מע וועט דעם ייִנגל גאָרנישט ניט טאָן. איך וועל אים גיין אָקאָרשט אויפֿזוכן. גרייט דער-

ווײַל צום טיש. ווארט נאָר! די קאָלדרע אפּנ בעט איז געווענ אויסגע־לייגט אזוי, ווי עמעצער וואָלט אונטער איר געלעגנ, — איז עס ניט מער ווי א צופאל?

— כ'ווייס ניט, מײַנ גנעדיקער האר. איך האָב געזעגנ, ווי דער יונג האָט זיך עפּעס דאָרטנ געפּאָרעט, — אָט דער, וואָס איז געקומענ נאָכנ ייִנגל.

— טויזנט מיסע־מעשונעס! דאָס איז בעקיווג געמאכט געוואָרנ אָפּצונארנ מיך! ס'איז געטאָנ געוואָרנ, קעדיי צו געווינענ צײַט. הער נאָר! איז דער יונג געווענ אליינ?

— איינער אליינ, מײַנ האר.

—ביסטו זיכער?

— זיכער, מײַנ האר.

— קלײַב צונויפ דײַנע צעשלײַדערטע געדאנקענ — באטראכט זיך, ניט געײַלט, מענטש איינער, אונ דערמאָנ זיך אקוראט!..

דער דינער האָט זיך אפּ א רעגע פארטראכט אונ האָט געזאָגט:

— ווענ ער איז געקומענ, איז קיינער ניט געווענ מיט אים. נאָר איצט דערמאָנ איך זיך, אז ווענ דער יונג מיטנ ייִנגל האָבנ זיך אויסגעמישט מיטנ איבעריקנ עולעם אפּ דער בריק, האָט זיך פונ ערגעצ דערבײַ א רוק פאָרויס געגעבנ עפּעס א גאזלאָנישער פארשוינ, אונ פונקט דעמלט, ווענ ער האָט זיך צו זיי דערנעענטערט...

— נו, וואָס איז געווענ? ארויס מיט לאָשנ! — האָט הענדאָנ אומגעדולדיק איבערגעשלאָגנ.

— פונקט דעמלט זײַנענ זיי פארשוווּנדנ געוואָרנ אינעם עולעם, אונ איך האָב זיי פארלאָרנ פונ אויג. כ'וואָלט זיי עפּשער ניט פארלאָרנ, אָבער גראָד דעמלט האָט מיך דער באלעבאָס א רופ געטאָנ. ער איז אינ קאַס געוואָרנ, לעמײַ איך האָב פארגעסנ דערלאנגענ דעם געלט־מעקלער דאָס באשטעלטע געבראָטנס, כאָטש איינ גאָט איז מײַנ איידעס, אז באשולדיקנ מיך דערפאר איז אלציינס, ווי פאראנטוואָרטלעך מאכנ א געבוירנ קינד פאר די זינד...

— אוועק פונ מײַנע אויגנ, אידיאָט דו איינער! דײַנ פלאפלערײַ מאכט מיך מעשוגע! ווארט! וווהינ טראָגט דיך? קאָנסט ניט ווארטנ א ווײַלע? זײַנענ זיי אוועק צו סאוטוואָרק־צו?

— פונקט ריכטיק, מײַנ האר! וואָרעמ, ווי איך האָב שוינ פריער

געזאָגט, איז אַ נײַגעבאָרן קינד מער שולדיק אין דעם פֿאַרגעסענעם פֿאַסקודנעם געבראָטנס, ווי...

— ביסט נאָך אַלץ דאָ?! און פּלאַפּלסט נאָך? פֿאַרשווינד, וואָרעם איך דערוואַרג דיך!

דער דינער איז אַנטלאָפֿן. הענדאָן האָט זיך געלאָזט הינטער אים, איז אים פֿאַרבײַגעלאָפֿן, שפּרײַזנדיק איבער צוויי־דרײַ טרעפּ מיטאַמאָל און מורמלענדיק:

— דאָס איז יענער געמיינער באַנדיט, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פֿאַר זײַן פֿאָטער. איך האָב דיך פֿאַרלאָרן, מײַן אָרעמער, קליינער, וואַנזיניקער הערשער — ווי ביטער איז דער געדאַנק! — און דו ביסט מיר אַזוי ליב געוועןן! אָבער ניין! איך גיב זיך ניט אונטער! ער איז נאָך ניט פֿאַרלאָרן! נאָך ניט פֿאַרלאָרן, וואָרעם איך וועל דאָס גאַנצע לאַנד איבערקערן און וועל דיך געפֿינען! אָרעם קינד! דאָרטן שטייט דײַן אָנבײַסן און מײַנער, אָבער איך בין שוין מער ניט הונגעריק — זאָלן די מײַז עס אויפֿעסן! גיכער, גיכער! דאָס איז איצט דער עיקר!

און ווען ער האָט זיך דורכגעשלאָגן צווישן טומלדיקן געזעמל אויפֿן בריק, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט צו זיך אַליין, ווי דאָס וואָלט געווען פֿאַר אים זייער אַן אָנגענעמער געדאַנק:

— ער האָט פֿאַריבל געהאַט, אָבער ער איז געגאַנגען, — געגאַנגען, יאָ, ווײַל ער האָט געמיינט, אַז מײַלס הענדאָן רופֿט אים. ליב קינד, פֿאַר אַן אַנדערן וואָלט ער עס קיינמאָל ניט געטאָן, כ'ווייס עס גאַנץ גוט!

פֿערצנטער קאַפּיטל

געשטאָרבן דער קיניג — זאָל לעבן דער קיניג!

דעם זעלביקן פֿרימאָרגן, פֿאַרטאָג, האָט טאָם קענטי דערוואַכט פֿון שווערן שלאָף און געעפֿנט די אויגן אין דער פֿינצטער. ער איז געלעגן אַ פּאָר מינוט שטיל, פּרוּוונדיק פֿאַנאַנדערצוקלײַבן זיך אין זײַנע געדאַנקען און אײַנדרוקן און פֿאַרשטיין, וואָס אַזוינס קומט דאָ

פאר. דאנ האט ער מיט אנציקונג, אבער איינגעהאלטנ אויסגערופנ:

— איכ פארשטיי שוינ! איכ פארשטיי שוינ אלצ! גאט צו דאנקענ, וואס איכ האב זיכ אופגעכאפט! קומ, פרייד! פארשווינד, קומער! ע, נענ, בעט! שפרינגט אופ פונ איער שטרוי אונ איילט אהער, צו מיר, אונ איכ וועל איייכ דערציילנ דעמ וונדערבארסטנ, דעמ אומגלויבלעכסטנ כאלעמ, וואס די נאכט-גייסטער האבנ ווענ-עס איז געקאנט שיקנ א מענטשנ, קעדיי צו באצויבערנ זיינ נעשאמע!.. ע, גענ, בעט, אהער!..

אנ אומדייטלעכע געשטאלט האט זיכ באוויזנ בא זיינ זייט אונ א שטימ האט געזאגט:

— וואס באוויליגסטו צו באפעלנ, מיינ קיניג?

— באפעלנ? א, ווי איז מיר! איכ דערקענ דיינ קאל! זאג דו, ווער בינ איכ?

— דו? נעכטנ ביסטו געגאנגענ שלאפנ אלס פרינצ פונ אועלס, אונ היינט האסטו אופגעוואכט, מיינ בארעמהארציקער הערשער, אלס עדוארד, קיניג פונ ענגלאנד.

טאמ האט איינגעגראבנ דעמ קאפ צווישנ די קישנס, מורמלענדיק:

— א, נאכ אלעמענ איז עס ניט קיינ כאלעמ! גיי אינ דיינ רו, ליבער סער, אונ לאז מיכ איבער אליינ מיט מיינע ליידנ.

טאמ איז ווידער איינגעשלאפנ, אונ אימ האט זיכ געכאלעמט א גוטער כאלעמ. אימ האט זיכ געכאלעמט, אז ס'איז זומער, אונ ער שפילט זיכ איינער אליינ אפ א ברייטער לאנקע, וואס הייסט: „גוט-מענטש-פעלד". מיטאמאל באווייזט זיכ א קליינ קארליקל, ניט מער ווי איינ פוס די הייכ, א הויקערדיקס, מיט לאנגע רויטע באקנבערד, אונ זאגט: „גראב לעבנ דעמ דאזיקנ בוימ-שטאמ". ער האט אזוי געטאנ, אונ האט געפונענ צוועלפ נייינקע בלישטשענדיקע פענים[14] — **א גוואלדיק** רייכטומ! אבער דאס איז נאכ ניט געווענ אלצ.

דאס קארליקל האט ווייטער געזאגט:

— איכ קענ דיכ, דו ביסט א וווילער יינגל אונ פארדינסט באלוינט צו ווערנ. דיינע צארעס האבנ זיכ געענדיקט, אונ דער טאג פונ דיינ באלוינונג איז אנגעקומענ. גראב דא יעדנ זיבעטנ טאג, אונ

דו וועסט יעדעס מאָל געפינען דעם זעלביקן אויצער — צוועלף נײַנקע, בלישטשענדיקע פּעניס. זאָג נאָר קיינעם ניט, האלט די זאַך בעסאָד.

דאן איז דאָס קארליקל פארשוואונדן, און טאָם איז אוועקגעלאָפן אין שמוץ-געסל מיט זײַן געפינס, זאָגנדיק זיך אליין:

— יעדע נאכט וועל איך געבן דעם טאטן א פעני. ער וועט מיינען, אז איך האָב עס אויסגעבעטלט. דאָס וועט ווייך מאכן זײַן הארץ און ער וועט מיך מער ניט שלאָגן. איין פעני א וואָך וועט באקומען דער גוטער גאלעך — מײַן לערער. די מאמע, נען און בעט — די איבעריקע פיר פעניס. פון הײַנט אָן — אויס הונגער און שמאטעס, אויס שרעק און ציטערניש, אויס קלעפּ פון טאטן און פון דער באָבען.

אין זײַן כאָלעם איז ער געקומען צו לויפן אָן אָטעם אין זײַן שמוציקער נעסט, און מיט אויגן, ברענענדיקע פון פרייד, ארײַנגעוואָרפן דער מוטער פיר פעניס, אויסשרײַענדיק:

— דאָס איז אלץ פאר דיר! אלע ביז איינעם! יעדער באזונדער! פאר דיר, פאר נען און בעט — און דאָס איז ערלעך פארדינט, ניט געבעטלט און ניט געגאנוועט!

די גליקלעכע און איבערראשטע מוטער האָט אים צוגעדריקט צו איר ברוסט און אויסגעשריִען:

— עס ווערט שפּעט, וועט אײַער מאיעסטעט ניט באוויליקן אופשטיין?

אך, ניט דאָס איז דער ענטפער, וואָס ער האָט געוואַרט! דער כאָלעם איז פארשוואונדן. ער האָט זיך אופגעכאפּט.

ער האָט געעפנט די אויגן. לעבן זײַן בעט איז געשטאנען אפ די קני א רײַך-געקליידעטער לאָרד — דער הויף-קאמערדינער. די פרייד פון דעם פאלשן כאָלעם איז פארשוואונדן — דאָס אָרעמע יינגל האָט דערזען, אז ער איז נאָך אלץ א געפאנגענער און א קיניג.... דאָס צימער איז פול געווען מיט הויף-לײַט אין פורפור-מאנטלען — די טרויער-פארב פון ענגלישן הויף — און מיט אדעליקע קיניגלעכע דינער.

טאָם האָט זיך אנידערגעזעצט אין בעט און פון הינטער די זײַדענע שווערע פאָרהאנגען באטראכט די דאָזיקע גלענצנדע געזעלשאפט.

די וויכטיקע צערעמאָניע פון אָנטאָן זיך האָט זיך אָנגעהויבן. אין דער צײַט, ווען ער האָט זיך אָנגעטאָן, האָט איין אדלמאן נאָכן צווייטן

געקניט פאר טאָמענ אונ אויסגעדריקט אים מיטגעפיל אינ זײַנ גרויסנ פארלוסט.

צוגעגאנגענ איז די צערעמאָניע פונ אָנטאָנ אזוי: צום אָנהייב האָט גענומענ א העמד דער שטאלמײַסטער, וואָס האָט עס איבערגעגעבנ דעמ הויפט־יעגערמײַסטער, וועלכער האָט עס דערלאנגט דעמ צווייטנ לאָרד־קאמערדינער. יענער האָט עס איבערגעגעבנ דעמ הויפט־אויפזעער פונ די ווינדזאָר־וועלדער; אונ דער, ווידער, האָט עס איבערגעגעבנ דעמ דריטנ אויבער־קאמערהער, וואָס האָט עס, ווידער, איבערגעגעבנ דעמ קיניגלעכנ קאנצלער פונ לאָנקאסטער. פונ אים איז עס איבערגעגאנגענ צום גארדעראָב־מײַסטער, וואָס האָט עס איבערגעגעבנ דעמ העראָלד־מײַסטער, פונ וועמענ עס איז איבערגעגאנגענ צום קאָמענדאנט פונ טאָוער; פונ קאָמענדאנט איז עס איבערגעגאנגענ צום הויפט־מיניסטער, פונ הויפ־מיניסטער צום בעיערושעדיקנ סערוועטל־פארבינדער, פונ אים צום ענגלישנ לאָרד־אדמיראל, וואָס האָט עס איבערגעגעבנ דעמ ארציבישאָפ פונ קענטערבערי, וועלכער האָט צום סאָפ איבערגעגעבנ דאָס העמד דעמ לאָרד־קאמערדינער, וואָס האָט עס אָנגעטאָנ אפ טאָמענ.

דאָס קליינע אָרעמע וואנדער־יינגל האָט דאָס אלצ צוגעקוקט, אונ דאָס האָט אים דערמאָנט, ווי מע גיט איבער איינער דעמ צווייטנ עמערס וואסער ביים א סרייפע.

מיט יעדנ טייל פונ זײַנ טואלעט איז דורכגעמאכט געוואָרנ די זעלביקע לאנגזאמע אונ פײַערלעכע צערעמאָניע. טאָמענ האָט עס געוואלדיק דערעסנ. זײַנ הארצ איז דעריבער פול געוואָרנ מיט דאנקבארקײַט אונ ער האָט פרײַער אָפגעאָטעמט, ווענ ער האָט צום סאָפ דערזענ זײַנע זײַדענע זאָקנ, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ איבערגיינ פונ האנט צו האנט: איצט איז פאראנ א האָפענונג, אז די צערעמאָניע וועט זיכ באלד ענדיקנ. אָבער זײַנ פרייד איז געווענ פריצײַטיק. דער לאָרד ערשטער קאמערדינער האָט גענומענ די זאָקנ אונ שוינ געוואָלט זיי אָנצײַענ אפ טאָמס פיס, ווענ ער איז מיטאמאָל רויט געוואָרנ, האָט אײַלנדיק איבערגעגעבנ די זאָקנ צוריק דעמ ארציבישאָפ פונ קענטערבערי אונ מיט וווּנדער א שעפטשע געטאָנ: „זעט נאָר, מײַנ לאָרד!“ דער ארציבישאָפ איז בלאס געוואָרנ, דערנאָכ רויט געוואָרנ אונ געשווינד איבערגעגעבנ די זאָקנ דעמ לאָרד הויפט־אדמיראל, שטיל זאָגנ־

דיק: „זעט נאָר, מײַנ לאָרד!“ דער לאָרד אדמיראל האָט זײ איבערגעגעבנ דעמ הויפּט־סערוועטל־פארבינדער, וועלכער האָט קוימ געקאָנט ארויסרײדנ: „זעט נאָר, מײַנ לאָרד!“ די זאָקנ זײַנענ אװעקגעגאנגענ צוריק איבער דער גאנצער שורע צומ הויפּ־מיניסטער, צומ קאָמענדאנט פונ טאָוער, פונ קאָמענדאנט צומ העראָלד־מײַסטער, פונ העראָלד־מײַסטער צומ גארדעראָב־מײַסטער, פונ גארדעראָב־מײַסטער צומ קיניגלעכנ קאנצלער פונ לאַנקאסטער, פונ קאנצלער צומ היטער פונ די ווינדזאָר־וועלדער, פונ וואלד־היטער צומ צווײטנ קאָמערדינער, פונ צווײטנ קאָמערדינער צומ ערשטנ לאָרד יעגער־מײַסטער — באגלײט אלצ מיט דעמ זעלביקנ דערשראָקענעמ, פארוווּנדערטנ אונ פארשטיקטנ אויסרופ: „זעט נאָר, מײַנ לאָרד!“ — ביז וואנענ די זאָקנ זײַנענ צומ סאָפ דערגאנגענ צומ לאָרד הויפּט־שטאָלמײַסטער, וואָס איז, א קוק געבנדיק אפ זײ, בלײַכ געוואָרנ, ווי די וואנט, אונ דערנאָכ מיט א פארשטיקט הײזעריק קאָל אויסגערופנ:

— גאָט אינ הימל! אײַנ ספּראָנטשקע פונ זאָקנבענדל פעלט א שטיפטל! אינ טאָוער דעמ הויפּט־פארוואלטער פונ די קיניגלעכע זאָקנ! — אונ ער האָט זיכ אָנ קויכעס אָנגעשפּארט אפ דעמ יעגער־מײַסטערס אקסל, ביז מע האָט געבראכט אנדערע זאָקנ שוינ מיט גאנצע זאָקנבענדלעכ...

אָבער יעדע זאכ מוז האָבנ א סאָפ, אונ אזוי האָט צו טאָמס אָנטאָנ זיכ אויכ גענומענ א סאָפ: אינ דער געהעריקער צײַט איז ער געווענ פארטיק ארויסצוגײנ פונ בעט. איצט האָט זיכ אָנגעהויבנ די צערעמאָניע פונ אײַנוואשנ: אײנ מענטש האָט אופגעגאָסנ וואסער, דער צווײטער האָט אופגעפּאסט אפ דעמ אײַנוואשנ זיכ, דער דריטער האָט דערלאנגט דעמ האנטעכ, ביז טאָמ איז ביסלעכווײַז דורכגעגאנגענ די פּראָצעדור פונ וואשנ זיכ אונ איז גרײט געווענ איבערצוגײנ אינ די הענט פונ דעמ קיניגלעכנ שערער. ווענ ער איז סאָפקאָלסאָפ ארויס פונ דעמ האָזיקנ קינסטלערס הענט, — איז דאָס יינגל אינ זײַנ פּורפּורנעמ אטלאס־מאנטל, זײַדענע הײזלעכ אונ אינ זײַנ הוט מיט דער רויטער פעדער געווענ גראציעז אונ שײנ, ווי א יונג מײדעלע.

לאנגזאמ האָט ער זיכ באוועגט צו זײַנ פרישטיק־צימער צווישנ א גלענצנדער הויפ־געזעלשאפט, וואָס האָט בײַ זײַנ דורכגאנג געמאכט וועג פאר אימ אונ געפאלנ פונ בײדע זײַטנ אפ די קני.

נאָכ אָנבײַסנ איז ער מיט דער גאַנצער הויפ־צערעמאָניע, אינ דער באַגלייטונג פונ די העכסטע מעלוכע=לײַט אונ אונטער דער ערנ=וואַכ פונ פופציק אדל=לײַט, וואָס האָבנ געטראָגנ באַגילדטע שלאַכט=העק אינ די הענט, אָפּגעפירט געוואָרנ אינ טראָנ=זאַל, ווו ער האָט זיכ פאַרנומענ מיט מעלוכע=איניאָנימ. זײַנ „פעטער“, דער לאָרד הערטפאָרד, איז געשטאַנענ בײַמ טראָנ, קעדיי צו העלפנ דעמ קיניג מיט ראַט.

עס זײַנענ געקומענ די באַרימטע מעלוכע=מענער, וואָס זײַנענ באַשטימט געוואָרנ פונ געשטאָרבענעמ קיניג פאַר דעמ פרינצס אַפּעטראָפּסימ אונ געבעטנ טאָמס האַסקאָמע אַפ אייניקע פונ זייערע פאַראָרדענונגענ — מער פונ יויצע וועגנ, אָבער דאָכ ניט גאָר אומזיסט, מאַכמעס קיינ רעגענט איז נאָכ ניט באַשטימט געוואָרנ, אונ דערווײַל איז טאָמ געווענ דער איינציקער הערשער פונ ענגלאַנד.

דער אַרציבישאָפ פונ קענטערבערי האָט געמאָלדנ וועגנ דעמ דעקרעט פונ אַפּעטראָפּסימ=ראַט וועגנ דער קווורע פונ זײַנ מאַיעסטעט, דעמ געשטאָרבענעמ קיניג, אונ געענדיקט מיט פאָרלייענענ די אונטערשריפטנ אַפנ דעקרעט:

— אַרציבישאָפ פונ קענטערבערי, לאָרד=קאַנצלער פונ ענגלאַנד, וויליאַמ לאָרד סענט=דזשאָנ, דזשאָנ לאָרד ראַסעל, עדוואַרד גראַפ הערטפאָרד, דזשאָנ וויקאָנט ליסלי, קעטבערט, בישאָפ פונ דערהעמ.

טאָמ האָט זיכ ניט צוגעהערט — זײַנ מויעכ איז געווענ פאַרנומענ מיט עפּעס אַנדערש. אָנבייגנדיק זיכ צומ לאָרד הערטפאָרד האָט ער שטיל געפרעגט:

— אַפ וואָסער טאָג איז באַשטימט די קווורע?

— אַפ דעמ זעכצנטנ פונ דעמ קומענדיקנ כוידעש, מײַנ הערשער.

— וואָס פאַר א מעשוגאַס! וועט ער דענ ניט קאַליע ווערנ ביז דעמלט?

אָרעמ יינגל! אימ זײַנענ נאָכ פרעמד געווענ די קיניגלעכע מינהאָגימ. ער איז געוווינט געווענ צומ שמוצ=געסל, ווו דער אומגליקלעכער מעס ווערט וואָס גיכער אָפּגעראַמט פונ וועג. נאָר דער לאָרד הערטפאָרד האָט אימ מיט א פאָר ווערטער באַרויִקט.

א שטאַטס=סעקרעטאַר האָט פאָרגעשטעלט די מיינונג פונ רעגירונגס=ראַט, וואָס האָט באַשטימט אַפ מאָרגנ עלפ אַזייגער אינדערפרי אופּצו=

נעמענ די אויסלענדישע געזאַנדטע, און האָט געבעטנ דערופּ דעם קיניגס האסקאָמע.

טאָם האָט ווי פרעגנדיק א קוק געטאָנ אַפּ דעם לאָרד הערטפאָרד. יענער האָט אים שטילערהייט געזאָגט:

— אײַער מאַיעסטעט װעט באַוויליקנ אײַנצושטימענ — זיי וועלנ קומענ אויך אויסדריקנ דעם טרויער און מיטגעפיל פונ זייערע קיניגלעכע הערשער איבער דעם שווערנ פארלוסט, וואָס עס האָט געטראָפנ אײַער מאַיעסטעט און דאָס קיניגרײַך פונ ענגלאַנד.

טאָם האָט געפאָלגט זײַנ אייצע.

א צווייטער סעקרעטאַר האָט גענומענ לייענענ א באַריכט וועגנ די הויז־הויצאָעס פונ דעם געוועזענעם קיניג, וואָס האָבנ דערגרייכט ביז אכט און צוואַנציק טויזנט פונט סטערלינג פאַר די פאַרגאַנגענע זעקס כאדאָשימ — א סומע געלט, וואָס טאָם האָט קיינמאָל אזוינס ניט געהערט. ער האָט זיך נאָך מער פאַרוווּנדערט, ווענ ער האָט דערהערט, אז אפּ דער דאָזיקער סומע איז נאָך פאראַנ צוואַנציק טויזנט פונט סטערלינג ניט באַצאָלטע כויוועס, און ער האָט גאָר אופגעעפנט דאָס מויל פונ וווּנדער, ווענ ער האָט ווײַטער דערהערט, אז דעם קיניגס קופּערטנ זײַנענ פוסט, און אז צוועלפ הונדערט דינער זײַנענ שטאַרק ניט צופרידנ, וואָס מע צאָלט זיי ניט קיינ סכירעס.

טאָם האָט מיט שטאַרקער אופרעגונג א זאָג געטאָנ:

— מיר גייענ אונטער — דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. ס'איז נייטיק, ווי לעבנ, מיר זאָלנ נעמענ א קלענערע דירע און אָפּלאָזנ די דינערשאַפט. סײַוויסײַ זײַנענ זיי נוצלאָז. זיי טוענ גאָרניט און שטערנ נאָר. ס'איז א ווייטעק און א שאַנד צו באַנוצנ זיך מיט זייער באַדינונג, וואָס פּאַסט סײַדנ פאַר א ליאַלקע, וועלכע האָט ניט קיינ מאַרכ אינ קאָפּ און קיינ הענט אַלייַנ זיך צו העלפנ. איך דערמאָנ זיך גראָד אָנ א קליינ שטיבל, וואָס איז געשטאַנענ קעגניבער דעם פיש־מאַרק לעבנ בילינגסגײַט...

א שטאַרקער דריק מיטנ האַנט האָט אָפּגעשטעלט טאָמס נאַרישע צונג. טאָם איז רויט געוואָרנ. אָבער אַפּ די פּענעמער פונ די אַרומיקע איז ניט געווענ קיינ שום צייכנ, אז זיי האָבנ באַמערקט די דאָזיקע מאָדנע רייד.

נאָכ א סעקרעטאַר האָט געמאַכט א פּאָרטראָג, ווי ער האָט גע=

מאָלרנ, אז אזויווי דער פארשטאָרבענער קיניג האָט אָפּגעשריבנ אינ זײנ צאוואָע דעמ גראפּ הערטספאָרד דעמ טיטל הערצאָג, זײנ ברודער סער טאָמאס סײמור — דעמ טיטל פּער, הערטספאָרדס זונ — דעמ טיטל גראפּ, אונ דאָסגלײכנ זאָלנ נאָכ אייניקע וויכטיקע הויפלײט דערהויבנ ווערנ אינ זייערע ראנגענ, — דעריבער האָט דער אפּעטראָפּסים־ראט באשלאָסנ צו באשטימענ א זיצונג אפּ דעמ זעכצנטנ פעווראל אפּ צו באשטעטיקנ אונ איבערצוגעבנ די אלע טיטלענ. נאָר אזויווי דער פארשטאָרבענער קיניג האָט שריפטלעכ ניט אָפּגעזאָגט קיינ גיטער, וואָס זאָלנ געבנ די אויבנ דערמאָנטע הויפלײט די מעגלעכקײט צו פירנ דעמ געהעריקנ שטאט, ווי עס פּאסט פאר זייערע טיטלענ, — האָט דער ראט, וויסנדיק פריוואט דעמ קיניגס ווונטש אינ דעמ דאָזיקנ איניענ, געפונענ פאר נייטיק צו שענקענ סײמורנ ערד אינ דעמ ווערט פונ פינפ הונדערט פונט סטערלינג, הערטספאָרדס זונ — פאר אכט הונדערט פונט סטערלינג אונ צוגעבנדיק דערצו א כיילעק ערד פאר דרײ הונדערט פונט סטערלינג, וועלכער האָט געהערט דעמ שביי־נישנ בישאָפּ (דער דאָזיקער באצירק באפרײט זיכ נאָכ דעמ בישאָפּס טויט), — אויב דער קיניג וועט עס באוויליקנ.

טאָמ האָט שוינ געוואָלט ארויסשפּרינגענ מיט א באמערקונג, אז ס'וואָלט געווענ מער יוישער צו באצאָלנ דעמ קיניגס כויוועס אונ ניט וואָרפנ זיכ מיט מאטאָנעס, אָבער א ריר מיט דער האנט פונ דעמ אופמערקזאמענ הערטספאָרד האָט אימ פארהיט פונ דער דאָזיקער אומפאָרזיכטיקײט, אונ ער האָט אָנ ווערטער געגעבנ זײנ קיניגלעכע האסקאָמע, אָבער אינערלעכ געווענ שטארק אומצופרידנ.

ווענ ער איז אזוי א ווײלע געזעסנ פארטראכט וועגנ די מערקווירדיקע אונ וונדערלעכע מײסימ, וואָס ער טוט דאָ אָפּ, — איז אימ מיטאמאָל אײנגעפאלנ א גליקלעכער געדאנק: פארוואָס ניט מאכנ זײנ מאמע פאר הערצאָגנ פונ שמוצ־געסל אונ שענקענ איר א פּאָר גיטער? אָבער גלײכ נאָכ דעמ איז געקומענ דער טרויעריקער געדאנק: ער איז דאָכ ניט מער ווי א קיניג לויטנ נאָמענ, אינדערעמעסנ אָבער זײנענ דאָכ אָט די אלע וויכטיקע זקיינימ אונ לאָרדנ זײנע באלעבאטימ אונ אפּעטראָפּסימ, אונ, אויב ער וועט זיי זאָגנ וועגנ זײנ מוטער, וועלנ זיי עס אָנעמענ פאר א נײ מעשוגאַס אונ וועלנ שיקנ נאָכנ דאָקטער.

די לאנגווײַליקע ארבעט איז לאנגזאם געגאנגען ווײַטער. פעטיציעס, באקאָשעס, געזעצן און אלערליי לאנגע, נודנע און לאנגווײַליקע פאפירן, וואָס זײַנען נעגייע געזעלשאפטלעכע איניאָנים, זײַנען פאָרגעלייענט געוואָרן. טאָם האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאלטן. ער האָט טרויעריק אָפּגעזיפצט און א קלער געטאָן: „מיט וואָס האָב איך זיך עס אזוי פארזינדיקט אנטקעגן דעם בארעמהארציקן גאָט, וואָס ער האָט מיך אוועקגענומען פון די פרײַע פעלדער, פון דער פרישער לופט און זון-שײַן, פארשפארט מיך דאָ, געמאכט מיך פאר א קיניג און פײַניקט מיך אזוי".

זײַן אָרעמער צעטומלטער קאָפּ האָט זיך עטלעכע מאָל א וויג געטאָן און איז געפאלן אפן אקסל. די גאנצע רעגירונגס-מאשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווײַל ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער העכסטער פאקטאָר — די קיניגלעכע באשטעטיקונגס-מאכט.

א שטילקײַט האָט געהערשט ארום דעם שלאָפנדיקן קינד, און די גרײַז-גראָע מעלוכע-מענער האָבן איבערגעריסן זייער באראטונג.

אין פארלויף פון פארמיטיק האָט טאָם געהאט אן אָנגענעמע שעה. זײַנע היטער: לאָרד הערטפאָרד און סענט-דזשאָן האָבן אים דערלויבט צו זען זיך מיט דער פרינצעסן עליזאבעט און מיט דער קליינער ליידי דזשיין גריי.

די פרינצעסנס זײַנען אָבער געווען זייער נידערשלאָגן און פארטרויערט צוליב דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דאָס קיניגלעכע הויז. דער סאָף פון וויזיט איז נאָך מער איבערגעפירט געוואָרן דורך דעם באזוך פון זײַן עלטערער „שוועסטער" מערי — (באוווּסט שפּעטער אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „די בלוטיקע מערי" [15]), — וואָס האָט מיט אים געפירט אן ערנסטן שמועס, וועלכער האָט אין זײַנע אויגן געהאט די איינציקע מעלע, וואָס ער איז געווען קורץ.

א פאָר מינוט האָט ער געהאט פאר זיך אליין, דערנאָך האָט זיך אים פאָרגעשטעלט א מאָגער יינגל פון א יאָר צוועלף, פון קאָפּ ביז די פיס אין שווארצן — אכוץ דעם שניי-ווײַסן שפּיצענעם קראגן און מאנזשעטן. קיין טרויער-באנד האָט ער אפן ארבל ניט געטראָגן, נאָר אפן אקסל איז בא אים געווען א רויט בענדל, אלס צייכן פון טרויער. ער האָט זיך דערנענטערט מיט שנעלע טריט און האָט א פאל

געטאָנ פאר טאָמענ אפ אײנ קני. טאָמ איז געזעסנ רויק, האָט אימ א ווײַלע באטראכט אונ דערנאָכ געזאָגט:

— שטײ אופ, יינגל, ווער ביסטו אונ וואָס פארלאנגסטו?

דאָס יינגל האָט זיכ אופגעהויבנ אונ איז געבליבנ שטײנ אינ

דאָס יינגל האָט זיכ אופגעהויבנ.

א פרײַער פאָזע, אָבער מיט אנ אויסדרוק פונ זאָרג אפ זײַנ פּאָנעמ. ער האָט געזאָגט:

— דו מוזט מיכ געווים געדענקענ, מײַנ האר, איכ בינ דאָס יינגל, וואָס מע שמײַסט אָנשטאָט דיכ.

— מײַנ שמײַס־יינגל?

— מײַנ האר, איכ בינ העמפרי, העמפרי מארלאָו.

טאָמ האָט א קלער געטאָנ, אז פאר אימ שטײט אײנער, וועגנ וועלכנ זײַנע אופפּאסער האָבנ אימ אײגנטלעכ געדארפט דערצײלנ.

די לאגע איז געווענ א שווערע. וואָס זאָל ער דאָ טאָנ? מאכנ אנ

אָנשטעל, אז ער קענ דאָס ייִנגל אונ דערנאָכ ארויסגעבנ זיכ מיט יעדנ וואָרט, אז ער האָט אימ פריִער קיינמאָל אינ די אויגנ ניט געזענ? ניינ, דאָס טויג ניט. מיטאמאָל איז אימ אײַנגעפאלנ א גוטער געדאנק: אזעלכע צופאלנ קאָנענ דאָכ אָפט פאסירנ, אונ איצט, ווענ די לאָרדנ הערטפאָרד אונ סענט־דזשאָנ, וואָס זײַנענ באשטימט געוואָרנ אינ דער אפעטראָפסימ־קאָמיסיע, זײַנענ שטארק פארנומענ, איז ניטאָ בא וועמענ צו פרעגנ אויכ, איז עפשער גלײַכער אויסצוארבעטנ א פלאנ, וויאזוי אליינ ארויסצופלאָנטערנ זיכ פונ אזעלכע פארלעגנהײַטנ. יאָ, דאָס איז א גלײַכע זאכ. ער וועט דאָס אויספרוּוונ אפ דעמ ייִנגל אונ זענ ווי גייט ’עס.

אונ, רײַבנדיק א ווײַלע דעמ שטערנ, האָט ער פארזאָרגט געזאָגט:

— יאָ־יאָ, דוכט זיכ, אז איכ קענ דיכ, יאָ, עפעס דערמאָנ איכ זיכ, אָבער מײַנ זיקאָרנ איז אזוי פארטונקלט אונ אָפגעשוואכט די לעצטע צײַטנ דורכ מײַנע יעסורימ.

— אכ, מײַנ אָרעמער הערשער! — האָט דאָס שמײַס־ייִנגל אויסגערופנ מיט ראכמאָנעס אונ באלד צוריק פארכאפט זיכ, א טראכט געבנדיק: „טאקע עמעס, זיי זאָגנ, אז ער איז ניט באמ זינענ — נעבעכ! אָבער אנ אומגליק האָט מיכ געטראָפנ, ווי איכ פארגעס זיכ א ביסל! מע האָט דאָכ מיר אָנגעזאָגט, כ’זאָל זיכ מאכנ ניט באמערקנדיק, אז ניט אלצ איז בא אימ אינ אָרדענונג“.

— ס’איז מערקווירדיק, ווי מײַנ זיקאָרנ פאראט מיכ לעצטנס, — האָט טאָמ ווײַטער געזאָגט, — אָבער דו קוק דערופ ניט — עס וועט מיר וואָס ווײַטער אלצ בעסער. א קליינער ווונק איז מיר אָפט גענוג, איכ זאָל זיכ דערמאָנענ זאכנ אונ נעמענ, וואָס איכ האָב פארגעסנ (אונ ניט נאָר אזעלכע, וואָס כ’האָב פארגעסנ, נאָר אפילע אזעלכע, וואָס איכ האָב קיינמאָל ניט געוווּסט, ווי דאָס ייִנגל וועט זיכ באלד איבערצײַגנ, — האָט טאָמ פאר זיכ געקלערט).

— אָ, דאָס האנדלט זיכ וועגנ א קלייניקײַט, מײַנ הערשער, דאָכ וועל איכ עס בארירנ, אויב אײַער מאיעסטעט געפינט פאר נייטיק: מיט צוויי טעג צוריק, ווענ אײַער מאיעסטעט האָט אפ דער גריכישער לעקציע געמאכט דרײַ גרײַזנ — צי געדענקט דאָס מײַנ האַר?

— אָ־אָ־אָ, מיר שײַנט, איכ געדענק... (ס’איז ניט גאָר א ליגנ: ווענ כ’וואָלט זיכ איבערהויפט צוגעהערט צו גריכיש, וואָלט איכ גע־

מאכט ניט דרײַ, נאָר דרייסיק גרײַזן), — יאָ, איך דערמאָן זיך, — װײַטער!

— דער לערער, זײַענדיק בייז פאַר אַזאַ נאַכלעסיקער און ניט אויפמערקזאַמער אַרבעט, װי ער האָט עס אָנגערופן, האָט צוגעזאָגט גוט אָפּצושמײַסן מיך דערפאַר און...

— דיך שמײַסן?! — האָט טאָם אויסער זיך פון װוּנדער אויסגערופן, — פאַרװאָס קומט דיך שמײַסן פאַר מײַנע פעלערן?

— אַך, אײַער מאַיעסטעט פאַרגעסט װידער, ער שינדט פון מיר די הויט יעדעס מאָל, װען אײַער מאַיעסטעט מאַכט פעלערן אין די לעקציעס

— עמעס, עמעס, כ'האָב גאָר פאַרגעסן. דו מאַכסט מיט מיר די לעקציעס, און װען איך װייס ניט, מיינט ער, אַז דו האָסט שלעכט געטאָן דײַן פליכט, און...

— אָ, קיניג, װאָס רעדסטו! איך, דער נידעריקסטער פון דײַנע דינער, װאָלט זיך דערװעגן דיך צו לערנען?!

— און װאָס זשע באַשטייט דײַן שולד? װאָס איז דאָס פאַר אַ רעטעניש? בין איך װירקלעך מעשוגע, אָדער דו ביסט פון זינען אַראָפּ? גיב מיר צו פאַרשטיין. רייד קלאָרע װערטער!

— אָבער, אײַער מאַיעסטעט, דאָ איז ניטאָ װאָס צו געבן צו פאַרשטיין. קיינער טאָר ניט באַרירן די הייליקע פּערזאָן פון דעם פּרינץ מיט קלעפּ. דעריבער, װען ער מאַכט עפּעס אַ פעלער, נעם איך אָן זיך די שטראָף, און אַזוי דאַרף אויך זײַן, װאָרעם דאָס איז מײַן שטעלע און איך לעב דערפון.

טאָם האָט געקוקט אויף דעם יונגל, װאָס איז רויִק געשטאַנען פאַר אים, און געטראַכט: „טאַטע זיסער! האָט איר שוין געזען אַזוינס? װאָס פאַר אַ מאָדנע און מערקװירדיקע פּראָפעסיע! אַ כידעש, װאָס זיי האָבן ניט געדונגען אַ יונגל, װאָס זאָל זיך קעמען און אָנטאָן פאַר מיר. האַלעװײַ װאָלטן זיי עס געטאָן, װאָלט איך בעסער אַליין געגנוּמען די שמיץ און װאָלט געדאַנקט גאָט פאַר אַזאַ בײַט“.

---

* דזשיימס דער ערשטער און טשאַרלז דער צװייטער האָבן אין דער קינדהײַט אויך געהאַט אַזוינע יינגלעך, װאָס מע פלעגט זיי באַשטראָפן אָנשטאָט די פּרינצן, װען יענע פלעגן שלעכט צוגרייטן די לעקציעס; דעריבער האָב איך זיך דערלויבט געבן אויך מײַן פּרינץ אַזאַ כאַװער, אין מײַנע אייגענע אינטערעסן. (מ א ר ק ט װ ע נ ס אַ באַמערקונג.)

דאנ האָט ער זיכ געווענדט צומ יינגל און געפרעגט:

— און האָט מענ דיכ, מיינ אָרעמער פריינט, געשמיסנ, ווי מע האָט דיר צוגעזאָגט?

— ניינ, אייער מאיעסטעט, מיינ שטראָף איז געווענ באַשטימט אַפ היינט, און עפּשער וועט זי אינגאנצנ אָפּגעשאפט ווערנ, צוליב דעמ טרויער, וואָס אונדז האָט געטראָפנ. איכ ווייס ניט. בינ איכ צעוועגנ אַזוי דרייסט און געקומענ אַהער דערמאָנענ אייער מאיעסטעט וועגנ דעמ דאָזיקנ צוזאָג אָנצונעמענ זיכ פאר מיר.

— צו פארהיטנ דיכ פונ שמיץ?

— אָ, אייער מאיעסטעט האָט זיכ דערמאָנט?

— זעסטו, מיינ זיקאָרנ ווערט בעסער. זײַ רויִק, דיינ רוקנ וועט בלייבנ ניט געפּאסעוועט, איכ וועל שוינ דערפאר זאָרגנ.

— אָ, איכ דאנק, מיינ גוטער הערשער! — האָט דאָס יינגל אויסגעשריִענ, פאלנדיק אַפ די קני, — איכ בינ עפּשער צו דרייסט, דאָכ וועל איכ...

זעענדיק, אַז הערמפרי קווענקלט, האָט אימ טאָמ אונטערגעגעבנ מוט, זאָגנדיק, אַז ער איז היינט „אינ א גוטער שטימונג“.

— אויב אַזוי, וועל איכ אויסזאָגנ דאָס, וואָס ליגט מיר אַפּנ הארצנ. אַזוי ווי דו ביסט שוינ מער ניט פּרינצ פונ אוועלס, נאָר קיניג, קאָנסטו דאָכ באַפוילנ, וואָס דו ווילסט, און קיינער וועט זיכ ניט דערוועגנ צו זאָגנ דיר: „ניינ“, — דעריבער, ווענ דיר זאָל מיטאַמאָל דערעסנ ווערנ זיכ אָפּצוגעבנ מיט די לאנגווײַליקע לימודים, קאָנסטו דאָכ הייסנ פארברענענ אַלע דיינע ביכער, קעדיי ווענדנ דיינע געדאנקענ אַפ עפּעס בעסערס און ווייניקער לאנגווײַליקס, דאנ בינ איכ פארלאָרנ און צוזאמענ מיט מיר — מיינע שוועסטער, די יעסוימעם.

— פארלאָרנ? פארוואָס? זאָג, איכ בעט דיכ.

— מיינ רוקנ איז מיינ ברויט, אָ, מיינ גנעדיקער הערשער! און ווענ מיינ רוקנ וועט רוענ, וועל איכ הונגערנ: אויב דו וועסט זיכ אויפהערנ לערנענ, וועט מיינ שטעלע אָפּגעשאפט ווערנ, ווײַל מע וועט שוינ מער ניט דארפנ קיינ שמייס-יינגל. אָ, פאריאָג מיכ ניט פונדאנענ!

טאָמ איז גערירט געוואָרנ פונ דעמ יינגלס אויפריכטיקער פארצווייפלונג, און ער האָט מיט עכט קיניגלעכנ גרויסמוט געזאָגט:

— באַמרויִק זיך ניט מער, יִינגעלע. דײַן שטעלע בלײַבט פאַר דיר און פאַר דײַנע קינדס־קינדער אף אייביק.

דאַן האָט ער אַ לײַכטן קלאַפּ געטאָן מיט דער פלאַך פון שווערד איבער דעם יִינגלס אַקסל — אַ צייכן פון קיניגלעכער גנאָד — און געזאָגט:

— שטיי אויף, העמפרי מאַרלאָו, בעיערושעדיק גרויס־שמײַס־יִינגל באַם קיניגלעכן הויף פון ענגלאַנד! פאַרטרײַב דײַן זאָרג; איך וועל זיך ווידער נעמען צו מײַנע ביכער און וועל זיך לערנען אַזוי שלעכט, אַז זיי וועלן מוזן דרײַפאַך פאַרגרעסערן דײַן געהאַלט, — אַזוי שטאַרק וועלן זיי פאַרגרעסערן דײַנע פליכטן.

דער דאַנקבאַרער העמפרי האָט מיט היץ אויסגערופן:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, אָ, מײַן נאָבעלער באַשיצער! דײַן קיניגלעכע ברייטהאַרציקײַט האָט איבערגעשטיגן אַלע מײַנע גרעסטע פאַנטאַזיעס וועגן גליק. איצט וועל איך און אַלע פון דער מישפּאָכע מאַרלאָו, וואָס וועלן קומען נאָך מיר, זײַן גליקלעך, ווי לאַנג מיר וועלן לעבן.

טאָם האָט געהאַט סייכל גענוג צו פאַרשטיין, אַז דאָ שטייט פאַר אים אַ יִינגל, וואָס קאָן אים נוציק זײַן. ער האָט אונטערגעגעבן העמפרין בײַשעק צו ריידן, און יענער איז ניט געווען קעגן דעם. ער איז געווען אַנציקט, וואָס ער העלפט „אויסהיילן“ טאָמען: וואָרעם ער האָט באַמערקט, אַז יעדעס מאָל, ווען ער רופט אַרויס אין זײַן זיקאָרן אײַנצלהײַטן וועגן פּאַסירונגען אין דעם קיניגלעכן קלאַס־צימער אָדער ערגעץ אַנדערש אין פּאַלאַץ, — „דערמאָנט“ זיך טאָם אָן דעם איבעריקן מיט אַלע אײַנצלהײַטן. אין אַ שאָ אַרום איז טאָם געווען אָנגעלאָדן מיט זייער וויכטיקע ידיעות וועגן פּערזאָנען און זאַכן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צום הויף, און ער האָט באַשלאָסן צו שעפּן ידיעות פון דעם זעלביקן קוואַל יעדן טאָג און אָפּצוגעבן אַ באַפעל, מע זאָל צולאָזן העמפרין, ווען נאָר ער וועט קומען, אויב זײַן מאַיעסטעט, דער קיניג פון ענגלאַנד, וועט ניט זײַן פאַרנומען מיט אַנדערע פּערזאָנען.

העמפרי איז נאָרוואָס אַרויסגעגאַנגען, ווען דער לאָרד הערטפאָרד איז אַרײַן און געבראַכט טאָמען נײַע זאָרג.

ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי דער אָפּטראָפּסים־ראַט האָט מוירע,

אז די איבערגעטריבענע קלאנגענ וועגנ דעמ קיניגס צעשטערטנ גע=
זונט קאָנענ פארשפרייט ווערנ אינ לאנד אונ אויסערנ לאנד, —
האָבנ זיי געפונענ פאר גלייכ אונ נייטיק, אז זיינ מאיעסטעט זאָל אינ
א טאָג אָדער צוויי טעג ארומ אָנהייבנ עסנ זיינ מיטיק אינ דער

— ווענ אייער מאיעסטעט זאָל אָנשטרענגענ דעמ זיקאָרנ...

עפנטלעכקייט. זיינ געזונטע געזיכט=פארב אונ זיכערער טראָט צוזא=
מענ מיט זיינע איינגעהאלטענע מאנירנ אונ זיינ פרייער אונ פיינער
באנעמונג וועלנ בעסער פונ אלצ בארויקנ דאָס פאָלק, אינ פאל, אויב
וועלכע=ס'איז אומגעווונטשענע קלאנגענ האָבנ זיכ שוינ פארשפרייט.

דאנ האָט דער גראפ פאָרזיכטיק גענומענ לערנענ טאָמענ, וויאזוי
ער דארפ זיכ אופירנ אינ דער עפנטלעכקייט. ער האָט עס געמאכט
אזוי, ווי ער וואָלט אימ, קלוימערשט, „דערמאָנט“ זאכנ, וואָס טאָמ

ווייסט שוינ פונ לאנג. אָבער צו דעמ גראפס גרויס צופרידנקײַט האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז טאָמ נייטיקט זיכ ניט שטארק אינ אזעלכע אָנווײַזונגענ —העמפרי האָט נאָכ פריִער געגעבנ צו וויסנ טאָמענ, אז אינ הויפ שמועסט מענ וועגנ דעמ, אז אינ א פאָר טעג ארומ וועט דער קיניג אָנהייבנ עסנ מיטיק עפנטלעכ. טאָמ האָט אָבער וועגנ דעמ פארשוויגנ.

זעענדיק, אז דעמ קיניגס זיקאָרנ האָט זיכ געבעסערט, האָט דער גראפ באשלאָסנ אויסצופרעגנ, ווי פארבײַגייענדיק, ווי ווײַט די פארבעסערונג איז געגאנגענ. די רעזולטאטנ זײַנענ אינ אייניקע פאלנ געווענ זייער גוטע — דאָרטנ, ווו טאָמענ האָט ארויסגעהאָלפנ העמ-פרים אינפאָרמאציע. אינ אלגעמיינ האָט זיכ דער גראפ געפילט זייער צופרידנ אונ אפ אזויפיל דערמוטיקט, אז ער האָט מיט א שטילער אונ האָפענונגספולער שטימ געזאָגט:

— איצט בינ איכ זיכער, אז ווענ אײַער מאיעסטעט זאָל נאָר אָנשטרענגענ דעמ זיקאָרנ א ביסל ווײַטער, וועט אײַער מאיעסטעט געוויס לייזנ די רעטעניש פונ דעמ גרויסנ שטעמפל, — דער פאר-לוסט פונ דעמ שטעמפל האָט געהאט א גרויסע באדײַטונג נעכטנ, באָטש הײַנט האָט עס שוינ קיינ שומ באדײַטונג ניט, מאכמעס זײַנ ווערט האָט זיכ געענדיקט צוזאמענ מיטנ לעבנ פונ דעמ געוועזענעמ קיניג. וועט אײַער מאיעסטעט באווייליקנ צו מאכנ די אָנשטרענגונגענ אונ דערמאָנענ זיכ, ווו אײַער מאיעסטעט האָט אהינגעטאָנ דעמ שטעמפל?

טאָמ איז געווענ געפלעפט: א גרויסער שטעמפל — דאָס איז פאר אימ געווענ א גאנצ אומבאקאנטע זאכ.

קווענקלענדיק זיכ א ווײַלע, האָט ער אומשולדיק א קוק געטאָנ אפ דעמ לאָרד הערטפאָרד אונ געזאָגט:

— ווי זעט דאָס אויס, מײַנ לאָרד?

דער לאָרד האָט א ציטער געטאָנ, מורמלענדיק צו זיכ אליינ: „אכ, זײַנ פארשטאנד איז ווידער פארשווונדנ! ס'איז געווענ א קנאפער סייכל פונ מיר צו לאָזנ אימ אזוי אָנשטרענגענ זײַנ מויעכ".

ער האָט גיכ גענומענ ריידנ וועגנ עפעס אנדערש, קעדיי אָפצו-ווענדנ טאָמס געדאנקענ פונ דעמ אומגליקלעכנ שטעמפל, אונ דאָס איז אימ לײַכט געלונגענ.

פֿופֿצנטער קאַפּיטל

טאָמ — א קיניג

אפֿ מאָרגנ זײַנענ געקומענ די אויסלענדישע אמבאסאדאָרנ מיט זייערע גלענצנדע סוויטעס. טאָמ האָט זײ אופֿגענומענ, זיצנדיק אפֿנ טראָנ, מיט גרויס פֿײַערלעכקײַט.

די פּראַכט אונ גלאַנצ פֿונ דעמ בילד האָט פֿונ אָנהייב געפֿרייט זײַנ אויג אונ צעהיצט זײַנ פֿאַנטאַזיע, אָבער די אאודיענצ האָט זיכ פֿאַרצויגנ אונ איז געוואָרנ לאַנגווײַליק; דאָסגלײַכנ — דאָסראָוו פֿונ די רעדעס. אונ דאָס, וואָס ס'איז פֿונ אָנפֿאַנג געווענ פֿאַר אימ א פֿאַרגעניגנ, איז צומ סאָפֿ געוואָרנ א לאַסט, האָט אימ מיד געמאַכט אונ ארויסגערופֿנ בא אימ א בענקעניש נאָכ דער היימ.

טאָמ האָט פֿונ צײַט צו צײַט נאָכגעזאָגט די ווערטער, וואָס הערטפֿאָרד האָט אימ אַרײַנגעלייגט אינ מויל אונ באַמיט זיכ מיט אלע קויכעס געוויסנהאַפֿט אויסצופֿילנ זײַנ ראָל, אָבער ער איז נאָכ צו ווייניק געווינט געוואָרנ צו אזעלכע זאַכנ אונ האָט זיכ צופֿיל געפֿילט געבונדנ, ער זאָל שפּילנ זײַנ ראָל גאָר גוט.

ער האָט אויסגעזענ קימאַט ווי א קיניג, אָבער ער האָט זיכ בעשומויפֿנ ניט געקאָנט פֿילנ אלס קיניג, אונ ער איז דעריבער שטאַרק צופֿרידנ געווענ, ווענ די צערעמאָניע האָט זיכ סאָפֿקאָלסאָפֿ געענדיקט.

דער גרעסטער טייל פֿונ טאָג איז בא אימ „צעריבנ געוואָרנ“ — ווי ער האָט עס אָנגערופֿנ — אינ פֿאַרשיידענער ארבעט, וואָס איז פֿאַרבונדנ געווענ מיט זײַנע קיניגלעכע פֿליכטנ. אפֿילע די צוויי שעה, וואָס זײַנענ אָפּגעגעבנ געוואָרנ אפֿ אלערליי קיניגלעכע פֿאַרווײַלונגענ,— זײַנענ פֿאַר אימ אויכ געווענ מער לאַסט, ווי פֿאַרגעניגנ — אזוי שטאַרק זײַנענ זײ געווענ געבונדנ מיט אלערליי באַגרענעצונגענ אונ עטיקעט-צערעמאָניעס. איינ שעה נאָר האָט ער געהאַט א גוטע, — דאָס איז די שעה, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט מיט העמפֿרינ. די דאָזיקע שעה האָט ער גערעכנט פֿאַר אנ עמעס געפֿונענער, מאַכמעס זי האָט אימ געגעבנ אי פֿאַרגעניגנ, אי נייטיקע יעדיעס.

דער דריטער טאָג פֿונ טאָמס קיניגנ איז פֿאַרבײַגעגאַנגענ אקוראַט ווי די פֿריערדיקע צוויי. אינ איינ פּונקט נאָר האָבנ זיכ די וואָלקנס עט-

וואָס אויסגעלײטערט: ער האָט זיך געפילט א ביסל פרײער ווי פריִער. ער האָט אָנגעהויבנ א ביסל צוגעוווינענ זיך צו זײנ לאגע אונ צומ ארומיקנ לעבנ. ער האָט נאָכ געפילט אפ זיך די קייטנ, אָבער ניט די גאנצע צײט. די געזעלשאפט פונ גרויסע לײט אונ דער קאָוועד, וואָס זײ גיבנ אימ אָפּ, איז אימ מיט יעדער שאָ אלץ ווײניקער אונ ווײניקער געווענ צו לאסט. אונ ווענ ניט די מוירע פאר די עפנטלעכע מאָלצײטנ, וואָס האָבנ זיך הײנט געדארפט אָנהייבנ, וואָלט ער באגעגנט דעמ פערטנ טאָג קימאט רויִק.

אינ דער פראָגראמ פונעמ פערטנ טאָג זײנענ געווענ אויכ מער ערנסטע איניאָנימ: אינ דעמ טאָג האָט ער געדארפט זײנ פאָרזיצער פונ רעגירונגס-ראט, וואָס וועט פרעגנ זײנע מיינונגענ אונ אויסהערנ זײנע באפעלנ וועגנ דער פאָליטיק, וואָס זאָל געפירט ווערנ בענעגייע די אויסלענדישע פעלקער אינ אלע טיילנ פונ דער וועלט; אינ דעמ זעלביקנ טאָג וועט הערטפאָרד אָפיציעל אויסגעקליבנ ווערנ אפ דעמ גרויסנ פאָסטנ פונ לאָרד-רעגענט; אנדערע וויכטיקע מעלוכע-איניאָנימ דארפנ הײנטיקנ טאָג באהאנדלט ווערנ. אָבער פאר טאָמענ זײנענ עס אלץ געווענ קלייניקײטנ אינ פארגלײכ מיט דער שטראָפ פונ גאָט צו עסנ איינער אלײנ אנטקעגנ הונדערט נײגעריקע אויגנ, געווענדעט אפ אימ, אונ מײלער אָנ א צאָל, וואָס וועלנ אינ דער שטיל מאכנ באמערקונגענ וועגנ זײנ האלטונג אונ וועגנ זײנע טאָעסנ, אויב ער וועט זײנ גענוג שלימאזלדיק אונ אזוינע טאָעסנ באגיינ.

אָבער קיינ זאכ האָט ניט געקאָנט אָפּשטעלנ דעמ גאנג פונ דער צײט, אונ דער פערטער טאָג איז געקומענ. ער האָט געטראָפנ טאָמענ נידערגעשלאָגנ, צעשטרייט אונ צעטראָגנ. טאָמ האָט בעשומויפנ ניט געקאָנט קומענ צו זיך. די געוויינלעכע פרימאָרגנ-פליכטנ זײנענ אימ געווענ צו לאסט, אונ די הענט האָבנ זיך בא אימ אראָפּגעלאָזט. ער האָט ווידעראמאָל דערפילט די פײנ פונ געפאנגענשאפט.

ארומ האלבנ טאָג האָט ער אינ גרויסנ אופנעמ-זאל געפירט א שמועס מיט גראפ הערטפאָרד, וואָרטנדיק ביז ס'וועט קומענ די באשטימטע שאָ אָפיציעל אופצונעמענ א געוויסע צאָל הויכע באאמטע אונ הויפ-לײט.

טאָמ איז צוגעגאנגענ צומ פענצטער אונ האָט זיך פאראינטערעסירט מיטנ לעבנ אונ דער באוועגונג פונ דעמ ברייטנ וועג הינטערנ פאלאצ—

און ניט נאָר פארינטערעסירט זיכ, נאָר מיטנ גאנצנ הארצנ גענארט אָנטייל צו נעמענ אינ דעמ לעבנ אונ פרײַהײַט פונ דער גאס. מיטאמאָל האָט ער דערהערט א טופּערײַ פונ פיס אונ דערזענ א האמוינ מאנצבלענ, פרויענ אונ קינדער פונ נידעריקסטנ אונ אָרעמסטנ שטאנד לויפנ איבערנ וועג.

— כ'וואָלט זייער געוואָלט וויסנ, וואָס אזוינס קומט דאָרט פאָר? — האָט ער אויסגעשריענ מיט זײַנ גאנצער יונגלשער נײַגעריקײַט.

— איר זײַט קיניג! — האָט דער גראפ, פארנייגנדיק זיכ, פײַערלעכ געענטפערט. — האָב איכ די דערלויבעניש פונ אײַער מאיעסטעט צו געוואָר ווערנ?

— אָ, יאָ! אָ, מיט פארגעניגנ, יאָ! — האָט טאָמ לעבהאפט אויסגערופנ, קלערנדיק בייסמײַסע מיט צופרידנהײַט, אז נאָכ אלעמענ איז זײַנ א קיניג ניט דורכויסיקע לאנגווײַליקײַט, נאָר ס'האָט זײַנע באקוועמלעכקײַטנ אונ גוטע זײַטנ אויכ.

דער גראפ האָט ארײַנגערופנ א פאזש אונ געשיקט אימ צומ קאפּיטאנ פונ דער וואכ מיט דעמ באָפעל:

— אָפּשטעלנ דעמ האמוינ אונ דערוויסנ זיכ די סיבע פונ דעמ געלאָפ. דאָס איז דעמ קיניגס באפעל!

אינ א פּאָר מינוט ארומ האָט זיכ א לאנגע שורע קיניגלעכע גווארדיע אינ בלישטשענדיקע שטאָלענע פּאנצערס אויסגעשטעלט אינ דער ברייט פונ וועג אונ פארהאלטנ דעמ האמוינ.

א שאָליעכ איז באלד געקומענ צו מעלדנ, אז דער האמוינ לויפט עס נאָכ א מאנצבל, א פרוי אונ א יונג מיידל, וואָס ווערנ געפירט צומ עשאפאָט פאר פארברעכנס, וואָס זיי זײַנענ באגאנגענ.

טויט אונ א שרעקלעכער טויט — דערווארט די דאָזיקע אָרעמע אומגליקלעכע! — דער דאָזיקער געדאנק האָט אָנגערירט די סטרונעס פונ טאָמס הארצנ. א געפיל פונ ראכמאָנעס האָט גענומענ די אויבערהאנט איבער אלע אנדערע געפילנ. ער האָט ניט א קלער געטאָנ וועגנ דעמ, אז די מענטשנ האָבנ געהאנדלט קעגנ געזעצ, אז זיי האָבנ געבראכט אומגליק אונ טרויער זייערע קאָרבאָנעס. ער האָט וועגנ קיינ זאכ ניט געקאָנט קלערנ, ווי נאָר וועגנ דעמ עשאפאָט אונ דעמ שרעקלעכנ גוירל, וואָס דערווארט די פארמישפּעטע. אינ דעמ מאָמענט האָט זײַנ געפיל פארטויבט אינ אימ דעמ באוווסטזײַנ, אז ער איז ניט

מער ווי דער שאָטנ פונ א קיניג און ניט קײנ עמעסער קיניג. אײדער ער האָט זיך נאָך באטראכט, וואָס ער טוט, האָט ער אויסגעשריענ:

— ברענגט זײ אהער!

נאָר באלד האָט ער זיך פארשעמט פאר זיך אלײנ. ער איז רויט געוואָרנ און איז שוינ גרײט געווענ צו בעטנ מעכילע פאר זײַנ היצי־קײַט. באמערקנדיק אָבער, אז זײַנ באפעל האָט ניט ארויסגערופנ קײנ שום איבעראשונג ניט באמ גראפ הערטפאָרד, ניט באמ פאזש, האָט ער זיך אָפגעהאלטנ און גאָרניט געזאָגט.

דער פאזש, פארנײגנדיק זיך, ווי געווײנלעכ, איז הינטערווײַלעכמ ארויס פונ צימער אָפצוגעבנ דעמ באפעל.

טאָמ האָט זיך דערפילט פעסט בא זיך פונ דער קראפט, וואָס דער קיניגלעכער אמט גיט אימ. ער האָט א קלער געטאָנ: אפ מײַנ וואָרט, ס'איז דאָס זעלביקע, וואָס איך האָב געפילט, ווענ איך פלעג לײענענ דעמ אלטנ גאלעכמ מײַסעס און פאָרשטעלנ זיך אלײנ פאר דעמ קיניג, וואָס שאפט געזעצנ און גיט אָפ באפעלנ: „טו דאָס, טו יענצ“, — און קײנער וואגט ניט ווידערצושפעניקנ מיר אָדער טאָנ קעגנ מײַנ ווילנ“.

די טירנ האָבנ זיך ברײט געעפנט, און דאָס אָנקומענ פונ אײנ הויכגעשטעלטער פערזאָנ נאָך דער צווײטער איז געמאָלדנ געוואָרנ. א האלבער זאל איז גיכ פול געוואָרנ מיט אדעליקע און אריסטאָקראַ־טיע. אָבער טאָמ האָט זײ קוימ באמערקט, — אזוי איז ער געווענ אויפגע־רעגט און פארינטערעסירט מיט דער אנדערער, מיט דער וויכטי־קערער זאכ. ער האָט זיך צעשטרײט אוועקגעזעצט אפ זײַנ שטול און מיט גרויס אומגעדולד געקוקט צו דער טיר. די פארזאמלטע האָבנ, פארשטײט זיך, ניט געוואגט צו באמרויקנ אימ און האָבנ געשמועסט צווישנ זיך וועגנ מעלוכע־אינטערעסנ אָדער סטאמ געפירט אלערלײ הויפ־פלוידערײַענ.

אינ א ווײַלע ארומ האָבנ זיך דערהערט די געמאָסטענע טריט פונ זעלנער, און די פארברעכער זײַנענ ארײַנגעפירט געוואָרנ אינ זאל אונטער דער וואכ פונ א געהילפ־שעריפ און אנ אָפטײלונג פונ דער קיניגלעכער גווארדיע.

דער געהילפ־שעריפ האָט געקניט פאר טאָמענ און איז אָפגעטראָטנ אָנ א זײַט. די דרײַ פארמישפעטע זײַנענ אויכ אנידערגעפאלנ אפ די

קני און זײַני   זיך אויסגע=
שטעלט הינט   זכט די פּאר=
ברעכער. עפּ   ווײַנע קליידער
האָט ארויסגעוואָגג אין טאָמס זיקאָרנ א טונקעלע דערינערונג. „מיר דאכט, אז איך האָב אים פריִער ערגעץ=ווו געזעג... אָבער ווענ און ווו — דאָס קאָנ איך זיך ניט דערמאָנענ“, — האָט טאָם געקלערט. גראָד דעמלט האָט דער פּאָרמישפּעטער א קוק געטאָג אפ טאָמענ און שנעל צוריק אראָפּגעלאָזנ זײַנ קאָפּ, ווי ער וואָלט ניט געקאָנט פּארטראָגנ דעמ גלאנצ פונ דער קיניגלעכער גרויסקײַט. אָבער דער איינ בליק איז פאר טאָמענ גענוג געווענ. „איצט איז די זאך קלאָר, — האָט טאָמ געטראכט, — דאָס איז דאָך יענער אומבאקאנטער, וואָס האָט ארויס=געשלעפּט דזשיילס אוִיט פונ דער טעמזע און געראטעוועט זײַנ לעבנ אינ יענעמ קאלטנ ווינטיקנ טאָג, דעמ טאָג פונ נײַ=יאָר, א מוטיקער, גוטער טאט — א שאָד, וואָס ער האָט דערנאָך געטאָנ שלעכטע זאכנ און איז אזוי מיִעס ארײַנגעפאלנ... איך האָב ניט פארגעסנ ניט יענעמ טאָג, ניט די שאָ, ווײַל אינ א שאָ ארומ, פּונקט עלפ אזייגער, האָט מיך די באָבע קענטי אזוי צעשלאָגנ, אז אלע קלעפּ, וואָס איך האָב גע=קראָגנ פריִער אָדער שפּעטער, זײַנענ געווענ ניט מער ווי צארטע גלעטנ אינ פארגלײַכ דערמיט...“

טאָמ האָט באפוילנ, די פרוי און דאָס מיידל זאָלנ אפּ א ווײַלע ארויסגעפירט ווערנ. דאנ האָט ער זיך געווענדט צומ געהילפ=שעריפ און געזאָגט:

— גוטער סער, אינ וואָס באשטייט די שולד פונ דעמ דאָזיקנ מענטשנ?

דער געהילפ=שעריפ האָט, קניִענדיק, געענטפערט:

— איך האָב די ערע צו מעלדנ אײַער מאיעסטעט, אז ער האָט פארסאמט איינעמ פונ אײַער מאיעסטעטס אונטערטאנער.

טאָמס ראכמאָנעס=געפיל צו דעמ פארורטיילטנ און זײַנ אנציקונג מיט אימ, ווי מיט דעמ רעטער פונ דזשיילס אוִיט, איז שטארק גע=פאלנ בא דער דאָזיקער יעדיִע.

— איז דאָס באוויזנ געוואָרנ?

— קלאָר ווי דער טאָג, אײַער מאיעסטעט.

טאָמ האָט אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— נעמט א [illegible]יט־שטראָף. א שאָד.
ער איז געווען אזא [illegible]מיינ צו זאָגנ — ער זעט אויס אזוי מוטיק...

דער פארורטיילטער האָט מיט פארצווייפלונג פארבראָכנ די הענט אונ, צופאלנדיק צום „קיניג“, מיט א צעבראָכנ הארצ געבעטנ:

— אָ, מיינ האר אונ קיניג! דו, וואָס האָסט ראכמאָנעס אפ פארלאָרענע, האָב ראכמאָנעס אפ מיר אויכ! איכ בינ אומשולדיק — זייער שוואכ איז מיינ שולד באוויזנ געוואָרנ — אָבער ניט וועגנ דעמ רייד איכ איצט: דער אורטייל איז ארויסגעטראָגנ געוואָרנ אונ וועט ניט געענדערט ווערנ. דאָכ, אינ מיינ לעצטער מינוט בעט איכ ראכמימ, וואָרעמ מיינ שטראָף איז גרעסער, ווי איכ קאָנ פארטראָגנ. גנאָד, גנאָד, מיינ בארעמהארציקער קיניג! פארנעמ מיינ געבעט אינ דיינ קיניגלעכנ הארצנ — באפעל מע זאָל מיכ הענגענ!

טאָמ איז אויסער זיכ געוואָרנ. אפ אזא באקאָשע האָט ער זיכ ניט געריכט.

— איכ שווער בא מיינ לעבנ — א מאָרנע גנאָד! איז דענ די טלייע ניט דאָס, וואָס עס ווארט אפ דיר?

— אָ, מיינ גוטער קיניג, ניט דאָס! ס'איז באפוילנ געוואָרנ מע זאָל מיכ אָפּקאָכנ לעבעדיקערהייט!..[16]

בא די דאָזיקע שרעקלעכע ווערטער איז טאָמ קימאט אופגעשפרונגענ פונ שטול. ווי נאָר ער איז געקומענ צו זיכ, האָט ער גלייכ אויסגעשריענ:

— דיינ ווונטש וועט אויסגעפילט ווערנ, אומגליקלעכער! אונ וואָלסטו אפילע פארסאמט הונדערט מענטשנ, וואָלסטו ניט געדארפט שטארבנ מיט אזא שרעקלעכנ טויט.

דער געפאנגענער איז צוגעפאלנ מיטנ פּאָנעמ צו דער ערד אונ אינ לייdנשאפטלעכע אויסדרוקנ געגומענ דאנקענ אָנ א שיר, ענדיקנדיק מיט די ווערטער:

— אויב אנ אומגליק וועט דיכ, כאָלילע, אמאָל טרעפנ, — פונ וואָס גאָט זאָל דיכ באשירעמענ,—זאָל דיינ היינטיקע גוטהארציקייט צו מיר בייטשטיינ דיינ זכוס, אונ גאָט זאָל דיר דערפאר באצאָלנ פילפאכיק!

טאָמ האָט זיכ געווענדט צומ גראף הערטפאָרד אונ געזאָגט:

— מײַנ לאָרד, איז עס מעגלעכ, אז מע האָט דעמ דאָזיקנ מענטשנ פארמישפעט צו אזא גרויזאמענ טויט?

— דאָס איז דער געזעצלעכער אורטייל פאר גיפט-מישערס לויט דעמ ענגלישנ געזעצ. אינ דײַטשלאנד ווערנ געלט-פעלשער געקאָכט לעבעדיקערהייט אינ בוימל, אונ ניט מיט איינ מאָל, נאָר זיי ווערנ אראָפגעלאָזנ אפ א שטריק ביסלעכווײַז אונ לאנגזאמ, פריער די פיאטעס, הערנאָכ די פיס, דערנאָכ...

— אָ, הער אופ, איכ בעט דיכ, מײַנ לאָרד, איכ קאָנ דאָס ניט הערנ! — האָט טאָמ אויסגעשריענ, פארדעקנדיק די אויגנ מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיכ געוואָלט באשיצנ פונעמ שרעקלעכנ בילד, — איכ בעט דיכ, מײַנ גוטער לאָרד, צו באפעלנ, דער דאָזיקער גרויזאמער געזעצ זאָל געענדערט ווערנ. אָ, זאָלנ אומגליקלעכע מענטשנ ניט געפײַניקט ווערנ מער מיט אזעלכע שרעקלעכע יעסורימ.

דעמ גראפס פאָנעמ האָט אויסגעדריקט טיפע צופרידנקײַט. וואָרעמ ער איז געווענ בעטעווע א גרויסמוטיקער אונ גוטהארציקער מענטש — א זאכ, וואָס מע האָט ניט אָפט באגעגנט צווישנ מענטשנ פונ זײַנ קלאס אינ יענער גרויזאמער עפאָכע.

— די דאָזיקע נאָבעלע ווערטער פונ אײַער מאיעסטעט האָבנ שוינ געענדערט דעמ געזעצ, — האָט לאָרד הערטפאָרד געזאָגט, — די געשיכטע וועט דאָס פארצייכענענ צו דער ערע פונעמ קיניגלעכנ הויז.

דער געהילפ-שעריפ האָט שוינ געוואָלט ארויספירנ דעמ געפאנגענעמ, ווענ טאָמ האָט געגעבנ א צייכנ אָפצוווארטנ, אונ געזאָגט:

— איכ וואָלט געוואָלט א ביסל טיפער ארײַנדרינגענ אינ דער זאכ: דער מאנ זאָגט, אז זײַנ שולד איז אזוי גוט ווי ניט באוויזנ געוואָרנ. זאָג מיר, וואָס ווייסטו וועגנ דעמ?

— איכ האָב די ערע צו מעלדנ אײַער קיניגלעכער מאיעסטעט, אז ס'איז אופגעוויזנ געוואָרנ אינ געריכט, אז דער דאָזיקער מענטש איז ארײַנ אינ דערפל איילינגטאָנ אינ א הויז, ווו ס'איז געלעגנ א קראנקער — דריי איידעס באשטעטיקנ, אז דאָס איז געווענ צענ אזייגער אינדערפרי, אונ צוויי זאָגנ, אז א פאָר מינוט שפעטער, — דער קראנקער איז געלעגנ איינער אליינ אונ געשלאָפנ. אינ א פאָר מינוט ארומ איז דער באשולדיקטער צוריק ארויס פונ שטוב אונ איז געגאנגענ זײַנ

וועג. דעמ כוילע האָבנ אינגיכנ אָנגעכאפּט ספּאזמעס, אונ ווייניקער ווי אינ א שאָ צײַט ארומ האָט ער גאָט די נעשאָמע אָפּגעגעבנ.

— האָט עמעצער געזעגנ, ווי מע האָט דעמ קראנקנ אײַנגעגעבנ סאמ? איז סאמ געפונענ געוואָרנ?

טאָמ האָט נײַגעריק באטראכט די פארברעכער.

— אָ, ניינ, אײַער מאיעסטעט.

— וויאזוי זשע קאָנ מענ איבערהויפּט וויסנ, אז סאמ איז געגעבנ געוואָרנ?

— איכ דערלויב מיר צו מעלדנ אײַער מאיעסטעט, אז די דאָקטוירימ האָבנ באשטעטיקט, אז אזעלכע סימאָנימ, ווי ספּאזמעס אונ ברעכנ, זײַנענ פאראנ נאָר בא פארגיפטונג.

וויכטיקע באווײַזנ פאר יענע פינצטערע צײַטנ.

טאָמ האָט באַגריפנ די וויכטיקײַט פונ דעמ דאָזיקנ באַווײַז אונ געזאָגט:

— די דאָקטוירימ ווייסנ זייער פאַכ. מיסטאָמע זײַנענ זיי גערעכט. עס האַלט שלעכט מיט דעמ דאָזיקנ אומגליקלעכנ.

— דאָס איז אָבער נאָכ ניט אַלצ, אײַער מאַיעסטעט. פאַראַנ נאָכ מער אונ ערגערס. א סאַכ מענטשנ דערציילנ, אַז א מאַכשייפע, וואָס איז זינט דעמלט אוועק פונ דאָרפ קיינער ווייסט ניט וווּהינ, האָט פאַרויסגעזאָגט אונ דערציילט זיי בעסאָד, אַז דער קראַנקער וועט שטאַרבנ פונ סאַמ. אונ נאָכ מער, אַז אַנ אומבאַקאַנטער וועט עס אימ אײַנגעבנ — אַנ אומבאַקאַנטער מיט טונקעלע האָר אונ אינ אַלטע, פּראָסטע קליידער, אונ דער ערעסטירטער איז צוגעפּאַסט צו דער שילדערונג פונ דער מאַכשייפע — זאָל נאָר פעלנ א האָר. זאָל אײַער מאַיעסטעט באַוויליקנ גוט צו באַטראַכטנ די זאַכ, האַלבנדיק אינ זינענ, אַז ס'איז פאָרויסגעזאָגט געוואָרנ.

אינ יענער אָבערגלויביקער צײַט איז עס געווענ אַנ אַרגומענט פונ גוואַלדיקער קראַפט. טאָמ האָט געפילט, אַז די זאַכ איז געענדיקט. אויב באַווײַזנ האָבנ איבערהויפּט א ווערט, איז די שולד באַוויזנ. פונדעסטוועגנ האָט ער געגעבנ דעמ באַשולדיקטנ א מעגלעכקײַט צו פאַרענטפערנ זיכ.

— אויב דו קאָנסט עפּעס זאָגנ פאַר דײַנ פאַרטיידיקונג, — זאָג.

— קיינ זאַכ ניט, וואָס זאָל נוצנ ברענגענ, מײַנ קיניג. איכ בינ אומשולדיק, דאָכ קאָנ איכ עס ניט באַווײַזנ. איכ האָב קיינ פרײַנט ניט, אַז ניט וואָלט איכ געקאָנט דערווײַזנ, אַז איכ בינ יענעמ טאָג גאָר ניט געווענ אינ אײַלינגטאָנ. איכ וואָלט אויכ געקאָנט דערווײַזנ, אַז אינ דער שאָ, וואָס זיי רופנ אָנ, בינ איכ נאָכ געווענ א מײַל פונ אײַלינגטאָנ — אינ וואָפּינג-אָלד-סטערס [17]. נאָכ מער, קיניג, איכ וואָלט געקאָנט באַווײַזנ, אַז אינ דער צײַט, וואָס זיי זאָגנ, אַז איכ האָב גענומענ א לעבנ, האָב איכ גאָר געראַטעוועט א לעבנ. א יינגל האָט זיכ געטרונקענ...

— גענוג! שעריפ, רופ אָנ דעמ טאָג, אינ וועלכנ דער פאַרברעכנ איז באַגאַנגענ געוואָרנ.

— צענ אַזייגער אינדערפרי, אָדער א פּאָר מינוט שפּעטער, דעמ טאָג פונ נײַ-יאָר, אַלערגנעדיקסטער...

— באפרײַ דעמ געפאנגענעמ — אזוי וויל דער קיניג!

דאָס ייִנגל האָט זיכ ווידער פארשעמט פונ דער דאָזיקער ניט קיניגלעכער אײַליקײַט זײַנער אונ האָט זיכ טייקעפ פאריכט, צוגעבנדיק:

— איכ בינ שרעקלעכ אופגעבראכט, אז עס זאָל מעגלעכ זײַנ, מע זאָל שיקנ א מענטשנ אפ דער טליִע אפנ גרונט פונ אזעלכע נארישע אונ פוסטע באווײַזנ!

א שטילע מורמלערײַ פונ אנציקונג איז אדורכ איבער די פארזאמלטע. דאָס איז ניט געווענ צוליב טאָמס באשלוס, ווײַל אינ דער גאנצער פארזאמלונג איז ניט געווענ קיינ איינער, וואָס זאָל בארעכטיקנ די אײַליקע באפרײַונג פונ א גיפט־מישער, — אָבער אלע האָבנ באוואונדערט דעמ סייכל אונ די שארפזיניקײַט, וואָס טאָמ האָט ארויסגעוויזנ.

— אָ, דאָס איז ניט קיינ מעשוגענער קיניג — ער האָט א קלאָרנ סייכל.

— ווי קלאָר ער האָט געשטעלט פראגנ אונ ווי ענלעכ דאָס איז צו זײַנ פריִערדיקער טעווע אָפּצופארטיקנ א זאכ קורצ אונ שארפ.

— א דאנק גאָט, זײַנ שוואכקײַט איז פארבײַ! דאָס איז ניט קיינ שוואכלינג, נאָר א קיניג! ער האָט זיכ געהאלטנ גאָר ווי זײַנ פאָטער.

דאָס זײַנענ געווענ די באמערקונגענ, וואָס זײַנענ אינ דער שטיל געמאכט געוואָרנ וועגנ טאָמענ.

טאָמס אויער האָט געכאפּט אייניקע פונ די באמערקונגענ, אונ ער האָט זיכ געפילט זייער גוט אונ לײַכט.

אָבער באלד האָט זײַנ יונגע נײַגעריקײַט גויווער געווענ די אָנגענעמע געפילנ; אימ האָט זיכ פארגלוסט צו וויסנ, וואָס פאר א שרעקלעכנ פארברעכנ זײַנענ באגאנגענ די פרוי אונ דאָס קליינע מיידעלע.

אפ זײַנ באפעל זײַנענ זיי ביידע, ציטערנדיקע אונ וויינענדיקע, געבראכט געוואָרנ פאר אימ.

— וואָס אזוינס האָבנ זיי געטאָנ? — האָט טאָמ געפרעגט דעמ שעריפ.

— איכ האָב די דרייסטקײַט צו מעלדנ אײַער מאיעסטעט, אז זיי ווערנ באשולדיקט אינ א מוירעדיקנ אונ קלאָר באוויזענעמ פארברעכנ, פאר וועלכנ די ריכטער האָבנ זיי פארורטיילט צומ הענגענ: זיי האָבנ זיכ פארקויפט צומ טײַוול — אָט אינ וואָס זייער פארברעכנ באשטייט!

טאָמ האָט א ציטער געטאָן. ער איז פונ קינדווײַז אָנ געלערנט גע־ווענ צו האסנ מענטשנ, וואָס טוענ אזעלכע זינדיקע זאכנ.

ער האָט זיכ אָבער ניט געקאָנט אָפּזאָגנ פונ פארגעניגנ צו באפרי־דיקנ זײַנ נײַגעריקײַט, אונ ער האָט געזאָגט:

— ווו איז עס געשענ? אונ ווענ?

— אומ האלבער נאכט, אינ כווידעש דעקאבער, אינ אַנ אײַנגעפאַ־לענעמ קלויסטער, אײַער מאיעסטעט.

טאָמענ האָט א שוידער געטאָנ.

— ווער איז דערבײַ געווענ?

— ניט מער ווי זיי ביידע, אײַער מאיעסטעט, אונ י ע נ ע ר...

— זײַנענ זיי זיכ מוידע געווענ?

— נײנ, דאָס ניט, זיי לייקענענ.

— ווי זשע, איכ בעט דיכ, האָט מענ זיכ דערוווּסט?

— אייניקע איידעס האָבנ זיי געזענ גייענדיק אהינ, אײַער מאיעס־טעט. דאָס האָט ארויסגערופנ א כשאד, וואָס איז דערנאָכ באשטעטיקט געוואָרנ דורכ שרעקלעכע פאסירונגענ. דעריקער איז פעסטגעשטעלט געוואָרנ, אז זיי האָבנ מיט דער הילפ פונ דער ניט־גוטער קראפט ארויסגערופנ א שטורעמ, וואָס האָט כאָרעוו געמאכט די גאנצע געגנט. איבער פופציק איידעס האָבנ באשטעטיקט, אז א שטורעמ איז גע־ווענ, אונ, וואָרהאפטיק, מע וואָלט געקאָנט האָבנ טויזנט איידעס, מע זאָל נאָר ווענ, ווײַל יעדערער געדענקט גוט דעמ שטורעמ, מאכמעס יעדערער האָט פונ אימ געליטנ.

— אוודע איז די זאכ ערנסט.

טאָמ האָט א ווײַלע באטראכט דאָס דאָזיקע שטיקל טײַוולשע אר־בעט אונ דערנאָכ געפרעגט:

— האָט די פרוי אלײנ אויכ געליטנ פונ דעמ שטורעמ?

— געוויס האָט זי געליטנ, אײַער מאיעסטעט. אונ רעכט אפ איר. אלע האָבנ דערלעבט אָנ איר א געקאָמע. איר הײַזל איז אינגאנצנ אוועקגעטראָגנ געוואָרנ דורכנ שטורעמ, אונ זי מיט איר קינד זײַנענ געבליבנ היימלאָז.

— מיר דוכט, אז זי האָט צו טײַער באצאָלט פאר דער קראפט צו טאָנ זיכ אלײנ שלעכט. זי וואָלט זיכ גענארט, ווענ אפילע זי וואָלט דערפאר באצאָלט מער ווי איינ גראָשנ, הײַנט אז זי האָט דערפאר בא־

צאָלט דעם טײַוול מיט איר אײגענער אונ מיט איר קינדס נעשאָמע, באַווײַזט דאָס, אַז זי איז מעשוגע, אונ ווײַבאַלד זי איז מעשוגע, ווײסט זי ניט, וואָס זי טוט אונ איז, בעמײלע, ניט פֿאַראַנטוואָרטלעכ פֿאַר אירע מײַסים.

די גרויע קעפּ האָבנ ווידער געשאָקלט צושטימענדיק אונ צופֿרידנ מיט טאָמס סײכל, אונ אײנער פֿונ זײ האָט שטיל באַמערקט:

— אויב דער קיניג איז, ווי מע זאָגט, מעשוגע, איז עס אַזאַ מינ מעשוגאַס, וואָס וואָלט שטאַרק צוניץ געקומענ אײניקע קלאָרע, וועלכע איכ קענ, ווענ גאָט וואָלט זײ נאָר געהאָלפֿנ, זײ זאָלנ זיכ אָנשטעקנ מיט אַזאַ מעשוגאַס.

— ווי אַלט איז דאָס קינד? — האָט טאָם געפֿרעגט.

— נײַנ יאָר, אײַער מאַיעסטעט.

— דערלויבט דער ענגלישער געזעצ אַ קינד פֿונ נײַנ יאָר אַרײַנצוגײַנ אינ וועלכע־ס'איז אָפּמאַכנ אונ פֿאַרקויפֿנ זיכ אַלײנ? — האָט זיכ טאָם געווענדט צו אַ געלערנטנ ריכטער.

— דער געזעצ דערלויבט ניט קינדער אָנטײלצונעמענ אָדער אַרײַנטרעטנ אינ וועלכע־ס'איז ערנסטע אָפּמאַכנ אָדער קאָנטראַקטנ, אײַער מאַיעסטעט, ווײַל זײער שוואַכער סײכל איז ניט אימשטאַנד אַנטקעגנצושטעלנ זיכ דעם צײַטיקנ פֿאַרשטאַנד אונ די שלעכטע פּלענער פֿונ דערוואַקסענע. דער טײַוול מעג יאָ קויפֿנ אַ קינד, אויב ער וויל נאָר אונ אויב דאָס קינד איז דערצו מאַסקים, אַנ ענגלענדער אָבער טאָר ניט, אונ זײַנ אָפּמאַכ וואָלט אינ אַזאַ פֿאַל געווענ אומגילטיק.

— דאָס איז ניט קריסטלעכ אונ נאַריש, אַז דער ענגלישער געזעצ זאָל געבנ דעם טײַוול מער רעכט אונ פּריווילעגיעס ווי אַנ ענגלענדער! — האָט טאָם אויסגעשריגנ מיט אופֿריכטיקנ צאָרנ.

דער דאָזיקער נײַער בליק אָפּ דער זאַכ האָט אַרויסגערופֿנ אַ סאַכ שמײכלענ, אונ יעדערער האָט עס באַהאַלטנ אינ זײַנ זיקאָרנ, כּדי איבערצוכאַזערנ דערנאָכ דעם אַנעקדאָט אינ הויפֿ־קרײַזנ אַלס באַווײַז פֿונ טאָמס קלאָרקײַט.

די באַשולדיקטע פֿרוי האָט אופֿגעהערט צו ווײנענ אונ האָט זיכ צוגעהערט צו טאָמס ווערטער מיט גרויס אופֿמערקזאַמקײַט אונ מיט וואַקסנדיקער האָפֿענונג.

טאמ האט דאס באמערקט, אונ דאס האט נאכ פארשטארקט זײנ מיטגעפיל צו דער ארעמער פרוי.

— מיט וואס האבנ זיי ארויסגערופנ דעמ שטורעמ? — האט ער געפרעגט.

— דערמיט, וואס זיי האבנ אויסגעטאנ די זאקנ, מײַנ קיניג.

דאס האט טאמענ פארוואונדערט אונ צעהיצט זײַנ נײַגעריקײַט ביז גאר.

— וואונדערבאר! רופט דאס אלעמאל ארויס אזעלכע שרעקלעכע פאלגנ?

— שטענדיק, מײַנ קיניג, ווײַניקסטנס, ווענ די פרוי וויל עס אונ זאגט ארויס די נייטיקע קישעפ־ווערטער הויכ אדער פאר זיכ.

טאמ האט זיכ א קער געטאנ צו דער פרוי אונ באפוילנ:

— ווײַז דײַנ קויעכ, איכ וויל זענ א שטורעמ!

די פענעמער פונ די אבערגלויביקע פארזאמלטע זײַנענ בלאס געווארנ אונ בא דער מערהײַט פונ זיי האט זיכ באוויזנ א פארבארגענער ווונטש וואס גיכער ארויסצורוקנ זיכ פונ געפערלעכנ ארט. אבער טאמ, וואס איז אינגאנצנ געווענ פארטאנ מיט דער קומענדיקער קאטאסטראפע, איז געווענ בלינד אונ טויב צו אלצ, וואס ארומ אימ קומט פאר.

באמערקנדיק דער פרוימ פארוואונדערטנ אונ דערשראקענעמ בליק, האט טאמ אופגערעגט צוגעגעבנ:

— האב קיינ מוירע ניט, מע וועט דיר דערפאר גארנישט טאנ. נאכ מער — דו וועסט באפרײַט ווערנ, אונ קיינער וועט דיכ ניט אנרירנ. באווײַז דײַנ קויעכ!

— א, מײַנ קיניג! איכ פארמאג ניט אזא קויעכ, מ'האט אפ מיר א בילבל געמאכט! — האט די פרוי אויסגעשריענ.

— דײַנ מוירע האלט דיכ אפ. האב זשע קיינ מוירע ניט, דיר וועט קיינ שלעכטס ניט געשענ. מאכ א שטורעמ — ס'מאכט ניט אויס, אז א קלייניקנ — איכ פארלאנג ניט קיינ גרויסנ אדער געפערלעכנ, אדערבע, בעסער פארקערט, טו זשע דאס — אונ דײַנ לעבנ איז געשענקט. דו וועסט ארויס פונדאנענ פרײַ צוזאמענ מיט דײַנ קינד. דער

קיניג וועט דיר מויכל זײַן און וועט דיך באַשיצן פֿון יעדן בייז אין גאַנצן קיניגרײַך.

די פֿרוי האָט אַ פֿאַל געטאָן צו דער ערד און מיט טרערן פֿאַרזיכערט, אַז זי פֿאַרמאָגט ניט די קראַפֿט צו ווײַזן דעם ווונדער, ווען ניט וואָלט זי עס געוויס מיט פֿאַרגעניגן געטאָן, אויב זי וואָלט דערמיט געראַטעוועט כאָטש איר קינדס לעבן און אַליין געדאַרפֿט אומקומען. קיין גרעסערע גנאָד וואָלט זי גאָר פֿון קיניג ניט פֿאַרלאַנגט.

טאָם האָט ווײַטער אײַנגערעדט דער פֿרוי. אָבער זי האָט אַלץ פֿאַרזיכערט, אַז זי קען דאָס ניט. צום סאָף האָט טאָם געזאָגט:

— איך רעכן, אַז די פֿרוי זאָגט דעם עמעס. ווען מײַן מוטער וואָלט געווען אויף איר אָרט און פֿאַרמאָגט דעם טײַוולס פֿינצטערע מאַכט, וואָלט זי קיין איין מינוט ניט געטראַכט אַרויסצורופֿן אַלע שטורעמס פֿון דער וועלט, ווען אַפֿילו דאָס זאָל כאָרעוו מאַכן דאָס גאַנצע לאַנד, אויב זי וואָלט נאָר וויסן, אַז דערמיט ראַטעוועט זי מײַן לעבן. און אַלע מוטערס זײַנען גלײַך.

— דו ביסט פֿרײַ, גוטע פֿרוי — דו און דײַן קינד, וואָרעם איך האַלט דיך פֿאַר אומשולדיק. נו, איצט, אַז דו ביסט פֿרײַ, האָסטו גאָרניט וואָס מוירע צו האָבן, טו זשע אויס דײַנע זאָקן! און אויב דו קענסט נאָר מאַכן מיר אַ שטורעם, וועל איך דיך רײַך מאַכן.

די געראַטעוועטע האָט געדאַנקט אָן אויפֿהער און געײַלט זיך צו טאָן דעם קיניגס פֿאַרלאַנג. טאָם האָט אומגעדולדיק און אַ ביסל אומרויִק צוגעקוקט, ווי זי ציט אַראָפּ די זאָקן. די הויף-לײַט האָבן אָפֿן אויסגעדריקט זייער אומרויִקײַט.

די פֿרוי האָט אַראָפּגעשלעפּט אירע אייגענע זאָקן, איר קינדס זעקלעך און געטאָן, וואָס נאָר זי האָט געקענט, צו באַדאַנקען דעם קיניגס גרויסמוט, כאָטש מיט אַן ערדציטערניש, אָבער איר מי איז געווען אומזיסט. טאָם האָט אָפּגעזיפֿצט און געזאָגט:

— באַמי זיך מער ניט, גוטע נעשאָמע, דײַן קויעך איז פֿון דיר אוועק. גיי בעשאָלעם דײַן וועג און אויב דײַן קויעך וועט זיך צו דיר ווען-עס-איז אומקערן, — פֿאַרגעס מיך ניט און ברענג מיר אַ שטורעם.[18]

דער פאראד־מיטיק

די שאָ פונ דעמ ערשטנ עפנטלעכנ מיטיק האָט זיכ דערנענטערט. אָבער, מערקווירדיק, טאָמ האָט קימאט ווי ניט מוירע געהאט. די פּאסירונגענע פונ הײַנטיקנ פרימאָרגנ האָבנ אימ צוגעגעבנ א מאָדנע זיכערקײַט אונ גלויבנ אינ זיכ. דאָס קלײנע אָרעמע רינשטאָק־ייִנגל האָט נאָכ פיר טעג „געוווינהײַט“ געפילט זיכ מער אינ דער הײמ אינ זײַנ גאָלדענעמ שטײַגל, ווי א דערוואקסענער מענטש וואָלט זיכ געפילט פאר א כוידעש צײַט. די פײַקײַט פונ קינד צוצופּאסנ זיכ צו אומשטענדנ האָט זיכ קײנמאָל ניט בעסער ארויסגעוויזנ ווי אינ דעמ דאָזיקנ פאל.

איצט, ווענ מע גרײט צו טאָמענ פאר אזא וויכטיקנ איניעג, ווי דער ערשטער עפנטלעכער מיטיק, — לאָמיר אויסנוצנ אונדזער צײַט אונ א קוק טאָנ, וואָס הערט זיכ אינ באנקעט־זאל.

דאָס איז א גרויסער זאל מיט באגילדטע זײַלנ אונ פּיאסטערס אונ מיט געמאָלטע ווענט אונ סופיט. באמ טיר זײַנענ אומבאוועגלעכ, ווי סטאטועס, געשטאנענ הויכע גווארדײיער, אָנגעטאָנ אינ רײַכע אונ מאָלערישע קלײדער, מיט אלעבארדנ אינ די הענט. אפ דער גאלעריי, וואָס האָט זיכ געצויגנ ארומ דעמ גאנצנ זאל, איז געזעסנ אנ אָרקעסטער מוזיקאנטנ אונ א גרויסע געזעלשאפט פונ פרויענ אונ מענער אינ רײַכער קלײדונג. אינמיטנ זאל, אפ א הויכער פּלאטפאָרמע, איז געשטאנענ טאָמס טיש.

איצט לאָמיר לאָזנ דעמ פּארצײַטיקנ כראָניק־שרײַבער דערצײלנ מיט זײַנע אײגענע ווערטער:

„פריִער איז ארײַנ אינ צימער א דזשענטלמענ מיט דער קיניגלעכער רוט אינ האנט; נאָכ אימ איז ארײַנ א צווײטער מיט א טישטעכ. נאָכ דעמ, ווי זײ האָבנ דרײַ מאָל געקניט מיט גרויס דרעכערעצ, האָבנ זײ אויסגעשפּרײט דאָס טישטעכ אפנ טיש אונ, קניִענדיק נאָכאמאָל, זײַנענ זײ ארויס פונ צימער. נאָכ די ערשטע צוויי זײַנענ ארײַנ אנדערע צוויי, אײנער ווידער מיט א רוט אינ האנט אונ דער צווײטער מיט א זאלצ־מעסטל אונ ברויט אפ א טעלער. קניִענדיק, ווי די ערשטע

צוויי, שמעלן זיי אלץ אוועק אפן טיש און גייען ארויס מיט די זעלביקע צערעמאָניעס, ווי די פריערדיקע. צום סאָף גייען ארײַן צוויי פּרעכטיק־געקלײדטע אַרלֿ־לייט און, נאָך דעם, ווי זיי פאלן דרײַ מאָל צו דער ערד אף א זייער גאלאנטן שטייגער, — לייגט איינער אוועק א גרויס מעסער אפן טיש און דער צווייטער רײַבט אײַן דעם טיש מיט ברויט און זאלץ מיט אזא מין אָפּשײַ, פּונקט ווי דער קיניג אליין וואָלט דערבײַ געווען".

דערמיט ענדיקן זיך די פֿײַערלעכע צוגרייטונגען.

איצט דערהערט זיך פון ערגעץ ווײַט אין קאָרידאָר א סיגנאַל פון טרומייטער און אן אומדערטלעכער אויסרוף: „מאכט וועג פארן קיניג! וועג פאר זײַן הויכגעאכטער מאיעסטעט דעם קיניג!" — די דאָזיקע אויסרופן כאזערן זיך יעדע מינוט איבער, זיי דערנעענטערן זיך אלץ מער און מער, און אינגיכן דערהערן זיך קלאנגען פון א מיליטער־מארש און הילכיקע אויסגעשרייען: „מאכט וועג פארן קיניג!" — עס עפנט זיך די טיר און די גלענצנדע פּראָצעסיע הייבט אָן מיט מעסיקע טריט אָנצופילן דעם זאַל.

איצט לאָמיר ווײַטער לאָזן דעם כראָניק־שרײַבער דערציילן:

„צוערשט גייען אַדעליקע, באראָנען, גראפן, ריטער פון „זאָקנבענדל־אָרדען", אלע פּרעכטיק געקליידט און מיט אָפּגעדעקטע קעפּ. דערנאָך קומט דער קאנצלער צווישן צוויי באגלייטער. איינער פון זיי טראָגט די קיניגלעכע רוט און דער צווייטער — די מעלוכע־שווערד מיטן שפּיץ ארויף, אין א רויטער שייד, באפּוצט מיט גאָלדענע ליליען. נאָך זיי קומט דער קיניג אליין. ווען ער באווײַזט זיך, ווערט ער באגריסט מיט גרויס ראַש פון צוועלף טרומייטן און פון א סאך פּויקן, אין דער צײַט, ווען אלע אף דער גאַלעריי הייבן זיך אוף פון זייערע ערטער און שרײַען: „גאָט, באשיץ דעם קיניג!" הינטער אים גייט זײַן סוויטע און פון ביידע זײַטן — זײַן ערן־וואך, די פופציק לײַבוועכטער מיט באגילדטע שלאכט־העק אין די הענט".

דאָס איז אלץ געווען אזוי פײַן און אינטערעסאַנט, אז טאָמס הארץ האָט העפטיק געקלאַפּט און זײַנע אויגן האָבן געפינקלט פון פרייד. ער האָט זיך געהאלטן לײַבט און גראציעז, דעריקער, ווײַל ער האָט ניט געקלערט וועגן דעם, ווי צו האלטן זיך, מאכמעס ער איז אינגאנצן געווען פארנומען מיט דעם פּרעכטיקן בילד און מיט די צויבער־קלאנ=

גענ ארומ אימ. אונ אכוצ דעמ, פילט זיכ יעדערער אויסגעצייכנט אינ שיינע אונ גוט=צוגעפּאַסטע קליידער, איבערהויפּט נאָכ דעמ, ווי מע ווערט א ביסל געוווינט צו זיי.

טאָמ האָט געדענקט, וואָס מע האָט אימ געלערנט, אונ האָט אויפגענומענ די באַגריסונגענ מיט א לײַכטנ קאָפּ=נייג אונ מיט די ווערטער:

— איכ דאַנק דיר, מײַנ גוט פאָלק!

טאָמ האָט זיכ געזעצט צומ טיש, ניט אראָפּנעמענדיק זײַנ הוט. ער האָט עס געטאָנ אָנ דער קלענסטער פאַרלעגנהײַט, וואָרעמ עסנ אינ א היטל איז געווענ דער אייגנציקער מינהעג, אינ וועלכנ דער ענגלישער קיניג אונ די מישפּאָכע קענטיי האָבנ זיכ ניט אונטערשיידט אונ וויַ קיינ איינ צאַר האָט ניט געקאָנט פּרעטענדירנ, אז ער האָט דער ערשטער אײַנגעפירט דעמ מינהעג.

די סוויטע האָט זיכ צעטיילט אפ עטלעכע גרופּעס אונ געבליבנ מיט אָפּגעדעקטע קעפּ.

אונטער די קלאַנגענ פונ פרייילעכער מוזיק איז ארײַנ די קיניגלעכע גוואַרדיע — „די סאַמע געוויקסיקע, סאַמע שטאַרקע מענטשנ אינ ענגלאַנד — ספּעציעל דערופּ אויסגעקליבענע“.

נאָר זאָל ווײַטער דער כראָניק=שרײַבער דערציילנ:

„עס זײַנענ ארײַנ די לײַב=גוואַרדייער, וואַכ=האַלטער מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, אָנגעטאָנ אינ פּורפּור=קליידער אונ מיט גאָלד=רויזנ אפ דעמ רוקנ, זיי זײַנענ ארײַנ אונ ארויס, ארײַנברענגענדיק יעדעס מאָל פרישע שפּײַזנ אפ זילבערנעמ געפעס. די געריכטנ זײַנענ איבערגעגעבנ געוואָרנ פונ האַנט צו האַנט, אונ דער לעצטער האָט זיי געשטעלט אפנ טיש. דער פאַרזוכער האָט געגעבנ יעדנ גוואַרדייער צו פאַרזוכנ פונ דעמ מײַכל, וואָס ער האָט געבראַכט, קעדיי צו איבערצײַגנ זיכ, אז דאָס איז ניט פאַרסאַמט“.

טאָמ האָט גוט אָפּגעגעסנ, ניט קוקנדיק דערופּ, וואָס הונדערטער אויגנ האָבנ נאָכגעקוקט יעדעס ברעקל, וואָס ער האָט צוגעטראָגנ צומ מויל, מיט אזא נײַגעריקײַט, פּונקט ווי ער וואָלט געגעסנ עפּעס א געפערלעכנ אופרײַס=מאַטעריאַל אונ זיי וואָלטנ געוואַרט, אז אָט=אָט ווערט ער צעריסנ אפ שטיקלעכ אונ פאַנאַנדערגעשלײַדערט איבערנ גאַנצנ זאַל. טאָמ האָט זיכ באַמיט ניט צו אײַלנ אונ ניט צו טאָנ קיינ זאַכ אליינ,

ביז דער געהעריקער באַמטער וועט ניט קענענ און ניט טאָנ עס פונזײַנטוועגנ. ער האָט דורכגעמאַכט די מיטיק-צערעמאָניע אָנ א שום טאָעס — א גרויסער, אומדערוואַרטער ניצאָכנ!

ווענ דער מאָלצײַט איז געווענ געענדיקט און ער האָט צוזאַמענ מיט דער גאַנצער סוויטע פאַרלאָזנ דעמ זאַל אונטער די פרייַלעכע טרומיי-טנ-קלאַנגענ, דונערדיקער פויקנ-קלאַפּערײַ און באַגריסונג-אויסרופנ, — האָט ער געטראַכט, אַז אויב אַלע פּאַראַד-מיטיקנ זײַנענ ניט ערגער פונ דעמ, וואָלט ער זיכ ניט אָפּגעזאָגט צו פּראַווענ אַזעלכע מאָלצײַטנ עט-לעכע מאָל אינ טאָג, אַבי פּאָטער צו ווערנ פונ אייניקע וויכטיקערע פליכטנ, וואָס זײַנ קיניגלעכער אַמט לייגט אפ אימ ארופ.

זיבעצנטער קאַפּיטל

פו־פו דער ערשטער

מײַלס הענדאָנ איז געגאַנגענ איבערנ בריק צו סאָוטוואָרק-צו, אויסקוקנדיק מיט א שאַרפ אויג אָפּנ יינגל און זײַנע פאַרנאַרער. אָבער זײַנ האָפענונג, אַז ער וועט זיי געפינענ, איז געווענ אומזיסט. פרע-גנדיק פאַרבײַגייער, איז אימ געלונגענ צו דערגיינ, אַז אַזעלכע פאַר-שוינענ, ווי ער מאָלט אָפּ, האָט מענ געזענ גייענדיק צו סאָוטוואָרק-צו. אָבער דאָ זײַנענ אַלע שפּורנ פונ זיי פאַרלאָרנ געגאַנגענ און ער האָט ניט געוווסט וואָס ווײַטער צו טאָנ.

דאָכ האָט ער א גאַנצנ טאָג ניט אופגעהערט צו זוכנ. די נאַכט האָט אימ געטראָפנ מיד, צעבראָכנ, האַלב-פאַרכאַלעשט און ווײַט פונ זײַנ ציל, ווי אינ אָנהייב טאָג. ער האָט צוגעביסנ אינ טאַבאַרד-אַכסאַניע און געלייגט זיכ שלאָפנ, באַשליסנדיק בא זיכ אופצושטיינ מאָרגנ גאַנצפרי און נעמענ זיכ אָפּדאָסנײַ גוט זוכנ איבער דער שטאָט. ליגנדיק אינ בעט און מאַכנדיק פּלענער, וויאַזוי צו געפינענ דאָס יינגל, האָט ער זיכ באַטראַכט אַזוי: דאָס יינגל וועט געוויס אַנטלויפנ פונ דעמ באַנדיט — דעמ אַזויגערופענעמ פאָטער זײַנעמ, אויב ער וועט נאָר קענענ. וועט ער אַנטלויפנ צוריק קיינ לאָנדאָנ אפ זײַנ אַלטער דירע?— ניינ, ער וועט עס ניט טאָנ, מאַכמעס ער וועט מוירע האָבנ, מע זאָל

אימ ווײַטער ניט כאפנ. וואָס זשע דענ וועט ער טאָנ? — ניט האָבנדיק אינ דער גאנצער וועלט קײנ אײנ פרײַנט, אויסער מײַלס הענדאָנ, וועט ער זיכ, נאטירלעכ, באמיִענ אופצוזוכנ אימ, אויב נאָר ער וועט צוליב דעמ ניט דארפנ גײנ קײנ לאָנדאָנ אונ שטעלנ זיכ אינ סאקאָנע. הײסט עס, אז ער וועט געוויס אוועקלאָזנ זיכ צומ הענדאָנ־שלאָס. יאָ, דאָס וועט ער טאָנ, ווײַל ער ווײסט, אהינ איז אוועק מײַלס הענדאָנ אונ דאָרטנ וועט ער אימ געפינענ. יאָ, די זאַכ איז פאר הענדאָנענ קלאָר: ער דארפ מער קײנ צײַט ניט פארלירנ אונ לאָזנ זיכ גלײַכ אהײמ דורכ קענט אינ מאָנקס־האָלמ, אויספאָרשנדיק אינ וועג די וועלדער אונ פאנאנדערפרעגנדיק לײַט.

איצט לאָמיר איבערלאָזנ הענדאָנענ אונ אומקערנ זיכ צומ פארשווונדענעמ קלײנעמ קיניג.

דער באנדיט, וועלכנ דער אכסאניע־דינער האָט געזענ „צוגײענדיק צו זײ“, איז אינדערעמעס ניט צוגעגאנגענ צו זײ, נאָר איז נאָכגעגאנגענ טאָמען אונ זײנ באגלײטער אונ זײ נאָכגעפאָלגט טריט בא טריט. ער האָט ניט אויסגערעדט קײנ וואָרט. זײַנ לינקע האנט איז געהאנגענ אפ א באנד, אונ דאָס לינקע אויג איז געווענ פארדעקט מיט א גרינגעמ פלאסטער, ער האָט אונטערגעהונקענ א ביסל אונ האָט זיכ אָנגעשפארט אפ א דעמבענעמ שטעקנ.

דער יונג האָט געפירט דעמ קיניג דורכ געדרײטע וועגנ איבער סאוטוואָרק, ביז ער האָט אימ ביסלעכווײַז ארויסגעפירט אפנ שאָסײ הינטערנ שטאָט. דער קיניג איז אינ כאס געוואָרנ אונ ווײַטער ניט געוואָלט גײנ: הענדאָנ דארפ קומענ צו אימ, ניש ער צו הענדאָנענ. ער וועט אזא כוצפע ניט דערלאָזנ. ער בלײַבט וווּ ער איז, אונ גאָר.

— דו וועסט זיכ דאָ קווענקלענ אונ דײַנ פרײַנט וועט ליגנ דאָרט אינ וואלד א פארוווּנדעטער? — האָט דער יונג געזאָגט. — נו, גוט, זאָל זײַנ אזוי.

דער קיניג איז גלײַכ געוואָרנ אנ אנדערער.

— פארוווּנדעט? — האָט ער אויסגעשריִענ, — ווער האָט זיכ עס דערוועגט צו טאָנ? נאָר איצט איז ניט די צײַט צו טראכטנ. פיר מיכ, פיר מיכ! גיכער! ביסטו מיט בלײַ אָנגעגאָסנ, וואָס דו רירסט זיכ אזוי; פארוווּנדעט איז ער? אויב אפילע דאָס האָט געטאָנ א הערצאָגס א זונ, וועט ער טײַער באצאָלנ דערפאר!

צומ וואלד איז געווענ א היפּש שטיקל וועג, אָבער זיי זײַנענ שנעל דורכגעגאנגענ די שטרעקע. דער יונג האָט זיכ ארומגעקוקט אונ אופֿגעזוכט א צווײַגל מיט א שטיקל שמאטקע צוגעבונדנ צו איט. ער איז ווײַטער געגאנגענ, אופֿזוכנדיק פֿונ צײַט צו צײַט אזעלכע צווײַגלעכ מיט שמאטקעס: דאָס זײַנענ, קענטיק, געווענ וועג־צייכנס, וואָס האָבנ געפֿירט צו א געוויסנ פּלאצ. אזוי זײַנענ זיי אלצ געגאנגענ, ביז זיי זײַנענ געקומענ צו די רעשטלעכ פֿונ אנ אָפּגעברענטער פֿערמע, לעבנ וועלכער ס'איז געשטאַנענ א האלב־אײַנגעפאלענער אונ צעפֿוילטער שײַער.

ס'איז אינ ערגעצ ניט געווענ צו באמערקנ קיינ סימענ פֿונ לעבנ, אונ א פֿולשטענדיקע שטילקײַט האָט געהערשט ארומ. דער יונג איז ארײַנ אינ שײַער, אונ דער קיניג איז אימ אײַלנדיק נאָכגעגאנגענ. אינ שײַער איז קיינ לעבעדיקער נפֿש ניטאָ! דער קיניג האָט געוואָרפֿנ א פֿארוווּנדערטנ אונ פֿארדעכטיקנ בליק אפֿנ יונג אונ געפֿרעגט:

— ווו איז ער?

א שפּאָטיש געלעכטער איז געווענ דער ענטפֿער אפֿ דער פֿראגע. דער קיניג איז א צעקאָכטער געוואָרנ. ער האָט געכאפּט א שײַט האָלצ אונ געוואָלט דערלאנגענ דעמ יונג, אָבער פֿונ א צווייטער זײַט האָט זיכ אויכ דערהערט א כויזעק־געלעכטער. דאָס האָט געלאכט דער הינקענדיקער באנדיט, וואָס איז זיי דעמ גאנצנ וועג נאָכגעגאנגענ. דער קיניג האָט זיכ אומגעקערט אונ מיט קאמ געזאָגט:

— ווער ביסטו אונ וואָס טוסטו דאָ?

— וואַרפֿ אוועק דײַנע נארישקײַטנ אונ בארויִק זיכ, — האָט געזאָגט דער באנדיט, — מײַנ גרימ איז, דוכט זיכ, גאָר נישט אזוי גוט, דו זאָלסט דורכ אימ שוינ ניט דערקענענ דײַנ טאטנ.

— דו ביסט ניט מײַנ פֿאָטער. איכ קענ דיכ ניט. איכ בינ דער קיניג. אויב דו האָסט פֿארבאָרגנ מײַנ דינער, גיב מיר אימ גלײַכ צוריק, אז ניט וועט א שווערע שטראָפֿ זײַנ דער לוינ פֿאר דײַנע שלעכטע טאטנ.

דזשאָנ קענטי האָט שטרענג אונ ניט געאײַלט געענטפֿערט:

— ס'איז קלאָר, ווי דער טאָג, אז דו ביסט מעשוגע, אונ איכ וואָלט דיכ ניט געוואָלט באשטראָפֿנ, נאָר אויב דו וועסט מיכ ארויסברענגענ פֿונ געדולד, וועל איכ מוזנ צולייגנ צו דיר א האנט. דײַנ פּלאַ־

פלערײַ קאָנ דאָ, ווו ס'זײַנענ קיינ פרעמדע אויערנ ניטאָ,— קיינעמ ניט שאטנ, אָבער דו מוזט געוויינענ דײַנ צונג צו אנדערע רייד, ווענ מיר וועלנ אויסוואנדערנ ערגעצ אנדערש. איכ בינ באגאנגענ א מאָרד אונ קאָנ אינ דער היימ ניט פארבלײַבנ. דאָסגלײַכנ — דו, ווײַל איכ דארפ דיכ האָבנ. צוליב געוויסע סיבעס האָב איכ געביטנ מײַנ נאָמענ. מע רופט מיכ איצט האָבס, דזשאָנ האָבס. דײַנ נאָמענ איז דזשעק—זאָלסט עס גוט געדענקענ. נו, אונ איצט זאָג מיר: ווו איז די מאמע? ווו זײַנענ דײַנע שוועסטער? זיי זײַנענ ניט געקומענ אפ דעמ אָרט, ווו מיר האָבנ אָפגערעדט. ווייסטו, ווהינ זיי זײַנענ אוועק?

דער קיניג האָט פאראקשנט געענטפערט:

— לאָז מיכ צופרידנ מיט דײַנע רעטענישנ. מײַנ מוטער איז טויט, מײַנע שוועסטער זײַנענ אינ פאלאצ.

דער יונג האָט זיכ צעלאכט אפנ קאָל, אונ דער קיניג האָט זיכ שוינ געוואָלט אפ אימ ווארפנ, אָבער קענטיי — אָדער האָבס, ווי ער האָט זיכ איצט אָנגערופנ — האָט אימ אָפגעהאלטנ אונ געזאָגט צומ יונג:

— טשעפע אימ ניט, היוגאָ, ער איז ניט באמ זינענ אונ דײַנע גענג רעגנ אימ אופ. זעצ זיכ, דזשעק, אונ בארויִק זיכ. איכ וועל דיר געבנ עפעס אינ מויל ארײַנ.

האָבס אונ היוגאָ האָבנ וועגנ עפעס געסוידעט זיכ, אונ דער קיניג איז אָפגעטראָטנ וואָס ווײַטער פונ זייער אומאָנגענעמער געזעלשאפט. ער האָט זיכ פארוקט אינ א פינצטערנ ווינקל פונ שײַער, ווו ס'איז געלעגנ אָנגעוואָרפנ א קופע שטרוי, א פוס די הייכ. ער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אונ בארעקט זיכ מיט שטרוי, אָנשטאָט קאָלדרעס, אונ איז פארזונקענ אינ געדאנקענ. ער האָט געהאט א סאכ יעסורימ, אָבער איינ קומער האָט אימ קימאט געצווונגענ פארגעסנ אָנ אלע איבעריקע: דאָס איז דער פארלוסט פונ זײַנ פאָטער. בא דער גאנצער וועלט האָט דער נאָמענ פונ הענרי דעמ אכטנ ארויסגערופנ א שוידער אונ א פאָרשטעלונג פונ א מענטשנפרעסער, וואָס די נאָזלעכער זײַנע אָטעמענ מיט צעשטערונג אונ די האנט טיילט אויס שטראָפ־שמיצ אונ טויט,—אָבער אינ דעמ יינגל האָט דער זעלבער נאָמענ געוועקט דערינערונגענ וועגנ א געשטאלט, וואָס איז פול געווענ מיט ליבע אונ צערטלעכקײַט. ער האָט זיכ מיט ליבע דערמאָנט אָנ די הארציקע שמועסנ צווישנ אימ

און זײַן פֿאָטער, און די שטראָמענ טרערנ, וואָס האָבנ געפּלייצט פֿונ זײַנע אויגנ, האָבנ איידעס געזאָגט אָפּ דער טיפקײַט און אופריכטי=קײַט פֿונ זײַנ צאַר.

דער טאָג האָט זיכ דערנעענטערט צומ אָוונט, און דאָס ייִנגל, אַנ אויסגעמאַטערטס פֿונ זײַנע לײדנ, איז אַרײַנגעפאַלנ אינ אַ טיפֿנ דער=פֿרישנדיקנ שלאָף.

נאָכ אַ היפּשער ווײַלע, — ווי לאַנג ווייסט ער אַליינ ניט, — האָט ער זיכ אופגעכאַפּט פֿונ זײַנ שלאָף און איז געלעגנ מיט האַלב=פֿאַר=מאַכטע אויגנ, בידעשנדיק זיכ, ווו איז ער ערגעצ און וואָס אַזוינס האָט מיט אימ פּאַסירט. אַ רעגנ האָט רעגלמעסיק און טרויעריק גע=קלאַפּט איבערנ דאַכ. אַנ אָנגענעמער געפֿיל פֿונ באַקוועמלעכקײַט האָט אימ אַרומגענומענ, אָבער באַלד איז דאָס איבערגעריסנ געוואָרנ דורכ אַ טומלדיקער פּלאַפּלערײַ און אַ ווילדנ געלעכטער. ער האָט אַרויסגע=רוקט דעמ קאָפּ צו זענ, פֿונוואַנענ קומענ די קוליעס. אַנ עקלהאַפֿט, אָפּשטויסנדיק בילד האָט זיכ פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זײַנע אויגנ: אינ דעמ צווייטנ עק שײַער האָט אָפּ דער ערד געפֿלאַקערט אַ העל פֿײַער. אַרומ אימ זײַנענ, צוויבערדיק באַלויכטנ פֿונ רויטנ פֿלאַמ, געלעגנ און געזעסנ אַ כעוורע באַנדיטנ, שלעפּערס און רינשטאָק=נעפֿאַשעס, וועגנ וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט נאָר ניט געהערט, נאָר אַפֿילע אינ כאָלעמ ניט געזענ. דאָ זײַנענ געווענ הויכע, געזונטע פּאַרשוינענ מיט פּנעמער, פֿאַרברענט פֿונ זונ און ווינט, מיט לאַנגע האָר און אינ פֿאַנטאַסטישע שמאַטעס; מיטלוווקסיקע יונגענ מיט ראָצכישע פּנע=מער, אויכ אַזוי געקליידט ווי יענע; דאָ זײַנענ געווענ בלינדע בעטלער מיט פֿאַרקלעפּטע אָדער פֿאַרבונדענע אויגנ; קאַליקעס מיט הילצערנע פֿיס און מיט קוליעס, קרעציקע מיט אײַטערדיקע וווּנדנ, וואָס האָבנ אַרויסגעקוקט פֿונ אונטער שלעכטע באַנדאַזשנ; געווענ דאָ אַ פֿאַרדעכ=טיקער פּאַקנ=טרעגער מיט זײַנ פּאַק, אַ מעסער=שלײַפֿער, אַ קופּערשמיד און אַ שערער — יעדערער מיט זײַנ קלאַפּער=געצײַג. פֿונ די פֿרויענ, וואָס זײַנענ געווענ אינ דער שיינער קאָמפּאַניע, זײַנענ אייניקע געווענ נאָכ גאָר יונגע קינדער, אַנדערע — אינ רעכטנ בליִענ און אייניקע גאָר אַלטע צעקנייטשטע מאַכשייפֿעס — אַלע טומלדיקע, פֿרעכע, אָפּגע=מײַליקע און אַלע שמוציקע און אָפּגעלאָזענע. עס האָבנ דאָ ניט גע=פֿעלט עטלעכע קליינע קינדער מיט קראַנקע פּנעמלעכ און אַ פּאָר

הונגעריקע הינט מיט שטריקלעכ אפ די העלדזער — די פירער פונ די „בלינדע“.

די נאכט איז אָנגעקומענ. די באנדע האָט נאָרוואָס געענדיקט איר מאָלצײַט אונ האָט גענומענ שיקערנ. דער קרוג מיט מאשקע איז אי־בערגעגאנגענ פונ מויל צו מויל. פונ אלע זײַטנ האָבנ זיכ געהערט קוילעס.

— א ליד זאָל זינגענ די פלעדערמויז דיק אונ דער איינפיסיקער דאָט.

איינער פונ די „בלינדע“ איז אופגעשטאנענ, אראָפגענומענ די פלאסטערס פונ די געזונטע אויגנ אונ פונ זײַנ ברוסט די הארצ־רײַסנ־דיקע שילד, ווו ס'איז געווענ באשריבנ די סיבע פונ זײַנ אומגליק.

דער איינפיסיקער דאָט האָט זיכ באפרײַט פונ זײַנ הילצערנעמ פוס אונ האָט זיכ אוועקגעשטעלט אפ זײַנע צוויי געזונטע אונ שטארקע פיס לעבנ זײַנ כאווער — אויכ אזא „פינצטערער קאליקע“, ווי ער. דאנ האָבנ זיי אויסגעזונגענ א קנאקעדיק גנייוויש לידל, וואָס איז נאָכ יעדנ פערז אונטערגעכאפט געוואָרנ פונ דער גאנצער באנדע גאנאָווימ. בא דעמ לעצטנ קופלעט איז די האלב־שיקערע כעווערע ארײַנ אינ אזא ברעג, אז יעדערער האָט געזונגענ דאָס לידל פונ אָנהייב ביזנ סאָפ מיט א מישמאש פונ אזעלכע ווילדע קוילעס, אז די באלקנס פונ שײַער האָבנ אזש געציטערט.

דערנאָכ האָט זיכ אָנגעהויבנ א שמועס, ניט אפ דעמ גנייווישנ לאָשנ פונ דער ליד — דאָס איז באנוצט געוואָרנ נאָר ווענ פרעמדע אויערנ זײַנענ דערבײַ געווענ, — נאָר אפ א געוויינלעכנ ענגליש.

פונ דעמ שמועס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דזשאָנ האָבס איז ניט קיינ גאסט צווישנ דער באנדע, — ער איז שוינ אמאָל געווענ אינ איר. מע האָט אימ געבעטנ דערציילנ, וואָס האָט מיט אימ לעצטנס פאסירט. ווענ ער האָט, פארבײַגייענדיק, באמערקט, אז ער האָט „צו־פעליק“ געהארגעט א מענטשנ, האָט די כעוורע פאר אימ געקראָגנ גאָר אנ אנדער דערעכערעץ, אונ ווענ ער האָט צוגעגעבנ, אז דער דערהארגעטער איז געווענ א גאלעכ, — האָט מענ אימ רווישיק אפלאָ־דירט אונ ער האָט מיט יעדערנ געמוזט טרינקענ לעכאיִמ. אלטע באַ־קאנטע האָבנ אימ מיט סימכע באגריסט אונ נײַע — זײַנענ גע־ווענ שטאָלצ צו דריקנ זײַנ האנט. ווענ מע האָט אימ געפרעגט,

פאַרוואָס האָט מענ אים אַזויפיל כאַראָשימ ניט געזענ, האָט ער געענטפערט:

— לאָנראָנ איז בעסער, ווי די פּראָווינצ, און זיכערער, איבערהויפּט די לעצטע יאָרנ, ווענ די גזעצנ זײַנענ אַזוי אָנראַכמאָנעסדיק און ווערנ אַזוי שטרענג אָפּגעהיט. און ווענ ניט דער צופאַל מײַנער מיטנ גאַלעכ, וואָלט איכ דאָרט ווײַטער געוווינט. איכ האָב באַשלאָסנ צו בלײַבנ דאָרטנ אַפּ שטענדיק, און מער ניט וואַנדערנ איבערנ לאַנד, אָבער דער צופּעליקער מאָרד האָט צעשטערט מײַנע פּלענער.

דזשאָנ האָבס האָט געפרעגט, וויפל מענטשנ זײַנענ פאַראַנ אינ דער באַנדע. דער „סקאַנדאַליסט“, וואָס איז געווענ דער אָנפירער פונ דער באַנדע, האָט געענטפערט:

— פינפ און צוואַנציק שטיק שעפּסנ־פעל, שטעפּערס, פּײַלנ, לומפּנהינט, בעטלער, ברומער, שוינ אַרײַנרעכענענדיק די לערער, כאַנטעס און אַנדערע כעוורע.* דאָסראָוו פונ זיי זײַנענ דאָ, און די איבעריקע האָבנ זיכ אַוועקגעלאָזנ צו מיזרעכ־צו. מיר'נ זיכ פאַרטאָג אויכ אַוועקלאָזנ.

— עפּעס זע איכ ניט דעמ „בײַל“ צווישנ דער פײַנער כעוורע. וווּ קאָנ ער דאָס זײַנ?

— אָ, דער אָרעמער יונג שפּײַזט זיכ איצט אינ גענעמ מיט שוועבל און פאַרבײַסט, פונ טאַמ וועגנ, מיט הייסנ פּעכ: מ'האָט אימ אַוועקגעלייגט, זומער־צײַט, אינ א געשלעג.

— א שאָד; געווענ א ווילער יאַט, און א בראַווער.

— אָ, יאָ. דאָס איז עמעס. די שוואַרצע בעט, זײַנ קאַלע, איז נאָכ איצט אויכ מיט אונדז — זי איז אַוועק מיט יענער כעוורע צו מיזרעכ. א פײַנע מויד, פירט זיכ גוט אויפ און, מע קאָנ זאָגנ, זי וועט קיינמאָל ניט טרינקענ איבער דער מאָס: קיינער האָט זי ניט געזענ שיכּער מער ווי פיר טעג אינ דער וואָכ.

— זי איז שטענדיק געווענ אַזאַ — איכ געדענק זי גוט, — האָט דזשאָנ צוגעשטימט, — א ווילע מויד. די מאַמע אירע איז געווענ א סאַכ פרײַער פונ איר. און ניט אַזוי אָפּגעהיט. א ביטערע, מיִעסע אַלטע, אָבער א קאָפּ האָט זי געהאַט גאָר ניט קיינ געוויינלעכנ.

* גנייוווישע נעמענ פאַר אַלערליי מינימ גאַנאָווימ, בעטלער און שלעפּער.

— מיר האָבנ זי פאַרלאָרנ טאַקע צוליב איר צו שאַרפנ סייכל. איר פּראָפעסיע פונ א טרעפערקע האָט איר געמאַכט א נאָמענ פאַר א מאַכשייפע, אונ מע האָט זי, לויטנ געזעצ נאָכ, אָפּגעבראָטנ אַפ א לאַנגזאַמענ פײַער. ס'האָט מאַמעש גערירט באַם האַרצנ דער מוט, מיט וועלכנ זי האָט באַגעגנט איר סאָפ: זי האָט ניט אויפגעהערט צו פלוכנ, שילטנ אונ זידלענ די כעוורע לײדיקגייערס, וואָס זײַנענ געשטאַנענ מיט אָפענע מײַלער אונ צוגעקוקט, ווי די פלאַמענ האָבנ געלעקט איר פּאָנעם, פאַרכאַפּט אירע שיטערע האָר אונ געטרעשטשעט אַרומ איר אַלטנ, גרויענ קאָפּ. געשאָלטנ, האָב איכ געזאָגט? נישקאָשע געשאָלטנ! טויזנט יאָר, אַז דו וועסט לעבנ, וועסטו אַזעלכע קלאָלעס ניט הערנ! אונ איר קונסט איז געשטאָרבנ צוזאַמענ מיט איר. פאַראַנ נאָכ אַזױנע, וואָס מאַכנ איר נאָכ, אָבער ווי קומט דאָס צו איר — עמעסע זידלערײַ אונ עמעסע גאָטלעסטערונג איז שוינ ניטאָ!

דער „סקאַנדאַליסט“ האָט אָפּגעזיפצט. די צוהערער האָבנ געענטפערט מיט מיטפילנדיקע זיפצנ. אַנ אומעט איז באַפאַלנ די כעוורע, וואָרעמ אַפילע באַ די ערגסטע פאַרהאַרטעוועטע אויסוואָרפנ קאָנ זיכ אַמאָל דערוועקנ מיטגעפיל, מיטלײַד, באַדויערנ צו די, וואָס זיי פאַרלירנ, דערהויפּט אינ אַזאַ מינ פאַל, ווענ טאַלאַנט אונ קונסט גייענ צו גרונט אונ לאָזנ ניט איבער קיינ יאָרשימ אונ נאָכפאָלגער. אָבער א רעכטער טרונק בראַנפנ האָט באַלד צוריק אויפגעמונטערט די פאַרטרויערטע באַנדע.

— איז נאָכ ווער פונ אונדזערע פרײַנט אַרײַנגעפאַלנ? — האָט האָבס געוואָלט וויסנ.

— אייניקע — יאָ. דערהויפּט פונ די גרינגע, די נײַנקע. דאָסראָוו זײַנענ עס געווענ קליינע פערמערלעכ, באַ וועלכע די לאַנד־אייגנטימער האָבנ אָפּגענומענ זייערע פערמעס אונ אַרויסגעוואָרפנ זיי הונגעריק אונ היימלאָז אַפ דער ברייטער וועלט. האָבנ זיי גענומענ בעטלענ. האָט מענ זיי געכאַפּט, צוגעבונדנ צו א וואָגנ, אָפּגעדעקט די לײַבער ביזנ גאַרטל אונ געשמיסנ ביז זייער בלוט איז גערונענ. דערנאָכ האָט מענ זיי געפּײַניקט אינ קלעצלעכ. זיי האָבנ ווידער געבעטלט, מע האָט זיי ווידער געכאַפּט, ווײַטער געשמיסנ אונ דערצו נאָכ יעדנ אָפּגעשניטנ אַנ אויער. זיי האָבנ דאָס דריטע מאָל געבעטלט — וואָס אַנדערש האָבנ די אָרעמע טײַוואָלימ געקאָנט טאָנ? — האָט מענ זיי אַפּסנײַ געפּאַקט,

אָפגעשטעמפלט די באקנ מיט א רויט=גליִענדיק אײַזנ אונ פארקויפט פאר קנעכט. זײַנענ זיי אנטלאָפנ, האָט מענ זיי געכאפט אונ אופגעהאנגענ. — אָט האָסטו דיר א קורצע געשיכטע אונ גיב דערציילט. אנדערע האָבנ געכאפט א קלענערנ פסאק. קומט נאָר אהער, יאָקל, בערנס אונ האָדזש, — ווײַזט אָקאָרשט, ווי מע האָט אײַך באפוצט?

די דרײַ אָנגערופענע זײַנענ צוגעגאנגענ אונ, אראָפוואָרפנדיק פונ זיך די שמאטעס, באוויזנ זייערע רוקנס, צעפאסעוועטע מיט פארעלטערטע סימאָנימ פונ ריטער. איינער האָט אָפגעוואָרפנ אָנ א זײַט די האָר אונ באוויזנ דאָס אָרט, וו ס'איז אמאָל געווענ זײַנ לינקער אויער. דער צווייטער האָט אויך באוויזנ א שטעמפל אפנ אקסל, אנ אָפגעשניטענעמ אויער אונ דעמ אָס V אויסגעברענט אפ זײַנ באק.

— איך בינ יאָקל, — האָט דער ריטער געזאָגט, — געווענ אמאָל א פארמעגלעכער פערמער מיט א געטרײַ ווײַב אונ קינדערלעך. איצט איז מײַנ שטאנד אינ באשעפטיקונג א ביסל געענדערט. מײַנ ווײַב אונ קינדער זײַנענ געשטאָרבנ. מעגלעך, זיי זײַנענ אינ גאניידנ, אונ עפשער—ערגעצ אנדערש, ווי די מײַסע איז — א דאנק דעמ בארעמהארציקנ גאָט — זיי וווינענ ניט מער אינ ע נ ג ל א נ ד! מײַנ גוטע, אלטע, ערלעכע מוטער האָט זיך באמיט צו פארדינענ איר ברויט דורך אופפאסנ קראנקע. איינמאָל איז איינער פונ די כאלאָימ, וואָס זי האָט אופגעפאסט, געשטאָרבנ, אונ די דאָקטוירימ האָבנ ניט געוווּסט פונ וואָס. האָט מענ מײַנ מוטער פארברענט, ווי א מאכשייפע. מײַנע קינדערלעך האָבנ געקוקט אונ געוויינט. א קלייניקײַט, דער ענגלישער געזעצ! איי, איר! שטייט אופ אלע מיט די בעכערס אינ די הענט! נו, אלע מיטאמאָל! טרינקט פאר דעמ בארעמהארציקנ ענגלישנ געזעצ, וואָס האָט כאָטש זי באפרײַט פונ ענגלישנ גענעמ! איך דאנק אײַך, כאווײרימ, יעדערנ באזונדער אונ אלעמענ אינאיינעמ... איך בינ געגאנגענ פונ הויז צו הויז אונ געבעטלט — איך מיט מײַנ ווײַב, טראָגנדיק אפ זיך די הונגעריקע קינדערלעך. אָבער הונגעריק זײַנ איז אינ ענגלאנד א פארברעכנ — האָט מענ אונדז אויסגעטאָנ אונ מיט ריטער געטריבנ דורך דרײַ שטעט. טרינקט נשע אלע ווידער פארנ בארעמהארציקנ ענגלישנ געזעצ! פאר דעמ געזעצ, וואָס האָט אויסגעזויגנ מײַנ מערימ בלוט אונ געבראכט איר א גיכע דערלייזונג.

זי ליגט אָנ דאָרטנ, אפ דעמ טעפערס פעלד, פרײַ פונ אלדאָסבײַז אונ די קינדערלעכ — וואָס איז דאָ פאראנ וואָס צו ריידנ? — ביז מע האָט מיכ, שמײַסנדיק, געטריבנ פונ איינ שטאָט אינ דער צווייטער, זײַנענ זיי אויסגעגאנגענ פונ הונגער. טרינקט זשע, כעוורע, כאָטש איינ טראָפנ, — איינ טראָפנ פאר די אָרעמע קינדערלעכ, וואָס האָבנ קיינמאָל קיינעמ קיינ שלעכטס ניט געטאָנ. איכ האָב ווידער געבעטלט, — געבעטנ א שטיקל ברויט אונ באקומענ האָב איכ קלעצלעכ אונ אנ אָפּגעשניטענעמ אויער, איר זעט, אָט איז נאָכ א זייכער פונ אימ פארבליבנ. איכ האָב אלצ געבעטלט, — אונ אָט איז דער וואָרצל פונ צווייטנ אויער, איכ זאָל אָנ אימ ניט פארגעסנ. איכ האָב פאָרט ניט אופגעהערט צו בעטלענ, — אונ מע האָט מיכ פארקויפט פאר א קנעכט. — ווענ איכ וואש אָפּ דעמ פלעק דאָ אפ מײַנ באק, וואָלט איר געקאָנט זענ דעמ רויטנ בוכשטאב S, אויסגעברענט מיט א גליִענדיק אײַזנ. S — „סלייוו“, קנעכט! איר פארשטייט דאָס וואָרט? אנ ענגלישער קנעכט! — אָט ווער עס שטייט פאר אײַכ! איכ בינ אנטלאָפנ פונ מײַנ באלעבאָס, אונ ווענ מע כאפּט מיכ — פארפלוכט זאָל זײַנ פונ גאָט דאָס לאנד, וואָס האָט געשאפנ אזעלכע געזעצנ! — וועט מענ מיכ הענגענ!

א קלינגענדיקע שטימע האָט דורכגעשניטנ די פײַכטע לופט:

— מע וועט דיכ נ י ט הענגענ! אונ הײַנטיקער טאָג מאכט א סאָפ צו אזא ווילדנ געזעצ!

אלע האָבנ זיכ אומגעקוקט אונ דערזענ די פאנטאסטישע געשטאלט פונ דעמ קליינעמ קיניג, וואָס איז אײַלנדיק געגאנגענ צו דער קאָמפאניע. ווענ ער האָט זיכ דערנענטערט צומ פײַער, האָבנ זיכ פונ אלע זײַטנ א שאָט געטאָנ פראגנ: — ווער איז עס? וואָס איז דאָ? ווער ביסטו, געפעשל?

דאָס יִנגל איז רויִק געשטאנענ צווישנ דער כעוורע פארוואונדערטע, פרעגנדיקע פארשוויגענ אונ האָט מיט עכט קיניגלעכער זעלבסטווירדע געענטפערט:

— איכ בינ עדוארד, דער קיניג פונ ענגלאנד.

עס האָט אויסגעבראָכנ א ווילדער געלעכטער — טיילווײַז א שפּאָטישער אונ טיילווײַז א צופרידענער פונ דעמ אויסגעצייכנטנ וויצ. דעמ קיניג האָט עס א שטאָכ געטאָנ, אונ ער האָט שטרענג געזאָגט:

— איר, אומדערצויגענע שלעפערס! איז דאָס אײַער דאנקבארקײַט פאר מײַנ קיניגלעכער גנאָד, וואָס איכ האָב אײַכ צוגעזאָגט?

ער האָט נאָכ גערעדט מיט קאס אונ מיט אופגערעגטע באוועגונגענ, אָבער דאָס איז אלצ פארלאָרנגעגאנגענ אינ א שטורעמ פונ געלעכטער אונ שפּאָטישע אויסרופנ.

דזשאָנ האָבס האָט זיכ עטלעכע מאָל געפרוווט איבערשרײַענ די כעוורע אונ צומ סאָפּ איז עס אימ געלונגענ.

— כעוורע, דאָס איז מײַנ זונ! — האָט ער געזאָגט, — א פאנטאזירער, א נאר אונ פּאָשעט מעשוגע. קוקט זיכ ניט אומ אפ אימ. ער שטעלט זיכ פאָר, אז ער איז בעעמעס דער קיניג.

— איכ בינ דער קיניג! — האָט עדוארד, ווענדנדיק זיכ צו אימ, געזאָגט, — ווי דו וועסט זיכ אינ דער ריכטיקער צײַט, צו דײַנ גרויס באדויערנ, איבערצײַגנ אינ דעמ. דו האָסט זיכ מוידע געווענ אינ א מאָרד אונ דו וועסט זיכ דערפאר וויגנ אפ דער טליע.

— דו וועסט מיכ ארויסגעבנ? — דו? איכ וועל דיכ מיט מײַנע אייגענע הענט...

— טפרו, טפררו! — האָט דער אטאמאנ פונ דער באנדע, דער „סקאנדראליסט“, א זאָג געטאָנ אונ מיט א זעצ איבערנ קאָפּ אוועקגעלייגט האָבנ אפ דער ערד, צו פארהיטנ דעמ קיניג. — האָסט גאָר קיינ דערעכבערעצ ניט ניט פאר קיניגנ, ניט פאר אטאמאנענ? אויב דו וועסט נאָכאמאָל מאכנ אזעלכע שטיק אינ מײַנ קעגנוואָרט, וועל איכ דיכ אופהענגענ.

דאנ האָט ער זיכ געווענדט צו זײַנ מאיעסטעט אונ געזאָגט:

— דו זאָלסט דײַנע כאוויירימ ניט סטראשענ, יאטל, אונ דו מוזט האלטנ די צונג וועגנ זיי ערגעצ אנדערש אויכ. קאָנסט זיכ זײַנ קיניג, אויב דאָס געפעלט דײַנ מעשוגענעמ קאָפּ, אָבער זײַ ניט קיינ שעדלעכער קיניג. ווארפ אוועק דײַנ טיטל — דאָס איז פאראט. מיר קענענ זיכ זײַנ, אינ וועלכע־ס'איז קלייניקײַטנ, ניט קיינ פײַנע לײַט, אָבער דו וועסט צווישנ אונדז ניט געפינענ קיינ איינציקנ, וואָס זאָל זײַנ א פארעטער צו זײַנ קיניג. ניט אזוי? אָט וועסטו זענ. נו, אלע מיטאמאָל: — לאנג לעבנ זאָל עדוארד דער קיניג פונ ענגלאנד!

די פרײלעכע קאָמפּאניע האָט געענטפערט מיט אזא דונער־געשריי אז די גאנצע געבײַדע האָט געציטערט ביזנ פונדאמענט. דעמ קליינעמ

דער אטאמאנ פונ דער באנדע האָט אוונקגעלייגט האָבסנ אפ דער ערד.

קיניגס פּאָנעם איז אפ א מינוט באלויכטנ געוואָרנ מיט אנ אויסדרוק פונ פארגעניגנ. ער האָט לײַכט אָנגעבויגנ זײַנ קאָפּ אונ מיט ערנסטער נאַיווקײַט געזאָגט:

— איכ דאנק דיר, מײַנ גוט פאָלק.

די דאָזיקע אומדערוואַרטע ווערטער האָבנ ווידער ארויסגערופנ א גוואַלדיק געלעכטער. ווענ דער אוילעם האָט זיכ א ביסל בארויִקט, האָט דער „סקאנדאליסט“ פעסט, אָבער גוטמוטיק, געזאָגט:

— וואַרפ אוועק די שטיק, ייִנגל, ס'איז ניט קלוג אונ ס'טויג ניט. אויב דו ווילסט זיכ שוינ יאָ פארווײַלנ, קלײַב זשע אויס אנ אנדער טיטל.

דער קופּערשמיד האָט א ווײַלע געטראַכט אונ געזאָגט:

— איכ לייג פאָר, מע זאָל אימ קרוינענ מיטנ טיטל: פו-פו דער ערשטער, קיניג פונ די אידיאָטנ.

דעמ פאָרשלאָג האָט מענ גלײַכ „אָנגענומענ“. יעדערער האָט געריסנ דעמ האַלדז אונ אַלע צוזאַמענ האָבנ געשריִענ:

— לאַנג לעבנ זאָל פו-פו, דער קיניג פונ די אידיאָטנ! — א הילכיקע פײַפערײַ אונ א געלעכטער האָבנ באַגלייט די דאָזיקע אויסגעשרייענ.

— ברענגט אימ אהער אונ קרוינט אימ!

— טוט אימ אָנ די קיניגלעכע קליידער!

— גיט אימ די קיניגלעכע רוט אינ האַנט!

— זעצט אימ אוועק אפנ טראָנ!

אַזױנע אונ נאָכ צוואַנציק אנדערע אויסגעשרייענ האָבנ גלײַכצײַטיק אויסגעבראָכנ, — אונ נאָכ איידער דער קליינער אומגליקלעכער קאָרבנ האָט צײַט געהאַט ארומצוקוקנ זיכ, איז ער שוינ געווענ געקרוינט מיט א בלעכענעמ בעקנ אפנ קאָפּ, פארוויקלט אינ א צעריסענער קאָלדרע, ארופגעזעצט אפ א ליידיק פעסל, אָנשטאָט דער קיניגלעכער רוט האָט אימ עמעצער ארײַנגערוקט דעמ קופּערשמידס שמעלצ-אײַזנ אינ האַנט. דאַנ האָבנ אַלע א פאַל געטאָנ פאַר אימ אפ די קני אונ, ווישנדיק די אויגנ מיט די צעריסענע אַרבל אונ שמוציקע פאַרטעכער, קלוימערשט געוויינט אונ געבעטנ:

— אָ, ווײַז אונדז דײַנ גנאָד, זיסער קיניג!

— טרעט מיט דײַנע פיס די אומווירדיקע ווערעמ, אָ, דײַנ מאַ-יעסטעט!

— דערבארעמ זיכ אפ דײַנע קנעכט און טרייסט זיי מיט א

— זעצט אימ אפנ טראָנ!

שטויס פונ דײַנ קיניגלעכנ פוס!

— דערפריי אונדז און דערווארעמ אונדז מיט דײַנע גנעדיקע שטראלנ, אָ, אונדזער ליכטיקע זונ!

— באהייליק די ערד מיט דער בארירונג פונ דײַנ פוס, קעדיי מיר זאָלנ קענענ עסנ די בלאָטע, אפ וועלכער דו האָסט געטראָטנ, און געיידלט ווערנ!

— באַוויליק צו שפּײַענ אפ אונדז, אַ, הערשער, קעדײַ אונדזערע קינדס־קינדער זאָלנ דערציילנ וועגנ דײַנע קיניגלעכע גנאָדנ אונ שטאָלצירנ מיט זיי!

אָבער דער שאַרפזיניקער קופּערשמיד האָט אַלעמענ איבערגעשטיגנ: פּאַלנדיק אפ די קני, האָט ער, קלוימערשט, געקושט דעמ קיניגס פוס. דער קיניג האָט אימ מיט פּאַראַכטונג אָפּגעשטויסנ. דעמלט האָט דער קופּערשמיד זיכ באַ אַלעמענ געבעטנ, מע זאָל אימ געבנ אַ שמאַטקע צו פאַרבינדנ דאָס אָרט, וואָס איז באַרירט געוואָרנ פונ זײַנ מאַיעסטעטס פוס, קעדײַ די לופט זאָל דערופ ניט ווירקנ. איצט, האָט ער געזאָגט, וועט ער גליקלעכ ווערנ, ווײַל ער וועט קענענ אַלעמענ באַווײַזנ די באַק אונ נעמענ הונדערט שילינג פאַר אַ קוק.

ער האָט דערבײַ געמאַכט אַזעלכע גרימאַסנ אונ האַװײַעס, אַז די גאַנצע באַנדע האָט זיכ געקײַקלט פונ געלעכטער.

טרערנ פונ צאָרנ אונ שאַנד זײַנענ געשטאַנענ אינ דעמ קיניגס אויגנ, אונ ער האָט געקלערט: „ווענ איכ וואָלט זיי אפילע ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שלעכטס געטאָנ, וואָלטנ זיי ניט געקאָנט זײַנ ערגער צו מיר, ווי זיי זײַנענ, אונ איכ האָב זיי דאָכ צוגעזאָגט צו באַווײַזנ מײַנ גנאָד — אונ אָט דאָס איז זייער דאַנקבאַרקײַט!"

אכצנטער קאַפּיטל

דער פּרינצ צווישנ שלעפּערס

באַנינגענ האָט זיכ די כעוורע געלאָזנ אינ וועג אַרײַנ. איבערנ קאָפּ זײַנענ געהאַנגענ שווערע וואָלקנס, אונטער די פיס איז געווענ גליטשיק אונ די לופט איז געווענ ווינטערדיק קאַלט. די גאַנצע פריילעכקײַט פונ דער קאָמפּאַניע איז פאַרשוונדנ, אַלע זײַנענ געווענ אָנגעכמורעט אונ שווײַגנדיק, אייניקע זײַנענ געווענ בייז אונ אופגערייצט, גוט געשטימט איז קיינער ניט געווענ אונ נאָכ אַ טרונק בראַנפנ האָט יעדערער געלעכצט.

דער „סקאַנדאַליסט" האָט אָפּגעגעבנ „דזשעקנ" אונטער היטאָס האַזשגאָכע, אָנזאָגנדיק דזשאָנ קענטינ, ער זאָל זיכ האַלטנ פונווײַטנ

און לאָזן דאָס יינגל צורו. ער האָט אויך אָנגעזאָגט היגאָן, ער זאָל ניט זײַן צו גראָב מיט אים.

א ווײַלע שפעטער איז געוואָרן עטוואָס ווארעמער, און דער הימל האָט זיך א ביסל אויסגעלײַטערט. די באנדע האָט אופגעהערט צו ציטערן פון קעלט, און די שטימונג האָט זיך א ביסל געהויבן. ביסלעכווײַז האָט זיך דער יוילעם פאנאנדערגעהוליעט און גענומען שפאסן איינער מיט דעם אנדערן און פארטשעפען פארבײַגייער.

דאָס האָט באוויזן, אז זיי הייבן אָן ווידער פילן דעם טאם פונעם לעבן מיט זײַנע פריידן. די מוירע פאר דער באנדע איז געווען אזוי גרויס, אז יעדער האָט זיי אָפגעטראָטן דעם וועג און שווײַגנדיק אָנגענומען זייער פרעכע כוצפע, ניט ענטפערנדיק א וואָרט צוריק. זיי האָבן אראָפגעריסן וועש פון די פארקאנעס פאר די אויגן פון די באלעבאטים, וואָס האָבן זיך ניט דערוועגט אנטקעגנצושטעלן זיך און וואָס זײַנען קענטיק צופרידן געווען, וואָס מע האָט זיי כאָטש איבערגעלאָזט די פארקאנעס.

אין א ווײַלע ארום האָבן זיי זיך ארײַנגעריסן אין א קליינער פערמע און צעלייגט זיך, ווי בא זיך אין דער היים, אין דער צײַט, ווען דער דערשראָקענער פערמער און זײַן ווײַב האָבן אויסגעראמט אלץ, וואָס ס'איז געווען אין ספיזשארניע, צו מאכן אָנבײַסן פאר די פײַנע געסט. צונעמענדיק די געריכטן בא דער באלעבאָסטע און אירע טעכטער, האָבן די אויסוואורפן זיך געטשעפעט און געטריבן מיט זיי פוילן שפאס, באגלייטנדיק זיי מיט שמוציקע ווערטלעך און פערדישער הירזשערײַ. זיי האָבן געוואָרפן אין דעם פערמער און זײַנע זין ביינער און שטיקלעך גרינס און אָנגעקוואָלן, קוקנדיק ווי יענע מאטערן זיך אויסצומײַדן די פליענדיקע שטיקער. האָט עמעצער פון דער באנדע גוט געטראָפן, האָט עס ארויסגערופן רוישיקע אפלאָדיסמענטן און גרויס געלעכטער. געענדיקט האָבן זיי דערמיט, וואָס זיי האָבן אויסגעשמירט מיט פוטער דעם קאָפ פון דעם פערמערס א טאָכטער, וואָס האָט ניט געוואָלט לײַדן זייער צעלאָזנקײַט. פארן אוועקגיין האָבן זיי געסטראשעט צו פארברענען די גאנצע פערמע מיט אירע אײַנוווינער, אויב וועגן זייערע מײַסים וועט עפעס דערגיין צו דער פאָליציי.

נאָך א לאנגן און שווערן וועג האָט זיך די באנדע ארום האלבן

טאָג פאַנאַנדערגעלייגט אָפּרוענ הינטער א פּאַרקנ, אינ דער שכיינעס פונ א היפּש דאָרפ. א שאָ האָט מענ גערוט, דערנאָכ האָט זיכ די בעוורע צעשאָטנ, קעדיי אַרייַנצוגייַנ אינ דאָרפ פונ פאַרשייַדענע זייטנ אונ פאַרנעמענ זיכ מיט זייערע פאַרשיידנאַרטיקע מעלאָכעס.

„דזשעק“ איז געגאַנגענ מיט היוגאָנ, וואָס האָט זיכ אַרומגעשלעפּט אַהינ אונ צוריק אונ אויסגעקוקט א געלעגנהייַט אָפּצוטאָנ עפּעס א שטיקל אַרבעט. אָבער עס האָט זיכ קיינ זאַכ ניט געמאַכט, אונ ער האָט צומ סאָפ געזאָגט:

— איכ זע ניט, וואָס מע זאָל דאָ קאָנענ גאַנווענענ, א קאַפּצאָניש ערטל. מיר מוזנ דעריבער נעמענ זיכ בעטלענ.

— מיר? נו, פאַרגעס אָנ דעמ! קאָנסט זיכ באַשעפטיקנ מיט דייַנ פּראָפעסיע — זי פּאַסט דיר, אָבער איכ וועל ניט בעטלענ.

— דו וועסט ניט בעטלענ? — האָט היוגאָ אויסגעשריענ, אָנקוקנדיק דעמ קיניג מיט וווּנדער. — זאָג מיר, איכ בעט דיכ, פונ וועג אָנ ביסטו דאָס געוואָרנ אַזא באַל-טשווע?

— וואָס מיינסטו צו זאָגנ?

— וואָס איכ מיינ? האָסט דענ ניט געבעטלט דייַנ גאַנצ לעבנ אַפ די לאָנדאָנער גאַסנ?

— איכ? אידיאָט דו איינער!

— באַהאַלט דייַנע קאָמפּלימענטנ, וועלנ זיי דיר לענגער קלעקנ. דייַנ טאַטע זאָגט, אַז דו האָסט דייַנ גאַנצ לעבנ געבעטלט. עפּשער זאָגט ער א ליגנ. עפּשער וועסטו זאָגנ, אַז ער ליַיגט טאַקע? — האָט זיכ היוגאָ געריַיצט מיט אימ.

— אָט דער, וואָס דו רופסט אימ מייַנ פאָטער? — יאָ, ער ליַיגט.

— נו, נו, גענוג, מייַנ פרייַנט, צו שפּילנ די פריילעכע שפּיל פונ א מעשוגענעמ. דאָס איז גוט, וועננ עס פאַרוויַלט, אָבער ניט, ווענ עס שאַדט; אַז איכ וועל אימ נאָר דערציילנ, וואָס דו האָסט געזאָגט, וועט ער דיר געבנ אַזא גאָב, אַז דו וועסט האָבנ צו געדענקענ.

— באַמי זיכ ניט, איכ וועל עס אימ אַליינ זאָגנ.

— מיר געפעלט דייַנ דרייסטקייַט, אַפ מייַנ וואָרט, דאָס געפעלט מיר. מיר געפעלט אָבער ניט דייַנ סייכל אונ דייַנ גאַנג. קלעפּ אונ

זידלערײַ פעלנ ניט אינ לעבנ, אונ מע דארפ גאָר ניט ארויסגיינ זיי אנטקעגנ מעקאבל־פאָנעמ זײַנ. אָבער לאָמיר וועגנ דעמ מער ניט ריידנ. איכ גלייב דײַנ טאטנ. ס'איז בא מיר קיינ סאָפעק ניט, אז ער קאָנ זאָגנ א ליגנ! איכ צווייפל ניט, אז ער זאָגט ליגנ, ווענ מע דארפ — דאָס טוט יעדערער פונ אונדז. אָבער דאָ איז אינ דעמ קיינ נויטווענדיקײַט ניט געווענ. א קלוגער מענטש ליגט ניט אומזיסט. נאָר זאָג מיר, וויבאלד דו ווילסט ניט בעטלענ, וואָס זשע דענ וועלנ מיר טאָנ? מירנ באגאנווענענ קיכנ?

— גענוג צו ריידנ נארישקײַטנ! — האָט דער קיניג אומגעדולדיק געזאָגט. — זיי האָבנ מיר שוינ דערעסנ!

— הער נאָר צו, מײַנ פרײַנט! — האָט היוגאָ שוינ אינ כאס געזאָגט. — בעטלענ ווילסטו ניט, גאנווענענ ווילסטו ניט. זאָל זײַנ אזוי. אָבער כ'וועל דיר זאָגנ, וואָס דו וועסט יאָ טאָנ: דו וועסט פארגארנ טיפשימ, אונ איכ וועל זיי באארבעטנ. פרוו נאָר אָפזאָגנ זיכ, אויב דו וואגסט!

דער קיניג האָט זיכ געקליבנ צו ענטפערנ אפ זײַנ שטייגער מיט פאראכטונג, ווענ היוגאָ האָט אימ איבערגעשלאָגנ:

— שטילער! אָנ גייט א יאָלד מיט א גוטנ פארצעפ. איכ וועל באלד קריגנ די פאליקע. ווענ יענער פארשויג וועט צולויפנ, גיב א פאל אפ די קני אונ ברעכ אויס אינ אזא יאָמער, פונקט ווי טויזנט שיידימ פונ אומגליק וואָלטנ געזעסנ אינ דײַנע קישקעס, אונ שרײַ: „אָ, גוטער הער! דאָס איז מײַנ אומגליקלעכער קראנקער ברודער, אונ מיר זײַנענ אזוי עלנט, אָ, ווי גאָט איז אײַכ ליב, האָט ראכמאָנעס אפ אנ עלנטנ, פארלאָזענעמ אונ אומגליקלעכנ קאליקע! שענקט איינ פעני פונ אײַער אשירעס א גאָט־געשטראָפטנ, פארלאָרענעמ מענטשנ!“ אונ געדענק זשע, זאָלסט ניט אופהערנ צו יאָמערנ, ביז מירנ פונ אימ ניט אויסקוועטשנ זײַנ פעני, אז ניט, וועסטו כאראָטע האָבנ!

אונ, ניט לאנג ווארטנדיק, האָט היוגאָ אָנגעהויבנ צו קרעכצנ אונ יאָמערנ, גלאָצנ מיט די אויגנ, ווארפנ אונ דרייענ זיכ, אונ ווענ דער אומבאקאנטער איז צוגעגאנגענ נאָענט, האָט זיכ היוגאָ מיט א געשריי א וואָרפ געטאָנ אפ דער ערד אונ גענומענ קײַקלענ אונ צאפלענ זיכ אינ בלאָטע, פונקט ווי ער וואָלט געהאלטנ בא גסיסע.

— אָ, נעבעכ, נעבעכ!—האָט דער גוטהארציקער אומבאקאנטער אויסגעשריִענ, — אָ, אומגליקלעכער, וואָס פארא יעסורימ ער לײַדט נעבעכ. אָט וועל איכ דיכ אופהייבנ.

— אָ, נאָבעלער הער! זאָל אײַכ דער אייבערשטער באצאָלנ פאר אײַער גוט הארצ, אָבער יעדע בארירונג פארשאפט מיר יעסורימ, ווענ עס כאפט מיכ אָנ אזא אָנפאל. מײַנ ברודער וועט אײַכ דערציילנ, וואָס פארא יעסורימ איכ שטיי אויס, ווענ עס כאַפט מיכ אָנ אנ אָנפאל. א פעני, טײַערער הער, א פעני אפ א שטיקל ברויט שענקט מיר אונ לאָזט מיכ, אומגליקלעכנ, איבער מיט מײַנע ווייטעקנ.

— א פעני! איכ וועל דיר געבנ דרײַ, דו אומגליקלעכע נעשאָמע, — האָט דער גוטהארציקער מענטש אויסגערופנ, אײַלנדיק אונ נערוועז ארויסנעמענדיק פונ טאש דרײַ פענים.—נא, אָרעמער יונג, נעמ אונ פארגינ עס געזונטערהייט. נו, איצט, יינגל, קומ אהער אונ העלפ מיר אריבערטראָגנ דײַנ קראנקנ ברודער אינ שטוב ארײַנ, ווו...

— איכ בינ ניט זײַנ ברודער,—האָט דער קיניג איבערגעשלאָגנ.

— וואָס! ניט זײַנ ברודער?

— אָ, הערט נאָר וואָס ער רעדט!—האָט היוגאָ אויסגעשריִענ, קריצנדיק אינ דער שטיל מיט די ציינ,—ער זאָגט זיכ אָפ פונ זײַנ אייגענעמ ברודער, וואָס שטייט שוינ מיט איינ פוס אינ קייווער!

— פע, יינגעלע, מעגסט זיכ טאקע שעמענ צו זײַנ אזוי שטיינהארציק צו דײַנ ברודער. ער איז דאָכ, נעבעכ, א קאליקע, קוימ וואָס ער רירט א האנט אָדער א פוס. אויב ער איז ניט דײַנ ברודער, ווי דו זאָגסט, טאָ ווער זשע דענ איז ער?

— א בעטלער אונ א גאנעוו—אָט ווער ער איז! ער האָט בא דיר אויסגענארט דײַנ געלט אונ צו דער זעלביקער צײַט אויסגעליידיקט דײַנע קעשענעס. אויב דו ווילסט אימ מיט א נעס טייקעפ אויסהיילנ, לייג צו דײַנ שטעקנ צו זײַנע פלייצעס, פארלאָזנדיק זיכ אינ דעמ איבעריקנ אפ גאָט.

אָבער היוגאָ האָט ניט געווארט אפ דעמ נעס, אינ איינ מאָמענט איז ער אופגעשפרונגענ אונ געלאָזנ זיכ לויפנ ווי א ווינט, פארפאָלגט פונ דעמ אומבאקאנטנ, וואָס האָט געמאכט געוואלדנ אינ הימל ארײַנ.

דער קיניג, דאנקענדיק גאָט פאר זײַנ באפרײַונג, האָט זיכ געלאָזט

לויפנ אינ דער צווייטער זײַט, ניט אָפּשטעלנדיק זיכ, ביז ער איז ניט געווענ אויסער געפאר. ער האָט פארקערעוועט אפנ ערשטנ בעסטנ וועג אונ האָט אינגיכנ איבערגעלאָזט דאָס דאָרפ הינטער זיכ. עטלעכע שאָ נאָכאנאנד איז ער געגאנגענ אזוי שנעל, ווי ער האָט נאָר געקאָנט, אומרויִק אומקוקנדיק זיכ אלע ווײַלע אפ הינטנ, צי מע יאָגט אים ניט נאָכ. אָבער די שרעק האָט אים צום סאָפ פארלאָזנ אונ א געפיל פונ זיכערקײַט האָט פארנומענ איר אָרט.

איצט ערשט האָט ער דערפילט, אז ער איז הונגעריק אונ זייער מיד. ער האָט געפרוווט צוגיינ צו א פערמע אונ שוינ געוואָלט אָנהייבנ ריידנ, אָבער מע האָט אים גלײַכ אָפּגעהאקט אונ גראָב פארטריבנ. זײַנע צעריסענע קליידער האָבנ גערעדט קעגנ אים. ער איז ווײַטער געגאנגענ, א באליידיקטער אונ צאָרנדיקער, פעסט באשליסנדיק בײַ זיכ מער ניט לאָזנ אזוי באהאנדלענ. אָבער הונגער האָט מער דרייע, ווי שטאָלצ, אונ ווענ אָוונט איז צוגעפאלנ, האָט דער קיניג געפרוווט אָפּשטעלנ זיכ בײַ א צווייטער פערמע, נאָר דאָ האָט מענ אים באהאנדלט נאָכ ערגער, ווי אינ דער ערשטער: מע האָט אים גוט אויסגעזידלט אונ געוואָרנט, אז אויב ער וועט גלײַכ ניט נעמענ דעם וועג, וועט מענ אים ארעסטירנ אלס היימלאָזנ שלעפער.

ס'איז צוגעפאלנ א קאלטע, פינצטערע נאכט, אונ דער מידער קיניג האָט זיכ אלצ לאנגזאמ באוועגט אפ זײַנע אויסגעמאטערטע פיס. ער האָט געמוזט האלטנ אינ איינ גיינ, ווײַל יעדעס מאָל, ווענ ער פלעגט זיכ צוזעצנ אָפּרוענ, פלעגט אים דורכנעמענ א קעלט ביזנ מארכ פונ די ביינער. אלע איבערלעבונגענ אונ אײַנדרוקנ, וואָס עס האָט אים געבראכט זײַנ וואנדערנ אינ דער געדיכטער פינצטערניש אונ וויסטעניש פונ דער נאכט, זײַנענ פאר אים געווענ אינגאנצנ נײַ אונ פרעמד. ער האָט צײַטנווײַז געהערט עפּעס קוילעס, וואָס דערנענטערנ זיכ, דערווײַטערנ זיכ אונ גייענ פארבײַ. די געשטאלטנ, צו וועמענ די שטימענ האָבנ געהערט, האָט ער ניט געזענ,—ער האָט נאָר געזענ עטוואָס ענלעכס צו שאָטנס, אונ דאָס האָט אינ אים ארויסגערופנ א שוידער. צײַטנווײַז האָט ער געזענ א פינקלענדיק פײַערל ערגעצ ווײַט, ווײַט, ווי פונ אנ אנדער וועלט. אָפטמאָל האָט זיכ געהערט דאָס קלינגענ פונ גלעקלעכ בײַ שעפּסנ אפ די העלדזער, אָבער דער קלאנג איז געקומענ פונ ערגעצ ווײַט,

איז געווענ אזוי שוואכ אונ אומדײַטלעכ. דאָס פארשטיקטע מעקענ פונ א טשערעדע, וואָס דער ווינט האָט פונ ערגעצ ווײַט געבראכט, האָט געקלונגענ שרעקלעכ טרויעריק. פונ צײַט צו צײַט האָט זיכ פונ ערגעצ ווײַט איבער ברייטע פעלדער אונ ווײַטע וועלדער דערטראָגנ דאָס האווקענ פונ א הונט. אלע קלאנגענ האָבנ דערגרייכט פונ זייער ווײַט, אונ דאָס האָט ארויסגערופנ באמ קיניג א געפיל, ווי אלצ, וואָס לעבט אונ באוועגט זיכ, וואָלט געווענ ווײַט פונ אימ, אינ ער וואָלט געשטאנענ איינזאמ אונ עלנט אינמיטנ פונ א גרויסנ מידבער.

פאלנדיק פונ די פיס, האָט ער זיכ ווײַטער באוועגט, ארומגעכאפּט פונ דער גרויזאמער פאנטאסטישקײַט פונ די נײַע איבערלעבונגענ, אופציטערנדיק צײַטנווײַז פונ דעמ גערויש פונ טרוקענע בלעטער איבערנ קאָפּ, וואָס האָט אימ אויסגעזענ, ווי דאָס סוידענ זיכ פונ מענטשנ. מיטאמאָל האָט ער דערזענ דאָס פינקלענ פונ א לאמטערנ גאָר נאָענט לעבנ זיכ. ער איז אָפּגעטראָטנ אָנ א זײַט אונ געווארט, וואָס וועט דאָ זײַנ. דער לאמטערנ איז געשטאנענ בא דער אָפּענער טיר פונ א שײַער. דער קיניג האָט א ווײַלע אָפּגעווארט — קיינ קלאנג, קיינ לעבעדיקע באשעפעניש. אימ איז געווענ אזוי קאלט צו שטיינ אָפּ איינ אָרט, אונ דער גאסטפרײַנטלעכער שײַער האָט אזוי גערופנ צו זיכ—אז ער האָט באשלאָסנ צו ריזיקירנ אונ ארײַנגיינ. שטיל אונ פאָרזיכטיק האָט ער זיכ דערנענטערט צו דער טיר, אונ ווענ ער איז שוינ געווענ אָפּנ שוועל, האָט ער דערהערט שטימענ הינטער זיכ. ער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ שײַער, באהאלטנ זיכ הינטער א פעסל, צוזעצנדיק זיכ דאָרט. עס זײַנענ ארײַנ צוויי ארבעטער. זיי האָבנ ארײַנגעבראכט מיט זיכ דעמ לאמטערנ אונ גענומענ זיכ ארבעטנ, שמועסנדיק בײַמ דער ארבעט.

אינ דער צײַט, ווענ די ארבעטער האָבנ געטאָנ זייער ארבעט, האָט זיכ דער קיניג גוט ארומגעקוקט אונ באמערקט אינ דעמ צווייטנ עק שײַער א היפּש אָרט פאר א פערד. ער האָט בא זיכ באשלאָסנ צו פארקלײַבנ זיכ אהינ, ווענ ער וועט בלײַבנ אליינ. ער האָט אויכ באמערקט א קופּע פערד-דעקנ, וואָס זײַנענ געלעגנ אָפּ האלב-וועג צו יענעמ אָרט, אונ ער האָט בעדייע געהאט צו באנוצנ זיי הײַנטיקע נאכט לעטויוועס דער ענגלישער קרוינ.

די ארבעטער האָבן דערווײַל אָפּגעטאָן זייער ארבעט און זײַנען אוועקגעגאנגען, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם לאמטערן און פארשליסנדיק די טיר הינטער זיך.

שטיל און פאָרזיכטיק האָט ער זיך דערנעענטערט צו דער טיר.

ציטערנדיק פון קעלט, האָט זיך דער קיניג א לאָז געטאָן צו די פערד-דעקן אזוי שנעל, ווי די פינצטערניש האָט נאָר געקאָנט דערלויבן, האָט זיי אופגעהויבן און דערקלייבן זיך בעשאָלעם צו דעם אָנגעמערקטן אָרט. צוויי דעקן האָט ער אונטערגעבעט אונטער זיך און מיט די אנדערע צוויי צוגעדעקט זיך.

ער איז איצט געווען א צופרידענער מאָנארכ, כאָטש די דעקנ זײַנען געווען דינ און ניט געווארעמט גענוג. כוץ דעמ האָט פונ זיי געשלאָגנ א פערדישער רייעכ—דערשטיקט צו ווערנ.

דער קיניג איז געווען הונגעריק און דערפראָרנ. די מידקײַט און שלעפעריקײַט האָבנ אָבער גענומענ די אויבערהאנט איבערנ הונגער, און ער איז אינגיכנ ארײַנגעפאלנ אינ א האלב-שלעפעריקײַט. ווענ ער האָט שוינ געהאלטנ באמ אײַנשלאָפנ, — האָט ער פלוצעמ דערפילט, ווי עמעצער רירט אימ אָנ! אינ איינ סעקונדע איז ער געווענ וואכ, קוימ כאפנדיק דעמ אָטעמ פאר שרעק. פונ דער געהיימניספולער בארירונג אינ דער פינצטערניש פונ דער נאכט איז זײַנ הארצ קימאט שטיינ געבליבנ. ער איז געלעגנ שטיל, אָנ שומ באוועגונג, און צוגעהערט זיכ, קוימ עטעמענדיק. אָבער קיינ קלאנג און קיינ באוועגונג. ער האָט ווידער אָנגעהויבנ אײַנדרעמלענ, און מיטאמאָל—ווידער די געהיימניספולע בארירונג!

וואָס פאר א שווידערלעכע זאכ דאָס איז—אָט די דאָזיקע לײַכטע בארירונג פונ אנ אומזיכטבארער שטילשווײַגנדיקער באשעפעניש! דאָס יינגל האָט קימאט געכאלעשט פונ שרעק. וואָס זאָל ער דאָ טאָנ?—האָט ער זיכ געפרעגט און ניט געפונענ קיינ ענטפער. זאָל ער פארלאָזנ דאָס דאָזיקע מער אָדער ווייניקער באקוועמע געלעגער און אנטלויפנ פונ דער אומדערקלערבארער שרעק? אָבער ווּהינ זאָל ער לויפנ? ער קאָנ דאָכ ניט ארויסגיינ פונ שטאל; און בלאָנדזענ אינ דער פינצטער, אינ די פיר ווענט פונ שײַער, פארפאָלגט פונ דעמ געהיימניספולנ גײַסט, וואָס וועט אימ נאָכגיינ טריט בײַ טריט און אלע ווײַלע בארירנ אימ אזוי שוידערלעכ ווייכ אָנ באק אָדער אקסל,— איז געווענ אומדערטרעגלעכ. אָבער בלײַבנ דאָ און יעדע מינוט אָפּשטארבנ פונ שרעק איז דענ בעסער? ניינ! וואָס זשע דענ זאָל ער טאָנ? יאָ, עס בלײַבט נאָר איינ אויסוועג—ער ווייסט שוינ וואָס: אויסשטרעקנ די האנט און אויסגעפינענ, וואָס איז עס אזוינס, וואָס בארירט אימ!

עס איז געווענ גרינג צו קלערנ אזוי, אָבער שווער צו באשליסנ זיכ דאָס צו טאָנ. דרײַ מאָל האָט ער פאָרזיכטיק אויסגעצויגנ די האנט אינ דער פינצטער, און האסטיק צוריק א כאפּ געטאָנ זי, ניט מאכמעס ער האָט עפּעס אָנגעטאפּט, נאָר ווײַל ער האָט זיכ *געקליבנ* אָנצוטאפּנ. אָבער צומ פערטנ מאָל האָט ער אויסגעצויגנ די האנט א ביסל

ווײַטער אונ האָט אָנגעשטאָפּט עטוואָס ווייכס אונ ווארעמס. ער איז קימאט פארגליווערט געוואָרנ פונ שרעק. ער האָט זיכ אנדערש ניט געקאָנט פאָרשטעלנ, ווי אז דאָס איז א מעס—ניט לאנג טויט אונ נאָכ ווארעמ... אימ האָט זיכ געדאכט, אז ער וועט בעסער שטארבנ, איידער נאָכאמאָל בארירנ עס. אָבער ער האָט אזוי געקלערט, ווײַל ער האָט ניט געוווּסט די אומשטערבלעכע קראפט פונ מענטשלעכנ נײַגער. עס האָט לאנג ניט געדויערט, אונ זײַנ האנט האָט ווידער געזוכט אינ דער פינצטער קעגנ זײַנ ווילנ אונ קעגנ זײַנ סייכל—אקשאָנעסדיק נעזוכט. די האנט האָט זיכ אָנגעשטויסנ אָנ א בינטל לאנגע האָר. ער האָט א ציטער געטאָנ, אָבער ווײַטער געפירט מיט דער האנט איבער די האָר, ביז ער האָט אָנגעטאפּט עטוואָס, וואָס האָט געשײַנט צו זײַנ א ווארעמער שטריק; ער האָט געפירט מיט דער האנט איבערנ שטריק, ביז ער האָט אָנגעטאפּט אנ אומשולדיק קעלבל!—אונ דער שטריק איז גאָר קיינ שטריק ניט געווענ, נאָר א קעלבערשער וויידל.

דער קיניג האָט זיכ גוואלדיק פארשעמט פאר זיכ אליינ, וואָס ער איז אויסגעשטאנענ אזויפיל שרעק אונ ציטערניש איבער אזא נאַרישקײַט, ווי א שלאָפנדיק קעלבל. אָבער אינדערעמעסנ האָט ער ניט געהאט וואָס צו שעמענ זיכ, ווײַל ער האָט זיכ געשראָקנ ניט פאר דעמ קעלבל, נאָר פאר יענע אומבאוווּסטס, וואָס ער האָט זיכ פאָרגעשטעלט אָנשטאָט דעמ קעלבל. אונ יעדעס יינגל אפ זײַנ אָרט וואָלט אויכ ניט בעסער געווענ אונ וואָלט אויכ געציטערט אינ יענער אָבערגלויבערישער צײַט.

דער קיניג איז ניט נאָר גליקלעכ געווענ אויסצוגעפינענ, אז דאָס איז ניט מער ווי א קאלב, נאָר אויכ וואָס ער האָט דאָ געפונענ כאָטש א קאלב פאר א כאווער צו זיכ. ער האָט זיכ געפילט אזוי עלנט אונ איינזאמ, אז ער איז געווענ צופרידנ מיט דער נאָענטקײַט אונ כאווערשאפט פונ אזא פּאָשעטער באשעפעניש ווי א קעלבל. ער איז אזוי גראָב באהאנדלט געוואָרנ אונ אזוי באליידיקט געוואָרנ פונ זײַנ גלײַכנ—פונ מענטשנ, אז ס'איז פאר אימ געווענ אנ עמעסע טרייסט אונ פארגעניגנ צו זײַנ אינ דער געזעלשאפט פונ א באשעפעניש, עמעס, אָנ הויכע געפילנ, אָבער מיט א ווייכ הארצ אונ אנ איידעלער נאטור. ער האָט דעריבער באשלאָסנ אוועקצולייגנ קאָוועד אָנ א זײַט אונ ווערנ מיטנ קעלבל גוטע־פרײַנט.

גלעטנדיק דעם קעלבלס ווארעמענ, גלאטנ רוקנ,—עס איז געלעגנ ניט ווייַט פונ אימ,—איז אימ איַינגעפאלנ, אז עס קאָנ אימ צוניצ קומענ גאָר אפ אנ אנדער אויפנ. ער האָט דעריבער גלייַכ איבערגעטראָגנ זייַנ געלעגער הארט צום קעלבל, צוגעטוליעט זיכ צו זייַנ רוקנ, צוגעדעקט זיכ אונ זייַנ פרייַנט מיט די דעקנ, אונ אינ א פאָר מינוט ארום איז אימ געווענ ווייכ אונ ווארעמ, ווי אפ די ווייכע געלעגערס פונ וועסטמינסטער-פאלאצ.

אָנגענעמע מאכשאָוועס זייַנענ געקומענ אינ קאָפ. דאָס לעבנ האָט באקומענ א פריילעכנ אויסזענ. ער איז פרייַ געווענ איצט פונ די קייטנ פונ קנעכטשאפט אונ פארברעכנ, פרייַ פונ דער באנדע נידעריקע, געמיינע אויסוווּרפנ, אימ איז ווארעמ, ער האָט א דאכ איבערנ קאָפ, קורצ — ער איז גליקלעכ!

ס'האָט זיכ אויפגעהויבנ א נאכט-ווינט, וואָס האָט מיט זייַנע) האסטיקע אָנפאלנ אויפגעטרייסלט דעמ אלטנ שייַער. צייַטנווייַז האָט דער שטורעמ אויפגעהערט, אונ דער ווינט האָט געוויינט אונ געקרעכצט אינ די ווינקלענ אונ באלקנס. אָבער איצט, ווענ דעמ קיניג איז געווענ ווארעמ אונ באקוועמ,—איז עס פאר אימ געווענ מוזיק. זאָל דער ווינט בלאָזנ אונ ווילדעווענ, זאָל ער קלאפנ אונ שטורעמענ, זאָל ער יאָמערנ אונ קרעכצנ—אימ ארט עס ניט; פארקערט, פאר אימ איז עס נאָכ בעסער. ער האָט זיכ צוגעטוליעט נאָכ נעענטער צו זייַנ פרייַנט, קוויקנדיק זיכ מיט זייַנ ווארעמקייַט, אונ איז באלד אריַינגעפאלנ אינ א טיפנ, גליקלעכנ שלאָפ, אָנ שרעק אונ אָנ כאלוימעס.

ערגעצ ווייַט האָבנ געבילט הינט, עס האָבנ מעלאנכאָליש באקלאָגט זיכ די בעהיימעס, דער ווינט האָט ניט אויפגעהערט צו שטורעמענ אונ א גוסרעגנ האָט געפלייצט איבערנ דאכ, אָבער די מאיעסטעט פונ ענגלאנד איז געשלאָפנ אומגעשטערט—דאָסגלייַכנ דאָס קעלבל, וואָס איז געווענ א פאָשעטע בריע, וועמענ עס האָט ניט געארט קיינ רעגנ אונ וואָס איז ניט ניספאָעל געוואָרנ פונ שלאָפנ מיט א קיניג.

נײַנצנטער קאַפּיטל

דער פּרינצ צװישנ פּױערימ

װענ דער קיניג האָט זיכ גאַנצפֿרי אױפֿגעכאַפּט פֿונ זײַנ שלאָפֿ, האָט ער געפֿונענ, אַז אַ נאַסע, אָבער אַ קלוגע מױז האָט זיכ באַנאַכט געמאַכט אַ באַקװעמ געלעגער בײַ אימ אינ בוזעמ.

װי נאָר דער קיניג האָט זיכ אַ ריר געטאָנ, איז די מױז אַנטלאָפֿנ. ער האָט אַ שמײכל געטאָנ אונ געזאָגט:

— נאַריש מײַזל, װאָס האָסטו מורע? איכ בינ אַזױ עלנט, װי דו, אונ עס װאָלט געװענ אַ כאַרפּע צו קרױודענ אַ הילפֿלאָזע באַשעפֿעניש אינ דער צײַט, װענ איכ בינ אַלײנ אַזױ הילפֿלאָז. אַדרעבע, איכ דאַרפֿ דיר דאַנקבאַר זײַנ פֿאַר דעמ גוטנ סימענ, װאָס דו האָסט מיר געבראַכט, װאָרעמ אַז אַ קיניג איז אַזױ נידעריק געפֿאַלנ, אַז שטשורעס מאַכנ שױנ אַ געלעגער אױפֿ אימ, איז אַ סימענ, אַז זײַנ מאַזל װעט זיכ איבערבײַטנ צו גוטנ, װײַל נידעריקער קאָנ ער שױנ ניט פֿאַלנ.

ער איז אױפֿגעשטאַנענ אונ איז אַרױס פֿונ הינטערנ װענטל. אינ דער זעלביקער װײַלע האָט ער דערהערט קינדערישע קעלכלעכ. די טיר פֿונ שײַער האָט זיכ געעפֿנט, אונ צװײ קלײנע מײדעלעכ זײַנענ אַרײַנ. װי נאָר זײ האָבנ אימ דערזענ, האָבנ זײ אױפֿגעהערט צו רײדנ אונ לאַכנ, אָפּגעשטעלט זיכ אונ שטיל אָנגעקוקט אימ מיט גרױס נײַגער. זײ האָבנ זיכ אָנגעהױבנ צו סודענ, צוגעגאַנגענ אַ ביסל נעענטער, װידער באַטראַכט אימ אונ אָפּראָסנײַ גענומענ סודענ זיכ, ביסלעכװײַז האָבנ זײ זיכ אָנגענומענ מוט אונ אָנגעהױבנ רײדנ װעגנ אימ אױפֿנ קול.

— ער האָט אַ ליב פּנעמ,—האָט אײנע געזאָגט.

— אונ פּרעכטיקע האָר,—האָט די צװײטע צוגעגעבנ.

— אָבער ער איז זײער שלעכט געקלײדט.

— אונ װי אױסגעהונגערט ער זעט אױס!

זײ זײַנענ צוגעגאַנגענ נאָכ נעענטער, געדרײט זיכ שעמעװדיק אַרומ אימ, באַטראַכטנדיק אימ גוט פֿונ אַלע זײַטנ, װי ער װאָלט געװענ עפּעס אַ מאָדנע מינ כײַע. דערבײַ זײַנענ זײ געװענ פֿאָרזיכטיק אונ אױפֿ דער װאַכ, װי זײ װאָלטנ מורע געהאַט, אַז די כײַע קאָנ,

בײַ א געלעגנהײַט א ביס טאָג. ענדלעך, האָבנ זײ זיך אָפּגעשטעלט לעבנ אים אונ, האַלטנדיק זיך, פונ זיכערקײַט װעגנ, אײנע די אַנדערע פאַר די הענט, גוט אָנגעקוקט אים מיט זײערע אומשולדיקע אויגנ.

דאַנ האָט אײנע פונ זײ צוזאַמענגענומענ איר גאַנצנ מוט אונ גלײַך אונ אָפנ געפרעגט:

— װער ביסטו, ײִנגעלע?

— איך בינ דער קיניג, — איז געװענ דער ערנסטער ענטפער.

די קינדער האָבנ זיך א כאַפּ געטאָנ אונ געבליבנ שטײנ מיט ברײט אָפענע אויגנ אונ א װאָסער האַלבע מינוט אָנ װערטער. דערנאָך האָט זײער נײַגער געבראָכנ דאָס שטילשװײַגנ:

— דער קיניג? װ אָ ס ע ר ק י נ י ג?

— דער קיניג פונ ענגלאַנד.

די קינדער האָבנ אָנגעקוקט אײנע די אַנדערע, דערנאָך אים אונ װידער אײנע די אַנדערע, צעטומלטע, צעמישטע אונ פאַרװוּנדערטע. דאַנ האָט זיך אײנע פונ זײ אָנגערופנ:

— האָסטו געהערט, װאָס ער האָט געזאָגט, מערדזשערי? — ער זאָגט, ער איז דער קיניג. קאָנ דאָס זײַנ עמעס?

— װי קאָנ דענ אַנדערש זײַנ, פּריסי? װאָלט ער דענ געזאָגט א ליגנ? װאָלט עס ניט געװענ עמעס, פּריסי, װאָלט עס דאָך געװענ א ליגנ, דו פאַרשטײסט? באַרעכנ נאָר, אז אַלץ, װאָס ס'איז ניט עמעס, איז ליגנ, אַנדערש קאָנ דאָך ניט זײַנ.

דאָס איז געװענ א גוטער אַרגומענט, װאָס האָט פאַר פּריסים האַלבנ סאָפעק ניט איבערגעלאָזנ קײנ ברעקל אָרט.

זי האָט א װײַלע געטראַכט אונ דערנאָך פאַרלאָזנ זיך אײַנגאַנצנ אָפנ קיניגס געװיסנ, באַמערקנדיק:

— אויב דו ביסט װירקלעך דער קיניג, גלײב איך דיר.

— איך בינ בעעמעס דער קיניג, — האָט ער געזאָגט.

דערמיט האָט זיך די זאַך געענדיקט. זײַנ קיניגלעכע מאַיעסטעט איז אָנערקענט געװאָרנ אָנ װײַטערדיקע פראַגנ אונ סיכסוכימ, אונ די צװײ קלײנע מײדלעך האָבנ גלײַך גענומענ פאַנאַנדערפרעגנ אים, װי קומט ער אַהער, װאָס טוט ער דאָ, װוּהינ גײט ער, װי קומט עס,

וואָס ער איז אזוי ניט קיניגלעכ אָנגעטאָנ, אונ וועגנ אלע זײַנע איבעריקע איניאָנימ.

פאר דעמ קיניג איז עס געווענ א גרויסע פארלײַכטערונג אויסצוגיסנ זײַנ בימער הארצ דאָ, ווו מע וועט פונ אימ ניט לאכנ אונ ווו מע וועט אָנעמענ זײַנע רייד אָנ טפייקעס. האָט ער דערציילט זײַנ געשיכטע מיט הארצ אונ געפיל, פארגעסנדיק אפילע דערווײַל אָנ זײַנ הונגער.

די קליינע צארטע מיידעלעכ האָבנ עס אויפגענומענ מיט דעמ טיפסטנ מיטגעפיל, אָבער ווענ ער איז דערגאנגענ צו דעמ, וואָס ער האָט זיכ אָנגעליטנ גאָר לעצטנס, אונ ווענ זיי האָבנ דערוווסט זיכ, ווי לאנג ער האָט שוינ ניט געגעסנ, האָבנ זיי אימ איבערגעהאקט אינמיטנ אונ אוועקגעשלעפט אינ שטוב ארײַנ צו געבנ אימ א גוטנ אָנבײַסנ.

דער קיניג איז איצט געווענ פריילעכ אונ גליקלעכ.

„ווענ איכ וועל צוריקומענ אפ מײַנ אָרט, וועל איכ שטענדיק אכטנ קליינע קינדערלעכ, געדענקענ, ווי זיי האָבנ מיר געגלייבט אונ געטרויט אינ מײַנע שווערע טעג, אינ דער צײַט, ווענ דערוואקסענע, וואָס האָבנ זיכ געהאלטנ קליגער, האָבנ געלאכט פונ מיר אונ באטראכט מיכ פאר א ליגנער“.

די מוטער פונ די מיידלעכ האָט אויפגענומענ דעמ קיניג פרײַנטלעכ אונ מיט גרויס ראכמאָנעס. זײַנ עלנטקײַט אונ זײַנ, קאָנטיק, צעמישטער פארשטאנד האָט גערירט איר פרויענ=הארצ. זי איז געווענ אנ אלמאָנע אונ גאָר ניט רײַכ, אונ האָט אליינ געליטנ אינ איר לעבנ גענוג צאָרעס, האָט זי געקענט מיטפילנ אנדערע.

זי האָט זיכ פאָרגעשטעלט, אז דאָס מעשוגענע יינגל האָט אוועקגעוואנדערט פונ זײַנע עלטערנ אָדער אופפאסער, האָט זי זיכ אלצ באמיט צו דערגיינ פונ אימ, פונוואנענ ער קומט, קעדיי זי זאָל קאָנענ אָנעמענ וועלכע=ס'איז מיטלענ צו שיקנ אימ אהיימ. אָבער פונ אלע אירע פראגנ אונ שמועסנ וועגנ דערבײַיקע שטעט אונ דערפער איז גאָרניט ארויסגעקומענ. דעמ יינגלס פאָנעמ אונ זײַנע ענטפערס האָבנ באוויזנ, אז אלצ, וועגנ וואָס זי רעדט, איז אימ אומבאקאנט. ער האָט ערנסט אונ איינפאכ גערעדט וועגנ הויפ=אָנגעלעגנהײַטנ אונ פלעגט ארײַנפאלנ אינ א פארצווייפלונג יעדעס מאָל, ווענ ער פלעגט אָנהייבנ ריידנ וועגנ

דעם פארשטאָרבענעם קיניג — „זײַן פאָטער“. ווי גאָר אָבער דער שמועס פלעגט אריבערגיין אפ איינפאכערע זאכן, פלעגט ער זיך דער־ מיט אופהערן צו אינטערעסירן און בלײַבן שטיל.

די פרוי איז גאָר צעטומלט געוואָרן. זי האָט אָבער די האָפענונג ניט פארלאָרן. קאָכנדיק אָנבײַכן, האָט זי אלץ געהאלטן אין איין צו־

די מוטער פון די מיידלעך האָט אופגענומען דעם קיניג פרײַנטלעך.

טראכטן עפעם אן אײַנפאל, וואָס זאָל צווינגען דאָס יינגל אויסצוזאָגן, ווער און פונוואנען ער איז. זי האָט פארפירט א שמועס וועגן בע־ היימעס — דער קיניג האָט ניט ארויסגעוויזן קיין שום אינטערעס. וועגן שעפסן — דערי זעלביקער רעזולטאט. הייסט עס, איז איר האַ־ שאָרע, אז ער איז א פאסטעך — א טאָעס. זי האָט גערעדט וועגן מילן, וועגן פאבריקן, וועגן וועבער, בלעכער, שמידן, וועגן אלער־ ליי ארבעטן און ארבעטער — אלץ אומזיסט. האָט זי ווײַטער גע־ פרוווט ריידן וועגן מעשוגאָים־הײַזער, וועגן טפיסע, וועגן צדאָקע־

הײזער, צוכט=הײזער,—זי האָט געהאַט א פולן דורכפאַל אין אלע פונקטן. זי האָט זיך אָבער אלץ ניט אונטערגעגעבן און האָט זיך אראָפגעלאָזן צו א שמועס וועגן שטוב=דינער און דינסטמײדלעך. יאָ, איצט איז זי ארויף אפן ריכטיקן וועג: ער איז געווים געווען ערגעץ א שטוב=דינער. אָבער דער רעזולטאַט איז געווען א קלאָגע=דיקער: דער שמועס וועגן אויסקערן א שטוב האָט אים, קענטיק, געלאַנגווײליקט, וועגן דעם אויוון הייצן האָט אים ניט גערירט, שײערן און וואַשן האָט אין אים ניט ארויסגערופן קיין שום ענטוזיאַזם. דאַן האָט די גוטע פרוי, מיט דעם לעצטן פונק האָפענונג אין הארצן, באַרירט די פראַגע פון קאָכן, — און צו איר גרויס וואונדער און נאָך גרעסערער סימכע איז דעם קיניגס פּאַנעם באַלויכטן געוואָרן מיט פרייד!

אָ, זי האָט אים פאַרט געפּאַקט! — האָט זי געטראַכט, — און איז שטאָלץ געווען אפ איר קלוגשאַפט און טאַקט, מיט וועלכן זי האָט עס אויסגעפונען.

איצט האָט איר מידע צונג געקאָנט אָפּרוען א ביסל, ווײל דער קיניג האָט שוין גערעדט פאַר איר. באַגײסטערט פון שאַרפן הונגער און צערײצט פון די געשמאַקע רייכעס, וואָס האָבן געשלאָגן פון די טעפּ און פאַנען, — האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאָזן און אַוועקגע=לײגט אזא לעקציע וועגן פאַרשײדענע געשמאַקע געריכטן, אז אין דרײַ מינוט ארום האָט די פרוי צו זיך אלײן געזאָגט:

„איך בין פאָרט גערעכט געווען—ער איז געווען א קיך=ייִנגל״. ער האָט זיך ווײטער צערעדט און באַשריבן איר אלערלײ שפּײַזן מיט אזא ברען און קענטעניש, אז די פרוי איז אויסער זיך געווען:

„טאַטע זיסער! פונוואַנען ווייסט ער אזויפיל געריכטן און נאָך אזעל=כע פײַנע! דאָס דערלאַנגט מען דאָך נאָר צום טיש בא רײַכע און גרוי=סע לײַט. אָ, איצט פאַרשטײ איך שוין: אײדער ער איז פון זינען אראָפּ, האָט ער געווים געדינט אין קיניגלעכן פּאַלאַץ. יאָ, יאָ, ער האָט גע=מוזט זײַן א געהילפ=ייִנגל אין סאַמע קיניגלעכער קיך. איך וועל עס באַלד וויסן״.

און, וועלנדיק דורכווים באַווײַזן איר שאַרפזין, האָט זי געהייסן דעם קיניג, ער זאָל דאָ אופּאַסן אפ די טעפּלעך, געבנדיק אים אָנצוהערע=ניש, אז ער מעג אלײן צוגעבן א וואָסער=ניט=איז געריכט, אויב ער וויל.

דאנ איז ז' ארוים פונ צימער, א װונק געבנדיק די קינדער, זײ זאָלנ איר נאָכגײנ.

„אנ אנדער ענגלישער קיניג האָט שוינ אמאָל געהאַט אזא אופגאַבע,—האָט דער יונגער קיניג געטראכט,—ס'איז ניט קײנ אומקאָװעד פאר מיר צו טאָנ אנ ארבעט, װאָס ס'איז אָנגעשטאנענ אלפרעד דעמ גרויסנ [19] צו טאָנ. אָבער איכ װעל זיכ באמיִענ צו טאָנ מײנע פליכטנ בעסער פונ אימ: ער האָט דאָכ דערלאָזנ די קוכנס זאָלנ פארברענט װערנ".

די קאװאָנע איז געװענ גוט, אָבער אויסגעפירט געװאָרנ איז זי שלעכט: דער קיניג, אזוי גוט װי יענער דעמלט, האָט זיכ באַלד פארטראכט װעגנ װיכטיקע ענינים, אונ דאָס עסנ האָט צוגעברענט.

די פרוי איז נאָכ געקומענ אינ דער ריכטיקער צײט צו פארכאפנ, דער אָנבײסנ זאָל אינגאנצנ ניט איבערגעפירט װערנ. זי האָט גלײכ איבערגעריסנ דעמ קיניגס כאלויעס, גוט אויסגעשטראָפט אימ פאר זײנ נאכלעסיקײט. נאָר זעענדיק װאָס פאר א צאר דאָס פארשאפט אימ, איז זי גלײכ װײכ געװאָרנ אונ איז געװענ צו אימ די גוטסקײט אונ צערטלעכקײט אלײנ.

דאָס יינגל האָט גוט אונ געשמאק אָפגעגעסנ אונ האָט זיכ דערפילט פריש אונ צופרידנ. דער דאָזיקער מאָלצײט האָט זיכ אויסגעצײכנט דערמיט, װאָס בײדע צדדים, סײ די באַלעבאָסטע, סײ דער קיניג, האָבנ פארבויגנ יזכעס אָנ א זײט אונ קײנעמ פונ זײ איז ניט אײנגעפאלנ, אז דער צװײטער צאד גיט אימ אָפ קאָװעד.

די פרוי האָט בעדײע געהאַט צו געבנ עסנ דעמ יונגנ בעטלער ערגעץ אינ א װינקל אונ אימ געבנ די רעשטלעכ פונ מאָלצײט, װי מע גיט עסנ אנדערע בעטלער אָדער א הונט. זי האָט אָבער אזוי שטארק כאראָטע געהאַט דערויפ, װאָס זי האָט אימ געזידלט, אז זי האָט געטאָנ אלץ, װאָס זי האָט געקאָנט, צו פארגלעטנ אירע הארבע רײד אונ האָט אימ אװעקגעזעצט בא אײנ טיש מיט זיכ, װי איר גלײכנ. דעמ קיניג, װידער, האָט אזוי פארדראָסנ, װאָס נאָכ דעמ, װי די פאמיליע איז צו אימ אזוי גוט געװענ, האָט ער ניט געקאָנט טאָנ זײ אפילו די קלײנע טויװע פונ אופפאסנ דעמ אָנבײסנ,—אז ער האָט באשלאָסנ פארריכטנ זײנ פעלער דערמיט, װאָס ער װעט זיכ אראָפלאָזנ צו דער פאמיליע אונ דערלויבנ זײ זיצנ מיט אימ בא אײנ טיש, אָנשטאָט צו זיצנ אײנער

אלײַנ אונ זײ זאָלנ אימ בארינגענ, ווי עס פאסט זיכ פאַר זײַנ קיניגלעכנ ראנג. ווי איר זעט, שאַט ניט, מיר זאָלנ אַלע, צײַטנווײַז, פאַרבײַגנ אונדזער קאָווער. די פרוי איז א גאנצנ טאָג געווענ גליקלעכ מיט דער ווילטאַט, וואָס זי האָט געטאָנ מיט אנ אָרעמענ בעטלער, אונ דער קי-ניג איז דאָסגלײַכנ געווענ צופרידנ מיט דער גנעדיקער באַשײדנקײַט, וואָס ער האָט ארויסגעוויזנ קעגנ א פּאָשעטער גוטער פויערטע.

נאָכנ אָנבײַסנ האָט די פרוי געהייסנ דעמ קיניג אויסוואַשנ דאָס געפעס. לעבאַטכילע האָט עס דעמ קיניג א שטאָכ געטאָנ, אונ ער האָט שוינ געוואָלט אנטקעגנשטעלנ זיכ, אָבער באַלד האָט ער זיכ געזאָגט: „אלפרעד דער גרויסער האָט אויפגעפאסט די קוכנס, מינאַסטאַמ וואָלט ער געוואַשנ געפעס אויכ, ווענ ס'וואָלט אימ אויסגעקומענ, וועל איכ אויכ פּרוּווּנ".

אונ צו זײַנ גרויס וואונדער, האָט ער אָפּגעטאָנ דאָס שטיקל אַרבעט ניט זייער גלענצנדיק, אונ ס'האָט דאָכ אויסגעזענ צו זײַנ אזא גרינגע זאַכ אויסצוואַשנ עטלעכע שיסלעכ אונ הילצערנע לעפל! אָבער ער האָט ווי-עס-איז געענדיקט די לאַנגווײַליקע אונ שווערע אַרבעט. איצט האָט ער געוואָלט וואָס גיכער לאָזנ זיכ אינ וועג. אָבער ער האָט ניט געקאָנט אזוי גיכ לויז ווערנ פונ דער אויסגערעכנטער באַלע-באָסטע.

זי האָט אימ אײַנגעטײלט נאָכ עטלעכע שטיקלעכ אַרבעט, אונ ער האָט עס נישקאָשעדיק אָפּגעטאָנ. דערנאָכ האָט זי אימ אוועקגעזעצט מיט די צוויי מײַדלעכ שײלנ עפּל—אַנ אַרבעט, צו וועלכער ער האָט גאָר ניט געטויגט. האָט זי אימ באַפרײַט דערפונ אונ געגעבנ אימ אָנשאַרפנ א קיכ-מעסער. צומ סאָפ האָט זי אימ אוועקגעזעצט קאַמענ וואָל, ביז דער קיניג האָט אָנגעהויבנ צו דענקענ, אז ער האָט שוינ לאַנג איבער-געשטיגנ דעמ גוטנ קיניג אלפרעד דעמ גרויסנ מיט זײַנ געדולד אינ שטוב-אַרבעט, וועגנ וואָס ס'וואָלט זיכ זייער פײַנ געלייענט אינ מײַסע-ביכלעכ אונ אינ געשיכטעס,—אונדזער יונגער קיניג האָט שוינ קוימ געהאַט בעדייע אָפּצוזאָגנ זיכ. אונ ווענ די גוטע פרוי האָט אימ גע-געבנ א קערבל מיט קליינע קעצלעכ אונ געהייסנ דערטרינקענ זיי, האָט ער זיכ אָפּגעזאָגט, ווײַניקסטנס האָט ער זיכ שוינ געקליבנ אָפּצוזאָגנ, ווײַל ער האָט געפילט, אז צו אלצ מוז נעמענ א סאָפ אונ אז מאַכנ א סאָפ בא די קעצלעכ איז די ריכטיקסטע זאַכ. אָבער פונקט אינ דער

מינוט, ווען ער האָט שוין געוואָלט אָנהייבן ריידן, האָט זיך באַוויזן דזשאָן קענעדי — מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס — און נאָך אים היוגאָ.

דער קיניג האָט דערזען די צוויי לומפּן אַרײַנגייענדיק אין טויער. איידער זיי האָבן צײַט געהאַט אים צו דערזען, האָט ער אַוועקגעלייגט די טײַנעס אָן אַ זײַט, אַ כאַפּ געטאָן דאָס קערבל מיט די קעצלעך און איז אָן ווערטער אַרויס דורך דער הינטער־טיר.

איבערלאָזנדיק די קעצלעך הינטערן שטוב, האָט ער זיך האַסטיק אַוועקגעלאָזן דורך אַ הינטערגעסל אין וועג אַרײַן.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער פּרינץ און דער נאָזיר

פֿאַרשטעלט דורך אַ הויכן פּאַרקאַן פֿון שטוב־זײַט, איז דער קיניג מיט אַלע קוויכעס געלאָפֿן צום וואַלד, וואָס האָט זיך געזען פֿונווײַטן. ער האָט זיך קיין איין מאָל ניט אומגעקוקט אַהינטער, ביז ער האָט ניט דערגרייכט דעם וואַלד. ערשט דאַן האָט ער זיך אומגעקוקט און דערזען פֿונווײַטן צוויי געשטאַלטן. דאָס איז פֿאַר אים גענוג געווען. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט גוט צו באַטראַכטן זיי, נאָר ווײַטער געלאָפֿן אָן אָפּהאַלט, ביז ער איז געקומען אין דער טונקעלער געדיכטעניש פֿון וואַלד. ערשט איצט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, פֿילנדיק, אַז ער איז אויסער געפֿאַר. ער האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט—אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ טיפֿע, גרויליקע שטילקײַט,—אַ שטילקײַט, וואָס האָט געדריקט דאָס האַרץ. זייער זעלטן האָט זײַן אָנגעשטרענגטער אויער געכאַפּט עפּעס מאָדנע קלאַנגען, אָבער זיי זײַנען געווען אַזוי ווײַט, פֿאַרשטיקט און געהיימניספֿול, אַז זיי זײַנען ענלעך געווען צו דעם קרעכצן און באַקלאָגן זיך פֿון טויטע גײַסטער. די דאָזיקע סוידעספֿולע קלאַנגען זײַנען געווען שרעקלעכער ווי די שטילקײַט, וואָס זיי האָבן געשטערט.

צוערשט האָט ער בעדייע געהאַט צו פֿאַרבלײַבן דעם גאַנצן טאָג אויף דעם זעלביקן אָרט, אָבער אַ קאַלטער ווינט האָט אינגיכן דורכגע=

גומענ זײַנ פאַרשוויצטנ קערפּער, אונ ער האָט זיכ געמוזט באַוועגנ, קעדיי צו דערוואַרעמענ זיכ א ביסל. ער האָט זיכ געלאָזנ גלײַכ דורכנ וואַלד, האָפנדיק דורכצושלאָגנ זיכ א וועג, אָבער ער האָט זיכ אינ דעמ אָפּגענאַרט. ער איז געגאַנגענ ווײַטער אונ ווײַטער, אָבער וואָס מער ער איז געגאַנגענ, אַלצ געדיכטער איז דער וואַלד געוואָרנ. ביסלעכווײַז האָט אָנגעהויבנ פינצטער צו ווערנ, אונ דער קיניג האָט פאַרשטאַנענ, אז די נאַכט קומט אָנ. ער האָט געציטערט בא דעמ געדאַנק, אז ער וועט האַרפנ פאַרברענגענ די נאַכט אינ אזא מוירעדיק אָרט, אונ האָט אָנגעהויבנ נאָכ שנעלער צו גייג. אָבער די פינצטערניש האָט אימ געשטערט צו באַוועגנ זיכ: ער האָט זיכ אַלע ווײַלע אָנגעשטויסנ אָפּ בוים=וואָרצלענ אונ פאַרפּלאָנטערט זיכ אינ ווילדע געוויקסנ.

מע קאָנ זיכ דעריבער פאָרשטעלנ, ווי גליקלעכ ער איז געווענ, ווענ ער האָט צומ סאָפּ דערזענ א פינקלענדיק פײַערל! מיד האָט ער זיכ צו אימ דערנעענטערט, אָפּשטעלנדיק זיכ אָפּט צוצוהערנ זיכ אונ ארומקוקנ זיכ.

דאָס פײַערל האָט געפינקלט פונ א פענצטערל אָנ שײַבלעכ אינ א קליינ שטיבעלע. ער האָט דערהערט א שטימע פונ אינווייניק, אונ האָט שוינ געוואָלט אנטלויפנ אונ באהאַלטנ זיכ, אָבער באַלד האָט ער געביטנ זײַנ באַשלוס, ווײַל דאָס איז געווענ א שטימע פונ א מענטשנ, וואָס טוט, קענטיק, טפילע. ער האָט זיכ צוגעשלײַכט צומ אײנציקנ פענצטערל אונ האָט ארײַנגעקוקט אינווייניק. דאָס שטיבעלע איז באַשטאַנענ פונ א קליינ צימערל. די פּאָדלאָגע איז געווענ פונ ערד, גוט אײַנגעקלאַפּט מיט די פיס. אינ א ווינקל איז געווענ א געלעגער פונ טשערעט, באַדעקט מיט א פּאָר צעריסענע קאָלדרעס. לעבנ געלעגער איז געשטאַנענ אנ עמער, א קריגל, א בעקנ אונ צוויי—דרײַ טעפּלעכ אונ פאַנענ. דאָ איז אויכ געשטאַנענ א מינ בענקל אונ א דרײַפיסיקער שטול. אפנ פּריפּעטשיק האָבנ געגליט עטלעכע קוילנ פונ א צאַנקענדיק פײַער; פאַר א הייליק בילד, אונטער וועלכנ ס'האָט געברענט א ליכטל, האָט געקניט אנ אַלטער מאַנ, אונ לעבנ אימ איז אפּ א הילצערנ קעסטל געלעגנ אנ אָפענער בוכ אונ א מענטשלעכער שאַרבנ. דער אַלטער איז געווענ גרויס אונ בייניק, זײַנ באָרד אונ האָר זײַנענ געווענ זייער לאַנג אונ ווײַס ווי שניי, אָנגעטאָנ איז ער געווענ אינ א שעפּסנ=פּעל, וואָס האָט אימ דערגרייכט ביז די סאַמע קנעכל.

„אַ הײליקער װאלד־נאַזיר! — האָט דער קיניג א טראכט געטאָנ, — װי גליקלעכ איכ בינ װירקלעכ!"

דער הײליקער האָט זיכ אופגעהויבנ פונ זײַנע קני. דער קיניג האָט אָנגעקלאפט אינ טיר, אונ א גערדיכטע שטימ האָט געענטפערט.

— קומ ארײַנ! אָבער לאָז איבער דײַנע זינד הינטער זיכ, װאָרעמ די ערד, אפ װעלכער דו װעסט טרעטנ, איז הײליק.

דער קיניג איז ארײַנ אונ האָט זיכ אָפּגעשטעלט. דער הײליקער האָט געװענדט אפ אימ א פּאָר ברענענדיקע, אומרויִקע אויגנ אונ געפרעגט:

— װער ביסטו?

— איכ בינ דער קיניג, — איז געװענ דער רויִקער ענטפער.

— זײַ באגריסט, קיניג! — האָט דער הײליקער מיט היץ אויסגעשריִענ.

דאנ האָט ער זיכ גענומענ אײַלנדיק אונ נערװעז אײַסעקנ, איבערכאזערנדיק די גאנצע צײַט: „זײַ באגריסט! זײַ באגריסט!" ער האָט אָפּגעװישט דאָס בענקל, צוגעװאָרפנ עטלעכע שטיקלעכ האָלצ אינ פײַער, אװעקגעזעצט לעבנ אימ דעמ קיניג אונ גענומענ אומרויִק שפּרײַזנ הינ אונ צוריק איבערנ צימערל אונ רײדנ:

— זײַ באגריסט! פילע האָבנ געזוכט געהײליקט צו װערנ דאָ, אָבער זײ האָבנ ניט זוכע געװענ אונ זײַנענ דעריבער אָפּגעװענדט געװאָרנ פונ מיר. אָבער א קיניג, װאָס װארפט אלײנ אראָפּ די קרוינ פונ זײַנ קאָפּ, טוט פאראכטנ דעמ נישטיקנ גלאנצ פונ זײַנ קיניגטומ, װיקלט אײַנ זײַנ קערפּער אינ צעריסענע שמאטעס צו װידמענ דאָס לעבנ דער הײליקײַט אונ צו פּײַניקנ דעמ גופ, — איז געהײליקט, — ער איז באגריסט! ער איז געװונטשנ! — דאָ װעט ער פארבלײַבנ גאָר זײַנע טעג, ביז די שאָ פונ זײַנ טויט װעט שלאָגנ!

דער קיניג האָט געפײַלט איבערשלאָגנ אונ דערקלערנ, אז דער אלטער האָט א טאָעס. אָבער דער הײליקער נאָזיר האָט זיכ אפ אימ ניט אומגעקוקט, אפילע ניט געהערט, װאָס ער זאָגט. ער האָט װײַטער גערעדט, נאָכ מיט מער פײַער אונ גרעסערנ ברענ:

— אונ דו װעסט דאָ לעבנ אינ פרידנ. קײנער װעט קײנמאָל ניט אויסגעפינענ דײַנ באהעלטעניש צו באומרויִקנ דיכ מיט באקאָשעס אומצוקערנ זיכ צוריק צו יענעמ פּוסטנ אונ נארישנ לעבנ, װאָס גאָט האָט

דיר אצינד געהאָלפן צו פארלאָזן. דאָ וועסטו טפילע טאָג צו גאָט, דאָ וועסטו לערנען דעם הייליקן בוך. דאָ וועסטו צײַט האָבן צו קלערן וועגן דער נישטיקײַט פון דער וועלט און וועגן דער לײַטזעליקײַט און פראַכט פון יענער־וועלט. דו וועסט זיך שפּײַזן מיט טרוקן ברויט און קרײַטעכער און וועסט יעדן טאָג פּײַניקן דײַן לײַב מיט ריטער, קעדיי צו רייניקן דײַן נעשאָמע. א האָריק העמד וועט באַדעקן דײַן לײַב; דײַן געטראַנק וועט זײַן בלויז וואַסער, און דו וועסט לעבן אין פרידן און רו, ווײַל די, וואָס וועלן קומען זוכן דיך, וועלן מיט שפּאָט צוריקגיין, — זיי וועלן דיך ניט געפינען און וועלן דיך ניט באומרויִקן.

דער אלטער מאַן האָט אופגעהערט צו ריידן. שפּרײַזנדיק אהין און צוריק, האָט ער עפעס געפרעפּלט פאַר זיך. דער קיניג האָט אויסגענוצט די געלעגנהײַט צו דערציילן זײַן געשיכטע. אונטער דער ווירקונג פון שרעק און אומרויִקײַט האָט ער אָנגעווענדט זײַן גאַנצע רעדנער־קראַפט, אָבער דער אלטער האָט זיך אף אים אפילע ניט אומגעקוקט.

אלץ מורמלענדיק, איז ער צוגעגאַנגען צום קיניג און דורכדרינגלעך געזאָגט:

— שש!... איך וועל דיר זאָגן א סאָד!

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו דערציילן, אָבער מיטאַמאָל זיך אָפּגעהאַקט, ווי ער וואָלט זיך צו וואָס צוגעהערט. אין א פאָר מינוט ארום איז ער אף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום פענצטער, ארויסגערוקט דעם קאָפּ און ארומגעקוקט זיך אין דער פינצטערניש, איז צוריק צוגעגאַנגען אף די שפּיץ פינגער און, אָנבייגנדיק זיך נאָענט צום קיניגס פּאָנעם, אײַנגערוימט:

— איך בין א סאַר פון מאַלאָכים!

דער קיניג איז א פאַרציטערטער געוואָרן און א קלער געטאָן: „האַלעווײַ וואָלט מיר גאָט געהאָלפן איך זאָל בעסער זײַן איצט צווישן די באַנדיטן, איידער געפינען זיך אין די הענט פון א משוגענעם!“

זײַן שרעק איז געוואַקסן און האָט זיך דײַטלעך אויסגעדריקט אף זײַן פּאָנעם.

מיט א נידעריק, באַגײַסטערט קאָל האָט דער הייליקער נאָזיר ווײַטער גערעדט:

— איך זע, אז דו פילסט מײַן רועך! דײַן פּאָנעם דריקט אויס הייליקע פּאָרכט! קײַנער קאָן ניט קומען אין דעם דאָזיקן געצעלט, ער זאָל

ניט דערפילנ מײַנ גײַסט, וואָס דאָס איז דער רועב-האקוירעש פונ הימל. איכ גיי אהינ אונ קומ צוריק אינ איינ אויגנבליק. מיכ האָט מענ גע- מאכט פאר א סאר פונ מאלאָכימ מיט פינפ יאָר צוריק, דאָ אפ דעמ זעלביקנ אָרט, דורכ מאלאָכימ, וואָס זײַנענ אראָפּגעשיקט געוואָרנ פונ הימל, ארופצולייגנ אפ מיר די דאָזיקע מוירעדיקע גרויסקײַט. זייער אָנווּעזנהײַט האָט אָנגעפילט דאָס דאָזיקע אָרט מיט א בלענדיקער ליכטיקײַט, אונ זיי האָבנ געקניט פאר מיר,—יאָ, קיניג, געקניט פאר מיר,—ווײַל איכ בינ העכער פונ זיי; איכ האָב געשפּאצירט איבער די גערטנער פונ גאנייידנ אונ געפירט שמועסנ מיט די אָוועס. באריר מײַנ האנט, — האָב קיינ מוירע ניט, — באריר זי! זײַ זשע וויסנ, אז דו האָסט באַרירט א האנט, וואָס האָט גענומענ שאָלעמ פונ אווראָמ, יִיצכאָק אונ יאנקעוו! וואָרעמ איכ האָב געשפּאצירט אינ די גאָלדענע סעדער פונ הימל אונ האָב געזענ גאָט פּאָנעמ-צו-פּאָנעמ!

ער האָט זיכ א ווײַלע אָפּגעשטעלט, זײַנע ווערטער זאָלנ בעסער ארײַנ-דרינגענ. מיטאמאָל האָט ער זיכ אינגאַנצנ אומגעביטנ. ער איז אופּ- געשפּרונגענ אונ מיט גרויס קראפט צאָרנדיק אויסגעשריענ:

— יאָ, איכ בינ א סאר פונ מאלאָכימ, א פּ אָ ש ע ט ע ר סאר,— איכ, וואָס האָב געקאָנט זײַנ פויפּסט! יאָ, יאָ, ס'איז דער ריינער עמעס! מע האָט עס מיר באוויזנ פונ הימל אינ כאָלעמ מיט צוואנציק יאָר צוריק. אָ, יאָ, איכ האָב געדארפט זײַנ פויפּסט! אונ איכ וו אָ ל ט גע- ווענ פויפּסט—וואָרעמ אזוי איז באשטימט געוואָרנ פונ גאָט — אָבער דער קיניג האָט כאָרעוו געמאכט מײַנ געבעט-הויז, אונ איכ, אָרע- מער אומבאוווּסטער נאָזיר, בינ ארויסגעוואָרפנ געוואָרנ עלנט אונ היימלאָז אפ דער וועלט, בארויבט פונ דער מעכטיקער גרויסקײַט, צו וועלכער איכ בינ באשטימט געווענ פונ הימל!

ער האָט ווידער אָנגעהויבנ פּרעפּלענ, געקלאפּט זיכ מיט גרויס קאס אינ שטערנ, שילטנדיק אונ פלוכנדיק אָנ אופהער אונ אויסשרײַענדיק פונ צײַט צו צײַט:

— דעריבער בינ איכ ניט מער ווי א סאר, אינ דער צײַט, ווענ איכ האָב געדארפט זײַנ א פויפּסט!

א גאנצע שאָ האָט דער אלטער גערעדט אונ געשאָלטנ, אונ דער אומגליקלעכער קליינער קיניג איז געזעסנ אונ געפּײַניקט זיכ. מיטאמאָל איז דעמ אלטנס מעשוגאס אוועק, אונ ער איז געוואָרנ די צערטלעכקײַט

אליינ: זיינ קאָל איז ווייכ געוואָרנ, ער האָט זיכ אראָפּגעלאָזנ פונ די וואָלקנס אונ גענומענ שמועסנ וועגנ געוויינלעכע זאכנ אזוי פּאָשעט אונ הארציק, אז ער האָט גיכ אײנגאנצנ געווונענ דעמ קיניגס צוטרוי. דער אלטער נאָזיר האָט צוגערוקט דאָס יינגל נעענטער צומ פייער, באקוועמ געמאכט אימ. מיט א געשיקטער אונ צארטער האנט פארגלעט אונ געהיילט זיינע קליינע וווּנדנ אונ בײַלנ, אונ גענומענ גרייטנ פאר אימ אנ אָווּנטברויט, פלוידערנדיק ליבלעכ די גאנצע צייט אונ גלעטנדיק אלע ווײַלע דאָס יינגל איבערנ בעקל אָדער קעפּל מיט אזא איבערגעגעבנקייט אונ צערטלעכקייט, אז די גאנצע מוירע אונ עקל, וואָס ער האָט געפילט צומ מאלעכ, איז איבערגעביטנ געוואָרנ אינ ליבע אונ צוגעבונדנקייט צו דעמ דאָזיקנ מענטשנ.

דער דאָזיקער גליקלעכער צושטאנד האָט אָנגעהאלטנ די גאנצע צייט פונ אָווּנטברויט. נאָכנ עסנ האָבנ זיי טפילע געטאָנ, אונ דער אלטער האָט אײַנגעלייגט דאָס יינגל שלאָפנ אינ דערבײַיקנ קעמערל, אײַנגעוויקלט אונ אײַנגעדעקט אימ צערטלעכ, ווי א מוטער, אונ, א גלעט געבנדיק דאָס יינגל איבערנ בעקל, איז ער אוועק אונ אנידערגעזעצט זיכ לעבנ פייער, צווּעקלאָז אונ פארטראכט מישנדיק די קוילנ. מיטאמאָל האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט, עטלעכע מאָל א קלאפּ געטאָנ זיכ אינ שטערנ, ווי ער וואָלט זיכ וואָס געוואָלט דערמאָנענ, נאָר דאָס איז אימ, קענטיק, ניט געלונגענ. האסטיק אופהייבנדיק זיכ פונ אָרט, איז ער צוגעגאנגענ צומ יינגל אונ געפרעגט:

— דו ביסט דער קיניג?

— יאָ,—האָט דער קיניג שלעפעריק געמורמלט.

— וואָסער קיניג?

— דער קיניג פונ ענגלאנד.

— פונ ענגלאנד? איז, הייסט עס, העגרי געשטאָרבנ?

— אכ, צומ באדויערנ, יאָ, איכ בינ זיינ זונ.

א טונקעלער שאָטנ האָט באדעקט דעמ נאָזירס פּאָנעמ, אונ ער האָט מיט אנ אויסדרוק פונ נעקאָמע־געפיל צונויפגעדריקט זיינע דארע הענט. עטלעכע מינוט איז ער געשטאנענ שטיל, דערנאָכ האָט ער מיט א פארשטיקט קאָל א זאָג געטאָנ:

— ווייסטו, אז דאָס האָט ע ר אונדז ארויסגעוואָרפנ אינ דער ברייטער וועלט ארײַנ אָנ א היימ אונ אָנ א דאכ?

קיינ ענטפער איז ניט געקומענ. דער אַלטער האָט זיכ אָנגעבויגנ אונ אײַנגעקוקט זיכ אינ דעמ ייִנגלס רויִק פּאָנעמ, צוגעהערט זיכ צו זײַנ מעסיקנ אָטעמ אונ געמורמלט: „ער שלאָפט — ער שלאָפט פעסט!“—אונ דער טונקעלער שאָטנ איז פארשווּנדנ פונ זײַנ פּאָנעמ, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט אַנ אויסדרוק פונ בייזוויליקער צופרידנקײַט.

א שמייכל האָט דורכגעשוועבט איבער דעמ ייִנגלס שלאָפנדיקנ פּאָנעמ.

— אָ, ער איז גליקלעכ! — האָט געמורמלט דער גאָזיר אונ האָט זיכ אָפּגעקערט אָנ א זײַט.

ער האָט זיכ ארומגעדרייט איבערנ שטיבל, זוכנדיק עפּעס. פונ צײַט צו צײַט האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט, צוגעהערט זיכ, אומגעקוקט זיכ צומ בעט, ניט אויפהערנדיק צו מורמלענ, וואָרטשענ אונ ריידנ צו זיכ אַלײנ. צומ סאָפ האָט ער געפונענ, וואָס ער האָט געזוכט: אַנ אַלט פארזשאַווערט קיכ-מעסער אינ א שארפשטיינ. ער האָט זיכ צוגענאָענט צו זײַנ אָרט באַמ פײַער, אוועקגעזעצט זיכ אונ גענומענ שטיל שארפנ דאָס מעסער, אַלצ ניט אויפהערנדיק צו מורמלענ אונ ברעפּלענ.

דער ווינט האָט געיאָמערט ארומ דעמ איינזאמענ שטיבל, געהיימניספולע נאַכט-קלאַנגענ, געבראַכטע פונדערווײַטנס, האָבנ געשוועבט ארומ. מײַז אונ פּאַצוקעס האָבנ ארויסגעקוקט מיט זייערע ברענענדיקע אייגלעכ פונ די לעכער, אָבער דער אַלטער גאָזיר, פארטיפט אינ זײַנ ארבעט, האָט קיינ זאַכ ניט באַמערקט אונ ניט געהערט.

פונ צײַט צו צײַט פלעגט ער א פיר טאָנ מיטנ גראָבנ פינגער איבערנ שארפ פונ מעסער אונ צופרידנ שאָקלענ מיטנ קאָפּ: „עס ווערט שארפער, יאָ, עס ווערט אַלצ שארפער!“ — ער האָט ניט באַמערקט, ווי די צײַט לויפט בײַ דער ארבעט, אזוי איז ער געווענ פארנומענ מיט זײַנע געדאַנקענ, וועלכע ער האָט צײַטנווײַז ארויסגעזאָגט אויפנ קול:

— זײַנ פאָטער האָט אונדז שלעכטס געטאָנ, ער האָט אונדז כאָרעוו געמאַכט אונ איז ארײַנגעפאַלנ אינ אייביקנ גענעמ! יאָ, טיפ אינ די אייביקע פײַערנ פונ גענעמ! ער האָט אויסגעמיטנ אונדזערע הענט—מינאַסטאַמ האָט גאָט אזוי געוואָלט, יאָ, גאָטס ווילנ איז אזוי געווענ, אונ מיר טאָרנ אימ ניט ווידערשפּעניקנ. אָבער דעמ גענעמ האָט ער

ניט אויסגעמיטן—און זײַנע פֿײַערן ברענען דאָך אײביק! ניין, ניין, ער איז ניט אויסגעלײזט געוואָרן פֿון די אײביקע פֿארניכטנדיקע, אָנראַכמאָנעסדיקע, גרויזאַמע פֿײַערן פֿון גענעם!

ער האָט ווײַטער און ווײַטער געשאַרפֿט דאָס מעסער, מורמלענדיק, שטיל לאַכנדיק און אָפּטמאָל ווידער רײדנדיק צו זיך אַלײן:

— דאָס האָט אַלץ זײַן פֿאָטער געטאָן! איך בין ניט מער ווי אַ מאַלעך,—ווען ניט ער אָבער, וואָלט איך געקאָנט ווערן פֿויפֿסט.

דער קיניג האָט זיך אַ ריר געטאָן. דער נאָזיר איז שטיל צוגעשפּרונגען צו זײַן בעט, אַוועקגעשטעלט זיך אויף די קני און אויפֿגעהויבן דאָס מעסער איבער דעם שלאָפֿנדיקן ייִנגל. דאָס ייִנגל האָט זיך ווידער אַ ריר געטאָן און אויף אַ סעקונדע געעפֿנט די אויגן: אָבער קיין סימען פֿון געדאַנק איז אין זײ ניט געווען—דאָס ייִנגל האָט קיין זאַך ניט געזען, און אין אַ מינוט אַרום האָט זײַן רויִקער אָטעם באַוויזן, אַז ער איז ווידער פֿעסט אײַנגעשלאָפֿן.

דער נאָזיר האָט זיך צוגעקוקט און צוגעהערט, קוים עטעמענדיק און אַלץ האַלטנדיק דאָס מעסער איבער דעם ייִנגלס קאָפּ. דערנאָך האָט ער לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט די האַנט און שטיל אָפּגעטראָטן, זאָגנדיק:

— ס'איז שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט. ס'וועט ניט טויגן, אויב ער וועט אַ געשריי טאָן, עמעצער קאָן נאָך צופֿעליק פֿאַרבײַגײן.

ער האָט זיך געשאַרט איבערן שטיבל, אויפֿזוכנדיק דאָ אַ שמאַטקע, דאָרט אַ שטריקל, אַ שנירל, און, אומקערנדיק זיך צום בעט, האָט ער שטיל, ניט אויפֿוועקנדיק דעם קיניג, איבערגעבונדן זײַנע פֿיס בײַ די קנעכלעך. דאַן האָט ער געפּרוּווט בינדן זײַנע הענט, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט שוין געוואָלט פֿאַרבינדן דאָס שטריקל, האָט דער קיניג אַוועקגענומען דאָ אײן האַנט, דאָ די אַנדערע.

נאָר גראָד דעמלט, ווען דער נאָזיר האָט זיך שוין באַלד מײאש געווען, האָט דער קיניג אַלײן צוזאַמענגעלײגט די הענט אויפֿן ברוסט, און אין אײן מינוט זײַנען זײ געווען פֿאַרבונדן. דערנאָך האָט דער אַלטער שטיל אַדורכגעצויגן אַ באַנד אונטערן ייִנגלס גאָמבע, פֿאָרזיכטיק, אָבער פֿעסט אַרומגעוויקלט עס אַרום דעם קיניגס קאָפּ, אַזוי שטיל און פֿאָרזיכטיק, אַז דאָס שלאָפֿנדיקע ייִנגל האָט זיך אַפֿילו ניט אַ ריר געטאָן.

איינ־אונ־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

הענדאָנ קומט צו הילפ

שטיל, ווי א קאַץ, האָט זיך דער אַלטער נאָזיר מיט גנייוויִשע טריט אוועקגעשאַרט פונ בעט אונ געבראַכט דאָס גידעריקע בענקל. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אפ אים אַזוי, אַז א האַלבער גופ איז געווענ אינ שאָטנ אונ אפ דעמ צווייטנ האַלבנ איז געפאַלנ די זונקעלע, פינטלענדיקע שייַנ פונעמ ליכטל באַמ הייליקנ בילד. אונ אַזוי איז ער געזעסנ אייַנגעבויגנ איבער דעמ שלאָפנדיקנ יינגל אונ, קוקנדיק אפ אים מיט בלוטדאָרשטיקע אויגנ, געדולדיק געהאַלטנ וואַכ איבער אים אונ אַלצ געשאַרפט דאָס מעסער, ניט באַמערקנדיק ווי די צייַט לויפט. ער האָט מיט זייַנ גאַנצנ אויסזענ דערמאָנט א גרויסנ עקלהאַפטנ אונ שרעקלעכנ שפּינ, בייַס ער פרעסט מיט די אויגנ א הילפלאָז פליגעלע, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אינ זייַנ שפּינוועבס.

אינ א היפּשער ווייַלע אַרומ האָט דער אַלטער, וואָס האָט נאָכ אַלצ געקוקט, אָבער ניט געזענ, זייַענדיק אינגאַנצנ פאַרזונקענ אינ זייַנע ווילדע כאַלוימעס, מיטאַמאָל באַמערקט, אַז דעמ יינגלס אויגנ זייַנענ אָפנ! — ווייַט אָפנ אונ קוקנ מיט פאַרגליווערטנ טויט־שרעק אפנ מעסער! א צופרידענער טייוולשער שמייכל האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דעמ אַלטנס פּאָנעמ, אונ, ניט רירנדיק זיך פונ אָרט אונ אַלצ שאַרפנדיק דאָס מעסער, האָט ער געזאָגט.

— זוג פונ הענרי דעמ אַכטנ, האָסטו טפילע געטאָנ צו גאָט?

דאָס יינגל האָט זיך הילפלאָז געראַנגלט אינ זייַנע פּענטעס אונ צו דער זעלבער צייַט אַרויסגעלאָזנ א פאַרשטיקטנ קלאַנג, וואָס איז דעמ נאָזיר געפעלנ געוואָרנ צו פאַרטייַטשנ פאַר א באַשטעטיקונגס־ענטפער אפ זייַנ פראַגע.

— טו זשע נאָכאַמאָל טפילע. זאָג ווידע פאַרנ טויט!

א שוידער האָט דורכגענומענ דאָס יינגל, אונ זייַנ פּאָנעמ איז בלייַכ געוואָרנ ווי קרייַד. ער האָט זיך ווידער ווילד אונ פאַרצווייפלט געראַנגלט, געצאַפּלט אונ געמאַטערט זיך צו צערייַסנ זייַנע שטריק, אָבער אומזיסט.

דער אַלטער מענטשנפרעסער האָט געקוקט אפ אים אונ גע־

שמייכלט, צוגעשאָקלט מיטנ קאָפ אונ אלצ געשארפט דאָס מעסער, מורמלענדיק פונ צײט צו צײט.

— די מינוטנ זײנענ טײער — געציילט אונ טײער, זאָג זשע ווידע פארג טויט!

דאָס יינגל האָט אופגעהערט צו ראנגלענ זיכ. ארויסלאָזנדיק א הארצרײסנדיק געשריי, איז ער געבליבנ אָנ אָטעמ. טרערנ האָבנ זיכ איינע נאָכ דער אנדערער געקײקלט איבער זײנע באקנ, אָבער זיי האָבנ ניט ווייכ געמאכט דאָס פארשטיינערטע הארצ פונ דעמ אלטנ.

עס האָט אָנגעהויבנ טאָגנ. דער אלטער האָט עס באמערקט אונ זײנ קאָל האָט געקלונגענ אומרויק, ווענ ער האָט געזאָגט: — איכ טאָר זיכ ניט זעטיקנ מיט דעמ פארגעניגנ לענגער! די נאכט איז שוינ פארשוווּנדנ, — פארשוווּנדנ ווי א מאָמענט, ווי איינ מאָמענט! אכ, ווענ דאָס וואָלט געדויערט כאָטש א יאָר! דו, יוירעש פונ דעמ קלויסטערצעשטערער, פארמאכ דײנע אויגנ, אויב דו קאָנסט ניט קוקנ אפ...

דאָס איבעריקע איז פארלאָרנגעגאנגענ אינ אנ אומדײטלעכער פרעפלערײ. דער אלטער האָט זיכ אראָפגעלאָזנ אפ די קני אונ האָט זיכ מיטנ מעסער אינ האנט אָנגעבויגנ איבער דעמ קרעכצנדיקנ יינגל.

שא! עפעס האָבנ זיכ דערהערט שטימענ לעבנ שטיבל. דאָס מעסער איז ארויסגעפאלנ פונ דעמ נאָזירס האנט. ער האָט גיכ איבערגערעקט דאָס יינגל מיט שעפסנ־פעל אונ איז, ציטערנדיק, אופגעשפרונגענ. די קוילעס האָבנ זיכ דערנעענטערט אונ פארשטארקט. דערנאָכ האָבנ זיכ דערהערט קלעפ אונ א רופ צו הילפ. נאָכדעמ — א טופערײ פונ אײלנדיקע אנטלויפנדיקע מענטשנ. גלײכ נאָכדעמ האָט זיכ דערהערט א האסטיקע קלאפערײ אינ טיר אונ א קאָל:

— היי! עפנ! אונ ריר זיכ — אינ נאָמענ פונ אלע רוכעס!

אָ, דאָס איז געווענ די בעסטע מוזיק, וואָס דעמ קיניגס אויערנ האָבנ ווענ־עס־איז געהערט: דאָס איז געווענ מײלס הענדאָנס קאָל!

קריצנדיק מיט די ציינ פונ מאכטלאָזנ צאָרנ, איז דער נאָזיר שטיל ארויס פונ קעמערל, פארמאכנדיק די טיר הינטער זיכ. גלײכ נאָכדעמ האָט דער קיניג געהערט אזא שמועס:

— זײ געגרוסט אונ באגריסט, הייליקער מאנ! ווו איז דאָס יינגל? מײנ יינגל?

— וואָסער יינגל, פרײנט?

— וואָסער יינגל! האָט מיר ניט קיין ליגנס, מײַנע געערטער פּריסמער, שפּיל מיט מיר ניט אין נארעדײַ! איך בין ניט געשטימט דערצו. ניט ווײַט פונדאַנען האָב איך געכאַפּט די לומפּן, וואָס האָבן, ווערליק איך פאַרשטיי, אים צוגעגאַנוועט בײַ מיר. איך האָב זיי געצוווּנגען מוידע צו זײַן זיך אין דעם. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז ער איז פון זיי ווידער אַנטלאָפן און אַז זיי האָבן אים נאָכגעשפּירט ביז צו דײַן טיר. זיי האָבן מיר אַפילע געוויזן די שפּורן פון זײַנע טריט. און איצט, גענוג אויסצודרייען זיך, הייליקער מאַן, טאָמער גיסטו מיר אים ניט.. ווו איז דאָס יינגל?!

— אָ, גוטער סער! עפּשער מיינסטו דעם אָפּגעריכטעטן קיניגלעכן וואַנדערער, וואָס האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן די נאַכט. אויב דאָס איז ער, ווענן וועמען דו באַגערסט אַזוי געוואָר צו ווערן, — זײַ וויסן, אַז איך האָב אים געשיקט אין אַ שליכעס און אַז ער וועט באַלד צוריקקומען.

— ווען וועט ער קומען? ווי גיך? פאַרליר ניט קיין צײַט. קאָן איך אים ניט איבערנעמען אויפן וועג? ווען וועט ער זײַן צוריק?

— באַמי זיך ניט, סער, ער וועט באַלד צוריקקומען.

— זאָל זײַן אַזוי. כ'וועל פּרוּוון וואַרטן. וואַרט נאָר! דו האָסט אים געשיקט אַ גאַנג? — דו! אויף מײַן וואָרט, דאָס איז אַ ליגן! ער וואָלט ניט געגאַנגען. ער וואָלט דיר פאַר אַזאַ חוצפּה דײַן גרויע באָרד אויסגעריסן. דו זאָגסט אַ ליגן, מײַן פרײַנט — דו זאָגסט זיכער אַ ליגן! ער וואָלט ניט געגאַנגען קיין שליכעס ניט פאַר דיר, ניט פאַר אַנדערע מענטשן.

פאַר אַן אַנדער מ ע נ ט ש ן ניט. איך בין אָבער קיין מענטש ניט.

— וואָס! וואָס זשע, אין גאָטס נאָמען, ביסטו?

— ס'איז אַ סאָד. געדענק זשע, דערצייל קיינעם ניט! איך בין אַן אויבערהאַר פון מלאָכים!

אַ דונערדיק און ניט איבעריק הייליק וואָרט האָט זיך אַרויסגעריסן פון מײַלס הענדאָנס מויל. באַלד נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן:

— נו, אויב אַזוי פאַרשטיי איך זײַן נאָכגיביקײַט, פאַר אַ שטערבלעכן וואָלט ער מיט אַ האַנט אָדער מיט אַ פוס ניט גערירט, אָבער אַ מאַלעך מוז דאָך אַפילע אַ קיניג אויך פאָלגן. וואָס איז דאָ פאַראַן

צו רײדנ... װאַרט נאָר, שששש! האָס הערט זיכ עפּעס דאָרט פאַר א טומל?

דער קלײנער קיניג איז די גאַנצע צײַט געלעגנ און געטרײסלט זיכ פונ שרעק און האָפענונג. ער האָט מיט אַלע קױכעס געמאַטערט זיכ א קרעכצ צו טאָנ, האָפנדיק, אז זײַנע קרעכצנ װעלנ דערגרײכנ צו הענדאָגען, און איז געװענ פאַרצװײפלט זעענדיק, אז ס׳איז אַלצ אומזיסט.

די לעצטע װערטער פונ זײַנ פרײַנט זײַנענ דעריבער געװענ פאַר אים װי דאָס פרישע װינטל פונ גרינע פעלדער פאַר א גױסעם. און ער האָט װידער געקרעכצט, אפ װיפל די קױכעס זײַנע האָבנ געקלעקט.

— א טומל? איכ הער נאָר דעם װינט בלאָזנ,—האָט דער נאָזיר געזאָגט.

— עס קאָנ זײער זײַנ. יאָ, ס׳איז אָנ סאָפּעק דער װינט. איכ הער עס קימאַט די גאַנצע צײַט. — װידער! נײנ, ס׳איז ניט דער װינט! װאָס פאַר א מאָדנער קלאַנג! קום, לאָמיר אָקאָרשט א קוק טאָנ!

דער קיניג איז געװענ אױסער זיכ פונ פרײד. זײַנע מידע לונגענ האָבנ געטאָנ װאָס זײ האָבנ נאָר געקאָנט, אָבער זײַנ פאַרבונדנ מױל און די שעפּסנ־פעל איבערנ קאָפ האָבנ פאַרשטיקט זײַנע קױלעס.

גלײַכ נאָכ דעם איז אים װידער אײַנגעפאַלנ אינ האַרצנ, װענ ער האָט געהערט דעם נאָזיר זאָגנדיק:

— אָ, דאָס הערט זיכ פונ דרױסנ, איכ רעכנ, אז פונ אָט יענע בלימעלעכ. קום, איכ װעל דיכ פירנ.

דער קיניג האָט געהערט, װי זײ זײַנענ בײדע אַרױסגעגאַנגענ, ער האָט געהערט זײערע טריט דערװײַטערנ זיכ, און ער איז פאַרבליבנ אַלײנ מיט דער שרעקנדיקער גרױליקער שטילקײַט.

אים האָט זיכ געדאַכט, אז עס איז אַװעק װער װײסט װיפל צײַט זינט זײ זײַנענ אַרױס. פּלוצעמ האָט ער װידער דערהערט שטימענ, דאָס מאָל א צוגאָב די קלאַפּערײַ פונ פערדישע פּאָדקאָװעס. דערנאָכ האָט ער געהערט װי הענדאָנ זאָגט:

— איכ װעל מער ניט װאַרטנ. איכ קאָנ מער ניט װאַרטנ. ער האָט געװיס פאַרבלאָנדזעט אינ דעם דאָזיקנ געדיכטנ װאַלד. אינ װעלכער זײַט איז ער געגאַנגענ? גיכ — װײַז מיר אָנ!

— ער... וואַרט, איכ וועל גיינ מיט דיר.

— גוט, גוט. ווירקלעכ, די ביסט בעסער, ווי דו זעסט אויס. אפ מײַנ וואָרט, איכ גלייב ניט, אז ס'זאָל זײַנ ערגעצ נאָכ א מאַלעכ מיט אזא גוט האַרצ, ווי דײַנס. ווילסטו רײַטנ? ווילסטו פאָרנ אפ דעמ קליינעמ רויִקנ אייזעלע, וואָס איכ האָב אָנגעגרייט פאַר מײַנ יינגל, אָדער וועסט באַווייליקנ ארומקלאַמערנ דײַנע הייליקע פיס מיט דעמ נאַרישנ מויל-אייזל, וואָס איכ האָב געקויפט פאַר זיכ אַליינ? — אונ איכ וואָלט זיכ אָפּגענאַרט אויכ, ווענ אפילע כ'וואָלט פאַר אימ געהאַט באַצאָלט א צעבראָכענעמ פאַרטינג.

— ניינ, רײַט אפ דײַנ מויל-אייזל אונ פיר דײַנ אייזעלע פאַרנ צוימ. איכ פיל זיכ זיכערער אפ מײַנע אייגענע פיס אונ וועל בעסער גיינ צופוס.

— זײַ זשע מויכל, האַלט צו דאָס קליינע אייזעלע, ביז איכ וועל אײַנשטעלנ מײַנ לעבנ אונ ארופזעצנ זיכ אפ מײַנ מויל-אייזל.

ס'האָט זיכ געהערט דעמ מויל-אייזלס בריקענ זיכ, זײַנ רעווענ, הענדראָנס מוירעדיקע זידלערײַ אונ קוילעס, וואָס האָבנ זיכ געענדיקט מיט א ביטערנ פאָרוווּרפ צומ מויל-אייזל. דאָס האָט, קענטיק, געווירקט אפנ אײַנגעשפּאַרטנ מויל-אייזל, אונ ער האָט זיכ אונטערגעגעבנ: דער קאַמפּ האָט אופגעהערט.

מיט אומויסדריקלעכער פאַרצווייפלונג האָט דער געבונדענער קלײַנער קיניג צוגעהערט זיכ, ווי זייערע טריט דערווײַטערנ זיכ אונ שטאַרבנ אָפּ. יעדע האָפענונג איז פאַרשוווּנדנ, אונ א טעמפּע פאַרצווייפלונג האָט ארומגעכאַפּט זײַנ האַרצ. „מײַנ איינציקנ פרײַנט האָט מענ אָפּגענאַרט אונ ארויסגעפּאַטערט פונדאַנענ", — האָט ער געטראַכט, — „דער נאָזיר וועט זיכ אומקערנ אונ..."

עס האָט אימ פאַרכאַפּט דער אָטעמ, אונ ער האָט ווידער גענומענ ראַנגלענ זיכ, דאָס מאָל מיט אזא פאַרצווייפלונג, אז די שעפּסנפעל האָט זיכ אראָפּגעגליטשט פונ אימ.

מיטאמאָל האָט ער דערהערט, ווי די טיר עפנט זיכ! — דאָס בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרנ אינ זײַנע אָדערנ. אימ האָט זיכ געדוכט, אז ער פילט שוינ דאָס מעסער אפ זײַנ האַלדז... פונ גרויס שרעק האָט ער צוגעמאַכט די אויגנ, פונ שרעק האָט ער זיי ווידער געעפנט אונ — פאַר אימ זײַנענ געשטאַנענ דזשאָנ קענטי אונ הייגאָ.

וואָלט זײַן מויל ניט געווען פֿאַרבונדן, וואָלט ער געזאָגט: „א דאַנק גאָט!"

אין א מינוט אַרום איז ער געווען פֿרײַ פֿון זײַנע שרעק, די צוויי באַנדיטן האָבן אים אונטערגעכאַפּט אונטער די הענט און פֿאַרשוווּנדן מיט אים אין דער טיפֿקײַט פֿון וואַלד.

צוויי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

א קאָרבן פֿון פּאַראַט

ווידעראַמאָל האָט „פּוּ־פּוּ דער ערשטער" געוואַנדערט מיט דער כעוורע באַנדיטן און שלעפּערס, אויסשטייענדיק זייערע פֿוילע וויצן און גראָבע, גאַרישע שפּאַסן. צווישנווײַז, ווען דער „סקאַנדאַליסט" פֿלעגט ניט זען, פֿלעגן אים רזשאָן קענטי און היוגאָ טאָן צעלאָכעס און גזייקעם זיך זײַן אָן אים. כוץ קענטיס און היוגאָן, האָט אים קיינער ניט פֿײַנט געהאַט. דאָסראָוו פֿון דער כעוורע האָט אים, פֿאַרקערט, גאָר ליב געהאַט, און אַלע זײַנען אַנציקט געווען פֿון זײַן דרייסטקײַט און סייכל. די ערשטע צוויי־דרײַ טעג האָט היוגאָ, אונטער וועמעס האַזשגאָכע דער קיניג האָט זיך געפֿונען, געטאָן היגטן־אַרום אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, צו רייצן אים. באַנאַכט, בײַם די באַנדע פֿלעגט געווייגלעך שיקערן און הוליען, פֿלעגט היוגאָ אַמוזירן דעם אוילעם דערמיט, וואָס ער פֿלעגט, קלוימערשט, ניט ווילנדיק פֿאַרטשעפּען דעם קיניג. צוויי מאָל האָט ער אים אָנגעטראָטן אַף די פֿיס, אָבער דער קיניג האָט, ווי עס פּאַסט פֿאַר זײַן קיניגלעכער ווירדע, פֿאַראַכטלעך ניט ווײַסנדיק געמאַכט זיך. ווען אָבער היוגאָ האָט דאָס דריטע מאָל געטאָן די זעלביקע „כאָכמע", האָט אים דער קיניג מיט איין זעץ פֿון שטעקן א לייג געטאָן צו דער ערד, צום גרויסן פֿאַרגעניגן פֿון דער כעוורע. היוגאָ האָט, ברענענדיק פֿון כאַרפּע און קאַס, געכאַפּט א שטעקן אַלץ און האָט זיך מיט רעציכע א וואָרף געטאָן אַף זײַן קליינעם קעגנער.

אין א מינוט אַרום איז אַרום די צוויי גלאַדיאַטאָרן געמאַכט געוואָרן א קרײַז. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א געוועט, ווער וועט וועמען באַ־

זיגנ, אונ יעדערער האָט אונטערגעגעבנ די שלעגער היצ. אָבער דער
שלימאַזלדיקער היונגאָ האָט גאָרניט געקאָנט אופטאָנ.
זײַנע ווילדע אונ אומגעשיקטע אטאקעס האָבנ ניט געקאָנט בײַ=
שטיינ קעגנ א האנט, וואָס האָט געלערנט די קונסט פונ שטעקנ=קאמפ
אונ אלערליי קונצנ פונ פעכטערײַ בא די בעסטע פעכט=מײַסטערס פונ
אייראָפּע. דער קליינער קיניג איז געשטאנענ וואכזאם, אָבער רויִק אונ
געלאסנ, אונ מיט אזא גראַציעזער לײַכטקײַט אָפּגעווענדט דעם האָגל קלעפּ,
וואָס האָבנ זיכ אָפּ אימ געשאָטנ, אז ער האָט ארויסגערופנ די ווילדע
היספּײַלעס פונ דער גאנצער מויִעסער באנדע. פונ צײַט צו צײַט, ווענ
זײַנ געניט אויג פלעגט באמערקנ די קלענסטע נאכלעסיקײַט פונ זײַנ
קעגנער, פלעגט ער פלינק, ווי א בליצ, דערלאנגענ אימ א זעצ מיט
זײַנ שטעקנ איבערנ קאָפּ, באגלייט פונ א שטורעם אפּלאָדיסמענטנ
אונ געלעכטער — א שרעק צו הערנ. אינ א פערטל שאָ ארומ האָט
היונגאָ א צעשלאָגענער, א צעבײַלטער, אנ אויסגעלאכטער פונ דער
בעוורע, פארלאָזנ דאָס שלאכט=פעלד, אונ דער אומבאשעדיקטער העלד
פונ דעמ קאמפּ איז אונטערגעכאפּט געוואָרנ אפ די הענט אונ מיט
גרויס פאראד אוועקגעטראָגנ געוואָרנ אפ די אקסלענ פונ דער צעהוי=
ליעטער בעוורע צומ ערנ=פלאצ סאמע לעבנ דעמ אטאמאנ, ווו ער איז
געקרוינט געוואָרנ מיט דעמ טיטל: „קיניג פונ די שלאָג=הענער”. צו
דער זעלביקער צײַט איז זײַנ פריִערדיקער קלענערער טיטל באָטל גע=
וואָרנ אונ א דעקרעט איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ, אז יעדערער, ווער
ס'וועט אימ אָנרופנ בא זײַנ פריִערדיקנ נאָמענ, וועט פארטריבנ ווערנ
פונ דער בעוורע.

וויפל מע האָט זיכ ניט געמאטערט צו צווינגענ דעמ קיניג גוציק
זײַנ דער באנדע, — איז אלצ געווענ אומזיסט. ער האָט מיט דער
גרעסטער אקשאָנעס אָפּגעזאָגט זיכ צו טאָנ עפּעס. נאָכ מער, ער האָט
קעסיידער געזוכט צו אנטלויפנ. דעמ ערשטנ טאָג פונ זײַנ צוריקומענ
האָט מענ אימ ארײַנגעשטויסנ אינ א קיכ, וואָס די באלעבאָסטע האָט
איבערגעלאָזנ אליינ, אָבער ער האָט ניט גאָר קיינ זאכ ניט געגאנוועט,
נאָר האָט געפרווט מאכנ א גוואלד, די ידינסטנ זאָלנ קומענ צו לויפנ. מע
האָט אימ ארויסגעשיקט מיטנ קופערשמיד, ער זאָל אימ העלפנ אינ
דער ארבעט, האָט ער ניט געוואָלט ארבעטנ. נאָכ מער, ער האָט זיכ
געוואָרפנ אפנ קופערשמיד מיט זײַנ אייגענעמ שמעלצ=אײַזנ. דער

סאָפ איז געווענ, אז דער קופערשמיד און היוגאָ זײַנענ גאָר געווענ פארנומענ מיט אכטונג געבנ, אז דאָס ייִנגל זאָל ניט אנטלויפנ. ער האָט אויסגעלאָזנ גאָר זײַנ קיניגלעכנ קאס צו יעדנ, ווער עס האָט אימ געוואָלט צווינגענ צו ארבעטנ, אָדער ווער עס האָט אָנגערירט זײַנע פרײַהײַטנ. מע האָט אימ ארויסגעשיקט אונטער היוגאָס האזשגאָכע מיט אנ אָפגעריסענער פרוי און א קרעציק קינד בעטנ נעדאָוועס, אָבער ער האָט זיכ אָפגעזאָגט צו בעטנ „אפ א רעפוע" און איבערהויפט צו זײַנ א שותפ צו זיי און זייערע געשעפטנ.

אזוי האָט געדויערט עטלעכע טעג. די שוועריקײַטנ, דער שמוצ, די צעפוילטקײַט, די גראָבקײַט און געמיינהײַט פונ דעמ וואנדער־לעבנ זײַנענ דעמ קיניג געוואָרנ אזוי צו לאסט, אז ער האָט אָנגעהויבנ צו טראכטנ, אז זײַנ רעטונג פונ דעמ נאָזירס מעסער איז געווענ ניט מער, ווי א צײַטווײַליקע דערלייזונג פונ טויט.

אָבער באנאכט, אינ זײַנע כאלוימעס, זײַנענ אלע אומגליקנ און צאָרעס פארגעסנ געוואָרנ, און ער איז ווידער געווענ אפ זײַנ טראָנ און איז ווידער געווענ הערשער. דאָס, פארשטייט זיכ, האָט נאָכ טרויעריקער געמאכט דאָס אופוואכנ צו דער ווירקלעכקייט. און אזוי איז זײַנ לעבנ, זינט מע האָט אימ צוריקגעכאפט, געוואָרנ וואָס ווײַטער אלצ ביטערער און אלצ שווערער צו פארטראָגנ.

אפ מאָרגנ נאָכנ געשלעגנ איז היוגאָ אופגעשטאנענ מיט א הארצ פול נעקאָמע. ער האָט אויסגעארבעט צוויי פלענער, וויאזוי נויקעמ צו זײַנ זיכ אָנ דעמ קיניג: דער ערשטער פלאנ איז געווענ אָפצוטאָנ אימ עפעס אזוינס, וואָס זאָל שטארק דערנידעריקנ זײַנ „קיניגלעכע" ווירדע, און אויב דאָס וועט ניט געראָטנ, וועט ער אפ אימ מאכנ עפעס א בילבול און איבערגעבנ אימ אינ די אײַזערנע צוואנגענ פונ געזעצ.

אָט דער ערשטער פלאנ זײַנער איז געווענ — ארופצולייגנ „א שטעמפל" אפנ קיניגס פוס, ווײַל ער האָט פארשטאנענ גאנצ גוט, ווי טיפ דער קיניג וועט זיכ דערפונ פילנ באליידיקט. און ווענ דער „שטעמפל" וועט אָנהייבנ ווירקנ, — צווינגענ דעמ קיניג אויסצושטעלנ זײַנ פוס פאר לײַטנ און בעטנ נעדאָוועס.

„א שטעמפל" — איז אפנ גנייווישנ לאָשנ געווענ דער נאָמענ פאר א וווּנד, וואָס איז בעקיוונ געמאכט געוואָרנ. קעדיי ארויסצורופנ די וווּנד האָט מענ געמאכט א פלאסטער אָדער א קאָמפרעס פונ ניט גע-

לאָשענער וואַפּנע, זייפּ אונ אײַזנ־ראָסט, אָנגעשמירט עס אַפּ א שטיקל לעדער אונ פעסט פארבונדנ ארום פוס. דאָס האָט באלד אָפּגעפּרעסנ די הויט אונ שרעקלעכ אופגערייצט דאָס פלייש. דערנאָכ האָט מענ פאנאנדערגעשמירט דאָס בלוט פונ דער ווּנד אונ געלאָזנ עס פארטריקנט ווערנ, אונ די ווּנד פלעגט באקומענ א שרעקלעכ אָפּשטויסנדיקנ אויסזענ. דאנ פלעגט מענ די ווּנד בעקיוונ נאכלעסיק פארבינדנ מיט שמאטעס אזוי, אז זי זאָל זיכ גוט ארויסזענ אונ ארויסרופנ ראכמאָנעס בא די פארבײַגייער.

היונאָ האָט זיכ באוואָרנט מיט דער הילפ פונעם קופערשמיד, וואָס איז אײַנמאָל אטאקירט געוואָרנ פונ קיניג מיטנ שמעלצ־אײַזנ; זיי האָבנ מיטגענומענ דאָס יינגל, קלוימערשט, אפ ארבעט, אונ ווי נאָר זיי זײַנענ געווענ ווײַט פונ זייער לאגער, האָט אים דער קופערשמיד א וואָרפ געטאָנ צו דער ערד, אונ היונאָ האָט פעסט פארבונדנ דעם פלאסטער ארום דעם יינגלס פוס.

דער קיניג האָט געשטורעמט אונ געדונערט, סטראשענדיק ביידנ אופצוהענגענ זיי, ווי נאָר ער וועט צוריקומענ אפ זײַנ טראָנ, אָבער זיי האָבנ אים געהאלטנ פעסט אינ די הענט, געווײַלט זיכ איבער זײַנ ראנגלענ זיכ אונ אָנגעקוואָלנ פונ זײַנע טרערנ. דאָס האָט אזוי אָנגעהאלטנ ביז דער פלאסטער האָט אָנגעהויבנ צו ווירקנ. עס וואָלט לאנג ניט געדויערט, אונ די שרעקלעכע ווּנד וואָלט ארויסגערופנ געוואָרנ, ווענ עס קומט גראָד ניט אָנ דער „קנעכט“, — יענער, וואָס האָט געהאלטנ די רעדע וועגנ די ענגלישע געזעצנ, — אונ מאכט ניט א סאָפּ צום יינגלס לײַדנ.

דער קיניג האָט געוואָלט נעמענ זײַנ דערלייזערס שטעקנ אונ דאָ, גלײַכ אפנ אָרט, גוט אָנבייקערנ די צוויי כעוורעלײַט די ביינער, אָבער דער „קנעכט“ האָט אים אָפּגעהאלטנ, ווײַל עס לוינט ניט צו מאכנ א טומל אונ פרעמדע לײַט זאָלנ אָנלויפנ. זאָל ער דאָס בעסער אָפּלייגנ ביז נאכט, ווענ די גאנצע קאָמפּאניע וועט זיכ אופקלײַבנ אונ קיינ זײַטיקע מענטשנ וועלנ דערבײַ ניט זײַנ.

ער האָט גלײַכ אָפּגעפירט אלע דרײַ אינ לאגער אונ דערציילט דעם „סקאנדאליסט“ די גאנצע מײַסע. דער אטאמאנ האָט א ווײַלע געטראכט אונ באשלאָסנ ניט צו צווינגענ מער דעם קיניג בעטלענ, ווײַל ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אז ער טויג אפ עפּעס בעסערס.

און ער האָט אים גלײַכ אפּנ אָרט דערהויבנ פונ זײַנ איצטיקער נידעריקער מאדרייגע צו דער הויכער מאדרייגע פונ א גאנעוו!

היוגאָ איז געווענ אויסער זיכ פונ פרייד. ער האָט שוינ ניט איינ מאָל געפּרוווט צווינגענ דעמ קיניג צו גאנוועגענ, און ס'האָט זיכ אימ ניט אײַנגעגעבנ. אָבער איצט איז אנ אנדער מײַסע: איצט וועט אימ אפילע גיט אײַנפאלנ ניט צו פאָלגנ א באפעל, וואָס איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ דורכנ אטאמאנ אליינ!

ער האָט שוינ געפּלאנעוועט א גנייווע אפּ הײַנט נאָכמיטיק, ווענ ער וועט אימ איבערגעבנ אינ די הענט פונ געזעצ. ס'פארשטייט זיכ, אז אָפּגעטאָנ מוז עס ווערנ אזוי גלאט, אז עס זאָל אויסזענ ווי אנ אומגליקלעכער צופאל, וואָרעמ דער „קיניג פונ די שלאָג=העגער" איז באליבט בא דער באנדע, און זיי וועלנ זיכ ניט צו צארט באגייג מיט איינעמ פונ דער כעוורע, וואָס האָט אימ איבערגעגעבנ צומ געמיינזאמענ פײַנט—צומ געזעצ.

זייער גוט! אינ דער ריכטיקער צײַט האָט היוגאָ מיט זײַנ קאָרבנ זיכ אוועקגעלאָזט צומ דערבײַיקנ דערפל. זיי זײַנענ פּאוואָלינקע אומגעגאנגענ אהינ און צוריק איבערנ גאס,—איינער אויסקוקנדיק א זיכערע געלעגנהײַט, וויאזוי אָפּצוטאָנ זײַנ געמיינ שטיקל ארבעט, און דער צווייטער — וויאזוי צו מאכנ פיס און אפּ שטענדיק באפרײַט צו ווערנ פונ זײַנ סוינע.

ביידע האָבנ דורכגעלאָזנ גאָר נישקאָשעדיקע געלעגנהײַטנ, ווײַל ביידע האָבנ פעסט באשלאָסנ אינ הארצנ דאָס מאָל אָפּצוטאָנ גאָר א זיכער שטיקל ארבעט און ניט לאָזנ זיכ אפּ קיינ זאכ, וואָס האָט געקאָנט ענדיקנ זיכ מיט א דורכפאל.

דער ערשטער האָט געהאט א געלעגנהײַט היוגאָ: ער האָט דערזענ א פרוי מיט א דיק פעקל אינ קערבל. היוגאָס אויגנ האָבנ א בליצ געטאָנ מיט זינדיקנ פארגעניגנ, ווענ ער האָט א טראכט געטאָנ: „איכ זאָל אזוי לעבנ, אז אויב עס וועט זיכ מיר נאָר אײַנגעבנ ארופּווארפנ דאָס פעקל אפּ אימ, וועט ער שוינ זײַנ פארזאָרגט מיט קעסטן און דירע, אָט דער קיניג פונ שלאָג=העגער!"

ער האָט געוואַרט און אויסגעקוקט—אויסערלעכ גלאסנ, אָבער אינערלעכ ברענענדיק פונ אומגעדולד—ביז די פרוי איז פארבײַגעגאנגענ. דעמלט האָט היוגאָ א זאָג געטאָנ צומ קיניג:

— וואַרט דאָ, ביז איך וועל צוריקקומען.

און האָט זיך גענומען גאַנווענען הינטער דער פֿרוי.

דעם קיניגס האַרץ האָט געקלאַפּט פֿון פֿרייד: זאָל נאָר היוגאָ אָפּגיין אַ ביסל ווײַטער, וועט ער קענען אַנטלויפֿן.

ס'איז אים אָבער ניט באַשערט געווען אַזאַ גליק. היוגאָ האָט זיך צוגעגאַנוועט צו דער פֿרוי, אַ כאַפּ אַרויס געגעבן דאָס פּעקל און געלאָזט זיך לויפֿן, אײַנוויקלענדיק דאָס אין אַ שטיק אַלטער קאָלדירע, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך. דערפֿילנדיק, אַז דאָס קערבל איז איר מיטאַמאָל גרינג געוואָרן, האָט די פֿרוי אויפֿגעהויבן אַ געשריי מיט אַ גוואַלד, אַז די גאַנצע גאַס איז אויף געוואָרן.

היוגאָ האָט אַרײַנגעוואָרפֿן דאָס פּעקל דעם קיניג אין די הענט אַרײַן און געזאָגט:

— לויף נאָך מיר, ווי גיך דו קאָנסט, און שרײַ: „כאַפּט דעם גאַנעוו!" אָבער געדענק, פֿאַרפֿיר זיי אין אַן אַנדער זײַט!

און גלײַך נאָכדעם האָט זיך היוגאָ פֿאַרקערעוועט הינטער אַ ראָג און געלאָזט זיך לויפֿן איבער אַ געדרייט געסל. נאָר אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך באַוויזן מיט אַזאַ אומשולדיק און גלײַכגילטיק פּאָנעם, ווי ניט אים מיינט מען. ער האָט זיך געשטעלט הינטער אַ סלופּ צו זען, וואָס וועט דאָ זײַן.

דער באַליידיקטער קיניג האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס פּעקל אַף דער ערד, און די קאָלדרע האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען די באַגאַנוועטע פֿרוי, באַגלייט פֿון אַ גרויסן האַמוין, איז צוגעלאָפֿן צו אים. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּעקל מיט איין האַנט און דעם קיניג מיט דער צווייטער האַנט און גענומען שיטן אַף אים אַ האָגל זידלערײַ און קוילעס, ביים ער האָט זיך אומזיסט געמאַטערט צו באַפֿרײַען זיך פֿון אירע הענט.

פֿאַר היוגאָן איז דאָס געווען גענוג: זײַן סוינע האָט מען געכאַפּט און דער געזעץ וועט זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען ווי עס געהער צו זײַן.

אָנקוועלנדיק און לאַכנדיק אין הויפֿן, האָט ער זיך געלאָזן צום לאַגער צו, אויסקלערנדיק עפּעס אַ גוטן טערעץ פֿאַר דער באַנדע און פֿאַרן אַטאַמאַן.

דער קיניג האָט ניט אויפֿגעהערט צו רײַסן זיך פֿון דער פֿרוי, שרײַענדיק מיט פֿאַרדראָס:

דער קיניג האָט זיך א וואָרם געטאָן צו זײַן פרײַנט.

— לאָז מיכ אָפּ, דו נאַרישע פרוי! ניט איכ האָב בײַ דיר געגאַנוועט דײַנע װערטלאָזע זאַכנ!

דער האַמוינ האָט אַרומגערינגלט דעמ קיניג, געסטראַשעט אימ אונ געזידלט. אַ פאַרקאָפּטשעטער שמיד אינ אַ לעדערנעמ פאַרטעכ אונ מיט די אַרבל פאַרקאַשערט איבער די עלנבויגנס האָט שוינ געוואָלט אָננעמענ דאָס ייִנגל אונ „ווײַזנ אימ ווי ווײַטער צו גאַנווענענ“,—ווענ אַ לאַנגע שווערד האָט אַ בליצ געטאָנ אינדערלופטנ אונ מיט קויעכ אַ פאַל געטאָנ מיט דער פלאַכער זײַט אַפּ דעמ שמידס האַנט, אונ דער אייגנטימער פונ דער שווערד האָט געלאַסנ געזאָגט:

— שאַ, ניט געקאָכט זיכ, גוטע מענטשנ, מיר קאָנענ דאָס אַלצ מאַכנ מיט גוטנ, צו וואָס זשע טויג אונדז פּאַטערנ זיכ דאָס געזונט אונ זידלענ זיכ. דאָס איז אַנ אייסעק פאַרנ געזעצ, אָבער ניט פאַר זײַטיקע מענטשנ. לאָז אָפּ דאָס ייִנגל, גוטע פרוי.

דער שמיד האָט ווי אויסגעמאָסטנ מיט די אויגנ דעמ סאָלדאַטס הויכע פיגור. אונ איז אַוועקגעגאַנגענ, וואָרטשענדיק אונטערנ נאָז אונ רײַבנדיק די האַנט. די פרוי האָט אומגערנ אָפּגעלאָזנ דאָס ייִנגל. דער עולעמ האָט ברויגעז געקוקט אַפנ סאָלדאַט, אָבער, פונ פאָרזיכטיקייט-וועגנ, געשוויגנ.

דער קיניג איז מיט פלאַמענדיקע באַקנ אונ ברענענדיקע אויגנ צוגעשפּרונגענ צו הענדאָנענ אונ אויסגעשריִענ:

— דו האָסט זיכ לאַנג געזאַמט, אָבער ביסט נאָכ געקומענ צו דער צײַט, סער מײַלס. צערײַב מיר די באַנדע אַפּ מיסט!

דרײַ-אונ-צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער פּרינצ ווערט אַרעסטירט

הענדאָנ האָט פאַרשטיקט דעמ שמייכל אַפּ זײַנע ליפּנ אונ, אָנבייגנדיק זיכ צומ פּרינצס אויער, אײַנגערוימט:

— שטילער, שטילער, מײַנ פּרינצ. באַוועג פאָרזיכטיק מיט דײַנ צונג—נאָכ בעסער, דו זאָלסט זי גאָר ניט באַוועגנ. פאַרלאָז זיכ אַפּ מיר, אונ אַלצ וועט זיכ גוט ענדיקנ.

דאַנ האָט ער צו זיכ אַלײנ צוגעגעבנ:

„סער מײַלס! גאָט מײַנער, אונ איכ האָב גאָר געהאַט פאַרגעסנ אָנ

מײַנ טיטל! מערקווירדיק, ווי די דאָזיקע אײַנרײדעניש האלט זיכ פעסט אינ זײַנ זיקאָרנ!.. אָבער ווי נאריש אונ פוסט מײַנ טיטל זאָל ניט זײַנ, איז אימ אלצ עפעס ווערט צו האָבנ. איכ רעכנ, אז ס'איז מער ערע צו זײַנ געטיטלט אינ דעמ קיניגרײַכ פונ כאלוימעס אונ שאָטנס, איידער צו דערנידעריקנ זיכ אונ זײַנ א גראפ פונ אייניקע ע מ ע ס ע קיניגרײַכנ דאָ אפ דער וועלט.

דער אוילעמ האָט געמאכט וועג פאר א פאָליציי־מאנ, וואָס איז צוגעגאנגענ אונ שוינ געוואָלט ארופלייגנ זײַנ האנט אפנ קיניגס אקסל, ווענ הענדאָנ האָט געזאָגט:

— שא, מײַנ פרײַנט, רויקער. נעמ צו דײַנ האנט, ער וועט אזוי אויכ גײנ, איכ בינ דיר דערפאר אָרעוו, גיי דו פאָרויס, אונ מיר וועלנ דיר נאָכגײנ.

דער פאָליציי־מאנ אונ די פרוי מיט איר פעקל זײַנענ געגאנגענ פאָרויס אונ הענדאָנ מיטנ קיניג, באגלייט פונ האמוינ, זײַנענ זיי נאָכגעגאנגענ. דער קיניג איז שוינ גרייט געווענ אנטקעגנצושטעלנ זיכ, אָבער הענדאָנ האָט אימ שטיל געזאָגט:

— בארעכנט זיכ, מײַנ האר, אפ אײַערע געזעצנ האלט זיכ אײַער אייגענע קיניגלעכע מאכט. אויב דער שטאמ גופע וועט זיכ זיי אנטקעגנשטעלנ, ווי קאָנ ער דערווארטנ, אז די צווײַגנ זאָלנ זיי אכטנ? איינער פונ די געזעצנ איז, ווי עס שײַנט, געבראָכנ געוואָרנ. ווענ דער קיניג וועט צוריק זײַנ אפנ טראָנ, וועט אימ דענ ניט זײַנ אָנגענעמ צו דערמאָנענ זיכ, אז ביים מע האָט געדארפט, האָט דער בירגער באזיגט אינ אימ דעמ קיניג אונ ער האָט זיכ אונטערגעוואָרפנ דעמ געזעצ?

— דו האָסט רעכט, רייד ניט מער. דו וועסט זענ, אז אויב דער קיניג פונ ענגלאנד פאָדערט פונ זײַנע אונטערטאנער, זיי זאָלנ זיכ אונטערווארפנ דעמ געזעצ, פאָלגט ער אלײנ אויכ דעמ געזעצ, ווענ ער איז אינ דער לאגע פונ א פאָשעטנ בירגער.

ווענ מע האָט ארויסגערופנ די פרוי צומ פרידנס־ריכטער, האָט זי געשוואָרנ, אז דאָס יינגל, וואָס שטייט פארנ געריכט, איז באגאנגענ די גנייווע. אונ אזוי ווי עס איז ניט געווענ קיינער, וואָס זאָל באווײַזנ דאָס קעגנזעצלעכע, איז דער קיניג אָנערקענט געוואָרנ פאר שולדיק. מע האָט פאנאנדערגעוויקלט דאָס פעקל, אונ דאָרט האָט זיכ ארויס־

געוויזנ א פעט געדרייכערט כאזערל. דער ריכטער האָט אויסגעזעגנ באומרויקט, אונ העגדאָג איז בלאס געוואָרנ אונ זײַנ גאנצער קערפער האָט א ציטער געטאָנ פונ פארצווייפלונג. נאָר דער קיניג, ניט ווייסנדיק, וואָס אים שטייט פאָר, איז געבליבנ רויק.

דער ריכטער האָט א ווײַלע געטראכט, דאנ האָט ער, ברעכנדיק די אָנגעשטרענגטע שטילקײַט, געפרעגט:

— אינ וואָס פאר א סומע שאצסטו דײַנ געגאנוועט אייגנטום?

די פרוי האָט זיכ פארנייגט אונ געענטפערט:

— דרײַ שילינג אונ אכט פענים, אײַער גנאָד. איכ קאָנ דערפונ קיינ איינ פעני ניט אראָפלאָזנ, דאָס איז דער פרײַז.

דער ריכטער האָט געוואָרפנ אנ אומרויקנ בליק אפנ עולם אונ, ווענדנדיק זיכ צומ פאָליציי=מאנ, געזאָגט:

— רייניקט אָפ דעמ געריכט=זאל פונ זײַטיקע מענטשנ אונ פארשליסט די טירנ!

דער באפעל איז אויסגעפילט געוואָרנ. אינ זאל זײַנענ פארבליבנ די געריכט=באאמטע, דער באשולדיקטער, די באשולדיקערנ, דער פאָליציי=מאנ אונ מײַלס הענדאָנ.

הענדאָנ איז געשטאנענ ווי א פארגליווערטער, בלייכ ווי קאלכ אונ קאלטע טראָפנס שווייס זײַנענ ארויסגעטראָטנ אפ זײַנ שטערנ.

דער ריכטער האָט זיכ געווענדט צו דער פרוי אונ ראכמאָנעסדיק געזאָגט:

— דאָס איז אנ אָרעמ אומוויסנדיק יינגל, וואָס איז עפשער געטריבנ געוואָרנ צו גנייווע דורכ הונגער, וואָרעמ שווערע צײַטנ זײַנענ איצט געקומענ פאר די אָרעמע. — גיב א קוק, ער האָט ניט קיינ פאָנעמ פונ א פארברעכער, — אונ ווענ דער הונגער טרײַבט... גוטע פרוי! ווייסטו, אז ווענ איינער גאנוועט א זאכ, וואָס איז ווערט מער ווי דרײַצנ פענים, קומט אימ דערפאר הענגענ?

דער קליינער קיניג האָט א ציטער געטאָנ אונ אופגעריסנ די אויגנ, נאָר ער האָט זיכ געמאכט מוט אונ געבליבנ אויסערלעכ רויק. די פרוי אָבער איז אופגעשפרונגענ פונ איר אָרט אונ, ציטערנדיק אינ שרעק, אויסגעשריענ:

— אָ, גאָט מײַנער, וואָס האָב איכ עס געטאָנ! בארעמהארציקער גאָט, כ׳וואָלט ניט געוואָלט, מע זאָל הענגענ דאָס אָרעמע יינגל פאר

גאָר דאָס גוטס פון דער וועלט! אָ, באַפרײַט מיך דערפון, אײַער גנאָד! וואָס זאָל איך טאָן, וואָס קאָן איך טאָן?

ניט ענדערנדיק זײַן געריכטלעכע רויִקײַט, האָט דער ריכטער פּאָשעט געזאָגט:

— מע מעג, פאַרשטייט זיך, אָפּשאַצן די זאַך ביליקער, קאָלזמאַנ ס'איז נאָך ניט פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל.

— אויב אַזוי, ווי גאָט איז אײַך ליב, קאָסט דאָס כאַזערל נאָר אַכט פּענים, און געבענטשט זאָל זײַן פון גאָט דער טאָג, וואָס האָט באַפרײַט מײַן געוויסן פון אַזאַ שרעקלעכער זינד!

פון גרויס שׂימחה האָט הענדאָן נאָר פאַרגעסן דעם גאַנצן עפּיקעט און, אַרומכאַפּנדיק דעם קיניג, האַרציק צעקושט אים, דערמיט האָט ער אים שטאַרק פאַרוווּנדערט און באַרירט זײַן קיניגלעכע ווירדע.

דאַנקענדיק, האָט די פרוי גענומען איר כאַזערל און איז אַרויס. דער פּאָליציי-מאַן איז אַרויס נאָך איר אין שמאָלן קאָרידאָר.

הענדאָן, וואָס איז שטענדיק געווען אָפּ דער וואַך, האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז עס שאַט ניט צו וויסן, נאָך וואָס איז דער פּאָליציי-מאַן אַרויס גלײַך נאָך איר. אַרויסגייענדיק אין טונקעלן קאָרידאָר, האָט ער דערהערט אַזאַ מין שמועס:

— ס'איז אַ פעט כאַזערל און דאַרף זײַן ניט קיין שלעכטער ביסן. איך קויף עס בײַ דיר, נאַ דיר דײַנע אַכט פּענים.

— אַכט פּענים, טאַקע! עס רעדט זיך אַזוי. דאָס קאָסט מיך דרײַ שילינג און אַכט פּענים, גוטע נײַינקע מאַטבייעס, וואָס דער געשטאָרבענער אַלטער הענרי* האָט נאָך ניט באַוויזן צונעמען. מע לאַכט פון דײַנע אַכט פּענים!

— ביסטו בײַם זינען? האָסט, הייסט עס, געשוואָרן פאַלש, ווען דו האָסט געזאָגט, אַז דאָס כאַזערל קאָסט נאָר אַכט פּענים. קום זשע צוריק צום ריכטער און ענטפער פאַר דײַן פאַרברעכן! — דאָס יינגל וועט מען אויפהענגען — דאָס איז זיך באַזונדער.

— שאַ, שאַ, טײַערינקער מײַנער, זאָג נאָר קיינעם ניט אויס. איך בין צופרידן, גיב מיר די אַכט פּענים, אַבי רייד ניט מער.

די פרוי איז אַוועק וויינענדיק.

---

* דער אַלטער הענרי — געמיינט דעם קיניג הענרי דעם אַכטן.

הענדאָג איז שטילינקערהייט אַרײַנ אינ געריכט=זאַל, און אינ א ווײַלע אַרום איז אַרײַנ דער פּאָליציי=מאַנ, באַהאַלטנדיק זײַנ מעצ:ע אונטער דער פּאָלע.

דער ריכטער האָט אופגעשריבנ דעמ פּראָטאָקאָל, דערנאָכ האָט ער גוט אויסגעמוסטערט דעמ קיניג און האָט אימ פּערמישפּעט צו זיצנ א קורצע צײַט אינ געפענקעניש און נאָכדעמ געשמיסנ צו ווערנ אינ דער עפנטלעכקײַט.

דער איבעראשטער קיניג האָט שוינ געוואָלט עפענענ דאָס מויל און הייסנ קעפּנ דעמ ריכטער דאָ אפנ אָרט, אָבער ער האָט געכאַפּט א וואָרענונגס=צייכנ פונ הענדאָגנ און איז אנשווייגנ געוואָרנ.

הענדאָג האָט אימ אָנגענומענ פאַר דער האנט און, אונטער דער באַוואכונג פונ דעמ פּאָליציי=מאַנ, זײַנענ זיי ארויס און געלאָזנ זיכ צו דער געפענקעניש. ווי נאָר זיי זײַנענ צוגעגאַנגענ צו דער גאַס, וווּ די טפּיסי האָט זיכ געפונענ, האָט דער קיניג אָנ אָנגעצונדענער א ריס געגעבנ זײַנ האנט און אויסגעשר:ענ:

— אידיאָט דו איינער! שטעלסטו זיכ פאָר, אז מײַנ פּוס וועט אי=בערטרעטנ די שוועל פונ א געוויינלעכער געפענקעניש **לעבעדי=קערהײט**!

הענדאָג האָט זיכ אָנגעבויגנ און א ביסל שאַרפלעכ געזאָגט:

— **ווילסטו** זיכ פאַרלאָזנ אפ מיר? איז רו:ק! מאַכ ניט ערגער אונדזער לאַגע דורכ אומפּאָרזיכטיקע רייד. וואָס גאָט וועט וועלנ, דאָס וועט געשענ. מיר קאָנענ עס ניט צו׳ײַלנ און מיר קאָנענ עס ניט ענ=דערנ. דעריבער איז בעסער ווארטנ און זײַנ געדולדיק. עס וועט זײַנ צײַט גענוג צו פרייענ זיכ אָדער קלאָגנ, ווענ דאָס, וואָס דאַרפ גע=שענ, וועט געשענ.

פיר־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דאָס אנטלויפנ

דער קורצער ווינטער=טאָג האָט זיכ באַלד געענדיקט. די גאַסנ זײַ=נענ געוואָרנ ליידיק. דאָ און דאָרט האָט מענ באַגעגנט איינצלנע דורכ=גייער, וואָס האָבנ געײַלט וואָס גיכער צו ענדיקנ זייערע געשעפטנ און באַהאַלטנ זיכ אינ זייערע היימלעכע ווארעמע הײַזער פונ דער אָנקו=

מענדיקער פינצטערניש אונ פונ דעם ווינט, וואָס האָט זיכ וואָס ווײַטער אלצ מער געשטאַרקט. די דורכגייער האָבנ זיכ ניט אומגעקוקט ניט רעכטס, ניט לינקס, נאָר זײַנענ געלאָפנ גלײַכ זייער וועג, ניט שענקענ-דיק קיינ שום אופמערקזאַמקײַט אונדזער קאָמפּאַניע. זיי האָבנ זי אפי-לע ניט באַמערקט. עדוואַרד דער זעקסטער האָט געקלערט וועגנ דעם, צי האָט די סצענע, ווי מע פירט א קיניג אינ געפענקעניש, ווענ-עס-איז באַגעגנט אַזא גלײַכגילטיקײַט ווי איצט.

דערווײַל זײַנענ זיי צוגעקומענ צו א גרויסנ פוסטנ מאַרק-פּלאַצ אונ גענומענ דורכשנײַדנ אימ. ווענ זיי זײַנענ געווענ אינמיטנ פונ פּלאַצ, האָט הענדאָנ אַרופגעלייגט זײַנ האַנט אפ דעם פּאָליציי-מאַנס אקסל אונ שטיל געזאָגט:

— וואַרט א ווײַלע, גוטער-ברודער. דאָ וועט אונדז קיינער ניט הערנ. איכ וואָלט דיר געוואָלט זאָגנ א פּאָר ווערטער.

— איכ טאָר עס ניט טאָנ, איכ בעט דיכ, פאַרהאַלט מיכ ניט. די נאַכט קומט אָנ.

— ס'מאַכט ניט אויס, שטיי, וואָרעם דער איניענ איז דיכ שטאַרק נעגייע. קער זיכ אום אונ מאַכ זיכ ניט זעענדיק: לאָז דאָס דאָ-זיקע אָרעמע יינגל אנטלויפנ.

— דו דערוועגסט זיכ עס מיר צו זאָגנ! איכ אַרעסטיר דיכ אינ...

— נו, נו, ניט אַזוי האַסטיק, זע, זײַ פאָרזיכטיק אונ טו ניט קיינ נאַרישקײַט.

אונ, אָנבייגנדיק זיכ צו זײַנ אויער, האָט ער אימ אַרײַנגערוימט:

— דאָס כאַזערל, וואָס דו האָסט געקויפט פאַר אַכט פּעניס, קאָנ דיר קאָסטנ דײַנ קאָפּ.

פונ אומגעריכטקײַט האָט דער פּאָליציי-מאַנ לעכאַטשילע פאַרלאָרנ דאָס לאָשנ, דערנאָכ איז ער געקומענ צו זיכ אונ גענומענ זידלענ זיכ אונ סטראַשענ, אָבער הענדאָנ איז געשטאַנענ רויק אונ געוואַרט ביז ער האָט אויסגעשאָסנ גאָר זײַנ פּולווער, אונ דאַנ געזאָגט:

— דו געפעלסט מיר, פרײַנט, אונ איכ וואָלט ניט געוואָלט דיר זאָל געשענ שלעכטס. דאַרפסט וויסנ, אַז איכ האָב אַלצ געהערט, — יעדעס וואָרט, כ'קאָנ דיכ דערינ איבערצײַגנ.

אונ, איבערכאַזערנדיק וואָרט אינ וואָרט דעם גאַנצנ שמועס צווישנ דעם פּאָליציי-מאַנ אונ דער פרוי, האָט ער צוגעגעבנ:

— נו, וואָס זאָגסטו? האָב איכ ריכטיק איבערגעגעבנ? ווי מיינסטו, וואָלט איכ ניט געקאָנט נאָכאמאָל איבערגעגעבנ די זאַכ ריכטיק פארנ געריכט, ווענ ס'וועט זיכ פאָדערנ?

דער פאָליציי=מאַנ איז א ווײַלע געשטאַנענ שטומ פונ שרעק אונ פארצווייפלונג, דערנאָכ האָט ער זיכ א כאַפ געטאָנ אונ קלוימערשט קאַלטבלוטיק געזאָגט:

— דו קאָנסט, אַפ מײַנ וואָרט, מאַכנ פונ א וויצ וועלער ווייסט וואָס. כ'האָב פּאָשעט אָנגעשראָקנ די פרוי פונ שפּאַס=ווענג.

— אונ דאָס כאַזערל האָסטו אויכ גענומענ פונ שפּאַס=ווענג?

— ניט אַנדערש, מײַנ סער, — איכ זאָג דיר, ס'איז געווענ א שפּאַס.

— כ'הייב דיר אָנ צו גלייבנ, — האָט הענדאָנ האַלב=ערנסט, האַלב=שפּאָטיש געזאָגט, — אָבער וואַרט דאָ א ווײַלינקע, ביז איכ וועל אַריבערלויפנ צומ ריכטער אונ פרעגנ. ער איז געווײַס געניט אינ געזעצנ, אינ שפּאַסנ אונ...

ער האָט זיכ געלאָזנ גיינ, אַלצ ריידנדיק. דער פאָליציי=מאַנ האָט זיכ געקווענקלט, א פּאָר מאָל אויסגעשפּיגנ, דערנאָכ אויסגעשריִענ:

— שטיי, שטיי, מײַנ גוטער סער! איכ בעט דיכ, וואַרט א ווײַלע. צומ ריכטער! וואָס רעדסטו, מענטש אייגער, יענער פארשטייט א וויצ ניט מער פונ א טויטנ! — קומ נאָר אהער, וועלנ מיר זיכ דורכריידנ. אָנ א געלעכטער! איכ בינ, האַכט זיכ, אַרײַנגעקראָכנ אינ א מיִעסער מײַסע. אונ אַלצ איבער אַנ אומשולדיקנ, ניט באַטראַכטנ שפּאַס! איכ בינ א פאַמיליענ=מענטש, א טאַטע פונ קליינע קינדער. באַרעכנ אַליינ, ליבער סער, וואָס פארלאַנגסטו פונ מיר!

— ניט מער, ווי דו זאָלסט זײַנ בלינד אונ טויב אונ פּאַראַליזירט, ביז מע קאָנ אָפּציילנ הונדערט טויזנט, — ציילנדיק גאָר לאַנגזאַמ, — האָט הענדאָנ געזאָגט מיט א מינע פונ א מענטשנ, וואָס פארלאַנגט א קלייניקײַט.

— דאָס וועט דאָכ זײַנ מײַנ סאָפ! — האָט דער פאָליציי=מאַנ פארצווייפלט אויסגעשריִענ. — אָ, זײַט מיט יוישער, גוטער סער. באַטראַכט נאָר די זאַכ פונ אַלע זײַטנ אונ זעט, אַז ס'איז געווענ ניט מער ווי א שפּאַס, — ס'איז דאָכ קלאָר, ווי דער טאָג. אונ לאָמיר אפילע זאָגנ, אַז ס'איז געווענ ניט קיינ שפּאַס, איז די גרעסטע שטראָפ,

וואָס איכ קאָנ דערפאַר כאַפּנ — אַנ אויסרײד און א וואָרענונג פונ דעמ ריכטער.

הענדאָנ האָט געענטפערט מיט אַנ ערנסט, וואָס האָט געקאָנט פאַרגליווערנ די לופט אַרומ אימ:

— דײַנ שפּאַס האָט אינ געזעצ־בוכ א נאָמענ — ווייסטו וואָ־סערנ?

— איכ ווייס ניט! עפּשער האָב איכ טאַקע געטאָנ א נאַרישקײַט. מיר האָט זיכ אַפילע ניט געכאָלעמט, אַז מע טאָר עס ניט. אָ, גאָט מײַנער, כ׳האָב געמיינט, ס׳איז א גוטער אײַנפאַל.

— יאָ, דאָס האָט א נאָמענ. דער געזעצ רופט אָנ אַזאַ פאַרברעכנ:

Non compos mentis lex talionis sic transit gloria mundi*.

— אָ, גאָט מײַנער!

— און קומענ קומט דערפאַר טויט־שטראָף!

— אָ, באַרעמהאַרציקער גאָט, האָב ראַכמאָנעס אױף מיר, דעמ זינ־דיקנ!

— אויסגוצנדיק א טאָעס, וואָס עמעצער, וואָס איז געווענ אונ־טער דײַנ שוצ, האָט געמאַכט אינ א מאָמענט פונ געפאַר, האָסטו באַ אימ אָוועקגענומענ א זאַכ, וואָס האָט דעמ ווערט מער ווי דרײַצנ מיט א האַלבנ פעני, באַצאָלנדיק דערפאַר א קלייניקײַט. פאַרנ געזעצ איז עס געפלאַנטער שווינדל, אָפּגענאַרטער צוטרוי, א פליכט־פאַרברעכנ און א ad hominem expurgatis in statu quo, — האָט הענדאָנ ווײַטער א שאָט געטאָנ מיט לאַטײַנישע ווערטער,— און דערפאַר קומט הענגענ אָנ א געלט־אויסקויפ, אָנ שטראָפ־פאַרלײַכטע־רונג און אָנ ווידע פאַרנ גאַלעכ.

— אָ, האַלט מיכ אונטער א ווײַלע, מײַנ גוטער סער! די פיס ברעכנ זיכ מיר אונטער! האָב ראַכמאָנעס, איכ וועל זיכ אומקערנ צו אײַער מיטנ רוקנ און וועל ניט זענ און ניט הערנ, וואָס עס וועט געשענ.

— גוט, איצט רעדסטו קלוג און צו דער זאַכ, און דאָס כאַזערל וועסטו צוריק אָפּגעבנ?

* לאַטײַנישע אויסדרוקנ אָנ א שומ צוזאַמענהאַנג.

— איכ וועל אָפּגעבנ, כ'וועל אָפּגעבנ, כ'וועל אָפּגעבנ. אונ איכ וועל זיכ שוינ קיינמאָל אינ לעבנ ניט צורירנ צו א כאזערל, ווענ אפילע גאָט אליינ זאָל מיר עס שיקנ דורכ א מאלעכ... גיי — איכ זע קיינ זאכ ניט. איכ וועל זאָגנ, אז דו האָסט זיכ ארײַנגעריסנ אינ טפיסע אונ באפרײַט אים. די טיר איז אנ אלטע אונ א פוילע, איכ וועל זי אליינ צעברעכנ ארום האלבער נאכט.

— אזוי זאָלסטו טאָנ, מײַנ גוטע נעשאָמע, ס'וועט כאָלילע קיינעמ ניט שאטנ. דער ריכטער האָט אליינ ראכמאָנעס אפנ אָרעמענ יינגל, אונ ער וועט זיכ ניט זעצנ וויינענ אונ וועט קיינ איינ שוימער ניט צעברעכנ די ביינער דערפאר, וואָס דאָס אומשולדיקע יינגל איז אנטלאָפנ.

פינפ־אונ־צוואנציקסטער קאפיטל

הענדאָנ־שלאָס

ווי נאָר הענדאָנ אונ דער קיניג זײַנענ אָפּגעגאנגענ ווײַט פונ פּאָליציי־מאנ, האָט הענדאָנ געזאָגט דעמ קיניג, ער זאָל אפ אימ ווארטנ אינ א געוויסנ אָרט הינטערנ שטעטל, ביז ער וועט גיינ אפ דער אכסאניע אונ אָפּרעכענענ זיכ.

אינ א האלבער שאָ ארום האָבנ די צוויי פרײַנט געריטנ אפ הענדאָנס קאליקע קליאטשעס. דער קיניג האָט אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ די טראנטעס אונ האָט אָנגעטאָנ דעמ געניצטנ אָנצוג, וואָס הענדאָנ האָט פאר אימ געקויפט אפ לאָנדאָנער בריק, אונ עס איז אימ איצט געווענ ווארעמ אונ באקוועמ.

הענדאָנ האָט ניט געוואָלט צו פיל' אָנשטרענגענ דאָס יינגל. ער האָט באטראכט, אז שווערע נעסיעס, ניט רעגלמעסיק עסנ אונ ווייניק שלאָפ וועלנ שלעכט ווירקנ אפנ יינגלס געשטערטנ פארשטאנד, בעת רו, רעגלמעסיקײַט אונ לײַכטע באוועגונג וועלנ אימ היילנ. הענדאָנ האָט אזוי געוואָלט די קראנקע פאנטאזיעס זאָלנ פארשווינדנ פונעמ יינגלס ליבנ קעפּל אונ ער זאָל זײַנ געזונט! ער האָט דעריבער באשלאָסנ צו מאכנ די רײַזע אהיימ, פונוואנענ ער איז אזוי לאנג גע־

וועג אָפּגעריכנ, ניט געײַלט, ביסלעכווײַז, ניט קוקנדיק דערויפ, וואָס ער איז גרייט געווענ פאָרנ טאָג און נאכט, אבי קומענ וואָס גיכער.

ווענ זיי זײַנענ אָפּגעפאָרנ א מײַל צענ, זײַנענ זיי אָנגעקומענ אינ

זיי זײַנענ געפאָרנ לאנגזאם.

א גרויס דאָרפ און אָפּגעשטעלט זיכ אפ נאכטלעגער אינ א גוטער קרעטשמע. די באצ׳ונגענ צווישנ זיי זײַנענ געווענ די פּר׳ערדיקע: הענג-דאָג איז געשטאנענ הינטער דעמ קיניגס שטול און האָט אימ באדינט בייס ער האָט געגעסנ, אימ אויסגעטאָנ פארנ שלאָפ און אליינ אײַנגעוויקלט זיכ אינ קאָלדרע און געלייגט זיכ אפנ דיל באמ טיר.

אפ מאָרגנ און איבערמאָרגנ האָבנ זיי זיכ וויַטער פּאוואָלינקע באַוועגט, שמועסנדיק וועגנ די פּאסירונגענ, וואָס האָבנ זיכ מיט זיי געטראָפנ, זינט זיי האָבנ זיכ צעשיידט. הענדראָג האָט דערציילט וועגנ זײַנע וואנדערונגענ, וויאזוי ער האָט ארומגעזוכט דעמ קיניג. ער האָט באשריבנ, וויאזוי דער „אויבערהאר פונ די מאלאָכימ" האָט אימ געמאכט צומ נאר און ארומגעפירט אימ איבערנ וואלד, וויאזוי, זעענדיק, אז ער קאָנ פונ אימ ניט פּאָטער ווערנ, האָט ער אימ צוריק געבראכט צומ שטיבל. דערנאָכ,— האָט הענדראָג דערציילט, — איז דער אלטער ארײַנ אינ שטיבל און איז ארויס צוריק א צעבראָכענער, זאָגנדיק, אז ער האָט געהאָפט צו געפינענ דאָרט דאָס יונגל, נאָר אז, ליידער, איז דאָס יונגל ניט צוריקגעקומענ. הענדראָג האָט דאנ געווארט א גאנצנ טאָג, און, פארלירנדיק די האָפענונג אפ דעמ קיניגס צוריקקומענ, האָט ער זיכ וויַטער אוועקגעלאָזט זוכנ אימ.

— און דער אלטער „הייליקער מאלעכ" האָט ווירקלעכ צאר געהאט, וואָס אײַער הויכקײַט איז ניט צוריקגעקומענ, — האָט הענדראָג געזאָגט. — כ'האָב באמערקט נאָכ זײַנ פּאָנעמ.

— אָ, אינ דעמ צווייפל איכ ניט! — האָט דער קיניג געזאָגט, און האָט דערציילט זײַנ גאנצע געשיכטע, נאָכ וועלכער הענדראָגנ האָט שוינ פארדראָסנ, לעמײַ ער האָט פונ דעמ „מאלעכ" קיינ סאָפ ניט געמאכט.

דעמ לעצטנ טאָג פונ דער נעסיִע האָט זיכ הענדראָגס שטימונג גוואלדיק געהויבנ. זײַנ צונג האָט קיינ איינ מינוט ניט גערוט. ער האָט גערעדט וועגנ זײַנ פּאָטער, וועגנ זײַנ ברודער ארטור, און דערציילט א סאכ מײַסעס, וואָס האָבנ געדארפט באווײַזנ זייער פײַנקײַט און גוטסקײַט, ער האָט מיט א ליבע-פײַער גערעדט וועגנ זײַנ עדית און איז געווענ אזוי גליקלעכ, אז ער האָט געפונענ עטלעכע גוטע ווערטער אפילע פאר זײַנ ברודער היו. ער האָט א סאכ גיזרעדט וועגנ דער קומענדיקער באגעגעניש אינ הענדראָנ-שלאָס. וועגנ דעמ, וואָס פאר אנ איבעראשונג זײַנ אָנקומענ וועט פאר יעדנ זײַנ, און ווי יעדער וועט זיכ דאָס פרייענ א ביסל און דאנקענ גאָט.

זיי זײַנענ געפאָרנ איבער א שיינער געגנט, דאָ און דאָרט באשפּרענקלט מיט הײַזלעכ און סעדער. דער וועג האָט זיכ געצויגנ צווישנ ברייטע בארגיקע אינ טאָליקע פּאשע-פעלדער, וואָס האָבנ דערמאָנט

אַנ באַוועגלעכע יאַם-כוואַליעס. פונ נאָכמיטיק אַנ האָט דער צוריקומעגדיקער „פּאַרבלאָנדזשעטער זונ" אָפּגעקערט פונ וועג און געפּרווט זיך, צי קאָנ מענ ניט פונ וואַסער-עס-איז בערגל כאַפּנ א קוק אַפּ זײַנ היים. צום סאָפּ האָט עס זיך אים אײַנגעגעבנ, און ער האָט אינ אופרעגונג אויסגעשריִענ:

— אַנ איז דאָס דאָרפּ, מײַנ פּרינצ, און אָט איז האַרט בא אימ דער שלאָס. איר קענט פונדאַנענ זענ די טורעמס. און אָט יענער וואַלד — דאָס איז מײַנ פּאָטערס פּאַרק. אָ, א יצט וועסטו וויסנ, וואָס הייסט גרויסקײַט און אשירעס! א הויז מיט זיבעציק צימערנ — באַרעכנ נאָר! און זיבנ און צוואַנציק דינער! ניט קײנ שלעכטע דירע פאַר אזעלכע, ווי איך און דו, האַ? נו, לאָמיר זיך צוײַלנ, איך קאָנ שוינ ניט אויסהאַלטנ פונ אומגעדולד.

זיי זײַנענ געפּאָרנ אזוי גיך, ווי נאָר מעגלעך. דאָך איז שוינ געווענ נאָך דרײַ אזייגער, ווענ זיי זײַנענ אָנגעקומענ אינ דאָרפּ. די רײַזנדער זײַנענ עס האַסטיק דורכגעפּלויגנ, און הענדאָנס צונג האָט ניט אופגעהערט צו מאָלנ:

— אָט איז דער קלויסטער — באַוואַקסנ מיט די זעלביקע ווילדע ווײַנטרויבנ, וואָס פריִער. קײנ אײנ צווײַגעלע ניט מער און ניט ווייניקער... אַנ איז די קרעטשמע, דער אַלטער „רויטער לייב", און אַנ איז דער מאַרק... אָט איז דער „מײַ-דראָנג", און אָט איז די פּאָמפּע, — קײנ זאַך האָט זיך ניט געענדערט, קײנ זאַך ניט, אַכוץ די מענטשנ עפּשער. א מענטש ענדערט זיך אינ צענ יאָר. איך דערקענ אייניקע, אָבער מיך דערקענט קײנער ניט.

אזוי פּלאַפּלענדיק, זײַנענ זיי געקומענ ביזנ סאָפּ דאָרפּ. דאָ האָבנ זיי פּאַרקערעוועט אַפּ א געדרייט שמאָל שטעגל, וואָס האָט זיך געצויגנ צווישנ צוויי הויכע צוימענ, אַנ ערעך אַפּ א האַלבער מײַל, דערנאָך זײַנענ זיי דורך א גרויסנ טויער מיט שטיינערנע זײַלנ און הערבנ אַרײַנגעפּאָרנ אינ א גרויסנ בלומענ-גאָרטנ און האָבנ דערזענ פאַר זיך א פּרעכטיקע געבײַדע.

— באַגריסט זאָל זײַנ דײַנ אָנקומענ אינ הענדאָנ-שלאָס, מײַנ קיניג! — האָט מײַלס אויסגעשריִענ. — אָ, דאָס איז א גרויסער טאָג! מײַנ פּאָטער און מײַנ ברודער און לײדי עדית וועלנ מעשוגע ווערנ פונ פרייד און וועלנ די ערשטע פּאָר מינוט האָבנ אויגנ און צינגער נאָר

פאר מיר, אונ דיר וועט זיכ אויסדאכטנ, אז מע האָט דיכ קאַלט אופגענומענ, — אָבער דאָס איז גאָרנישט! עס וועט באַלד אנדערש ווערנ. איכ וועל זיי נאָר זאָגנ, אז דו ביסט אונטער מײַנ שוצ אונ ווי ליב איכ האָב דיכ, וועלנ זיי דיכ, צוליב מײַלס הענדאָנ, צודריקנ צו זייער ברוסט אונ מאכנ זייער הויז אונ זייערע הערצער פאר דײַנ היימ פונ הײַנט אָנ אפ אייביק!

אינ א מינוט ארומ איז הענדאָנ אראָפּגעשפּרונגענ פאר דער גרויסער טיר, געהאָלפנ דעמ קיניג אראָפּגיינ פונ אייזל, א כאפּ געטאָנ אימ פארנ האנט אונ ארײַנגעלאָפנ אינעווייניק. עטלעכע טריט האָבנ אימ געבראכט אינ א גרויס צימער. ער האָט אוועקגעזעצט דעמ קיניג מיט אײַלעניש, מער ווי מיט קאָוועד, איז צוגעלאָפנ צו א יונגמאנ, וואָס איז געזעסנ בא א שרײַב־טיש, אונ אויסגעשריענ:

— נעמ מיכ ארומ, היו, אונ זאָג, אז דיכ פרייט מײַנ צוריקומענ! רופ אהער אונדזער פאָטער, וואָרעמ די היימ איז פאר מיר קיינ היימ ניט, ביז איכ וועל ניט באַרירנ זײַנ האנט, אונ וועל ניט זענ זײַנ פּאָנעמ אונ ניט הערנ נאָכאמאָל זײַנ שטימ!

אָבער היו האָט זיכ צוריקגעצויגנ. ארויסווײַזנדיק איינ מאָמענט איבערראשונג, האָט ער דערנאָכ אָנגעשטעלט אפ דעמ אומגעבעטענעמ גאסט א שטרענגנ בליק. דער בליק האָט אָנפאנגס אויסגעדריקט באַליידיקטנ שטאָלצ, נאָר באַלד האָט ער, קענטיק, אונטער דער ווירקונג פונ א געוויסנ באשלוס, אָנגענומענ אנ אויסדרוק פונ פארווּנדערטנ נײַגער אונ עמעסנ אָדער געמאכטנ ראכמאָנעס. מיט א ווייכער שטימ האָט היו געזאָגט:

— דו ביסט, קענטיק, גערירט פונ זינענ, אָרעמער אומבאקאנטער. דו האָסט זיכ געבעכ געוויס אָנגעליטנ הונגער אונ אוולעס אינ דײַנ לעבנ. דײַנ פּאָנעמ אונ דײַנע קליידער זאָגנ איידעס וועגנ דעמ. פאר וועמענ נעמסטו מיכ אָנ?

— נעמ דיכ אָנ? פאר וועמענ, איכ בעט דיכ, זאָל איכ דיכ אָנעמענ, אויב ניט פאר דעמ, ווער דו ביסט? איכ נעמ דיכ אָנ פאר היו הענדאָנ, — האָט מײַלס שארפ געזאָגט.

— אונ ווער, שטעלסטו זיכ פאָר, ביסטו אליינ? — האָט יענער מיט דער זעלביקער ווייכקײַט ווײַטער געפרעגט.

— פאַרשטעלונגען האָבן דערמיט ניט צו טאָן! דו מאַכסט זיך, אז דו דערקענסט ניט דיין ברודער מיילס הענדאָן?

אן אויסדרוק פון צופרידענער איבעראשונג האָט דורכגעשוועבט איבער היומס פּנים און ער האָט געזאָגט:

— וואָס? דו טרייבסט קיין שפּאַס ניט? קאָנען טויטע לעבעדיק ווערן? א דאנק גאָט, אויב אזוי! אונדזער אָרעם פארלאָרן יינגל קומט נאָך אזויפיל שרעקלעכע יאָרן צוריק צו אונדז! אָ, עס זעט אויס צו זיין צו גוט, דאָס זאָל זיין עמעס, עס איז צו גוט! איך בעט דיך, האָב ראַכמאָנעס, טרייב מיט מיר קיין שפּאַס ניט! גיך קום צו צו דער שיין און לאָז מיך גוט באַטראַכטן דיך!

ער האָט א כאַפּ געטאָן מיילסן פארן האנט, צוגעשלעפּט צום פענצטער און גענומען פּאָרשן אים מיט די אויגן, געדרייט אים אהין און אהער. דער צוריקגעקומענער האָט געשטראַלט פון צופרידנקייט, געשמייכלט, געלאַכט און, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט:

— נאָך, נאָך, ברודער, האָב קיין מוירע ניט. יעדער גליד, יעדע מינע וועט אויסהאלטן די פּראָבע. אונטערזוך און פּאָרש מיך אויס וויפל דיין הארץ גלוסט, מיין גוטער היו, איך בין דיין מיילס, — דער זעלביקער פארלאָרענער ברודער דיינער מיילס, ניט אזוי? אָ, ס'איז א גרויסער טאָג, איך זאָג דיר — א גרויסער טאָג! גיב זשע דיין האנט, גיב מיר דיין באַק! אָ, גאָט, איך וועל, דאַכט זיך, שטאַרבן פון פרייד!

ער האָט זיך שוין געוואָלט וואַרפן דעם ברודער אפן האַלדז, אָבער היו האָט אים באַזייטיקט מיטן האנט און, אראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ טרויעריק אפן ברוסט, גערירט א זאָג געטאָן:

— אך, זאָל מיר דער באַרעמהאַרציקער גאָט געבן קויעך איבערצוטראָגן די דאָזיקע שרעקלעכע אנטוישונג!

מיילס איז אזוי צעמישט געוואָרן, אז ער האָט א וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן. באַלד אָבער איז ער צו זיך געקומען און אויסגעשריגן:

— וואָסער אנטוישונג? בין איך דען ניט דיין ברודער?

— איך בעט גאָט, עס זאָל טאַקע זיין אזוי, ווי דו זאָגסט, און אז אנדערע אויגן זאָלן געפינען די ענלעכקייט, וואָס איז פארבאָרגן פון מיינע אויגן. אך, איך האָב מוירע, אז אין בריוו איז געווען דער עמעס!

— וואָסער בריוו?

— דער בריוו, וואָס איז געקומענ פונ יענער זײַט יאַמ מיט זעקס-זיבנ יאָר צוריק. אינ אימ איז געשטאנענ, אז מײַנ ברודער איז געהארגעט געוואָרנ אינ א שלאכט.

— ס'איז געווענ א ליגנ! רופ ארײַנ דײַנ פאָטער — ער וועט מיכ דערקענענ.

— קיינ מייסימ קאָנ מענ ניט ארײַנרופנ.

— מייסימ? מײַנ פאָטער איז געשטאָרבנ! — האָט מײַלס מיט א ציטעריק קאָל אויסגעשריִענ. — אָ, וואָס פאר א טרויעריקע יעדיִע! מײַנ פרייד איז האלב פארשטערט. איכ בעט דיכ, לאָז מיכ כאָטש אָנקוקנ מײַנ ברודער ארטור. ער וועט מיכ דערקענענ, — דערקענענ אונ טרייסטנ.

— ער איז אויכ געשטאָרבנ.

— אָ, גאָט, דערבארעמ זיכ איבער מיר, דעמ געשטראָפטנ! געשטאָרבנ, ביידע געשטאָרבנ — די ווירדיקע ווערנ אוועקגענומענ אונ די אומווירדיקע, ווי איכ, בלײַבנ דאָ! אכ, איכ בעט דיכ, האָב ראכמאָנעס, זאָג ניט, אז ליידי עדיט...

— איז געשטאָרבנ? נײנ, זי לעבט.

— גאָט צו דאנקענ! איכ בינ ווידער גליקלעכ! אײַל זיכ, ברודער, אונ ברענג זי אהער! אונ אויב זי וועט זאָגנ, אז איכ בינ ניט איכ — אָבער ניינ, זי וועט עס ניט זאָגנ, ניינ, ניינ, זי וועט מיכ שוינ דערקענענ. איכ בינ געווענ א נאר, וואָס איכ האָב גאָר געצווייפלט אינ דעמ. ברענג זי, ברענג די אלטע דינער, זיי וועלנ מיכ דערקענענ.

— אלע צעשטאָרבנ, אכוצ פינפ: פיטער, העלסי, דייוויד, בערנארד אונ מארגאריט.

אָפגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער איז היו ארויס פונ צימער. מײַלס איז געשטאנענ א ווײַלע אונ געטראכט. דערנאָכ האָט ער גענומענ שפּרײַזנ אהינ אונ צוריק מורמלענדיק:

— די פינפ גרעסטע אויסוואָרפנ האָבנ איבערגעלעבט צוויי אונ צוואנציק ערלעכע אונ געטרײַע — א מאָדנע זאכ!

ער האָט אלצ געשפּרײַזט אהינ אונ צוריק אונ גערעדט צו זיכ אליינ, אינגאנצנ פארגעסנדיק אָנ דעמ קיניג. דער קיניג האָט אפ אימ געקוקט אונ צומ סאָפ ערנסט אונ מיט עמעסנ ראכמאָנעס — כאָטש

די װערטער גופֿע האָבנ געקאָנט אויסגעטײַטשט װערנ איראָניש — געזאָגט:

— נעמ זיך ניט צומ הארצנ, מײַנ טײַערער: פֿאַראַנ אַפֿ דער װעלט נאָך מענטשנ, װאָס װערנ ניט אָנערקענט אונ װאָס זײערע רעכט װערנ אָפּגעלײקנט, דו האָסט א כאַװער אינ דײַנ אומגליק.

— אָ, מײַנ קיניג, — האָט הענדאָנ אויסגעשריִענ, רויט װערנדיק א ביסל, — פֿארורטײל מיך ניט. װאַרט — אונ דו װעסט זענ. איך בינ ניט קײנ שװינדלער — זי װעט עס באַשטעטיקנ. דו װעסט עס הערנ פֿונ די פּרעכטיקסטע ליפּנ אינ ענגלאַנד. איך — א שװינדלער? װאָס רעדסטו? איך האָב געקענט דעמ דאָזיקנ אלטנ שלאָס, אָט די אלע בילדער פֿונ מײַנע אור-עלטערנ, אָט די אלע זאַכנ, װאָס זײַנענ ארומ אונדז, װי א קינד קענ זײַנ קינדער-צימער. דאָ בינ איך געבאָרנ געװאָרנ אונ דאָ בינ איך אויסגעהאָדעװעט געװאָרנ, מײַנ האַר. איך זאָג דיר דעמ רײנעמ עמעס. איך װאָלט דיך ניט גענאַרט. אונ זאָל מיר קײנער ניט גלײבנ, — בעט איך דיך, ד ו זאָלסט אינ מיר ניט צװײפֿלענ — דאָס װאָלט איך ניט איבערגעטראָגנ.

— איך צװײפֿל ניט אינ דיר, — האָט דער קיניג מיט קינדערשער אײנפֿאַכקײט אונ צוטרוי געזאָגט.

— איך דאַנק דיר פֿונ גאַנצנ הארצנ! — האָט הענדאָנ אויסגערופֿנ מיט א היץ, װאָס האָט באַװיזנ, װי גערירט ער איז.

דער קיניג האָט מיט דער זעלביקער אײנפֿאַכקײט װײַטער געזאָגט:

— האָסטו אינ מ י ר געצװײפֿלט?

הענדאָנ האָט זיך דערפֿילט װי שולדיק, אונ ער איז געװענ צופֿרידנ, װאָס היו איז ארײַנ אונ פֿאַרשפּאָרט אימ צו ענטפֿערנ.

א פּרעכטיקע, רײַך-געקלײדטע לײדי איז ארײַנ נאָך אימ, אונ הינטער איר — עטלעכע דינער אינ ליװרײענ. די לײדי איז געגאַנגענ מיט לאַנגזאַמע טריט, דעמ קאָפּ אראָפּגעלאָזנ אונ מיט די אויגנ צו דער ערד. איר פּאָנעמ איז געװענ אויסערגעװײנלעך טרויעריק.

מײַלס הענדאָנ האָט א שפּרונג געטאָנ פֿאָרויס אונ אויסגעשריִענ:

— אָ, מײַנ עדיט, מײַנ טײַערע!..

אָבער היו האָט אימ אָפּגעשטופּט אָנ א זײַט אונ געזאָגט דער לײדי:

— גיב נאָר א קוק אַפֿ אימ, דו קענסט אימ?

דערהערנדיק מײַלס שטים, האָט די לײדי א ציטער געטאָנ, אונ אירע באקנ זײַנענ רויט געוואָרנ. זי האָט אינגאנצנ געציטערט.

זי איז אײניקע מינוט געשטאנענ שטיל, דערנאָכ האָט זי לאנגזאמ אופגעהויבנ דעמ קאָפּ אונ מיט א פארשטײנערטנ, דערשראָקענעמ בליק א קוק געטאָנ הענדאָנענ אינ די אויגנ. דאָס בלוט איז, טראָפּנ נאָכ טראָפּנ, פארשווונדנ פונ איר פּאָנעמ, אונ אינ אימ איז בלויז פארבליבנ א גרויע טויטע בלאסקײַט. דאָ האָט זי, מיט א קאָל, וואָס איז געווענ אזוי טויט, ווי איר פּאָנעמ, געזאָגט:

— איכ קענ אימ ניט! — אונ, אומקערנדיק זיכ, האָט זי מיט א פארשטיקטנ קרעכצ פארלאָזנ דאָס צימער.

מײַלס הענדאָנ האָט זיכ אראָפּגעלאָזנ אפּ א שטול אונ פארדעקט דאָס פּאָנעמ מיט די הענט. אינ א ווײַלע ארומ האָט זײַנ ברודער זיכ געווענדט צו די דינער:

— איר האָט אימ באטראכט. קענט איר אימ?

זײ האָבנ געשאָקלט מיט די קעפּ אפּ נײנ.

דאנ האָט ער ווידער געזאָגט:

— די דינער קענענ אײַכ ניט, סער, איכ האָב מוירע, אז דאָ איז עפּעס א טאָעס. איר האָט דאָכ געזענ, אז מײַנ ווײַב קענ אײַכ אויכ ניט.

— דײַנ ווײַב? — אונ אינ א מאָמענט איז היו געווענ צוגעדריקט צומ וואנט אונ מײַלס האָט אימ, ווי מיט אײַזערנע צוואנגענ, געהאלטנ באמ האלדז. — אָ, דו פוקס-הארציקער קנעכט, איצט פארשטײ איכ שוינ אלצ! דאָס האָסטו אלײנ געשריבנ דעמ פאלשנ בריוו, אונ דער לוינ דערפאר איז מײַנ צוגעגנוועט פארמעגנ אונ מײַנ קאלע. נו, די מינוט ארויס פונדאנענ, אז ניט וועל איכ נאָכ באלײדיקנ מײַנ ערע פונ א זעלנער דורכ דעמ מאָרד פונ אזא מיעסער בריע, ווי דו ביסט!

היו, מיט א בלוט-פארלאָפנ פּאָנעמ אונ קימאט א דערוואָרגענער, האָט א פאל געטאָנ אינ דעמ נאָענטסטנ שטול אונ באפוילנ די דינער, זײ זאָלנ כאפּנ אונ בינדנ דעמ מערדערישנ אומבאקאנטנ, אָבער די דינער האָבנ זיכ געקווענקלט אונ אײנער פונ זײ האָט זיכ אָפּגערופנ:

— ער איז באוואָפנט, סער היו, אונ מיר זײַנענ מיט לײדיקע הענט.

— באוואָפנט! איז וואָס איז? איר אלע אפ אימ איינעמ? נעמט אימ, זאָג איכ!

אָבער מײַלס האָט זיי געוואָרנט, זיי זאָלנ זײַנ פאָרזיכטיק.

— איר קענט מיכ פונ אמאָל, — האָט ער געזאָגט, — איכ האָב זיכ ניט געענדערט, קומט אהער, אויב איר ווילט.

זײַנ אָנצוהערעניש האָט די דינער ניט צוגעגעבנ קיינ מוט, אונ זיי זײַנענ פארבליבנ אפ זייערע ערטער.

— טאָ גייט כאָטש, איר געמיינע פאכדאָנימ, באוואָפנט זיכ אונ היט אימ, ער זאָל ניט אנטלויפנ, ביז איכ וועל ברענגענ די וואכ, — האָט היו געזאָגט.

אונ, אומקערנדיק זיכ פונ שוועל, האָט ער צוגעגעבנ, ווענדנדיק זיכ צו מײַלסנ:

— ס'וועט זײַנ גלײַכער פאר אײַכ, אז איר וועט ניט פרוווּנ אומזיסט צו אנטלויפנ.

— אנטלויפנ? אויב דו האָסט קיינ אנדער זאָרג ניט, קאָנסטו זײַנ רויִק. מײַלס הענדאָנ איז באלעבאָס פונ הענדאָנ־שלאָס אונ פונ אלצ, וואָס איז אימ געפינט זיכ. ער וועט דאָ פארבלײַבנ — קענסט אינ אימ זיכער זײַנ.

זעקס־אונ־צוואנציקסטער קאפיטל

פארלייקנט

דער קיניג איז געזעסנ א ווײַלע פארטראכט, דערנאָכ האָט ער אופגעהויבנ דעמ קאָפ אונ געזאָגט:

— מאָדנע, זייער מאָדנע, איכ קאָנ דאָס גאָר ניט פארשטיינ.

— ס'איז גאָר ניט מאָדנע, מײַנ קיניג, איכ קענ אימ, אונ זײַנ גאנצע האנדלונג איז פונקט נאָכ זײַנ כאראקטער. ער איז געווענ אנ אויסוווּרפ פונ געבאָרנ אָנ.

— אָ, איכ רייד ניט וועגנ אימ, סער מײַלס.

— ניט וועגנ אימ? פונ וועמענ זשע? וואָס זשע דענ איז מאָדנע?

— וואָס מע כאפט זיכ ניט, אז דער קיניג איז פארשוווּנדנ.

— וואָס? וויאזוי? וועלכער? איכ פארשטײ ניט.

— ווירקלעכ? קומט עס בא דיר ניט אויס מאָדנע, וואָס דאָס גאנצע לאנד איז ניט פארפלײצט מיט שליכימ אונ קוריערנ, וואָס זאָלנ מיכ ארומזוכנ, אונ מיט אופרופנ, וואָס זאָלנ באשרײבנ מײנ פערזאָנ? איז די פארשווינדונג פונ דעמ עלטסטנ אינ דער מעלוכע ניט גענוג אופצורודערנ דאָס גאנצע לאנד? איז מײנ פארשווינדונג אזא קלײניקײט, אז קײנער זאָל עס גאָר ניט באמערקנ?

— עמעס, מײנ קיניג, כ'האָב גאָר פארגעסנ, — האָט הענדאָנ געזאָגט, אונ, אָפזיפצנדיק, א קלער געטאָנ: „אָ, אָרעמער מעשוגענער! ער איז נאָכ אלצ פארנומענ מיט זײנ רירנדנ טרוימ“.

— אָבער איכ האָב א פלאנ, וואָס וועט אונדז בײדנ אופריכטנ, — האָט דער קיניג געזאָגט, — איכ וועל אָנשרײבנ א פאפיר אינ דרײ לעשוינעס — לאטײנ, גריכיש אונ ענגליש — אונ דו וועסט עס מאָרגנ פרי אײלנדיק אָפפירנ קײנ לאָנדאָנ. גיב עס קײנעמ ניט אײבער, אכוצ אינ די אײגענע הענט פונ מײנ פעטער, דעמ לאָרד הערטפאָרד. ווענ ער וועט עס זענ, וועט ער וויסנ, אז איכ האָב עס געשריבנ, אונ ער וועט גלײכ שיקנ נאָכ מיר.

— וואָלט ניט געווענ גלײכער, מײנ פרינצ, מיר זאָלנ בעסער וואַרטנ דאָ, ביז איכ וועל דערווײזנ מײנע רעכט? איכ וואָלט דעמלט א סאכ בעסער געקענט...

דער קיניג האָט אימ באפעלנדיק איבערגעריסנ:

— גענוג! וואָס פאר א ווערט האָבנ דײנע נישטיקע גיטער, דײנע אומבאדײטנדיקע איניאָנימ אינ פארגלײכ מיט דעמ ווילזײנ פונ א גאנצ פאָלק אונ מיט דער שטאנדהאפטיקײט פונ א טראָנ!?

אונ, ווי אימ וואָלט באנק געטאָנ זײנ שטרענגקײט, האָט ער ווײכ צוגעגעבנ:

— פאָלג מיכ אונ האָב קײנ פאָרכט. איכ וועל דיכ אופריכטנ. איכ וועל דיר אומקערנ אלצ, וואָס געהערט צו דיר, אונ נאָכ מער. איכ וועל געדענקענ דײנ געטרײקײט אונ וועל דיכ באלוינענ.

רײדנדיק אזוי, האָט ער גענומענ די פענ אונ געזעצט זיכ שרײבנ. הענדאָנ האָט אימ באטראכט מיט ליבע אונ געקלערט: „ווענ ס'וואָלט געווענ פינצטער, וואָלט איכ געמײנט, אז עס רעדט מיט מיר בעמעס א קיניג. ווענ עס כאפט אימ אָנ, בליצט ער אונ דונערט, ווי אנ

עמעצער קיניג. אָבער ווי האָט ער זיך דאָס אויסגעלערט דעם קונץ? קוקט נאָר אָן, ווי ער שמידט עס א ביסל זײַנע דריידלעך, פאָרשטעלנדיק זיך, אז דאָס זײַנען גריכישע און לאַטײַנישע ווערטער! סײַדן איך וועל עפּעס אויסקלערן א גוטן טערעץ אָפּצונאַרן אים, אניט וועל איך מוזן פאָרן מאָרגן קיין לאָנדאָן אין דער ווילדער שליכעס, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט פאַר מיר".

דערנאָך האָט זיך סער מײַלס ווידער פאַרטראַכט וועגן זײַן אייגענער לאַגע. ער איז אזוי געווען פאַרטיפט אין זײַנע געדאַנקען, אז ווען דער קיניג האָט אים אינגיכן דערלאַנגט דאָס אָנגעשריבענע פּאַפּיר, האָט ער אליין ניט באַמערקט, ווי ער האָט עס צוגענומען און אַרײַנגעלייגט אין בוזעם-קעשענע.

— ווי מאָדנע זי האָט געהאַנדלט, — האָט ער גערעדט צו זיך אליין, — איך רעכן, אז זי האָט מיך יאָ דערקענט. און צוגלײַך רעכן איך, אז זי האָט מיך נ י ט דערקענט. איך ווייס, אז איינס ווידערשפּרעכט דאָס אַנדערע, אָבער איך קאָן ניט מאַכן, אז איינס זאָל אַרויסשטויסן אָדער איבערוועגן דאָס אַנדערע. די זאַך איז, אַפּאָנעם, אזוי: זי האָט יאָ געמוזט דערקענען מײַן פּאָנעם, מײַן פיגור, מײַן קאָל — וואָרעם, ווי קאָן דען אַנדערש זײַן? דאָך האָט זי ג ע ז אָ ג ט, אז זי קען מיך ניט, און דאָס איז דער ריינער עמעס, וואָרעם זי קאָן קיין ליגן ניט זאָגן. אָבער וואַרט נאָר! איך רעכן, אז איך הייב אָן צו פאַרשטיין. עפּשער האָט ער אָפּ איר געווירקט, באַפוילן איר, געצוווּנגען זי צו זאָגן ליגן? יאָ, אזוי איז עס! די רעטעניש איז געלייזט. זי האָט אויסגעזען טויט פון שרעק. זי איז געווען אונטער זײַן צוואַנג. איך וועל זי זוכן, איך וועל זי געפינען, און איצט, ווען ער איז דערבײַ ניטאָ, וועט זי זאָגן איר אייגענע מיינונג, דעם עמעס. זי וועט זיך דערמאָנען אָן די אַלטע צײַטן, ווען מיר האָבן צוזאַמען געשפּילט, דאָס וועט אויפוועקן איר האַרץ, און זי וועט מיך מער ניט פאַראַטן. זי וועט מיך אָנערקענען. זי האָט ניט קיין פאַרעטעריש בלוט אין זיך. זי האָט דאָך מיך אַמאָל ליב געהאַט — און דאָס איז מײַן באַוואָרענונג, וואָרעם וועמען מע האָט ליב, יענעם נאַרט מען ניט.

ער האָט ענערגיש א שפּרײַז געטאָן צו דער טיר, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך די טיר געעפנט, און עדיט איז אַרײַן. זי איז געווען

זייער בלאס, אָבער זי איז געגאנגענ מיט א פעסטנ טראָט, אונ האָט זיכ געהאלטנ גראציעז אונ פול מיט מילדער זעלבסטווירדע. איר פּאָ-נעם איז געווענ טרויעריק, ווי פריער.

מײַלס האָט זיכ צוטרוילעכ א וואָרפ געטאָנ איר אנטקעגנ, אָבער זי האָט אימ באזײַטיקט מיט א קוימ באמערקבארער האנט-באווע-גונג.

זי האָט זיכ אוועקגעזעצט אונ געבעטנ אימ זיצנ. אזוי אײַנפאכ האָט זי אימ געגעבנ צו פילנ, אז זיי זײַנענ ניט מער קיינ אלטע פרײַנט, אונ געמאכט אימ פאר אנ אומבאקאנטנ אונ א גאסט. די איבערראשונג אונ אומגעריכטקײַט פונ אזא האנדלונג האָט אימ אזוי צעמישט, אז ער האָט איינ מינוט אליינ אָנגעהויבנ צו צווייפלענ, צי ער איז טאקע דער זעלביקער, פאר וועלכנ ער גיט זיכ אויס.

— סער, — האָט ליידי עדיט געזאָגט, — איכ בינ געקומענ וואָ-רענענ אײַכ. מע קאָנ עפשער ניט צווינגענ מעשוגאָים אָפּצוזאָגנ זיכ פונ זייער מעשוגאס, אָבער מע קאָנ אָפטמאָל איבעררײדנ זיי, זיי זאָלנ זיכ פארהיטנ פונ געפאר. איכ רעכנ, אז איר האלט אײַער אײַנגערעדע-טע פאנטאזיע פארנ ריינעמ עמעס, אונ דעריבער איז עס ניט קיינ פארברעכנ, — אָבער טראָגט זיכ מיט איר ניט ארומ דאָ, ווײַל דאָ איז עס א סאקאָנע.

זי האָט זיכ א ווײַלע גוט אײַנגעקוקט אינ מײַלס פּאָנעם אונ צו-געגעבנ:

— די געפאר איז נאָכ דערמיט גרעסער, וואָס איר זײַט ווירקלעכ ענלעכ צו אונדזער אומגעקומענעמ יינגל, ווענ ער וואָלט דערלעבט צו אײַערע יאָרנ.

— גאָט אינ הימל, מײַנ ליידי, איכ ב י נ דאָכ טאקע ער!

— איכ גלייב ווירקלעכ, אז איר מיינט אזוי, סער, איכ צווייפל ניט אינ אײַער ערלעכקײַט, אָבער איכ וואָרנ אײַכ, — דאָס איז נאָר. מײַנ מאנ איז הערשער אינ דער גאנצער געגנט. זײַנ מאכט האָט קיינ גרע-נעצ ניט: מענטשנ ווערנ גליקלעכ, אָדער הונגערנ, נאָכ זײַנ ווילנ. וואָלט איר ניט געווענ ענלעכ צו דעמ מענטשנ, פאר וועלכנ איר גיט זיכ ארויס, וואָלט, עפשער, מײַנ מאנ אײַכ דערלויבט דאָס פארגעניגנ ארומצוטראָגנ זיכ מיט אײַער פאנטאזיע, אָבער איצט, גלייבט מיר, איכ קענ אימ גוט. איכ וויים וואָס ער וועט טאָנ: ער וועט אלעמענ

זאָגנ, אז איר זײַט א מעשוגענער שווינדלער, און אלע וועלנ עס אימ נאָכזאָגנ.

זי האָט זיכ ווידער אָנגעבויגנ צו הענדאָנענ מיט דעמ זעלביקנ פאָרשנדיקנ בליק און צוגעגעבנ:

— אויב איר וואָלט טאקע געווענ מײַלס הענדאָנ, און ער וואָלט עס געוווּסט, און די גאנצע געגנט וואָלט עס געוווּסט, — באטראכט, וואָס איכ זאָג אײַכ און איבערצײַגט זיכ, — וואָלט איר אויכ געווענ אינ דער זעלביקער געפאר, און אײַער אונטערגאנג וואָלט אלצ געווענ אומפארמײַדלעכ. ער וואָלט אײַכ ניט אָנערקענט, ער וואָלט אײַכ אָפּגעלייקנט, ער וואָלט אײַכ פאראטנ, און קיינער וואָלט ניט געוואגט אָנצונעמענ זיכ אײַער קריוודע.

— איכ גלייב פולשטענדיק, — האָט מײַלס פארביטערט געזאָגט, — די קראפט, וואָס קאָנ צווינגענ אנ אלטנ גוטנ פרײַנט צו פאראטנ און אָפּלייקענענ דעמ צווייטנ, קאָנ געוויס צווינגענ געהאָרכזאמ צו זײַנ דאָרטנ, ווו ברויט און לעבנ איז אפנ וואָגשאָל, דערהויפּט דאָרט, ווו קיינ בונד פונ געטרײַקײַט און פרײַנטשאפט איז ניטאָ.

א לײַכטע פארב האָט באגאָסנ עדיטס פּאָנעמ, און זי האָט אראָפּגעלאָזנ די אויגנ צו דער ערד, אָבער איר שטימ איז געווענ רויִק, ווענ זי האָט ווײַטער געזאָגט:

— איכ האָב אײַכ געוואָרנט און מוז אײַכ ווײַטער וואָרענענ, איר זאָלט אנטלויפנ פונדאנענ, אז ניט וועט אײַכ דער מענטש פארניכטנ. ער איז א טיראנ, וואָס ווייסט ניט פונ קיינ מיטלײַד. איכ, זײַנ געשמידטע שקלאפנ, ווייס עס גאנצ גוט. דער אָרעמער ארטור און מײַלס און מײַנ טײַערער באשיצער סער ריטשארד זײַנענ שוינ אינ זייער אייביקער רו און באפרײַט פונ אימ, — האלעווײַ וואָלט איכ אויכ געווענ מיט זיי, איידער פארבלײַבנ דאָ און ארײַנפאלנ אינ די צוואנגענ פונ דעמ דאָזיקנ מערדער. אײַערע פאָדערונגענ זײַנענ א שטערונג צו זײַנ טיטל און פארמעגנ; איר זײַט אפ אימ אָנגעפאלנ אינ זײַנ אייגענעמ הויז, — איר זײַט פארלאָרנ, אויב איר בלײַבט דאָ לענגער. אנטלויפט — ניט געקלערט. אויב אײַכ פעלט געלט, נעמט מײַנ בײַטל, איכ בעט אײַכ, קויפט אונטער די דינערשאפט, זיי זאָלנ אײַכ דורכלאָזנ. אָ, פאָלגט מיכ, אומגליקלעכער, און אנטלויפט, קאָלזמאנ עס איז ניט שפּעט.

מײלס האָט מיט א באוועגונג אָפגעווענדט דעמ בײטל און געשטעלט זיך פאר איר.

— פילט אויס מײנ אײנציקע באקאָשע, — האָט ער געזאָגט, — קוקט מיר גלײך אינ די אויגנ, און איך וועל זענ, צי וועט איר אויסהאלטנ מײנ בליק. אָט אזוי. איצט ענטפערט מיר: בינ איך מײלס הענדראָנ?

— נײנ, איך קענ אײך ניט.

— שווערט.

שטיל, אָבער דײטלעך האָט זי געענטפערט:

— איך שווער.

— אָ, דאָס איז מער, וויפל איך קאָנ גלײבנ!

— אנטלויפט! פארלירט ניט די טײערע צײט! אנטלויפט און ראטעוועט זיך!

אינ דעמ מאָמענט איז ארײנ פאָליציי, און א ווילדע ראנגלעניש האָט זיך אָנגעהויבנ. אָבער זיי האָבנ גיך באזיגט הענדראָנען, און ער מיטנ קיניג זײנענ אָפגעפירט געוואָרנ אינ טפיסע.

זיבנ־און־צוואנציקסטער קאפיטל

אינ געפענקעניש

די קאמערנ זײנענ אלע געווענ איבערפולט. האָט מענ די צוויי פרײנט צוגעשמידט מיט א קייט אינ א גרויסער קאמער, וווּ עס האָבנ זיך אופגעהאלטנ קלײנע פארברעכערס. זיי זײנענ ארײנגעפאלנ אינ אנ עקלהאפטער און טומלדיקער קאָמפאניע פונ וואָסערע צוואנציק מענער און פרויענ, אלע אינ האנט־ און פוס־קייטנ.

דער קיניג האָט זיך ביטער באקלאָגט אפ דער גוואלדיקער דערנידעריקונג, וואָס איז באגאנגענ געוואָרנ קעגנ זײנ קיניגלעכער פערזאָנ, אָבער הענדראָנ איז געווענ פינצטער און שווײגנדיק. ער איז געווענ אינגאנצנ צעמומלט.

ער איז צוריקגעקומענ אהיימ, דערווארטנדיק, אז יעדערער וועט אימ באגעגענענ מיט אָפענע אָרעמס און מיט דער גרעסטער פרייד,

אָבער אָנשטאָט דעמ האָט ער באגעגנט א קאלטנ אופנעמ אונ געפענקעניש. די דערווארטונג אונ די ווירקלעכקייט זיינענ געווענ אזוי ווייט איינע פונ דער אנדערער, אז ער איז ווי פארשטיינערט געוואָרנ. ער האָט ניט געקאָנט באשליסנ, וואָס איז דערינ מער: טראגישעס אָדער קאָמישעס. ער האָט זיכ געפילט, ווי א מענטש, וואָס איז ארויסגעשפרונגענ אָנצוקוקנ א רעגנבויגנ אונ איז געטראָפנ געוואָרנ פונ א בליצ.

אָבער ביסלעכווייז זיינענ זיינע צעמישטע געדאנקענ געקומענ אינ אָרדענונג אונ האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט אפ עדיטנ.

ער האָט באטראכט אונ ארומגעקלערט איר אויפירונג פונ אלע זייטנ, אָבער ער האָט ניט געקאָנט אויסגעפינענ, צי האָט זי אימ דערקענט אָדער ניט. דאָס איז געווענ א שווערע רעטעניש. געענדיקט האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט באשלאָסנ, אז זי האָט אימ יאָ דערקענט, נאָר זי האָט זיכ פונ אימ אָפּגעזאָגט צוליב עגאָיסטישע מאָטיוונ. ער האָט שוינ געוואָלט פארשילטנ איר נאָמענ, אָבער דער דאָזיקער נאָמענ איז אזוי לאנג געווענ הייליק פאר אימ, אז זיינ צונג האָט זיכ ניט באוועגט אימ צו לעסטערנ.

פארוויקלט אינ צעריסענע אונ פארשמאָלצענע טורמע-קאָלדרעס, האָבנ דער קיניג אונ הענדאָנ פארבראכט אנ אומרויקע נאכט. דער אונטערגעקויפטער וועכטער האָט פאר אייניקע ארעסטאנטנ געבראכט בראנפנ. די אָנגעשיקערטע כעווורע האָט דערנאָכ א לאנגע צייט געזונגענ אומפארשעמטע לידער, געשלאָגנ זיכ, געשריענ אונ געלאכט. נאָכ האלבער נאכט איז איינער פונ די ארעסטאנטנ באפאלנ אנ ארעסטאנטקע אונ ער וואָלט זי דערהארגעט צומ טויט, שלאָגנדיק זי מיט זיינע קייטנ איבערנ קאָפ, ווענ דער וועכטער וואָלט באצייטנס ניט ארייגעלאָפנ אונ ניט בארויקט דעמ שיקער מיט עטלעכע גוטע קלעפ איבערנ קאָפ. נאָכדעמ איז געוואָרנ רויק — אונ יעדערער, וועמענ ס'האָבנ ניט געקימערט דאָס קרעכצנ אונ זיפצנ פונ די צוויי צעשלאָגענע, האָט געהאט די מעגלעכקייט איינצושלאָפנ.

די ווייטערדיקע טעג אונ נעכט זיינענ פארבייגעגאנגענ מיט דער זעלביקער איינארטיקייט, וואָס דער ערשטער מעסלעס. באטאָג זיינענ געקומענ מענטשנ, וואָס הענדאָנ האָט זיי, מער אָדער ווייניקער, געקענט, אונ, אָנקוקנדיק דעמ „שווינדלער“, געזידלט אונ באליידיקט

אימ. באַנאַכט האָבנ זיכ רעגלמעסיק איבערגעכאַזערט די שיקערע סקאַנדאַלנ. צומ סאָפ איז דאָכ פאָרגעקומענ עפּעס א נײַס: דער וועכטער האָט אַרײַנגעפירט אַנ אַלטנ מאַנ אונ געזאָגט:

— דער לומפ איז דאָ אינ קאַמער. וואַרפ נאָר א בליק אַרומ זיכ מיט דײַנע אַלטע אויגנ אונ זע, צי קענסטו אימ ניט דערקענענ.

דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט פונ זײַנ געפאַנגענשאַפט האָט העגדאָנ דערפילט אַנ אָנגענעמ געפיל.

„דאָס איז דאָכ בלעק ענדריוס, — א דינער, וואָס האָט זײַנ גאַנצ לעבנ געדינט אינ מײַנ פאָטערס פאַמיליע, — א געטרײַער ערלעכער מאַנ מיט אַנ ערלעכ האַרצ אינ זײַנ ברוסט, — וויִניקסטנס, אַזוי איז ער פריִער געווענ. איצט זײַנענ אַלע פאַלש. אָט וועט איר זענ, אַז ער וועט מיכ דערקענענ; אָבער ער וועט זיכ מאַכנ, אַז ער קענ מיכ ניט, פונקט ווי די איבעריקע“.

דער אַלטער מאַנ האָט זיכ אַרומגעקוקט, באַטראַכט יעדעס פּנימ באַזונדער אונ צומ סאָפ געזאָגט:

— איכ זע דאָ קיינעמ ניט, אַכוצ קליינע גאַנאָווימ אונ גאַסנ־שלעפער. וועלכער איז דאָ דער שווינדלער?

דער וועכטער האָט זיכ צעלאַכט:

— באַטראַכט נאָר אָט די כײַע אונ זאָג מיר דײַנ מיינונג.

דער אַלטער איז צוגעגאַנגענ, באַטראַכט העגדאָנענ פונ קאָפ ביז די פיס אונ געזאָגט:

— ניינ, דאָס איז ניט העגדאָנ — אונ איז קיינמאָל ניט געווענ העגדאָנ.

— ריכטיק! — האָט דער וועכטער צוגעשטימט, — דײַנע אַלטע אויגנ זענענ נאָכ גוט געווונ. ווענ איכ וואָלט געווענ סער הײַו, וואָלט איכ גענומענ אָט דעמ שמוציקנ נעפעש אונ וואָלט...

אונ, אויפהייבנדיק זיכ אויפ די שפּיצ פינגער אונ, קלוימערשט, פאַרציִענדיק א שטריק אַרומ האַלדז, האָט ער, כאָרכלענדיק אונ סאָפּענדיק, באַוויזנ, וויִאַזוי ער וואָלט העגדאָנענ אויפגעהאַנגענ.

— זאָל ער דאַנקענ גאָט, וואָס ער'ט ניט כאַפנ אַנ ערגערנ פּסאַק, — האָט דער אַלטער מיט רעציכע געזאָגט. — ווענ עס וועגדט זיכ אָנ מיר, וואָלט איכ אימ געלאָזט אָפּבראָטנ לעבעדיקערהייט, ווי דו זעסט מיכ א לעבעדיקנ!

דער וועכטער האָט זיכ צעלאכט מיט א ווילד געלעכטער אונ גע־זאָגט:

— געמ אימ א ביסל לעבער, אלטער. אלע טוענ עס. דאָס וועט דיכ פארווײַלנ.

ווי נאָר דער וועכטער איז ארויס, אזוי האָט דער אלטער א פאל געטאָנ אפ די קני אונ גענומענ שעפטשענ:

— א דאנק דעמ אייבערשטנ, וואָס דו ביסט צוריקגעקומענ, מײַנ טײַערער באלעבאָס! איכ האָב געגלייבט, אז דו ביסט שוינ זיבנ יאָר טויט, אונ — אָ, א דאנק גאָט, איכ זע, איכ זע דיכ א לעבעדיקנ! איכ האָב דיכ דערקענט די ערשטע מינוט, אונ ווי שווער ס'איז מיר געווענ צו מאכנ א שטיינערנ פּאָנעמ אונ זאָגנ, אז איכ זע דאָ מער ניט ווי קליינע גאנאָווימלעכ אונ גאסנ־יונגענ! איכ בינ אלט אונ אָרעמ, סער מײַלס, אָבער זאָג נאָר א וואָרט, אונ איכ וועל גיינ אונ אויפווײַזנ דעמ עמעס, מע זאָל מיכ אפילע דערווערגנ דערפאר.

— גיינ, — האָט הענדאָנ געזאָגט, — דו וועסט ניט גיינ. דאָס וואָלט נאָר דיכ אומגעבראכט אונ אונדז וואָלט דערפונ קיינ גוטס ניט ארויסגעקומענ. אָבער איכ דאנק דיר סײַוויסײַ דערפאר, וואָס דו האָסט מיר אומגעקערט מײַנ גלויבנ אינ מענטשנ.

דער אלטער דינער איז שטארק צוניצ געקומענ הענדאָנענ אונ דעמ קיניג. ער פלעגט זיכ ארײַנכאפּנ עטלעכע מאָל אינ טאָג צו „שפּאָטנ" פונ דעמ „שווינדלער" אונ שטילערהייט ברענגענ יעדעס מאָל עפּעס א נאשערײַ צו פארבעסערנ דעמ טורמע־מעניו. צו דער זעלביקער צײַט פלעגט ער איבערגעבנ אלע נײַסנ. די נאשערײַענ פלעגט הענדאָנ איבערלאָזנ פארנ קיניג, ווײַל זײַנ מאיעסטעט, וואָס האָט ניט געקאָנט פארטראָגנ די פוילע אונ שלעכטע שפּײַזנ פונ טורמע, וואָלט אומגעקומענ אָנ די ארײַנגעבראכטע גוטע זאכנ.

ענדריוס פלעגט זיכ אופהאלטנ א קורצע ווײַלע, קעדיי ניט ארויס־צורופנ קיינ כשאד, אָבער אימ פלעגט געלינגענ יעדעס מאָל איבערצו־געבנ גענוג יעדיִעס. די יעדיִעס פלעגט ער איבערגעבנ אינ דער שטיל, אונ אפנ קאָל פלעגט ער זידלענ הענדאָנענ מיט די לעצטע ווערטער, צומ גרויסנ פארגעניגנ פונ די צוהערער.

ביסלעכווײַז האָט הענדאָנ פונ אימ דערוווּסט זיכ אלצ, וואָס ס'האָט פאסירט אינ זײַנ פאמיליע. ארטור איז געשטאָרבנ מיט זעקס

יאָר צוריק. זײַנ טויט אונ דאָס, וואָס פונ מײַלסנ איז קײנ שומ יעדיע ניט געווענ, האָט אונטערגעבראָכנ דעמ פאַטערס געזונט. ער האָט געפילט, אַז ער וועט אײַנקורצנ שטאַרקנ, אונ זײַנ ווונטש איז געווענ צו זענ היו אונ עדיט פאַרהײראַט אײדער ער וועט אַוועקגײנ פונ דער וועלט. עדיט האָט זיכ שטאַרק געבעטנ, מע זאָל אָפלײגנ די כאַסענע, אַלצ האָפנדיק, אַז מײַלס וועט זיכ אומקערנ. דאַנ איז אָנגעקומענ דער בריוו מיט דער יעדיע וועגנ מײַלס טויט. דאָס האָט אינגאַנצנ אַוועקגעלײגט דעמ אַלטנ סער ריטשאַרד. ער האָט געגלײבט, אַז זײַנע טעג זײַנענ געצײלט, אונ ער אונ היו האָבנ דורכויס געפאָדערט, עס זאָל זײַנ כאַסענע. עדיט האָט זיכ קוימ אײַנגעבעטנ, מע זאָל עס אָפלײגנ אַפ א כוידעש צײַט, דערנאָכ האָט זי אויסגעבעטנ א צווײטנ כוידעש אונ א דריטנ. די כופּע איז פאָרגעקומענ בא סער ריטשאַרדס טויטנבעט. די הײראַט איז ניט געווענ קײנ גליקלעכע. מע האָט געשמועסט אומעטומ, אַז אײנגיכנ נאָכ דער כאַסענע האָט עדיט געפונענ צווישנ איר מאַנס פאַפירנ עטלעכע ניט געענדיקטע קאָפיעס פונ „מײַלס" בריוו אונ האָט באַשולדיקט איר מאַנ אינ א געמײנער פעלשונג, וועלכע האָט דערגעענטערט זײער כאַסענע אונ סער ריטשאַרדס טויט. מע דערצײלט, אַז היו באַגײט זיכ זײער שלעכט מיט זײַנ ווײַב אונ מיט דער דינערשאַפט. דערהויפּט, זינט דער פאַטער איז געשטאָרבנ, געפינט ער ניט פאַר נײטיק צו פאַרשטעלנ זיכ אונ באַהאַנדלט אָנ ראַכמאָנעס יעדערנ, וואָס קומט מיט אימ אינ באַרירונג, אָדער וואָס איז אָפהענגיק פונ אימ.

אײנ טײל פונ ענדריוס פלוידערײַ האָט דער קיניג צוגעהערט מיטנ גרעסטנ אינטערעס.

— מע זאָגט, אַז דער קיניג איז מעשוגע, — האָט דער אַלטער אײַנגערוימט, — אָבער גאָט זאָל אײַכ היטנ צו זאָגנ, אַז איר האָט עס געהערט פונ מיר, וואָרעמ זײ זאָגנ, אַז עס קומט דערפאַר טויטשטראָף.

זײַנ מאַיעסטעט האָט א בליצ געטאָנ אַפ דעמ אַלטנ מיט די אויגנ אונ געזאָגט:

— דער קיניג איז נ י ט מעשוגע, מײַנ גוטער אַלטער, אונ ס'וועט זײַנ גלײַכער פאַר דיר, דו זאָלסט זיכ פאַרנעמענ מיט אײגענע געשעפטנ, אײדער מיט אַזא נאַרישער פלוידערײַ.

— וואָס מיינט דאָס יינגל? — האָט געפרעגט דער אַלטער, וואָס האָט זיך גאָר ניט געריכט אפ קיין אָנפאַל פונ דער דאָזיקער זײַט. אָבער הענדאָג האָט אים א ווּנק געטאָן, אונ ער האָט ווײַטער דערציילט:

— דער פאַרשטאָרבענער קיניג וועט ווערנ געבראַכט צו קווּרע אינ א טאָג אָדער אינ צוויי טעג ארום, — דעמ זעכצנטנ פונ הײַנטיקנ כוידעש, אונ דער נײַער קיניג וועט געקרוינט ווערנ אינ וועסטמינסטער דעמ צוואַנציקסטנ.

— איך רעכנ, אז זיי דאַרפנ אים פריִער אויסגעפינענ, — האָט זײַנ מאַיעסטעט א מורמל געטאָנ אונ האָט צופרידלעך צוגעגעבנ: — נאָר מינאַסטאַמ וועלנ זיי שוינ וועגנ דעמ זאָרגנ — אונ איך אויך.

— אינ נאָמענ פונ...

אָבער הענדאָג האָט דעמ אַלטנ ווידער א ווּנק געטאָנ אונ ער איז שטיל געבליבנ. דערנאָך האָט ער זיך ווײַטער אומגעקערט צו זײַנ שמועס:

— סער היו פאָרט צו דער קרוינונג, אונ מיט גרויסע האָפענונגען. ער האָפט צו קומענ צוריק א פער, ווײַל ער איז אינ גרויס פרײַנטשאַפט מיט דעמ לאָרד-רעגענט.

— וואָסער לאָרד-רעגענט? — האָט זײַנ מאַיעסטעט געפרעגט.

— זײַנ גנאַד דער הערצאָג פונ סאָמערסעט.

— וואָסער הערצאָג פונ סאָמערסעט?

— אַך, גאָט מײַנער, ס'איז מער ניטאָ ווי איינ הערצאָג פונ סאָמערסעט-סיימאָר גראַפ הערטפאָרד.

— זינט ווענ איז ער געוואָרנ א הערצאָג אונ א לאָרד-רעגענט? — האָט דער קיניג שאַרפ געפרעגט.

— זינט דעמ לעצטנ טאָג פונ יאַנוואַר.

— אונ ווער, איך בעט דיך, האָט אים געגעבנ אָט דעמ טיטל?

— ער אַליינ אונ דער גרויסער ראַט מיט דער הילפ פונ קיניג.

זײַנ מאַיעסטעט האָט אופגעציטערט.

— דער קיניג? — האָט ער אויסגעשריִענ. — וואָסער קיניג?

— וואָסער קיניג, אינדערעמעסנ! (בארעמהארציקער גאָט, וואָס פעלט דעמ יינגל?). אַזוי ווי מיר האָבנ ניט מער, ווי איינ קיניג, איז

עס שווער צו ענטפערן: זײַן העכסטע הייליקע מאיעסטעט קיניג עדוארד דער זעקסטער — גאָט, באַשיץ אים! יאָ, יאָ, און ער איז א ווויל קינד אויך. און, צי איז ער משוגע אָדער ניט, — זיי זאָגן, אז אים ווערט מיט יעדן טאָג בעסער, — אָבער יעדערער ליובט אים, יעדערער בענטשט אים און אלע בעטן גאָט, ער זאָל לאנג קיניגן אין ענגלאנד, וואָרעם ער האָט אָנגעהויבן זײַן קיניגן מיט ראכמאָנעס, שענקענדיק דעם הערצאָג פון נאָרפאָלק דאָס לעבן, און איצט קלײַבט ער זיך אָפּצושאפן אלע שווערקײַטן און שטרענגע געזעצן, וואָס דריקן דאָס אָרעמע פאָלק.

די נײַס האָט געטראָפן דעם קיניג ווי א דונער. ער האָט זיך אזוי פארטיפט אין זײַנע טרויעריקע געדאנקען, אז ער האָט מער ניט געהערט דעם אלטנס פּלוידערײַ. ער האָט זיך געבראָכן דעם מויעך, ווער קאָן עס זײַן „דאָס ווילע קינד". צי איז עס ניט אמאָל יענער בעטלער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין פּאלאץ, איבערגעטאָן אין זײַנע קליידער? אָבער דאָס קאָן ניט זײַן: זײַן שפּראך און זײַנע מאנירן וואָלטן אים ארויסגעגעבן. מע וואָלט אים גלײַך דורכגעטריבן און גענומען זוכן דעם עמעסן פּרינץ. קאָן עס זײַן, אז דער הויף האָט אוועקגעזעצט אפן טראָן וועמענס־עס־איז פון דער אריסטאָקראטיע? ניין, זײַן פאָטער וואָלט עס ניט דערלאָזן, — ער איז גענוג מעכטיק און ער וואָלט אָן ראכמאָנעס אונטערדריקט אזא באוועגונג, ווען זי וואָלט אויסגעבראָכן.

דעם יונגלס האשאָרעס האָבן אים ניט געהאָלפן. וואָס מער ער האָט זיך געמאטערט צו דערגיין די רעטעניש, אלץ מער איז ער אין איר פארפּלאָנטערט געוואָרן, אלץ מער האָט אים דער קאָפּ ווי געטאָן און אלץ ערגער איז ער געשלאָפן באנאכט. זײַן אומגעדולד צו קומען קיין לאָנדאָן איז געוואקסן מיט יעדער שאָ, און וואָס ווײַטער איז אים געוואָרן אלץ שווערער איבערצוטראָגן די געפאנגענשאפט.

הענדאָנס באמיונגען צו טרייסטן און בארויִקן אים האָבן ניט געהאָלפן. דאָס איז אָבער געלונגען צוויי פרויען, וואָס זײַנען געווען צוגעשמידט ניט ווײַט פון אים. זייער צערטלעכע באהאנדלונג האָט אים א ביסל בארויִקט און געלערנט אים געדולד. ער איז זיי זייער דאנקבאר געווען און האָט זיי ליב געקראָגן זייער בארויִקנדיקע און צערטלעכע געזעלשאפט. ער האָט זיי געפרעגט, פארוואָס זיי זיצן אין געפענג־

קעניש, אונ ווענ זיי האָבנ געענטפערט, אז זיי זײַנענ באפטיסטנ 20י
האָט ער א שמייכל געטאָנ אונ געזאָגט:

— איז עס דענ אזא פארברעכנ, מע זאָל דערפאר פארשפארט ווערנ אינ געפענקעניש? עס טוט מיר זייער באנק, וואָס איכ וועל פארלירנ אײַער געזעלשאפט; אָבער זיי וועלנ אײַכ דאָכ געווים ניט לאנג האלטנ פאר אזא קלייניקײַט.

די פרויענ האָבנ ניט געענטפערט, אָבער דער אויסדרוק פונ זייערע פענעמער האָט אים באומרויִקט, אונ ער האָט געזאָגט:

— איר ענטפערט ניט. זעט, איכ בעט אײַכ, זײַט גוט צו מיר אונ זאָגט מיר: וועלנ זיי אפ אײַכ קיינ אנדער שטראָפ ניט ארופלייגנ? זאָגט, איכ בעט אײַכ, איר האָט ניט וואָס מוירע צו האָבנ.

זיי האָבנ געפרווט אָפּוועגדנ דעמ שמועס אפ עפעס אנדערש, אָבער זײַנ אומרויִקײַט האָט אים ניט אָפּגעלאָזנ, אונ ער האָט ווײַטער געפרעגט:

— וועלנ זיי אײַכ באשטראָפנ מיט ריטער? ניינ, ניינ, זיי וועלנ ניט זײַנ אזוי גרויזאמ! זאָגט, אז ניט. זאָגט זשע, אז ניט, עמעס?

זייערע פענעמער האָבנ ארויסגעוויזנ אומרויִקײַט אונ פארצווייפלונג, אונ זעענדיק, אז זיי וועלנ קיינ ענטפער ניט אויסמײַדנ, האָט איינע פונ זיי געזאָגט:

— אָ, דו ברעכסט אונדזערע הערצער, דו איידל קינד! גאָט וועט אונדז געבנ קויכעס איבערצוטראָגנ אונדזער...

— אָ, איר זײַט זיכ מוירע געווענ! וועלנ זיי אײַכ יאָ באשטראָפנ, אָט די שטיינהארציקע כײַעס! אָבער, אָ, ווײַנט ניט, איכ קאָנ עס ניט פארטראָגנ. פארלירט ניט דעמ מוט, איכ וועל נאָכ באצײַטנס צוריקומענ צו מײַנ מאכט, איכ זאָל אײַכ קאָנענ פארהיטנ פונ דער ביטערער שטראָפ, אונ איכ וועל אײַכ פארהיטנ!

ווענ דער קיניג האָט זיכ אינדערפרי אופגעכאפט, זײַנענ שוינ די פרויענ ניט געווענ.

— זיי זײַנענ געראטעוועט! — האָט ער פריילעכ אויסגעשריִענ, אונ דערנאָכ טרויעריק צוגעגעבנ: — אָבער ווי איז מיר! זיי זײַנענ דאָכ געווענ מײַנע איינציקע טרייסטערנס.

יעדערע פונ זיי האָט אים איבערגעלאָזנ א שטיק סטענגע, צונע-

שפּיליעט צו זײַנע קלײדער, אלס אָנדענקונג. ער האָט באשלאָסנ, אַז ער וועט אײביק האלטנ די דאָזיקע אָנערקענונג און אַז אינגיכנ וועט ער אופזוכנ זײַנע טײַערע פרײַנט און נעמענ זײ אונטער זײַנ שוץ.

גראָד אינ דער װײַלע איז אַרײַנגעקומענ דער טפּיסע=װעכטער מיט עטלעכע געהילפנ און באפוילנ, אַז אלע ארעסטאנטנ זאָלנ ארויסגײנ אפנ הויף. דער קיניג האָט געטאנצט פונ פרײד: ס'וועט זײַנ א גליק װידעראמאָל צו זענ דעמ בלויענ הימל און אָטעמענ די פרישע לופט. ער האָט זיכ געקאסט און געבײזערט אפ די װעכטערס דערפאר, װאָס זײ זײַנענ אזוי ניט=רירעוודיק, אָבער צומ סאָפ זײַנענ זײ צו אימ אויכ צוגעקומענ, אָפּגעשמידט אימ פונ קײט און געהײסנ ער מיט הענדראָנענ זאָלנ גײנ נאָכ די איבעריקע געפאנגענע.

דער פירקאנטיקער טפּיסע=הויף איז געווענ געפּלאסטערט מיט פּלאכע שטײנער. איבערנ קאָפּ האָט זיכ געזוענ דער הימל.

די געפאנגענע זײַנענ אַרײַנגעפירט געוואָרנ דורכ א דיקנ שטײנער=נעמ טויער און אויסגעשטעלט געוואָרנ אינ א שורע, מיט די רוקנס צומ וואנט, פונ פאָרנט איז פארצויגנ געוואָרנ א שטריק און עס האָבנ זיכ אויסגעשטעלט די װעכטער. ס'איז געווענ א קאלטער, גרויער פרי=מאָרגנ. דער שנײ, װאָס איז א גאנצע נאכט געפאלנ, האָט צוגעדעקט דעמ גרויסנ לײדיקנ פּלאץ און האָט נאָכ טרויעריקער געמאכט דאָס בילד. פונ צײַט צו צײַט האָט א קאלטער װינט אופגעהויבנ הויפנס שנײ און געשלײַדערט זײ אהינ און צוריק.

אינמיטנ הויף זײַנענ געשטאנענ צוויי פרויענ, צוגעשמידט צו סלו=פּעס. דער קיניג האָט גלײַכ דערזענ, אַז דאָס זײַנענ זײַנע צוויי פרײַנט. ער האָט אופגעציטערט און געקלערט: „אכ, זײ זײַנענ ניט באפרײַט געוואָרנ, װי איכ האָב געמײנט. עס איז גאָר שווער פאָרצושטעלנ זיכ, אַז אזעלכע טײַערע פרויענ, װי זײ, זאָלנ פארזוכנ די בײַטש! און װוּ — אינ ענגלאנד! יאָ, די דאָזיקע שאנד קומט פאָר ניט ערגעץ אינ א געצנדינע=רישנ לאנד, נאָר אינ קריסטלעכנ ענגלאנד! זײ װעלנ געשמיסנ װערנ מיט בײַטשנ, און איכ, װאָס איז פונ זײ געטרײסט און געהײלט געוואָרנ, מוז צוקוקנ דאָס גרויסע אומרעכט און שווײַגנ. מאָרגנ, זײער מאָרגנ, אַז איכ, דער הויפּט=קוואל פונ מאכט אינ דער מעלוכע, בינ מאכטלאָז צו באשיצנ זײ! אָבער זאָלנ די אויסוואורפנ זײַנ פאָרזיכטיק: א טאָג וועט קו=

מענ, ווענ איכ וועל פונ זיי פאָדערנ דינוועכעזשבנ פאַר די אַלע זייערע מײַסימ, אונ פאַר יעדנ קלאַפּ, וואָס זיי גיבנ איצט אנדערע, וועלנ זיי דערפילנ הונדערט קלעפּ אַפּ זיכ״.

א גרויסער טויער האָט זיכ אופגעפּראַלט אונ ס׳האָט זיכ אַרײַנגעשאָטנ א מאַכנע בירגער. זיי האָבנ אַרומגערינגלט די צוויי פרויענ אונ פאַרשטעלט זיי פונ דעמ קיניגס אויגנ. א גײַסטלעכער איז אַרײַנ, האָט זיכ דורכגעשטופּט צווישנ אוילעמ אונ איז אויכ פאַרשווּנדנ. דער קיניג האָט געהערט עפּעס אומדײַטלעכע פראַגנ אונ ענטפערס, אָבער ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיינ, וואָס מע רעדט. דערנאָכ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ צוגרייטונגענ, באַאמטע זײַנענ געקומענ אונ אוועקגעגאַנגענ אונ ווײַטער געקומענ, אונ מיטאמאָל איז אַלצ רויִק געוואָרנ אונ א טיפע שטילקײַט האָט באַהערשט דעמ פּלאַצ.

עס איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ א באַפעל, אונ דער אוילעמ האָט זיכ צעטיילט אונ אָפּגעטראָטנ אינ בײדע זײַטנ. דער קיניג האָט דערזענ א בילד, וואָס האָט פאַרגליווערט דעמ מאַרכ פונ זײַנע ביינער. אַרומ די צוויי פרויענ זײַנענ געלעגנ אָנגעלייגט בערגלעכ טרוקענע צווײַגנ, אונ עפּעס א מענטש האָט, שטייענדיק אַפּ די קני, אונטערגעצונדנ זיי.

די פרויענ זײַנענ געשטאַנענ מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, די פּענעמער פאַרדעקט מיט די הענט.

די געלע פלאַמענ האָבנ אָנגעהויבנ צו קלעטערנ איבער די טרעשטשענדיקע צווײַגנ; בלויע זײַלנ רויכ זײַנענ אונטערגעכאַפּט געוואָרנ אונ אוועקגעטראָגנ געוואָרנ פונ ווינט. דער גײַסטלעכער האָט אופגעהויבנ די הענט אונ אָנגעהויבנ טפילע טאָנ. אינ דער מינוט האָבנ זיכ דורכ דעמ אָפענעמ טויער אַרײַנגעריסנ צוויי יונגע מיידלעכ, אונ, שרײַענדיק מיט שרעקלעכע קוילעס, א וואָרפ געטאָנ זיכ צו די פרויענ אַפנ שײַטערהויפנ. די באַאמטע האָבנ זיי גלײַכ אָפּגעריסנ, איינע פונ זיי האָט מענ פעסט געהאַלטנ, אָבער די צווייטע האָט זיכ אַרויסגעריסנ, שרײַענדיק, אַז זי וויל שטאַרבנ צוזאַמענ מיט איר מוטער, אונ איידער מע האָט צײַט געהאַט אומצוקוקנ זיכ, האָט זי אַרומגעכאַפּט איר מוטער באַמ האַלדז. מע האָט זי ווידער אָפּגעריסנ. מע האָט פונ איר אַראָפּגעריסנ איר ברענענדיק קלייד אונ געהאַלטנ זי מיט אַלע קויכעס, זי אָבער האָט ניט אופגעהערט צו ראַנגלענ זיכ אונ שרײַענ,

אַז זי בלײבט עלנט אַפּ דער װעלט, אונ געבעטנ זיכ, מע זאָל זי לאָזנ שטאַרבנ צוזאַמענ מיט איר מוטער. בײדע מײדלעכ האָבנ קײנ אײנ מינוט ניט אופגעהערט יאָמערלעכ צו קלאָגנ אונ שרײַענ. מיטאַמאָל איז זײער געװײנ אונ טומל איבערגעריסנ געװאָרנ דורכ שרעקלעכע, האַרצרײַסנדיקע גסיסע-געשרײענ. דער קיניג האָט אַ קוק געטאָנ אַפּנ שטערנהױפּנ, האָט אַפּגיכ אָפּגעקערט זיכ, צוגעדריקט זײַנ אַש-בלײכ פּאָנעם צומ װאַנט אונ מער ניט געקוקט.

„דאָס, װאָס איכ האָב איצט אינ דער אײנ מינוט געזענ, — האָט ער געטראַכט, — װעט שטײנ פאַר מײַנע אױגנ אַלע מײַנע טעג אונ װעט זיכ מיר כאָלעמענ אַלע מײַנע נעכט. עס װעט פאַרבלײַבנ אינ מײַנ זיקאָרנ אַזױ לאַנג, װי איכ װעל לעבנ. האַלעװײַ װאָלט מיכ בעסער גאָט בלינד געמאַכט, אײדער איכ זאָל עס זענ!“

הענדאָנ האָט אַכטונג געגעבנ אַפּ דעמ קיניג אונ צופרידנ געקלערט: „זײַנ מעשוגאַס איז אַריבער. אויב ער װאָלט זיכ געהאַלטנ בא זײַנ פאַנטאַזיע, װאָלט ער געשטורעמט אַפּ די טאַליאָנימ, ער װאָלט געשריענ, אַז ער איז דער קיניג אונ װאָלט באַפױלנ צו באַפרײַענ די פרויענ. אינגיכנ װעט זײַנ אײַנרעדעניש פאַרשװינדנ אונ ער װעט אינגאַנצנ געזונט זײַנ, זאָל גאָט געבנ װאָס גיכער!“

דעמ זעלבנ טאָג האָט מענ אינ טורמע געבראַכט איבערצוגעכטיקנ עטלעכע געפאַנגענע, װאָס זײַנענ געפירט געװאָרנ אינ פאַרשײדענע שטעט, װו זײ האָבנ געהאַרפּט באַשטראָפּט װערנ פאַר באַגאַנגענע פאַרברעכנס. דער קיניג, װאָס האָט בא זיכ אָפּגעמאַכט אױסצופרעגנ די געפאַנגענע, קעדײ ער זאָל נאָכ בעסער װיסנ װי שפּעטער צו רעגירנ, — האָט זיכ מיט זײ פאַנאַנדערגערעדט, אונ די געשיכטע פונ זײערע לײדנ האָט צעבראָכנ זײַנ האַרצ.

אײנע פונ זײ איז געװענ אַ האַלב-מעשוגענע פרױ, װאָס האָט גע-גאַנװעט בא אַ װעבער אַ מעטער אָדער צװײ געװאַנט, — איז זי דער-פאַר פאַרמישפּעט געװאָרנ צומ הענגענ. אַ צװײטער איז באַשולדיקט געװאָרנ אינ גאַנװענענ אַ פערד. די באַשולדיקונג האָט ניט געקאָנט דערװיזנ װערנ, אונ ער האָט שוינ געמײנט, אַז ער איז פרײַ פונ דער טליע, אָבער נײַנ — מע האָט אימ נאָכ ניט באַװיזנ צו באַפרײַענ, װי ער איז באַשולדיקט געװאָרנ אינ שיסנ אַ הירש אינ קיניגלעכנ װאַלד;

דאָס איז יאָ דערוויזן געוואָרן, — און איצט איז ער געווען אפן וועג צום עשאפאָט.

עס איז געווען צווישן די געפאנגענע א יונגער אָנגעשטעלטער פון א געוועלב. דער גורל פונעם דאָזיקן יינגל האָט גאָר צעריסן דעם קיניגס הארץ: דאָס יינגל האָט דערציילט, אז ער האָט געפונען א פויגל, וואָס איז אנטלאָפן פון זיין אייגנטימער, און האָט אים צוגענומען, מיינענדיק, אז ער האָט רעכט דערצו, אָבער דער געריכט האָט אים געמישפּעט פאר גנייווע און פארורטיילט צו טויט [21].

דער קיניג איז געווען אויסער זיך פון אזעלכע מעהרדערייען און האָט געפאָדערט פון הענדאָנען, ער זאָל איינברעכן די טורמע און זיי זאָלן אנטלויפן קיין לאָנדאָן, ווו ער וועט ארופשטייגן אפן טראָן און אויסשטרעקן א האנט פון ראכמאָנעס איבער די דאָזיקע אומגליקלעכע, צו ראטעווען זייער לעבן.

„אָרעם קינד, — האָט הענדאָן אָפּגעזיפצט, — אָט די אלע שרעקלעכע געשיכטעס האָבן ווידער גערירט זיין פארשטאנד. אך, ווען ניט דאָס, וואָלט ער שוין גאָר אינקורצן געווען געזונט“.

צווישן די געפאנגענע איז געווען אן אלטער אדוואָקאט — א מענטש מיט א שטרענג און ערנסט פּאָנעם. מיט דריי יאָר צוריק האָט ער אָנגעשריבן א פּאמפלעט קעגן דעם לאָרד־קאנצלער, באשולדיקנדיק אים אין אומגערעכטיקייט. דערפאר האָט מען אים אָפּגעשניטן ביידע אויערן, צוגעבונדן צום שאנד־סלופּ, אויסגעשלאָסן פון אדוואָקאטנשטאנד און פארמישפּעט צו דריי טויזנט פונט סטערלינג געלטשטראָף. לעצטנס, האָט ער ווידער געשריבן א פּאמפלעט און איז פארמישפּעט געוואָרן צו פארלירן דאָס, וואָס ס'איז אים נאָך פארבליבן פון זיינע אויערן, באצאָלן פינף טויזנט פונט סטערלינג שטראָף, אָפּגעשטעמפּלט ווערן מיט א גליענדיקן שטעמפּל אף ביידע באקן און צו אייביקער געפענקעניש.

— אָט זיינען מיינע ערן־צייכנס! — האָט ער געזאָגט, אָפּשארדיק די גרויע האָר און ווייזנדיק די ערטער, ווו עס זיינען אמאָל געווען זיינע אויערן.

דעם קיניגס אויגן האָבן געברענט מיט צאָרן.

— קיינער גלייבט מיר ניט און דו וועסט אויך ניט גלייבן, — האָט ער געזאָגט, — אָבער עס מאכט ניט אויס, אין פארלויף פון א

כוידעש וועסטו זײַנ פרײַ, אונ נאָכ מער, — די געזעצנ, וואָס האָבנ גערויבט דײַנ ערע אונ פארשעמט דעם נאָמענ פונ ענגלאנד, — וועלנ אָפּגעמעקט ווערנ פונ געזעצ=בוכ. די וועלט איז שלעכט אײַנגעאָרדנט: קיניגנ האָבנ אָפט געדארפט אפ זיכ אליינ פילנ די געזעצנ, וואָס זיי גיבנ ארויס, דאנ וואָלטנ זיי געוווסט צו זײַנ בארעמהארציק.

אכט-אונ-צוואנציקסטער קאפיטל

דער קאָרבנ

הענדאָנ איז דערווײַל געוואָרנ אלצ אומגעדולדיקער אונ מידער פונ זיצנ אינ געפענקעניש אונ גאָרניט טאָנ. צו זײַנ גרויס צופרידנקײַט איז דער טאָג פונ זײַנ מישפעט אָנגעקומענ, אונ ער איז גרייט געווענ איבערצוטראָגנ יעדנ אורטייל, אבי ניט צוריקגיינ אינ געפענקעניש. אָבער ער האָט א טאָעס געהאט: ער איז געוואָרנ שרעקלעכ אופגעבראכט, ווענ ער האָט דערהערט, אז ער איז אָנערקענט געוואָרנ פאר א „פארהארטעוועטנ ארומשלעפער" אונ איז פארמישפעט געוואָרנ צו זײַנ צוויי שאָ צוגעשמידט צומ שאנד=סלופ פאר באפאלנ דעמ אייגנטימער פונ הענדאָנ=שלאָס אינ זײַנ אייגענעמ הויז.

זײַנע מעלדונגענ, אז ער איז דעמ אָנקלאָגערס א ברודער אונ דער עמעסער יוירעש פונ דעמ טיטל אונ גיטער, — זײַנענ מיט פאראכטונג אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ, ווי ווערטער, וואָס עס לוינט אפילע ניט צו הערנ.

אפנ וועג צומ שטראָפ=פלאצ האָט ער געשריענ אונ געסטראשעט, אָבער דאָס האָט אימ ניט געהאָלפנ. די באאמטע האָבנ אימ גראָב געשטויסנ אונ, פונ צײַט צו צײַט, מעכאבעד געווענ מיט א קלאַפ פאר זײַנ אומרויִקער אופירונג.

דער קיניג האָט ניט געקאָנט דורכשלאָגנ זיכ דורכ דעמ האמויג, וואָס איז נאָכגעלאָפנ הענדאָנענ, האָט ער געמוזט נאָכגיינ פונ הינטנ, ווײַט פונ זײַנ פרײַנט אונ דינער. ער אליינ איז נאָכ א האָר שיר ניט פארמישפעט געוואָרנ צו דער זעלביקער שטראָפ פאר זײַנ כאווערשאפט מיט הענדאָנענ. אָבער א דאנק זײַנ יונגקײַט איז ער אָפּגעקו-

מען מיט מוסער אויסהערן און מיט א וואָרענונג אפּ לעהאבע. ווען דער האמוין האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער קיניג זיך געוואָרפן פון איין אָרט אפן צווייטן, זוכנדיק א שפּעלטל, ווו דורכצושטופּן זיך. נאָך גרויס מי איז עס אים געלונגען. דאָ איז געשטאנען זיין נאָבעלער דימער אין די שאנד=קלעצלעך — א ציל פאר שפּאָט און געלעכטער פון שמוציקן האמוין—ער, דער לייב=וועכטער פון דעם ענגלישן קיניג!

עדוארד האָט פריער געהערט דעם אורטייל, אָבער ער האָט קוים פארשטאנען, וואָס דאָס באטייט, און זיין קאס איז געוואקסן מיט יעדער מינוט, וואָס מער ער האָט באגריפן זיין באדייטונג. דעם קיניגס צאָרן האָט דערגרייכט די העכסטע מאדרייגע, ווען אן איי איז דורכגעפלויגן דורך דער לופט און געטראָפן הענדאָנען אין באק, ארויסרופנדיק א ווילדן געלעכטער פון האמוין.

ער האָט א שפּרונג געטאָן צו דעם פרייען קרייז, איז צוגעלאָפן צום עלטסטן באאמטן, אויסשרייענדיק:

— שעמט זיך! דאָס איז מיין דינער! — לאָזט אים פריי! איך בין דער...

— אָ, שווייג! — האָט הענדאָן א פארציטערטער אויסגעשריען, — דו וועסט זיך אומגליקלעך מאכן! קוקט זיך אפ אים ניט אום, באאמטע, ער איז א מעשוגענער.

— האָב קיין מוירע ניט, מיין טייערינקער, — האָט דער באאמטער מיט איראָניע געזאָגט, — איך האָב ניט בעדייע אומצוקוקן זיך אפ אים, אָבער לערנען אים א ביסל דערעכערעץ קאָן ניט שאטן.

און, ווענדנדיק זיך צו איינעם פון זיינע וואכלייט, האָט ער געזאָגט:

— גיב דעם קליינעם שויטע איין מאָל אָדער צוויי מאָל מיטן קאנטשיק, ער זאָל ווייטער וויסן, ווי אופצופירן זיך.

— א האלבע טוץ וועט אפ אים בעסער ווירקן, — האָט געזאָגט סער היו, וואָס איז גראָד פארביי געריטן אפ זיין פערד א קוק טאָן, וואָס הערט זיך.

ווען מע האָט דעם קיניג א כאפּ געטאָן, האָט ער זיך אפילע ניט

גערײנגלט—אזױ פּאראליזירט איז ער געװענ פונ דעמ אײנ געדאנק, אז עס װעט גענייגט װערנ א האנט אפ זײַנ הײליקער פּערזאָנ. אינ דער געשיכטע איז שוינ פּאראנ אײנ באשרײַבונג, װי אנ ענגלישער קיניג איז געשמיסנ געװאָרנ מיט בײַטשנ—אונ װי אומדערטערעגלעכ איז דער געדאנק, אז ער דארפּ זײַנ דער צװײטער צו פּארפּילנ נאָכ אזא בלעטל אינ דער געשיכטע. ער איז אינ דער קלעמ, אונ ס'איז ניטאָ פּאר אימ קײנ רעטונג: ער מוז אָדער קריגנ שמיצ אָדער בעטנ ראכמאָנעס. זײער שװערע באדינגונגענ. ער װעט בעסער צונעמענ די שמיצ — דאָס מעג א קיניג טאָנ, — אָבער בעטנ ראכמימ — דאָס טאָר א קיניג בעשומויפּנ ניט.

מײַלס הענדאָנ האָט אימ אָבער אויסגעלײזט פונ דער שװערער לאגע.

— לאָזט דאָס קינד פרײַ,—האָט ער געזאָגט,—זעט איר ניט, איר הארצלאָזע הינט, װי יונג אונ שװאכ ער איז? לאָזט אימ אָפּ—איכ װעל פאר אימ צונעמענ די שמיצ.

— אָ, דאָס איז א גוטער אײַנפאל, א דאנק דיר דערפאר, — האָט סער היו געזאָגט, אונ זײַנ פּאָנעמ איז באלויכטנ געװאָרנ מיט בײזװיליקער פרײד. — לאָזט דעמ קלײנעמ שלעפּער לויפנ, אונ גיט דעמ יונג א טוצ קאנטשיקעס, א רעכטע טוצ, אונ אָרנטלעכ דערלאנגט.

דער קיניג האָט שוינ געװאָלט ארויסטרעטנ מיט א פײַערדיקנ פּראָטעסט, אָבער סער היו האָט אימ אָפּגעשטעלט מיט א װיכטיקער באמערקונג:

— רײד, רײד, אונ מאכ דיר גרינג דײַנ הארצ, אָבער זײַ װיסנ, אז פאר יעדנ װאָרט, װאָס דו װעסט אויסרײדנ, װעט ער באקומענ זעקס שמיצ מער.

מע האָט הענדאָנען ארויסגענומענ פונ די קלעצלעכ אונ אָפּגעדעקט דעמ רוקנ. װענ מע האָט אימ גענומענ שמײַסנ, האָט זיכ דער אָרעמער קלײנער קיניג אָפּגעקערט אָנ א זײַט, אונ גאָר ניט קײנ קיניגלעכע טרערנ האָבנ גערונענ איבער זײַנע באקנ אָנ אויפהער.

„אכ, מוטיק, גוט הארצ,—האָט ער געקלערט,—דער דאָזיקער נאָבעלער טאט װעט קײנמאָל ניט אָפּגעמעקט װערנ פונ מײַנ געדעכעניש. איכ װעל עס קײנמאָל ניט פארגעסנ, דאָסגלײַכנ װעלנ זײ עס ניט פארגעסנ!" — האָט ער צוגעגעבנ מיט היצ.

דער אָרעמער קליינער קיניג האָט זיכ אָפּגעקערט...

אונ וואָס מער ער האָט באטראכט הענדאָנס גרויסמוטיקנ טאט, אלצ גרעסער איז הענדאָג אויסגעוואקסנ אינ זײַנע אויגנ, אונ אלצ יאנקבארער איז ער אים געוואָרנ.

„ווער עס פארהיט זײַנ הערשער פונ ווונדנ אונ פונ מעגלעכנ טויט — אונ דאָס האָט ער געטאָנ פאר מיר — טוט שוינ א גרויסע זאכ. אָבער דאָס איז א קלייניקייט — ס'איז גאָרניט, אָ, מער ווי גאָרניט, אינ פארגלײַכ מיט פארהיטנ דעמ קיניג פונ ש א נ ד!"

הענדאָנ האָט קיינ פיפס ניט געטאָנ אונטער די בײַטשנ. ער האָט איבערגעטראָגנ די שמיצ מיט דער אויסגעהאלטנקייט פונ א זעלנער. דאָס, צוזאמענ מיט זײַנ באפרײַענ דאָס יינגל פונ שמיצ אונ נעמענ זיי אפ זיכ, האָט ארויסגערופנ א געוויסנ רעספעקט אפילע בא דעמ נידעריקנ אונ ווילדנ האמוינ, וואָס האָט זיכ דאָ פארזאמלט. די גלײַכווערטלעכ אונ שפּאָטערײַ האָבנ אופגעהערט, אונ ס'האָט זיכ ניט מער געהערט ווי דער פײַפ פונ די בײַטשנ. די שטילקייט, וואָס האָט געהערשט, ווענ מע האָט הענדאָנענ צוריק אוועקגעשטעלט אינ זײַנע שאנד-קלעצלעכ, איז געווענ פונקט דער הייפעכ פונ דעמ שפּאָטישנ טומל אונ גוואלד, מיט וועלכנ ער איז פריִער באגעגנט געוואָרנ.

דער קיניג האָט זיכ שטיל צוגעשלײַכט צו זײַנ זײַט אונ אײַנגערוימט אים אינ אויער:

— קייסאָרימ קענענ דיכ ניט נאָבעלער מאכנ, דו גרויסע נעשאָמע, ווײַל דאָס האָט שוינ געטאָנ דער, וואָס איז העכער פונ קיניג, אָבער דער קיניג קאָנ באשטעטיקנ דײַנ גרויסמוט פאר דער וועלט.

ער האָט זיכ אָנגעבויגנ צו דער ערד, אופגעהויבנ די בײַטש אונ, אָנרירנדיק מיט איר הענדאָנס צעבלוטיקטנ רוקנ, אײַנגערוימט:

— עדוארד, קיניג פונ ענגלאנד, באערט דיכ מיט דעמ טיטל גראפ!

הענדאָנ איז געווענ גערירט. זײַנע אויגנ זײַנענ פול געוואָרנ מיט טרערנ. אָבער צו דער זעלבער צײַט איז די קאָמישע זײַט פונ דער זאכ אזוי דײַטלעכ ארויסגעטראָטנ פאר אים, אז ער האָט זיכ קוימ אײַנגעהאלטנ ניט ארויסצוגעבנ עס מיט א שמייכל.

מיט איינ מאָל דערהויבנ ווערנ — אנ אויסגעלאכטער, א נאקעטער אונ א געשמיסענער — פונ די שאנד-קלעצלעכ צו דער הויכער מאדרייגע פונ א גראפ, — האָט אים אויסגעזענ מער ווי קאָמיש. —

„עס גליקט מיר בעעמעס! — האָט ער געקלערט. — דער געשפענסטעריטער פונעם קיניגרייכ פונ שאָטנס אונ כאלוימעס איז געוואָרנ א געשפענסט=גראפ! א קאָפ=שווינדלדיקער פלי פאר א ניט=באפעדערטנ פליגל! אויב דאָס זאָל אזוי ווייטער אָנגיינ, וועל איכ אינגיכנ זיינ באהאנגענ ווי א שטעקנ מיט פאנטאסטישע ערנ=צייכנס אונ קלוימערשטיקע טיטלענ. אָבער ווי ווערטלאָז זיי זאָלנ ניט זיינ, וועל איכ זיי דאָכ שאצנ, ווייל זיי קומענ פונ ליבע. בעסער באקומענ די דאָזיקע קלוימערשטיקע אָרעמע צייכנס, וואָס קומענ אומגעבעטנ פונ א ריינער האנט אונ א גוט הארצ, איידער עמעסע טיטלענ, וואָס ווערנ געקויפט דורכ כניפע אונ קנעכטשאפט בא אנ אויסגערעכנטער אונ ענג=הארציקער מאכט.

דער גרויזאמער סער היו האָט אויסגעקערעוועט זיינ פערד אונ איז אוועקגעריטנ צווישנ די צוויי לעבעדיקע ווענט, וואָס האָבנ שטיל געמאכט וועג פאר אים אונ שטיל צוריק געשלאָסנ זיכ. קיינער איז ניט געגאנגענ אזוי ווייט צו דערוועגנ זיכ זאָגנ א גוט וואָרט פארנ געפאנגענעם אָדער אויסדריקנ אים מיטגעפיל, אָבער דאָס, וואָס מע האָט אים ניט אויסגעשפאָט, איז שוינ געווענ א גענוגנדיקער סימענ פונ רעספעקט פאר אים.

ווענ איינער, וואָס איז שפעטער אָנגעקומענ אונ האָט ניט געוווסט וואָס דאָ איז געשענ, האָט געפרווט כויזעק מאכנ פונ דעם „שווינדלער“ אונ געוואָלט א וואָרפ טאָנ אינ אים א געפייגערטע קאצ,—האָט מענ אים אָנ ווערטער ארויסגעוואָרפנ פונ צווישנ אוילעם, אונ ס'איז ווידער שטיל געוואָרנ.

נײַנ-אונ-צוואנציקסטער קאפיטל

קיינ לאָנדאָנ

ווענ הענדאָנ איז אָפגעקומענ זיינ שטראָפ באם שאנד=סלופ, איז ער באפרייט געוואָרנ אונ אים איז פאראָרדנט געוואָרנ צו פארלאָזנ די געגנט אונ קיינמאָל צוריק ניט קומענ. מע האָט אים אומגעקערט זיינ שווערד, זיינ אייזל אונ זיינ מויל=אייזל. ער מיטנ קיניג האָבנ זיכ

ארופגעזעצט און זײַנע אוועקגעריטן צווישן דעם אוילעמ, וואָס האָט מיט שטילן רעספעקט געמאכט א וועג פאר זיי און פאנאנדערגעגאנגען זיך, ווי נאָר זיי זײַנען אוועקגעפאָרן.

הענדאָג האָט זיך אינגאנצן פארטיפט אין זײַנע געדאנקען. ער האָט געמוזט פארענטפערן אייניקע וויכטיקע פראגן: וואָס זאָל ער טאָן? און וווּהין זאָל ער גיין? ער מוז געפינען גרויסע פראָטעקציע, הילף פון א שטארקער האנט, אז ניט וועט ער זיך מוזן אָפזאָגן פון זײַן ירושה און נאָך בלײַבן מיט א נאָמען פון א שווינדלער אלס צוגאָב. וווּ קאָן ער האָפן צו געפינען די דאָזיקע הילף? אינדערעמעסן, וווּ? ס'איז געווען א פארפלאָנטערטע פראגע. מיטאמאָל איז אים אײַנגעפאלן א געדאנק, וואָס האָט אים אָנגעוויזן א מעגלעכקײַט,—עמעס, די ווײַטסטע פון די ווײַטסטע מעגלעכקײַטן, דאָך איז קעדײַ א קלער צו טאָן וועגן דעם, ווען ס'איז סײַווי סײַ קיין אנדער אויסוועג ניטאָ: ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס דער אלטער ענדריוס האָט געזאָגט וועגן דעם יונגן קיניגס גוטסקײַט און זײַן באשיצונג פון אָרעמע און געקריוודעטע.

פארוואָס ניט פרוּוון צו דערשלאָגן זיך צו אים און בעטן גערעכטיקײַט? אָ, אָבער קאָן אזא אָפגעריסענער בעטלער זיך דערשלאָגן צו א מאָנארך? נאָר ס'מאכט ניט אויס, מע דארף דאָס איבערלאָזן דער נאטור. ס'איז א בריק, וואָס מע דארף זי ניט אריבערגיין, ביז מע קומט ניט צו איר. צו וואָס ברעכן זיך דעם מויעך פאר דער צײַט? ער איז אן אלטער זעלנער און איז געוווינט צו אלערליי צופאלן, וועט ער אין דעם פאל אויך געפינען אן אויסוועג. יאָ, אזוי בלײַבט עס: ער וועט זיך אוועקלאָזן אין דער הויפטשטאָט. עפשער וועט זײַן פאָטערס אלטער פרײַנט, סער הומפרי מארלאָו, באהילפיק זײַן אים—דער גוטער, אלטער סער הומפרי, הויפט-לייטענאנט פון דעם קיניגס קיך, שטאלן אָדער ווייס איך וואָס,—מײַלס האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען פון וואָס גענוי.

איצט, אז ער האָט געהאט וווּהין און אָף וואָס אָנצווענדן זײַן ענערגיע, א געוויסן ציל אויסצופירן, זײַנען די וואָלקנס פון דערנידעריקונג און דערשלאָגנקײַט, וואָס האָבן זיך געהאט פארשפרייט איבער אים, פארשוונדן, און ער האָט אופגעהויבן זײַן קאָפ און ארומגעקוקט זיך.

ער האָט זיכ פארוווּנדערט, ווי וויַט זיי זיַנענ שוינ פארפאָרנ. דער קיניג איז נאָכגעפאָרנ נאָכ אימ מיט אנ אראָפּגעלאָזענעמ קאָפּ,—אויכ פארטיפט אינ זיַנע געדאנקענ אונ פּלענער. איינ זאכ האָט באומרויִקט הענדאָנענ: וועט דאָס יינגל וועלנ צוריקגיינ אינ דער שטאָט, ווו ער האָט קיינ זאכ, אויסער שלעכטער באהאנדלונג אונ ביטערער נויט, קיינמאָל ניט געוווּסט?

דאָס מוז קלאָר ווערנ. הענדאָנ האָט אָפּגעשטעלט דעמ מויל-אייזל אונ אויסגערופנ:

— איכ האָב פארגעסנ צו פרעגנ וווּהינ מיר פאָרנ. וואָס איז דיַינ באפעל, מיַינ האר?

— קיינ לאָנדאָנ!

הענדאָנ איז געווענ צופרידנ אונ צו דער זעלביקער צײַט איבעראשט מיט דעמ ענטפער.

די גאנצע נעסיִע איז דורכגעגאנגענ אָנ וועלכע-עס-איז וויכטיקע פּאסירונגענ, נאָר געענדיקט האָט זי זיכ יאָ מיט איינער. צענ אזויגער אינ אָוונט דעמ ניַינצנטנ פעווראל זיַנענ זיי ארופגעפאָרנ אָפּ דער לאָנדאָנער בריק צווישנ א טומלדיקנ געדראנג פונ „הורא“-שריַיענדיקע מענטשנ, די פּנימער באמ אוילעמ זיַנענ געווענ פרייִלעכ פונעמ אויסגעטרונקענעמ ביר אונ האָבנ געגלאנצט באמ שיַינ פונ די פלאמענ פונ די ברענענדיקע פאקעלנ. אינ דער זעלביקער מינוט איז פונ דער הייכ אראָפּגעפאלנ דער צעפוילטער קאָפּ פונ א געוועזענעמ הערצאָג אָדער פונ אנ אנדער גרויסנ מענטשנ אונ, אָפּשלאָגנדיק זיכ אָנ הענדאָנס עלנבויגנ, איז ער געבליבנ ליגנ אונטער די פיס פונ האמוינ. אָט אזוי פארגענגלעכ אונ ניט דויערהאפט זיַנענ די מעַסימ פונ מענטשנ! דער קיניג איז געשטאָרבנ ערשט מיט דריַי וואָכנ צוריק, איז געלעגנ אינ קייווער ניט מער ווי דריַי טעג, אונ די נאָבעלע באפּוצונגענ, וואָס ער האָט מיט אזא גרויסער מי אויסגעקליבנ פאר זיַינ גרויסארטיקער בריק צווישנ די וויכטיקסטע מענטשנ פונ ענגלאנד,—האָבנ שוינ אָנגעהויבנ צו פאלנ... א בירגער האָט זיכ פארטשעפּעט אָנ דעמ קאָפּ אונ איז מיט זיַינ אייגענעמ קאָפּ אריַינגעפאלנ אינ א פרעמדנ רוקנ. יענער האָט זיכ אומגעקערט אונ א זעצ געטאָנ דעמ ערשטנ בעסטנ, וואָס האָט זיכ אימ אונטערגערוקט אונטערנ האנט, האָט אימ דער כא-

ווער פון דעם געשלאָגענעם גיי־ ־שט, נו, און אַ צײַט פאַר אַ געשלעג איז איצט איז געווען די סאַמע פּאַסיקע: מאָרגן האָט געדאַרפט פאָרקומען די קרוינונג, און אַלע זײַנען געווען פאַרשיקערט פון ביר און פּאַטריאָטיזם. אין פינף מינוט אַרום האָט זיך דאָס געשלעג פאַרשפרייט אויף אַ גרויסן שטעטל, אין צען אָדער צוועלף מינוט אַרום האָט עס שוין פאַרנומען אַן ערך אַ מייל און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עמעסער שלאַכט.

אָט אין דער צײַט זײַנען הענדאָן און דער קיניג אָפּגעריסן געוואָרן איינער פון דעם צווייטן און זײַנען פאַרלאָרן געוואָרן צווישן דעם טומל און געשריי פון דעם רוישנדיקן האַמוין.

און דאָ וועלן מיר זיי איבערלאָזן.

דרײַסיקסטער קאַפּיטל

טאָמס דערפאָלג

אין דער צײַט, ווען דער עמעסער קיניג האָט זיך אַרומגעוואַלגערט איבערן לאַנד אָפּגעריסן, הונגעריק, דאָ געשלאָגן און אויסגעשפּאָט פון שלעפּערס און באַנדיטן, דאָרט געזעסן אין געפענקעניש מיט גנאַוויִם און מערדער און איז פון יעדערן אָנגענומען געוואָרן פאַר אַן אידיאָט און מעשוגענעם, — אין דער זעלביקער צײַט האָט דער קלוימערשטיקער קיניג טאָם קענטי איבערגעלעבט גאָר עפּעס אַנדערס.

ווען מיר האָבן אים צום לעצטן מאָל געזען, האָט דאָס קיניגן ערשט אָנגעהויבן צו ווײַזן אים אַ ליכטיקע זײַט. די דאָזיקע ליכטיקע זײַט האָט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער פאַרברייטערט און איז אין אַ קורצער צײַט געוואָרן בלויז גלאַנץ און זון־שײַן. ער האָט אויפגעהערט צו שרעקן זיך; זײַנע אומגעשיקטקײַט און דאָס געפיל פון אומבאַהאָלפנקײַט זײַנען פאַרשוווּנדן און האָבן אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר לײַכטקײַט און זיכערקײַט. ער האָט אַלץ בעסער אויסגענוצט דאָס „שמײַס־ייִנגל“ אַלס קוואַל פון אינפאָרמאַציע.

פלעגט זיך אים פאַרגלוסטן שפּילן אָדער פאַרווײַלן זיך, פלעגט ער אײַנלאַדן די פרינצעסן עליזאַבעט און דזשיין גריי. פלעגן זיי אים

דערעסנ, פלעגט ער זיי אָפּשיקנ מיט א מינע פונ א מענטשנ, וואָס איז געווינטש צו אזעלכע זאכנ, אונ ער איז שוינ מער ניט געקומענ אינ פארלעגנהײט, ווענ זיי האָבנ אימ פארנ אוועקגיינ געקושט די האַנט.

אימ האָט שוינ אָנגעהויבנ געפעלנ צו ווערנ דער פאראד, וואָס מע מאכט בייסנ לייגנ אימ שלאָפנ באנאכט, אונ די צערעמאָניע פונ אָנטאָנ אינדערפרי. ער האָט אָנגעהויבנ צו פילנ א שטאָלצע באפרידיקונג פונ גיינ צו מיטיק ארומגערינגלט מיט א גלענצנדער סוויטע, באגלייט פונ אנ ערנ-וואכ,—דאָס איז אימ אפ אזויפיל געפעלנ געוואָרנ, אז ער האָט פארדאָפלט די צאָל פונ די ערנ-וואכלײט ביז הונדערט. ער האָט ליב געהאט צו הערנ די טרומייטנ-סיגנאלנ אונ דעם אויסרופ:
„מאכט וועג פארנ קיניג!“

אימ האָבנ אפילע אָנגעהויבנ צו געפעלנ די פאראדנע רעגירונגס-זיצונגענ, דאָס זיצנ בײסמײסע אפנ טראָנ אונ די מעגלעכקײט צו באווײזנ, אז ער איז עפּעס מער ווי א פּאָשעטער אווטאָמאט, וואָס גיט איבער דעם לאָרד-רעגענטס ווערטער. ער האָט ליב געקראָגנ אופצונעמענ אויסלענדישע געזאנדטע מיט זייערע גלענצנדע סוויטעס אונ אויסהערנ די פרײנטלעכע באגריסונגענ אינ נאָמענ פונ זייערע באריממטע קיניגנ, וואָס האָבנ אימ גערופנ „ברודער“.

אָ, גליקלעכער טאָמ קענטי פונ שמוץ-הויפ!

ער האָט האנאָע געהאט פונ זײנע פרעכטיקע קליידער אונ האָט באשטעלט נאָכ. ער האָט געפונענ, אז פיר הונדערט דינער זײנענ ניט גענוג פאר זײנ שטאט, אונ ער האָט זייער צאָל פארדרײפאכט. די כניפע פונ די הויפ-לײט, וואָס בוקנ זיכ פאר אימ, האָט אָנגעהויבנ צו קלינגענ אינ זײנע אויערנ ווי די זיסטע מוזיק. ער איז פארבליבנ צארט אונ פרײנטלעכ, א פעסטער אונ אנטשלאָסענער באשיצער פונ אָרעמע אונ אונטערדריקטע. ער האָט געפירט א ביטערע מילכאָמע קעגנ אומגערעכטע געזעצנ. דאָכ, ווענ עמעצער פונ די הויפ-לײט האָט אימ אָנגערירט מיט א וואָרט אָדער ווידערשפעניקט, פלעגט ער ווארפנ אזא בליק אפ א גראפ אָדער אפילע אפ א הערצאָג, אז יענער פלעגט פארציטערט ווערנ. אײנמאָל, ווענ זײנ שטרענג הייליקע „שוועסטער“ מערי האָט מיט אימ גענומענ אײנטײנענ קעגנ זײנ פּאָליטיק פונ באפרײענ אזויפיל מענטשנ, וואָס וואָלטנ געדארפט פארשפארט

ווערן אין געפענקעניש, געהאנגענ אָדער פארברענט ווערן, און האָט אים דערמאָנט, אז אין זייער קיניגלעכן פּאַטערס טורמעס זיינען צענ־ וויי געזעסן ביז זעכציק טויזנט פארורטיילטע און אז אין פארלויף פון זיין הערלעכער רעגירונג האָט ער איבערגעגעבן צוויי און זיבעציק טויזנט גאנאָווים און רויבער צום טאליען,—איז דאָס יינגל געווען אוי־ סער זיך פון אופרעגונג און האָט איר באפוילן צו גיין צו זיך אין צימער און בעטן גאָט, ער זאָל איר געבן א הארץ אָנשטאָט דעם שטיין, וואָס עס ליגט אין איר ברוסט.

האָט זיך טאָם קענטי קיינמאָל ניט באאומרויקט וועגן דעם אומגליק־ לעכן עמעסן קליינעם פרינצ, וואָס איז דעמלט מיט אזא היצ ארויס־ געלאָפן נויקעמ זיין זיך אָנ דעם וועכטער, וואָס האָט באליידיקט אים, דעם אָרעמען שלעפּער?—יאָ, זיינע ערשטע קיניגלעכע טעג זיינען גע־ ווען געננוג פארביטערט פון דעם געדאנק וועגן דעם פארשווונדענעם פרינצ, פון דעם ווונטש, ער זאָל זיך אומקערן און גליקלעך פארנעמען דאָס אָרט און דאָס רעכט, וואָס אים געהערט. אָבער טעג זיינען פאר־ ביינעגאנגענ און דער פרינצ האָט זיך ניט אומגעקערט. טאָמס גע־ דאנקען זיינען אלץ מער און מער פארנומען געוואָרן מיט די נייע באצויבערנדיקע איבערלעבונגען און אלץ ווייניקער און ווייניקער מיט דעם פארשווונדענעם פרינצ. און ווען ער האָט זיך יאָ אמאָל אָנ אים דערמאָנט, איז ער פאר אים געוואָרן אן אומגעוווונטשן געשפענסט, מאכמעס טאָם פלעגט זיך בייסמיינסע פילן שולדיק און פאר־ שעמט.

טאָמס אָרעמע מוטער און שוועסטער זיינען אויך פארגעסן גע־ וואָרן. פון אָנהייב האָט ער געבענקט נאָך זיי, געגארט צו זען זיי; אָבער שפּעטער האָט דער געדאנק, אז זיי קאָנען ווענ־עס־איז קומען אין זייערע שמוציקע שמאטעס, ארויסגעבן אים מיט זייערע קושן און אראָפּשלעפּן אים פון זיין הערהויבנקייט צוריק צו אָרעמקייט, דערני־ דעריקונג און שמוציקע כוואַרעם,—ארויסגערופן בא אים א שוידער. און ביסלעכווייז האָבן זיי אינגאנצן אופגעהערט צו באאומרויקן זיינע געדאנקען, און ער איז געווען צופרידן, קימאט גליקלעך, וואָרעם ווען נאָך זייערע טרוי־ עריקע און באשולדיקנדיקע פּנעמער פלעגן ארויסטרעטן פאר זיינע אויגן, פלעגט ער זיך אליין פאראכטן מער ווי דעם וואָרעם, וואָס פוי־ זעט אפ דער ערד.

דעם גאַנצנ פּעוורואַל אומ האַלבער נאַכט איז טאָמ קענטי אײַנ־געשלאָפנ אינ פּאַלאַצ אַפ זײַנ רײַכ בעט, באַוואַכט פונ געטרײַע קנעכט אונ אַרומגערינגלט מיט קיניגלעכער פּראַכט, פילנדיק זיכ אַ גליקלעכ יינגל: מאָרגנ האָט ער באַדאַרפט געקרוינט ווערנ אַלס קיניג פונ ענגלאַנד.

אינ דער זעלביקער שאָ איז עדוואַרד, דער עמעסער קיניג — אַ הונגעריקער אונ אַ דאָרשטיקער, פאַרשמירט אונ פאַרשמוצט, אָפּגעריסנ אונ אָפּגעפּליקט — אַ רעזולטאַט פונ דעם גרויסנ געשלעג — געשטאַנענ אײַנגעקוועטשט צווישנ אַ מעננע מענטשנ, וואָס האָבנ מיט גרויס אינטערעס צוגעקוקט ווי קאָמפּאַניעס אַרבעטער גייענ אַרײַנ אונ אַרויס פונ וועסטמינסטער־קלויסטער אונ אַרבעטנ פלײַסיק, מאַכנדיק די לעצטע צוגרייטונגענ צו דער קיניגלעכער קרוינונג.

אײנ־אונ־דרײַסיקסטער קאַפּיטל

די קרוינונג־פּראָצעסיע

ווענ טאָמ קענטי האָט זיכ אינדערפרי אופגעכאַפּט, האָט אַלצ אַרומ אימ געלעבט אונ באַוועגט זיכ. דער טומל האָט געקלונגענ אינ זײַנע אויערנ, ווי מוזיק, ווײַל דאָס האָט באַטײַט, אַז גאַנצ ענגלאַנד האָט אַרויסגעשטאָנענ אַפ דער גאַס צו באַגריסנ דעם דאָזיקנ גרויסנ טאָג.

אונ גיכ האָט טאָמ ווידער געדאַרפט זײַנ די הויפּט־פּערזאָנ פונ אַ וווּנדערפולער פּראָצעסיע איבער דער טעמזע, ווײַל לויטנ אַלטנ מינהעג האָט די „אָנערקענונגס־פּראָצעסיע“, וואָס קומט פאָר פאַר דער קרוינונג פונ אַ קיניג, געדאַרפט אָנהייבנ זיכ פונעמ לאָנדאָנער טאַוער אונ, דורכגייענדיק די גאַנצע שטאָט, צוריקקומענ אַהינ.

ווענ טאָמ איז אַהינ אָנגעקומענ, האָבנ די ווענט פונ דער אַלטער פעסטונג ווי געשפּאָלטנ זיכ אינ טויזנטער ערטער מיט איינמאָל, אונ פונ יעדנ שפּאַלט האָבנ אַ שפּאַר געטאָנ רויטע צונגענ פלאַמענ אונ ווײַסע זײַלנ רויכ. ס'האָט זיכ דערהערט אַ טוירעדיקער אופרײַס פונ פײַערווערק, וואָס האָט פאַרטויבט די פרייד־אויסגעשרייענ פונ המוינ אונ געמאַכט ציטערנ די ערד. די סנאָפּעס פײַערנ, די אופרײַסנ

אונ די באַגריסונגענ האָבנ זיכ איבערגעכאַזערט מיט א גוואַלדיקער קראַפט אונ שנעלקײַט, אַזוי אַז איינגיכנ איז די גאַנצע פעסטונג אײַנגעהילט געווענ אינ געדיכטנ רויכ, אכוצ דעמ „ווײַסנ טורעמ", וואָס איז ארויסגעטראָטנ מיט זײַנ שפּיצ אונ פלאַטערנדיקע פאָנענ אַפּ אימ, ווי דער שפּיצ פונ א באַרג איבער די וואָלקנס.

טאָמ קענטי האָט גערישנ אַפּ א פּרעכטיקנ רייג=בלוטיקנ רײַט=פערד, באַ וועלכנ די רײַכע באַפּוצונגענ האָבנ דערגרייכט קימאַט ביז דער ערד. זײַנ „פעטער", לאָרד=רעגענט סאָמערסעט, אויכ אַפּ א זעלטענעמ קריגס=פערד, איז אימ נאָכגעריטנ פונ הינטנ. פונ ביידע זײַטנ זײַנענ געריטנ צוויי שורעס קיניגלעכע גוואַרדיע, באַהאַנגענ מיט בלישטשענדיקנ געווער. נאָכ דעמ רעגענט האָט זיכ אָנ א סאָפּ געצויגנ א פּראָצעסיע פונ אדעליקע מיט זייערע וואַסאַלנ. נאָכ זיי איז געפאָרנ דער לאָרד=מער מיט די שטאָטישע ראַטמענער אינ סאַמעטענע פּורפּור=מאַנטלענ מיט גאָלדענע קייטנ אַפּ זייערע ברוסטנ. דערנאָכ זײַנענ געגאַנגענ די באַאַמטע אונ מיטגלידער פונ אלע לאָנדאָנער גילדיעס אינ רײַכע קליידער, טראָגנדיק שניי=ווײַסע פאָנענ פונ אלערליי קאָרפּאָראַציעס. אינ דער פּראָצעסיע איז אויכ געגאַנגענ א באַזונדערע ערנ=וואַכ פונ דער אַלטער אונ געאַכטער אַרטילעריע=ראָטע, וואָס האָט שוינ עקזיסטירט דרײַ הונדערט יאָר אונ וואָס איז געווענ דער אייגציקער מיליטער=אָפּטייל מיט דער פּריווילעגיע ניט צו זײַנ אָפּהענגיק פונעמ פּאַרלאַמענט (זי פאַרמאָגט אָט די פּריווילעגיע ביז הײַנטיקנ טאָג). דאָס איז געווענ א פּרעכטיק בילד אונ איז באַגעגנט געוואָרנ מיט באַגריסונגענ אונ אויסרופנ די גאַנצע צײַט, וואָס די פּראָצעסיע האָט זיכ לאַנגזאַמ באַוועגט צווישנ דעמ גוואַלדיקנ געזעמל פונ בירגער.

דער כראָניק=שרײַבער דערציילט:

„ווענ דער קיניג איז ארײַנגעפאָרנ אינ שטאָט, איז ער אופגענומענ געוואָרנ פונ דער באַפעלקערונג מיט טפילעס, מיט בראָכעס, מיט באַגריסונג=אויסרופנ, מיט צערטלעכע ווערטער אונ מיט אלע צייכנס פונ עמעסער ליבע פונ געטרײַע אונטערטאַנער צו זייער קיניג. אונ דער קיניג, אומקערנדיק זײַנ צופרידנ פּאָנעמ צו די, וואָס זײַנענ געווענ ווײַט פונ אימ, אונ ווענדנדיק זיכ מיט העכסט פרײַנטלעכע ווערטער צו די, וואָס זײַנענ געשטאַנענ נאָענט פונ אימ,—האָט ארויסגעוויזנ,

אז ער איז ניט ווייניקער גליקלעכ אָנצונעמענ דעמ פאָלקס=אויסדרוק פונ ליבשאפט, ווי דאָס פאָלק—אויסצודריקנ זי. אלע, וואָס האָבנ אימ געווונטשנ אלדאָסגוטס, האָט ער הארציק געדאנקט, אונ די, וואָס האָבנ אימ געבענטשט מיט די ווערטער: „גאָט, באשיצ דײַנ גנאָד!“, — האָט ער צוריק געענטפערט מיט א בראָכע: „גאָט זאָל אײַכ אלעמענ באשיצנ!“ אונ צוגעגעבנ, אז „ער דאנקט זיי פונ גאנצנ הארצנ“. דאָס פאָלק איז געווענ אנציקט פונ זייער קיניגס ליבנסווירדיקע ענטפערס אונ האנט=באוועגונגענ“.

אפ פענטשערטש=גאַס איז „א שיינ קינד אינ פרעכטיקע קליידער“ געשטאנענ אפ אנ עסטראדע אונ באגריסט דעמ קיניג מיט א ליד, וואָס האָט זיכ געענדיקט מיט די ווערטער:

זײַ געגריסט, אָ, קיניג! זײַ געגריסט, אָ, הערשער!
זײַ געגריסט אפ אייביק — עס קלינגט פונ יעדנ מויל.
געגריסט דו זײַ פונ הערצער, וואָס וועלנ קיינמאָל פעלשנ!
צו בעטנ פאר דיר גאָט איז קיינער פונ אונדז פויל!

דאָס פאָלק האָט אויסגעבראָכנ אינ א צופרידענעמ דונער=געשריי אונ האָט איבערגעכאזערט דעמ קינדס לעצטנ פערז. טאָמ קענטי האָט געקוקט אפ דעמ יאמ באוועגלעכע אונ פריידיקע פענעמער אונ האָט געטראכט, אז דאָס איינציקע, צוליב וואָס עס איז קעדײַ לעבנ אפ דער וועלט, איז צו זײַנ א קיניג אונ דער ליבלינג פונ א פאָלק. מיטאמאָל האָט ער פונווײַטנ דערזענ צוויי פונ זײַנע כאווײרימ פונ שמוצ=געסל. איינער פונ זיי איז געווענ לאָרד=אדמיראל פונ זײַנ אמאָליקער פאנטאסטישער מעלוכע, אונ דער צווייטער איז געווענ לאָרד=הויפט=קאמער=דינער פונ דעמ פאנטאסטישנ קיניגלעכנ הויפ. אָ, ווענ זיי וואָלטנ אימ איצט געקאָנט דערקענענ! וואָס פאר אנ אויסערגעוויינלעכ גליק דאָס וואָלט געווענ, ווענ זיי וואָלטנ אימ געקאָנט דערקענענ אונ זענ, אז דער אמאָליקער אויסגעשפאָטער שפיל=קיניג פונ די כורוועס אונ הינטער=געסלעכ איז איצט אנ עמעסער קיניג, וואָס ווערט באדינט פונ הערצאָגנ אונ פרינצנ, ווי פונ געוויינלעכע קנעכט, אונ בא וועמענ גאנצ ענגלאנד ליגט צו די פיס! אָבער ער האָט זיכ געמוזט אײַנהאלטנ אונ פארשטיקנ אינ זיכ דעמ פארלאנג,—וואָרעמ די דערקלערונג וואָלט אימ געקאָנט קאָסטנ מער וויפל דאָס פארגעניגנ איז ווערט. ער האָט

זיכ אָפגעקערט, אונ די צוויי אָפגעריסענע ייִנגלעכ האָבנ ווײַטער צעריסנ זיכ שרײַענדיק, גאָרניט פאָרשטעלנדיק זיכ, ווענ זיי באגריסנ עס אזוי היימ אונ פריידיק.

פונ צײַט צו צײַט האָט זיכ פונ האמוינ געטראָגנ א געשריי: „א מאטאָנגע! א מאטאָנגע!“ טאָמ האָט יעדעס מאָל א שאָט געטאָנ א הויפנ נײַינקע שײַנענדיקע מאטבייעס, אונ דער אוילעמ פלעגט זיכ א וואָרפ טאָנ זיי כאפנ.

דער כראָניק-שרייבער דערציילט:

„אינ אָנהייב גרייסטשערטש-גאס, פארנ אָדלער, האָט די שטאָט אופגעשטעלט א מוידעדיק גרויסנ טריומפ-טויער, אונטער וועלכנ עס האָט זיכ איבער דער גאנצער ברייט פונ דער גאס געצויגנ אנ עסטראדע. דאָ האָט מענ געקאָנט באוווּנדערנ א היסטאָריש בילד פונ דעמ קיניגלעכנ הויז. דאָ איז געווענ פאָרגעשטעלט די קיניגנ עליזאבעט פונ יאָרק אינמיטנ פונ א גיגאנטישער רויז, וואָס אירע בלעטלעכ האָבנ זי ארומגענומענ ווי מיט א ראמ. לעבנ איר האָט ארויסגעקוקט פונ א רויטער רויז הענרי דער זיבעטער. די הענט פונ דער קיניגלעכער פאָר זײַנענ געווענ פאראייניקט אונ אפ זייערע פינגער האָבנ זיכ געזעצט די הייראט-פינגערלעכ. פונ דער ווײַסער אונ רויטער רויז האָט זיכ אופגעהויבנ א שטענגל צו א צווייטנ שטאָק, אפ וועלכנ עס האָט פונ א רויט-ווײַסער רויז ארויסגעקוקט הענרי דער אכטער מיט דעמ נײַעמ קיניגס מוטער דזשײנ סײמור בא זײַנ זײַט. פונ דער דאָזיקער פאָר האָט ארויסגעשפראָצט א צווײַג, וואָס האָט דערגרייכט א דריטנ שטאָק, ווו ס'איז געווענ פאָרגעשטעלט די געשטאלט פונ עדוארד דעמ זעקסטנ אלײנ זיצנדיק אפנ טראָנ אינ קיניגלעכער פראכט. דאָס גאנצע בילד איז געווענ ארומגענומענ מיט א ראמ פונ רויטע אונ ווײַסע רויזנ“.

דאָס דאָזיקע זעלטענע אונ פרעכטיקע בילד האָט ארײַנגעבראכט דעמ אוילעמ אינ אזא היספײַלעס, אז די אויסגעשרייענ האָבנ אינגאנצנ פארטויבט די שטימ פונ דעמ קינד, וואָס האָט אינ פערזנ דערקלערט די באדײַטונג פונ דעמ בילד, אָבער טאָמ קענטי האָט דערפונ קיינ פארדראָס ניט געהאט, ווײַל באגריסונגענ אונ פרייד-אויסגעשרייענ פונ פאָלק איז געווענ א זיסערע מוזיק פאר אימ, ווי די בעסטע פאָעזיע. ווענ טאָמ האָט אומגעקערט זײַנ יונג גליקלעכ פאָנעמ צומ פאָלק, זײַ-

נענ אַלע איבעראַשט געוואָרנ פונ דער ענלעכקײַט צווישנ דעמ לעבעדיקנ קיניג און זײַנ בילד, און נײַע שטורעמדיקע באַגריסונגענ האָבנ זיכ געטראָגנ פונ אַלע זײַטנ.

די פײַערלעכע פּראָצעסיע האָט זיכ באַוועגט ווײַטער און ווײַטער פונ אײנ טריומפ=טויער צומ צווייטנ, פאַרבײַ אָנצאָליקע לעבעדיקע און סימבאָלישע בילדער, וואָס האָבנ פאַרגעשטעלט אָדער גערימט דעמ קליינעמ קיניגס מײַלעס, טאַלאַנטנ אָדער פאַרדינסטנ. „פונ יעדנ דאַכ און יעדנ פענצטער דורכ גאַנצ טשיפּסײַד,—דערציילט דער כראָניקשרייבער,—זײַנענ אַראָפּגעהאַנגענ פילפאַרביקע פאָנענ. די רײַכסטע טעפּיכער, שטאָפנ און גאָלד=געשטריקטע געוועבנ האָבנ באַפּוצט די הײַזער—מוסטערנ פונ דער גרויסער אַשירעס, וואָס געפינט זיכ אינווייניק, די האָזיקע פּראַכט איז געווענ אַפ אַנדערע גאַסנ אויכ און אַפ אייניקע—נאָכ אינ אַ גרעסערער מאָס“.

„און אָט די אַלע וווּנדערס און זעלטנהײַטנ זײַנענ אַלצ פונמײַנטוועגנ!“—האָט טאָמ קענטי געמורמלט צו זיכ אַליינ.

דעמ קלוימערשטיקנ קיניגס באַקנ האָבנ געפלאַמט פונ אופרעגונג, די אויגנ האָבנ געפינקלט, און אינגאַנצנ איז ער געשוווּמענ ווי אינ אַ פאַנטאַסטישנ כאָלעמ. אינ דער דאָזיקער מינוט, ווענ ער האָט אופגעהויבנ זײַנ האַנט און געקליבנ זיכ אַ שאָט טאָנ אַ פרישנ הויפנ מאַטבייעס אינ האַמוינ,—האָט זײַנ אויג באַמערקט אַ בלאַס, איבעראַשט פּאָנעמ, וואָס האָט זיכ געריסנ פונ די הינטערשטע רייענ פאָרויס, מיט די אויגנ צוגעשמידט צו אימ. ער האָט דערקענט זײַנ מוטער! און זײַנ האַנט, מיט דער אינווייניקסטער זײַט אַרויס, האָט אַ פלי געטאָנ צו זײַנע אויגנ,—אַנ אַלטע, אינסטינקטיווע באַוועגונג, וואָס איז געקומענ פונ אַ לאַנג פאַרגעסענעמ צופאַל און איז געוואָרנ אַנ אייביקע גערוינהײַט. אינ אַ מינוט אַרומ, האָט די פרוי זיכ דורכגעריסנ דורכנ אוילעמ, פאַרבײַגעלאָפנ די וואַכ, אַרומגעכאַפּט טאָמס פוס, באַדעקט אימ מיט קושנ, שרײַענדיק: „אָ, מײַנ קינד, מײַנ טײַער קינד!“, און אופהייבנדיק צו אימ דאָס פּאָנעמ, וואָס האָט געלויכטנ מיט פרייד און ליבע.

אינ דעמ זעלביקנ מאָמענט האָט אַנ אָפיצער פונ דער קיניגלעכער גוואַרדיע אַ כאַפּ געטאָנ די פרוי און מיט אַ זידל=וואָרט אַ שלײַדער געטאָנ זי מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי איז אָפּגעפלויגנ צו דעמ אָרט, פונ=

וואנענ זי איז געקומענ. „איכ קענ דיכ ניט, פרוי“—זײַנענ געווענ די ווערטער, וואָס זײַנענ שוינ גרייט געווענ אראָפּצופליִענ פונ טאָמס ליפּנ. אָבער עס האָט אימ פארדריקט דאָס הארצ, זעענדיק ווי מע באהאנדלט זי; אונ ווענ זי האָט צומ לעצטנ מאָל, איידער זי איז פארשלונגענ געוואָרנ דורכ דעמ געדיכטנ האמויִנ, געוואָרפנ אפ אימ א בליק,—האָט זי אויסגעזענ אזוי באליידיקט, אזוי נידערגעשלאָגנ אונ צעבראָכנ, אז ער האָט ניט געוווּסט, ווו אהינצוטאָנ זיכ פונ כארפּע. זײַנ גאנצער שטאָלצ איז געוואָרנ צו אש אונ זײַנ געגאנוועטע קיניג-לעכע גרויסקײַט איז פארוועלקט געוואָרנ. דער גאנצער קאָוועד האָט פארלאָרנ זײַנ ווערט. עס האָט אויסגעזענ, ווי אלצ וואָלט פונ אימ אראָפּגעפאלנ, ווי איבערגעפוילטע שמאטעס.

די פּראָצעסיע האָט זיכ ווײַטער באוועגט צווישנ אנ אלצ גרעסערער הערלעכקײַט אונ וואקסנדיקע דונערנ פונ באגריסונגענ, אָבער טאָמ קענטי האָט שוינ קיינ זאכ ניט געהערט אונ ניט געזענ, ווי דאָס אלצ וואָלט גאָר אפ דער וועלט ניט געווענ. די קיניגלעכע קרוינ האָט פאר אימ פארלאָרנ איר פּראכט אונ גלאנצ, אונ דער גאנצער פּאראד איז געווענ ווי א פאָרוווּרפ אימ. כאראָטע האָט געקלעמט זײַנ הארצ, אונ ער האָט געטראכט, ווי אינ די ערשטע טעג פונ זײַנ געפאנגענשאפט: „האָלעווײַ העלפט מיר גאָט צו באפרײַענ זיכ פונ דער טפיסע“.

די פּרעכטיקע פּראָצעסיע האָט זיכ, ווי אנ ענדלאָזע גלאנציקע שלאנג, געשלענגלט איבער די געדרייטע גאסנ אונ געסלעכ פונ דער אייגנארטיקער אלטער שטאָט, צווישנ דער טומלענדיקער באפעלקערונג. אָבער דער קיניג איז געפאָרנ מיט אנ אראָפּגעבויגענעמ קאָפּ אונ אראָפּ-געלאָזטע אויגנ, וואָס האָבנ נאָר געזענ זײַנ מוטערס פּאָנעמ מיט דעמ אויסדרוק פונ טיפער באליידיקונג אפ אימ.

— א געשאנק, א מאטאָנע! — האָט געשריִענ דער האמויִנ.

אָבער דער געשריי איז געפאלנ ווי אינ א וויסטע,—טאָמ איז גע-ווענ גלײַכגילטיק-טויב צו אלצ.

— לאנג לעבנ זאָל עדווארד, קיניג פונ ענגלאנד!—האָט א דונער געטאָנ א געשריי, ווי די ערד וואָלט געפּלאצט. אָבער דער קיניג האָט ניט געענטפערט אפ דער באגריסונג. ער האָט זי געהערט, ווי איינער הערט דעמ גערויש פונ יאמ-כוואליעס, ווענ זיי קומענ פונ ערגעצ זייער ווײַט, ווײַל די קוילעס זײַנענ פארטויבט געוואָרנ פונ אנ אנדער קאָל,

וואָס איז געקומענ פונ אַ סאַך נעענטער — פונ זײַנ אײגענעם געוויסנ, אונ וואָס האָט קעסיידער איבערגעכאַזערט: „איך קענ דיך ניט, פרוי!“

די דאָזיקע ווערטער האָבנ געקלונגענ אינ דעם קיניגס אויערנ, ווי דער קלאַנג פונ אַ לעווײַע־גלאָק אינ די אויערנ פונ אײנעם, וואָס

— דאָס איז מײַנ מוטער.

ווײסט, אַז ער איז באַגאַנגענ אַ גרויסע אוולע קעגנ דעם געשטאָר־בענעם.

אַפ יעדנ ווינקל האָבנ זיך אַנטפּלעקט נײַע פּראַכטנ, נײַע וווּנדער, נײַע איבעראַשונגענ זײַנענ אַרויסגעשפּרונגענ פאַר די אויגנ: אַ שיסערײַ פונ האַרמאַטנ האָט אופגעטרייסלט די ערד, נײַע באַגריסונגענ אונ פרייד־אויסגעשרייענ האָבנ זיך געריסנ פונ טויזנטער מײַלער, אָבער דער קיניג האָט בלויז געהערט אײנ קאָל — דאָס באַשולדיקונגס־קאָל פונ זײַנ האַרצ, וואָס האָט ניט געקאָנט געטרייסט ווערנ.

ביסלעכווײַז איז בײַ דער באַפעלקערונג פאַרשווונדנ די צופרידנ־קײַט פונ די פּנעמער אונ האָט זיך פאַרביטנ מיט אַנ אויסדרוק פונ זאָרג אונ אומרויִקײַט. די באַגריסונגענ האָבנ אָנגעהויבנ ווערנ שוואַכער. צײַטנווײַז האָבנ זיי אינגאַנצנ אופגעהערט. דער לאָרד־רעגענט האָט עס באַלד באַמערקט אונ ער האָט גלײַך פאַרשטאַנענ די סיבע דערפונ

אויב. ער איז צוגעריטנ צום קיניג, נידעריק אָנגעבויגנ זיכ אינ זײַנ זאָטל אונ, אראָפּנעמענדיק דעמ הוט, געזאָגט:

— מײַנ קיניג, איצט איז ניט קיינ צײַט צו פאנטאזירנ. דאָס פאָלק באמערקט דײַנ אראָפּגעלאָזענעמ קאָפּ, דײַנ פארטונקלט פּאָנעמ אונ נעמט עס אָנ פאר א שלעכטנ סימענ. פאָלג מײַנ ראט: אנטפּלעק דײַנ קיניגלעכע זונ אונ זאָל זי אופשײַנענ איבער די וואָלקנס פונ פאַרגעפיל אונ צעשטרייענ זיי. הייב אופ דײַנ קאָפּ אונ שמייכל צום פאָלק.

אזוי רייִדנדיק, האָט דער הערצאָג א שאָט געטאָנ א הויפּנ מאטבייעס רעכטס אונ לינקס אונ איז אָפּגעריטנ אינ זײַנ אָרט. דער קלוימערשטיקער קיניג האָט געטאָנ, ווי מע האָט אימ געהייסנ. זײַנ שמייכל האָט אינ זיכ קיינ לעבנ ניט געהאט, אָבער עס זײַנענ ניט געווענ קיינ סאכ אויגנ נאָענט גענוג אָדער שארפ גענוג צו באמערקנ עס. די נײַגונגענ פונ זײַנ באפּעדערטנ קאָפּ, ווענ ער האָט געענטפערט זײַנע אונטערטאנער אפּ זייערע באגריסונגענ, זײַנענ פול געווענ מיט אזויפיל כיינ אונ גנאָד; די מאטאָנעס, וואָס ער האָט געוואָרפנ אינ האמוינ, זײַנענ געווענ אזוי קיניגלעכ רײַכ, אז דאָס פאָלק האָט באלד פארגעסנ אָנ זײַנ אומרויִקײַט אונ האָט ווידער אויסגעבראָכנ אינ מעכטיקע אויסגעשרייענ ווי פריִער.

דאָכ, א ביסל פריִער איידער די פּראָצעסיע האָט זיכ געענדיקט, האָט דער הערצאָג געמוזט נאָכאמאָל צורײַטנ צומ קיניג אונ דערמאָנענ אימ:

— אָ, גרויסער קיניג! טרייסל אָפּ פונ זיכ דעמ דאָזיקנ אומגליקלעכנ אומעט! די אויגנ פונ דער גאנצער וועלט זײַנענ געווענדט אפּ דיר, דער טײַוול האָט געמעגט נעמענ די מעשוגענע בעטלערקע. דאָס האָט זי צעשטערט די שטימונג פונ אײַער מאיעסטעט!—האָט ער מיט פארדראָס צוגעגעבנ.

דער אויסגעפּוצטער „קיניג" האָט א קוק געטאָנ אפּ דעמ הערצאָג מיט אויסגעלאָשענע אויגנ אונ האָט מיט א טויט קאָל געזאָגט:

— דאָס איז מײַנ מוטער!

— גאָט מײַנער!—האָט אויסגעקרעכצט דער רעגענט, אָפּהאלטנדיק דאָס פערד, — דער סימענ איז געווענ א גערויִעס: ער איז ווידער מעשוגע געוואָרנ!..

צוויי־אונ־דרײַסיקסטער קאפּיטל

דער קרוינונג־טאָג

לאָמיר זיכ אומקערנ אפ א פּאָר שאָ צוריק אונ פארנעמענ אַנ אָרט אינ וועסטמינסטער=קלויסטער פיר אזייגער אינדערפרי אינ דעם היסטאָרישנ קרוינונג=טאָג. מיר וועלנ דאַרפנ ניט זײַנ אַלײנ: כאָטש ס'איז נאָכ שטאָק=פינצטער, פונדעסטוועגנ זײַנענ שוינ די פאקעל=באלויכטענע גאלערייענ פול מיט מענטשנ, וואָס זײַנענ צופרידנ צו זיצנ זיבנ אָדער אכט שאָ ביז זיי וועלנ זענ א זאכ, וואָס קאָנ זיי ניט אויסקומענ צו זענ נאָכאמאָל אינ זייער גאנצ לעבנ — די קרוינונג פונ א קיניג. יאָ, לאָנדאָנ אונ וועסטמינסטער זײַנענ שוינ פונ דרײַ אזייגער באנאכט אָנ אפ די פיס, זינט עס האָבנ זיכ דערהערט די ערשטע אָנזאָג=שאָסנ פונ די האַרמאטנ. רײַכע מענטשנ, וואָס פארמאָגנ אָבער ניט קיינ טיטלענ, האָבנ פאר געלט געקויפט זיכ פלעצער אינ דער גאלעריי אונ געײַלט אצינד צו פארנעמענ זייערע ערטער.

די שאָענ האָבנ זיכ געצויגנ גענוג לאנגזאמ, יעדע באוועגונג האָט שוינ פונ א געוויסער צײַט אופגעהערט, מאכמעס די גאלערייענ זײַנענ שוינ לאנג פול געפאקט. מיר קאָנענ איצט זיצנ רוי[illegible] צוקוקנ אונ באטראכטנ יעדע זאכ גאנצ געלאסנ. אינ דער טונ[illegible]ײַט פונ דער קירכ קאָנענ מיר כאפּנ א קוק אפ אייניקע טיילנ פונ די גאלערייענ אונ באלקאָנענ, וואָס זײַנענ געפאקט מיט מענטשנ, אינ דער צײַט, ווענ אנדערע טיילנ זײַנענ פונ אונדז פארשטעלט מיט זײַלנ אונ ווענטלעכ. מיר זעענ פאר זיכ די גאנצע צאָפנ=זײַט פונ דער קירכ, וואָס שטייט ליידיק אונ ווארט אפ די אדל=לײַט אונ אפ דער אריסטאָקראטיע פונ ענגלאנד. מיר זעענ אויכ די גרויסע, מיט טײַערע שטאָפנ באדעקטע, עסטראדע, וואָס אינמיטנ פונ איר שטייט דער טראָנ, צו וועלכנ עס פירנ טרעפלעכ. אינעמ טראָנ איז אײַנגעפאסט א פּאָשעטער פלאכער שטיינ, אפ וועלכנ עס זײַנענ געקרוינט געוואָרנ א סאכ דוירעס שאָטלענדישע קיניגנ. דער שטיינ איז מיט דער צײַט געוואָרנ גענוג הייליק, ער זאָל דינענ פאר ענגלישע קיניגנ אויכ. דער טראָנ אונ דאָס פוסבענקל זײַנענ באדעקט מיט גאָלד=שטאָפ.

אינ קירכ הערשט א שטילקײַט; די פאקעלנ לײַכטנ טונקל, די צײַט

ציט זיך לאנגזאם. נאָר צום סאָף קומט אָן דער פארשפעטיקטער פרי־
מאָרגן, די פאקעלן ווערן אויסגעלאָשן און א ווייכע ליכטיקייט צעגיסט
זיך איבער דער גרויסער קירך [illegible] אלע שטריכן און קאָנטורן פון דער נאָ־
בעלער געבײַדע טרעטן איצט [illegible]ס, אָבער ניט שארף, נאָר ווייך און
טרוימעריש, ווײַל די זון איז [illegible] ביסל פארהילט אין וואָלקנס.
זיבן אזייגער ווערט צו[illegible] מאָל געבראָכן די שלעפעריקע

[ע]ס איז ארײַן די ערשטע כאָשעווע ליידי.

לאנגווײַליקייט, ווײַל ווי נאָר דער זייגער האָט געשלאָגן זיבן, איז אין
צאָפן־טייל פון קירך ארײַן די ערשטע כאָשעווע ליידי, פארפוצט ווי
שלוימע המלך אין דער בליענדיקסטער צײַט פון זײַן הערשאפט. איין
באאמטער, אָנגעטאָן אין סאמעט און אטלאס, האָט זי אָפּגעפירט אף
איר אָרט, און דער צווייטער האָט געטראָגן איר שלעפּע און, ווען
זי האָט זיך אנידערגעזעצט, צורעכט געמאכט די שלעפּע ארום אי־
רע פיס און אוועקגעשטעלט איר קרוינדל צו דער האנט, זי זאָל עס
קאָנען באקוועם נעמען, ווען ס'וועט קומען די צײַט פאר דער ארים־
טאָקראטיע אָנצוטאָן זייערע קרוינען.

איצט האָט אָנגעהויבן ארײַנפליסן א גלענצנדער שטראָם פון אדל־
פרויען. די אין סאמעט־ און אטלאס־געקליידעטע באאמטע לויפן אום
אהין און צוריק צו זעצן זיי אף די ערטער און מאכן זיי באקוועם.

דאָס בילד ווערט אופגעלעבט. אומעטום איז לעבנ, באוועגונג און פארבנ-וועקסל.

אינ א ווײַלע ארום ווערט ווידער שטיל. אלע אריסטאָקראטישע דאמענ זײַנענ שוינ אפּ זייערע ער[illegible]שטעלנדיק מיט זיכ א לעבעדיקנ בלומענ-גאָרטנ פונ קאָלערליי [illegible] זײַנענ באשאָטנ מיט בריליאנטנ, ווי דער מילכ-וועג אפּנ הימל. דאָ זײַנענ פאָרגעשטעלט פרויענ פונ יעדנ עלטער: פאראנ דאָ געל-פענעמדיקע, צעקנייטשטע, גרוי-האָריקע אלטע אלמאָנעס, וואָס געדענקענ נאָכ די קרוינונג פונ ריטשארד דעמ דריטנ און די אומרויקע טעג פונ יענער לאנג-פארגעסענער צײַט; פאראנ דאָ שיינע מיטליאָריקע דאמענ; ליבנסווירדיקע, גראציעזע יונגע פרויענ און פרעכטיקע יונגע מיידלעכ מיט שײַנענדיקע אויגנ און צארטע פענעמער, וואָס וועלנ עפּשער מיט פארלעגנהײַט אָנטאָנ זייערע קרוינענ, ווענ די צײַט וועט קומענ *, ווײַל די זאכ איז פאר זיי נײַ און זייער אופרעגונג קאָנ זיי שטערנ. אָבער גיכער וועט עס ניט פאסירנ, ווײַל די אלע דאמענ און פרײַלנס האָבנ אזוי פארקאמט די האָר, די קרוינ זאָל זיכ לײַכט אָנטאָנ און גוט צופּאסנ, ווענ דער סיגנאל וועט געגעבנ ווערנ.

מיר האָבנ שוינ געזענ, אז די גאנצע געזעלשאפט פונ די אריסטאָקראטישע דאמענ איז געדיכט באשאָטנ מי[illegible]ינ און בריליאנטנ, און מיר האָבנ געזענ, וואָס פאר א וווּנדערפול בילד דאָס איז, אָבער איצט וועלנ מיר ערשט אפּאנגעמעסנ אנציקט ווערנ: ארומ נײַנ אזייגער ווערנ די וואָלקנס מיטאמאָל פארשוווּנדנ און שטראָמענ זונשײַנ רײַסנ זיכ ארײַנ אינ קירכ און באגיסנ די רייענ דאמענ. יעדע רייע דאמענ, וואָס ווערט באַרירט פונ די זונ-שטראלנ, פלאמט אופּ מיט אלע קאָלירנ פונ רעגנבויגנ, און ווי אנ עלעקטרישער שטראָמ גייט דורכ איבער אונדז, ווענ מיר זעענ די פראכט און גלאנצ פונ דעמ בילד! אָט איז, צוזאמענ מיט אנדערע אויסלענדישע געזאנדטע, דורכגעגאנגענ דורכ דער זונ-אלײַ א געזאנדטער פונ עפּעס א ווײַטער מיזרעכ-מעלוכע. ער איז פונ קאָפּ ביז די שפּיצ פינגער באשאָטנ מיט דימענטנ און קאָסטבארע שטיינער, וואָס ב[illegible]קלענ און בלישטשענ בא זײַנ יעדער

* בא [illegible] דער קרוינונג פונ א קיניג האָט יעדע געטיטלטע און אדעליקע דאמע אָנגעטאָנ איר פאמיליענ-קרוינ.

באוועגונג. און עס פארכאפט בא אונדז דער אָטעם פון דעם שפרינגענדיקן גלאנצ, וואָס ער צעגיסט ארום זיכ.

די צײַט איז געגאנגענ. ס'איז אוועק א שאָ, צוויי שאָ, דריטהאלבנ שאָ. דערנאָכ האָט די דונערנדיקע שיסערײַ פונ הארמאטנ אָנגעזאָגט, אז דער קיניג מיט זײַנ גלענצנדער סוויטע זײַנענ אָנגעקומענ, אונ דער פארזאמלטער אוילעמ האָט אופגעלעבט. אלע האָבנ געוווּסט, אז עס וועט נאָכ אויסקומענ צוווארטנ, ווײַל דער קיניג דארפ נאָכ צוגערייט און אָנגעטאָנ ווערנ פאר דער פײַערלעכער צערעמאָניע, אָבער די צײַט וועט מענ קאָנענ פארטרײַבנ אינ באטראכטנ די אָנגעקומענע פערנ אינ זייערע פאראד־קליידער.

די פערנ זײַנענ מיט דעמ גאנצנ געהעריקנ עטיקעט פאנאנדערגעפירט געוואָרנ אפ זייערע ערטער, און לעבנ יעדערנ איז אוועקגעלייגט געוואָרנ זײַנ קרוינ, אימ זאָל זײַנ באקוועמ צו דער האנט. דער אוילעמ אינ די גאלערייענ האָט מיט דער גרעסטער נײַגעריקײַט באטראכט די הערצאָגנ, גראפנ אונ באראָנענ, ווּעמענס נעמענ זײַנענ שוינ באוווּסט געווענ אינ דער ענגלישער געשיכטע פינפ הונדערט יאָר. א סאכ פונ די פארזאמלטע אינ די גאלערייענ האָבנ דאָס ערשטע מאָל אינ זייער לעבנ געזענ גראפנ אונ הערצאָגנ. ווענ אלע האָבנ זיכ אוועקגעזעצט אפ זייערע ערטער, האָט זיכ פאר די, וואָס זײַנענ געזעסנ אינ דער גאלעריי און אפ די באלקאָנענ, געעפנט א זעלטנ בילד, וואָס איז ווערט געווענ אָנצוקוקנ אונ צו געדענקענ.

אפ דער עסטראדע האָבנ זיכ באוויזנ די פאָטערס פונ דער קירכ — די בישאָפנ באגלייט פונ א גאנצער מאכנע גאלאָכימ אינ זייערע גאלאָכישע קליידער אונ בישאָפ־מיצנ. נאָכ זיי זײַנענ געקומענ דער לאָרד־רעגענט און אנדערע וויכטיקע מעלוכע־מענער, הינטער וועלכע עס איז געגאנגענ אנ אָפּטיילונג פונ דער קיניגלעכער גווארדיע אינ גלאנצנדיקע שטאָלענע פאנצערס.

אינ קירכ איז שטיל געוואָרנ. דער גאנצער אוילעמ האָט געווארט מיט דער גרעסטער שפאנונג. דערנאָכ האָט זיכ דערהערט א סיגנאל, גלײַכ נאָכדעמ — די קלאנגענ פונ פײַערלעכער מוזיק, אונ טאָמ קענטי, אָנגעטאָנ אינ א לאנגער גאָלד־געוועבטער קיניגלעכער מאנטיע, איז ארײַנ פונ א טיר אונ איז ארופ אפ דער עסטראדע. די גאנצע פארזאמלונג איז אופגעשטאנענ, און די קרוינונג האָט זיכ אָנגעהויבנ.

די באצויבערנדיקע קלאנגענ פונ א פסאלם האָבנ זיכ צעגאָסנ איבער דער קירכ, אונ טאָמ קענטי, וואָס איז פײַערלעכ באגעגנט געוואָרנ, איז צוגעפירט געוואָרנ צום טראָנ. די פארצײַטיקע אלטע צערעמאָניע איז ווײַטער געגאנגענ מיט דער גאנצער פײַערלעכקײַט, אונ די פארזאמלטע האָבנ צוגעקוקט. וואָס נעענטער די צערעמאָניע איז געקומענ צום סאָפ, אלצ בלאסער איז טאָמ קענטי געוואָרנ. טיפער טרויער אונ פארצווייפלונג האָבנ געדריקט זײַנ הארצ, וואָס איז צעריסנ געוואָרנ פונ כאראָטע.

עס איז געקומענ דער לעצטער אקט פונ דער צערעמאָניע. דער ארציבישאָפ פונ קענטערבערי האָט גענומענ פונ קישנ די ענגלישע קרוינ אונ אופגעהויבנ זי איבער דעמ קאָפ פונ דעמ ציטערנדיקנ קלוימערשטיקנ קיניג. אינ זעלביקנ מאָמענט האָט אינ דער צאָפנ-אָפטיילונג פונ קירכ א בליצ געטאָנ ווי א רעגנבויגנ, ווײַל די אדל-לײַט אונ אדל-דאמענ האָבנ אלע ווי איינער אופגעהויבנ זייערע קרוינענ איבער די קעפ אונ געבליבנ ווארטנ אינ אזא פאָזע.

א טיפע שטילקײַט האָט געהערשט אינ קירכ. אינ דעמ דאָזיקנ פײַערלעכנ מאָמענט האָט זיכ אָפ דער סצענע באוויזנ א שרעקנדיקע געשטאלט, — א געשטאלט, וואָס קיינער פונ דעמ פארטיפטנ אוילעמ האָט ניט באמערקט, ביז זי האָט זיכ ניט גענומענ באוועגנ איבער דעמ הויפט-דורכגאנג. דאָס איז געווענ א יינגל אָנ א היטל, אינ צעריסענע שיכ, אינ גראָבע, צעריסענע, אָרעמע קליידער, וואָס זײַנענ צעפאלנ אָפ שטיקלעכ. ער האָט אופגעהויבנ זײַנ האנט מיט א פײַערלעכקײַט, וואָס האָט ניט הארמאָנירט מיט זײַנ שמוציקנ אונ טרויעריקנ אויסזענ, אונ האָט אויסגערופנ:

— איכ פארבאָט אײַכ ארופצולייגנ די קרוינ פונ ענגלאנד אָפ דעמ דאָזיקנ פארברעכערישנ קאָפ. איכ בינ דער קיניג!

עטלעכע הענט האָבנ גלײַכ א כאפ געטאָנ דאָס יינגל, אָבער אינ דער זעלביקער מינוט איז טאָמ קענטי אינ זײַנע קיניגלעכע קליידער שנעל ארויסגעטראָטנ פאָרויס אונ מיט א קלינגענדיק קאָל אויסגעשריענ:

— לאָזט אימ אָפ אונ ניט בארירט אימ! ער איז דער קיניג!

א פאניק האָט ארומגעכאפט די פארזאמלטע. אלע האָבנ זיכ אופגעהויבנ פונ זייערע ערטער אונ מיט איבערראשונג געקוקט איינער אפנ

צווייטנ אונ אפ די הויפט=העלדנ פונ דער סצענע, ווי זיי וואָלטנ אליינ ניט געוווסט, צי זעענ זיי דאָס אפ דער וואָר אָדער אינ כאָלעם. דער לאָרד=רעגענט איז אויכ געווענ דערשטוינט ניט ווייניקער פונ די איבעריקע, ער איז אָבער גיכ צו זיכ געקומענ אונ מיט א פעסטנ טאָנ באפוילנ:

— הערט זיכ ניט צו צו זײַנ מאיעסטעטס רייד. זײַנ קראנקײַט איז אימ ווידער באפאלנ. כאפט דעמ שלעפער!

מע האָט אימ שוינ געוואָלט פאָלגנ, אָבער דער קלוימערשטיקער קיניג האָט א טופע געטאָנ מיטנ פוס אונ אויסגעשריענ:

— אונטער געפאר פונ טויט=שטראָפ! בארירט אימ ניט — ע ר איז דער קיניג!

די הענט האָבנ זיכ צוריקגעצויגנ, אונ אלע זײַנענ ווי פאראליזירט געוואָרנ. קיינער האָט זיכ ניט באוועגט, אונ קיינער האָט א וואָרט ניט גערעדט. קיינער האָט אפילע ניט געוווסט, וואָס צו זאָגנ אָדער וואָס צו טאָנ — אזוי מערקווירדיק אונ אומדערווארט איז געווענ דער צופאל. אינ דער צײַט, ווענ אלע האָבנ זיכ באמיט צו באגרײַפנ, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זיכ דאָס ייִנגל אלצ באוועגט פאָרויס מיט זיכערע טריט אונ מיט אנ אופגעהויבענעמ קאָפ, ניט אָפשטעלנדיק זיכ אפ איינ מאָמענט. אונ בײַמ די צעמישטע מויכעס האָבנ נאָכ אלצ ניט געקאָנט צו זיכ קומענ, איז ער ארופ אפ דער עסטראדע, אונ דער קלוימערשטער קיניג איז אימ מיט א גליקלעכ פאָנעמ אנטקעגנ געלאָפנ אונ, א פאל געבנדיק אפ די קני פאר אימ, געזאָגט:

— אָ, מײַנ הערשער אונ קיניג, לאָז דעמ אָרעמענ טאָמ קענטי צו זײַנ דער ערשטער צו שווערנ דיר טרײַהײַט אונ זאָגנ: „טו אָנ דײַנ קרוינ אונ פארנעמ ווידער דאָס אָרט, וואָס דיר געהערט!“

דער לאָרד=רעגענט האָט שטרענג א קוק געטאָנ אפ דעמ אָנגעקומענעמ, אָבער די שטרענגקײַט איז גלײַכ פארשווונדנ, אונ זײַנ פאָנעמ האָט אויסגעדריקט גרויס איבעראשונג. דאָס זעלביקע האָט פאסירט מיט די איבעריקע הויפ=לײַט. זיי האָבנ זיכ איבערגעקוקט צווישנ זיכ אונ אָפגעטראָטנ אהינטער. בא אלעמענ איז געווענ איינ געדאנק: „וואָס פאר א מערקווירדיקע ענלעכקײַט!“

דער לאָרד=רעגענט האָט א ווײַלע געטראכט ווי אינ פארלעגנהײַט, דערנאָכ ערנסט אונ מיט גרויס רעספעקט געזאָגט:

— מיט אײַער דערלױבעניש, סער, װאָלט איך װעלן פֿרעגן בײַ אײַך עטלעכע פֿראַגן, װאָס...

— איך װעל אײַך אױף זײ ענטפֿערן, מײַן לאָרד.

דער הערצאָג האָט אים געשטעלט א סאך פֿראַגן װעגן דעם הױף, װעגן דעם געשטאָרבענעם קיניג, װעגן דעם פּרינץ און די פּרינצעסנס — דאָס ײִנגל האָט אױף אַלץ געענטפֿערט ריכטיק און ניט קװענקלענדיק זיך, ער האָט אָפּגעמאָלט די פּאַראַד-זאַלן פֿון פּאַלאַץ, די צימערן פֿון געװעזענעם קיניג און פֿון פּרינץ.

ס'איז געװען מערקװירדיק, ס'איז געװען װוּנדערלעך, עס איז געװען ניט צו פֿאַרשטײן — אַזױ האָבן געזאָגט אַלע, װאָס האָבן אים געהערט. די מײנונג פֿון די פֿאַרזאַמלטע האָט זיך אָנגעהױבן נײגן אױף דער זײַט פֿון געקומענעם, און טאָמס האָפֿענונגען האָבן זיך שױן געשטאַרקט, װען דער לאָרד-רעגענט האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט:

— עמעס, דאָס איז מערקװירדיק, אָבער דאָס איז ניט מער, װי פֿון אונדזער קיניג װײסט. דאָס זײַנען נאָך ניט קײן באַװײַזן.

די דאָזיקע באַמערקונג און דאָס, װאָס מע האָט װעגן אים גערעדט װי װעגן א קיניג, האָט װידער טרױעריק געמאַכט טאָם קענטי, און זײַנע האָפֿענונגען האָבן אָנגעהױבן צו זינקען.

דער שטראָם האָט זיך איצט געענדערט און טאָם האָט געפֿילט, אַז אָט, אָט װערט יענער אַרױסגעװאָרפֿן, און ער בלײַבט װידער אױפֿן טראָן. דער לאָרד-רעגענט האָט דערװײַל געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשלאָגן זיך מיט דער דײַע: „אַזאַ מין רעטעניש איז א סאַקאָנע פֿאַר דער מלוכה און פֿאַר אונדז אַלעמען, — האָט ער געקלערט, — דאָס קאָן צעטײלן דאָס פֿאָלק אין צװײ לאַגערן און אונטערגראָבן דעם טראָן".

— סער טאָמאַס! — האָט ער זיך א קער געטאָן צו אײנעם פֿון די הױף-באַאַמטע, — אַרעסטירט אָט דעם... נײן, װאַרט!

זײַן פּנים איז ליכטיקער געװאָרן, און ער האָט זיך געװענדט צום אָפּגעריסענעם קאַנדידאַט אױפֿן ענגלישן טראָן מיט די דאָזיקע װערטער:

— װוּ ליגט דער גרױסער מלוכה-שטעמפּל? ענטפֿער מיר אױף דער דאָזיקער פֿראַגע, און די רעטעניש איז געלײזט. װאָרעם נאָר דער

עמעסער פרינצ פונ אועלס קאָנ ענטפערנ אפ דער פראגע. פונ אזא קלייניקײַט איז אָפהענגיק א טראָנ און א דינאסטיע!

דאָס איז געווענ א גוטער אײַנפאל, א גליקלעכער אײַנפאל. אלע הויפ-לײַט איז געפעלנ דער געדאנק, — דאָס האָט מענ געקאָנט זענ לויט דעמ, ווי זיי האָבנ זיכ צווישנ זיכ איבערגעקוקט. יאָ, מער ווי דער פרינצ קאָנ ניט אנטדעקנ די טיפע געהיימעניש פונ דעמ פארשווונדענעמ שטעמפל. דער אָפגעריסענער שווינדלער האָט גוט אויסגעלערנט זײַנ ראָל, אָבער דאָס האָט אימ זײַנ לערער אויכ ניט געקאָנט לערנענ, ווײַל ער ווייסט אליינ ניט, ווו דער שטעמפל ליגט. אכ, זייער גוט, זייער גוט, איצט וועט מענ גיכ פאָטער ווערנ פונ דעמ אומגעריכטנ פלאָנטער!

און זיי האָבנ צוגעשאָקלט מיט די קעפ, צופרידנ שמייכלענדיק בא דעמ געדאנק, אז דער קליגער שווינדלער וועט דאָ באלד בלײַבנ צומ נאר. אָבער ווי איבעראשט זײַנענ זיי געוואָרנ, ווענ זיי האָבנ געזענ, אז עס הייבט זיכ גאָר ניט אָנ! ווי פארווונדערט זײַנענ זיי געוואָרנ, ווענ זיי האָבנ געהערט דאָס יינגל גלײַכ ענטפערנדיק זיכער און רויק:

— דאָס איז ניט קיינ הארבע רעטעניש.

און, ניט פרעגנדיק קיינעמס דערלויבעניש, האָט ער זיכ אומגעקערט און מיט דער לײַכטקײַט און זיכערקײַט פונ א מענטשנ, וואָס איז געוווינט צו באפוילנ, האָט ער געזאָגט:

— מײַנ לאָרד סענט-דזשאָנ, גייט גלײַכ אינ מײַנ פריוואט-קאבינעט, וואָס אינ פאלאצ — ווער ווייסט נאָכ אזוי גוט, ווי איר, ווו ער געפינט זיכ, און דאָרטנ, הארט באמ דיל אינ לינקנ ווינקל, דעמ סאמע ווײַטנ פונ טיר, וואָס פירט פונ ארײַנגאנגס-צימער, וועט איר געפינענ אינ וואנט א מעשנ קעפל פונ א טשוואָק. דריקט אָנ אפנ קעפל און עס וועט זיכ עפענענ א געהיימ שרענקל, וועגנ וועלכנ אפילע איר ווייסט ניט — איבערהויפט ווייסט אימ קיינער אינ דער וועלט ניט, אכוצ מיר אליינ און דעמ מײַסטער, וואָס האָט עס פאר מיר געמאכט. — די ערשטע זאכ, וואָס איר וועט אינ שרענקל דערזענ, איז דער גרויסער שטעמפל. גייט און ברענגט אימ אהער.

די גאנצע געזעלשאפט האָט זיכ פארווונדערט פונ דער רעדע. און האָט זיכ נאָכ מער געווונדערט דערפונ, וואָס דער קליינער שלעפער האָט אויסגעקליבנ צו שיקנ אינ דער שליכעס דאפקע דעמ דאָזיקנ

לאָרד, אָנ שום קווענקלונג אָדער מוירע פאר א טאָעס, אונ האָט אימ אָנגערופנ באַמ נאָמענ מיט אזא רויִקער זיכערקײַט, ווי ער וואָלט אימ געקענט זײַנ גאנצ לעבנ. דער פער איז פונ גרויס איבעראשונג שוינ גרייט געווענ צו פאַלנ, ער האָט שוינ אפילע געמאכט א באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיכ געקליבנ נייג, אָבער ער האָט זיכ באַלד צוריק א כאפ געטאָנ אונ אָנגענומענ די פריִערדיקע רויִקע פאָזע, אונ נאָר די פארב אינ זײַנ פאָנעמ האָט איידעס געזאָגט, אז ער האָט זיכ אליינ פארשעמט פאר דעמ טאָעס, וואָס ער האָט געמאכט.

טאָמ קענטי האָט זיכ א קער געטאָנ צו אימ אונ געזאָגט:

— פארוואָס קווענקלט איר זיכ? האָט איר ניט געהערט דעמ קיניגס באפעל? — גייט!

דער לאָרד סענט=דזשאָנ האָט זיכ פארנייגט — אונ אלע האָבנ באַמערקט, אז ער איז געווענ גענוג פאָרזיכטיק ניט צו נייגנ זיכ ניט צו דעמ, ניט צו יענעמ קיניג, נאָר פונקט צומ מיטנ פונ דעמ ליידיקנ שטעכ צווישנ ביידע קיניגנ — אונ איז ארויסגעגאנגענ.

איצט האָט זיכ אָנגעהויבנ א באַוועגונג צווישנ די פארזאמלטע. די באַוועגונג איז געווענ קוימ באמערקבאר, אָבער אָנ אופהער.

ווי אינ א קאלײדאָסקאָפ, וואָס ווערט לאנגזאמ געדרייט, פאלנ אָפ טיילעכלעכ פונ איינ קערפער אונ באהעפטנ זיכ צומ צווייטנ קערפער, — אזוי זײַנענ דאָ לאנגזאמ, אָבער זיכער, איינס נאָכנ אנדערנ אָפגעפאלנ די פארזאמלטע פונ טאָמענ אונ צוגעשטאנענ צומ אָפגעריסענעמ יינגל.

טאָמ קענטי איז געווענ קימאט אליינ. עס האָט געדויערט נאָכ א ווײַלע, אונ אפילע די עטלעכע, וואָס האָבנ נאָכ ביז איצט געהאט דעמ מוט צו בלײַבנ לעבנ טאָמענ, זײַנענ איצט איינציקווײַז איבערגעגאנגענ צו דער מערהײַט, אזוי אז טאָמ קענטי אינ זײַנע קיניגלעכע קליידער, באשאָטנ מיט דימענטנ, איז געשטאנענ אויסגעשטעלט אפ דער עסטראדע איינער אליינ אונ אָפגעזונדערט פונ דער וועלט.

נאָר אָט האָט זיכ באוויזנ דער לאָרד סענט=דזשאָנ. ווענ ער איז געגאנגענ איבערנ מיטלסטנ דורכגאנג, איז די שפאנונג געווענ אזוי גרויס, אז יעדער שמועס האָט אופגעהערט, אונ אינ קירכ האָט געהערשט א טויטע שטילקײַט, אינ וועלכער ס'האָבנ זיכ נאָר געהערט זײַנע דײַטלעכע טריט. אלע אויגנ זײַנענ געווענ געווענדט אפ אימ, ער

איז ארופ אפ דער עסטראדע, געווארט א מאָמענט, דערנאָכ איז ער צוגעגאנגענ צו טאָמ קענטי, און, טיפ פארנייגנדיק זיכ, געזאָגט:

— גנעדיקער קיניג, דער שטעמפל איז דאָרט ניטאָ!

א האמוינ אנטלויפט ניט אזוי האסטיק פונ א כאָליערע=קראנקנ, ווי שנעל די קופקע בלאס=געוואָרענע און אפ טויט דערשראָקענע הויפ=לייט איז זיכ צעלאָפנ פונ דעם אָפּגעריסענעם פרעטענדענט אפנ טראָנ. אינ

— גנעדיקער קיניג, דער שטעמפל איז דאָרט ניטאָ!

איינ מאָמענט איז ער געבליבנ שטיינ איינער אליינ אָנ א פריינט אונ אָנ א באשיצער, א ציל פאר צאָרנדיקע אונ פאראכטנדיקע בליקנ.

דער לאָרד=רעגענט האָט מיט קאס אויסגעשריענ:

— ווארפט ארויס דעם שלעפער אפ דער גאס אונ יאָגט אים ארויס פונ שטאָט מיט בייטשנ. דער געמיינער שווינדלער פארדינט ניט, מע זאָל מער טראכטנ וועגנ אים!

אייניקע גווארדיע=אָפיצערנ זיינענ שוינ צוגעשפרונגענ אויסצופילנ דעם באפעל, אָבער טאָמ קענטי האָט זיי אָפּגעשארט אָנ א זייט אונ א געשריי געטאָנ:

— צוריק! ווער עס וועט אים בארירנ, וועט באצאָלנ מיט זיינ לעבנ.

דער לאָרד=רעגענט איז געווענ צעטומלט ביז צום העכסטנ גראד. אונ ווענדנדיק זיכ צום לאָרד סענט=דזשאָנ, האָט ער געפרעגט:

— האָט איר גוט געזוכט? נאָר עס לוינט גאָר ניט צו פרעגנ. קלייניקייטנ קאָנענ אמאָל פארפאלנ ווערנ, אָבער אזא גרויסער כייפעצ, ווי דער מעלוכע=שטעמפל פונ ענגלאנד, קאָנ ניט פארפאלנ ווערנ, אז קיינ לעבעדיקער מענטש זאָל ניט וויסנ, ווו ער איז אהינגעקומענ. דאָס איז דאָכ א מאסיווער גאָלדענער דיסק.

טאָם קענטי האָט מיט שיינענדיקע אויגנ א שפרונג געטאָנ פאָרויס און אויסגעשריענ:

— שטייט! דאָס איז גענוג! איז עס קײַלעכדיק? און דיק? און אפ דעם זײַנענ אויסגעקריצט אויסיעס און דעוויזנ? אָ, איצט וויים איכ שוינ, וואָס אזוינס איז דער „גרויסער שטעמפל“, צוליב וועלכנ עס איז געווענ אזא טומל מיט אזויפיל זוכעניש. ווענ איר זאָגט עס מיר פריער, וואָלט איכ אײַכ אים געגעבנ נאָכ מיט דרײַ וואָכנ צוריק. איכ וויים גאנצ גוט, ווו ער ליגט, אָבער ניט איכ האָב אים דער ערשטער דאָרטנ אוועקגעלייגט.

— ווער דענ, מײַנ קיניג? — האָט געפרעגט דער לאָרד=רעגענט.

— אָט דער, וואָס שטייט דאָרטנ, דער עמעסער קיניג פונ ענגלאנד. און ער אליינ וועט עס אײַכ זאָגנ, ווו ער ליגט, דאנ וועט איר גלייבנ, אז ער האָט עס שוינ לאנג געוווּסט. דערמאָנ זיכ נאָר, מײַנ קיניג, — האָט ער זיכ געווענדט צו עדוארדנ, — שטרענג אָנ דײַנ זיקאָרנ — דאָס איז געווענ די לעצטע, די סאמע לעצטע זאכ, וואָס דו האָסט געטאָנ יענעמ טאָג, איידער דו ביסט ארויסגעלאָפנ אינ מײַנע שמאטעס צו באשטראָפנ דעמ זעלנער, וואָס האָט מיכ באליידיקט.

עס האָט געהערשט א שטילקײַט, וואָס איז ניט געשטערט געוואָרנ ניט מיט א וואָרט, ניט מיט א באוועגונג. אלעמענס אויגנ זײַנענ געווענדט געווענ אפ דעמ נײַ=געקומענעמ, וואָס איז געשטאנענ מיט אנ אָנגעבויגענעמ קאָפ און פארקנייטשטנ שטערנ און האָט צווישנ טויזנטער אנדערע געשעענישנ געזוכט אינ זײַנ זיקאָרנ דעמ איינ קליינעמ פאקט, וואָס אויב ער געפינט אים, זיצט ער אפנ טראָנ, אויב ניט, — בלײַבט ער אפ אייביק דער, וואָס ער איז איצט, — א היימלאָזער בעטלער. א מאָמענט נאָכ א מאָמענט איז פארבײַ. פונ די מאָמענטנ זײַנענ געוואָרנ מינוטנ — דאָס יינגל האָט זיכ אלצ געראנגלט מיט זײַנ זיקאָרנ, ניט געבנדיק קיינ שומ צייכנ, אז ער דערמאָנט זיכ.

צום סאָפ האָט ער א זיפצ געטאָנ, לאַנגזאַם א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ, אונ מיט ציטערנדיקע ליפּנ, מיט א געבראָכנ קאָל געזאָגט:

— איכ דערמאָנ זיכ די גאַנצע סצענע, פונ אָנהייב ביזנ סאָפ, אָבער דער שטעמפּל איז דאָכ ניטאָ.

ער האָט זיכ א ווײַלע אָפּגעשטעלט, דערנאָכ האָט ער ווידער אויפגעהויבנ דעמ קאָפּ אונ מיט א מילדער זעלבסטווירדע געזאָגט:

— מײַנע לאָרדנ אונ דזשענטלמענס, אויב איר ווילט רויבנ בײַ א אָרעמענ קיניג זײַנע רעכט דערפאַר, וואָס ער קאָנ אײַכ זיי ניט אָפּווײַזנ, קאָנ איכ אײַכ ניט אַנטקעגנשטעלנ: איכ בינ מאַכטלאָז קעגנ אײַכ, אָבער...

— אָ, אומזינ, אָ, וואָס פאַר א מעשוגאַס, מײַנ קיניג! — האָט טאָמ אינ ציטערניש אויסגעשריִענ, — וואַרט! טראַכט! גיב זיכ ניט אונטער, לאָז ניט אָפּ! די זאַכ איז נאָכ ניט פאַרלאָרנ! אונ וועט ניט זײַנ פאַרלאָרנ! הער זיכ צו, וואָס איכ וועל דיר זאָגנ, — צו יעדנ וואָרט הער זיכ צו. איכ וועל דיר דערמאָנענ יענעמ פרימאָרגנ, יעדעס ברעקל, טריט בא טריט, ווי עס האָט פּאַסירט. הער. מיר האָבנ געשמועסט. איכ האָב אײַער מאַיעסטעט דערציילט וועגנ מײַנע שוועסטער בעט אונ נענ, — איר געדענקט דאָס? אונ וועגנ מײַנ בייזער באָבענ, אונ וועגנ די גאַסנ-שפּילנ מיט די יינגלעכ פונ שמוצ-געסל, — איר געדענקט דאָס אויכ? זייער גוט. הערט זשע מיכ ווײַטער אונ איר וועט זיכ אַלצ דערמאָנענ. אײַער מאַיעסטעט האָט מיר געגעבנ עסנ אונ טרינקענ אונ האָט, מיט פּרינצלעכער איידלקײַט, אַרויסגעשיקט די דינערשאַפט, איכ זאָל זיכ ניט שעמענ עסנ, — אָ, איר געדענקט עס אַלצ!

ווענ טאָמ האָט איינס פאַר איינס אויסגערעכנט, וואָס זיי האָבנ געטאָנ, אונ דאָס צווייטע יינגל האָט אינ האַסקאָמע צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ, האָבנ זיי די הויפ-באַאַמטע אונ די גאַנצע הויכע פאַרזאַמלונג אָנגעקוקט מיט דעמ גרעסטנ וווּנדער: די געשיכטע האָט געקלונגענ ווי עמעס, אָבער וואָס פאַר א שײַכעס האָט דאָ געקאָנט זײַנ צווישנ דעמ פּרינצ אונ א בעטלער-יינגל? קיינמאָל אינ לעבנ האָט זיכ א געזעלשאַפט ניט געפילט אַזוי פאַרינטערעסירט, אַזוי צעטומלט אונ אַזוי איבעראַשט, ווי איצט.

— פונ שפּאַס-וועגנ, — האָט טאָמ ווײַטער גערעדט, — האָבנ מיר

זיך געביטן מיט די קלײדער, און אזוי זײַנען מיר געשטאַנען פאַרן שפּיגל. מיר האָבן אויסגעזען אזוי ענלעך איינער אפן צווייטן, אז מיר האָבן געזאָגט: „עס זעט אויס, ווי מיר וואָלטן זיך גאָר נישט געביטן“, — איר געדענקט דאָס, יאָ? דאַן האָט איר באַמערקט, אז דער זעלנער האָט פאַרווונדעט מײַן האַנט—זעט! אָט איז דער צייכן. עס טוט אזוי וויי. איך קאָן נאָך איצט מיט דער האַנט ניט שרײַבן — אזוי שטײַף זײַנען די פינגער. דאָ איז אײַער מאַיעסטעט אופגעשפּרונגען און, אויסשרײַענדיק, אז איר וועט דעם זעלנער שווער באַשטראָפן, זײַט איר אוועקגעלאָפן צום טיר. איר זײַט פאַרבײַגעלאָפן א טיש, — יענע זאַך, וואָס איר רופט שטעמפּל, איז געלעגן אף יענעם טיש,—איר האָט עס א כאַפּ געטאָן און ארומגעקוקט זיך, וווּ צו באַהאַלטן עס, אײַער אויג האָט באַמערקט א...

— שטיי, גענוג! און זאָל גאָטס נאָמען זײַן געבענטשט! — האָט דער אָפּגעריסענער פּרעטענדענט אפן טראָן אויסגעשריִען אין גרויס אופרעגונג, — גיי, מײַן ליבער סענט־דזשאָן, — און א האַנט־באַשיצער פון דעם מילאַנער פּאַנצער וועסטו געפינען דעם שטעמפּל!

— ריכטיק, מײַן קיניג! ריכטיק! — האָט טאָם קענטי אויסגעשריִען, — איצט געהערט די קרוין פון ענגלאַנד צו דיר. און פאַר דעם, וואָס וועט עס וועלן אָפּלייקענען, וואָלט גלײַכער געווען געבאָרן צו ווערן א שטומער! גיי, מײַן לאָרד סענט־דזשאָן, זאָלן דײַנע פיס באַקומען פליגלען!

די גאַנצע פאַרזאַמלונג איז געווען אף די פיס און אויסער זיך פון אומרויִקײַט, פאַרגעפיל און שרעקלעכער אופרעגונג. די גאַנצע קירך און די עסטראַדע האָט געהודזשעט מיט א מישמאַש פון קוילעס און א היפּשע ווײַלע האָט קיינער ניט געהערט און ניט געוואָלט הערן קיין זאַך, אחוץ דאָס, וואָס זײַן נאָענטסטער שכן האָט אים ארײַנגעשריִען אין אויער, אָדער וואָס ער האָט ארײַנגעשריִען זײַן נאָענטסטן שכן אין אויער.

די צײַט — קיינער האָט ניט געוווּסט וויפל — איז געפלויגן אומבאַמערקט. מיטאמאָל איז שטיל געוואָרן און לאָרד סענט־דזשאָן האָט זיך באַוויזן אף דער עסטראַדע, האַלטנדיק הויך איבערן קאָפּ דעם שטעמפּל, און די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט אויסגעשריִען:

— לאַנג לעבן זאָל דער עמעסער קיניג!

פינפ מינוט נאָכאנאנד האָט די לופט געציטערט פונ דונער=געשרייענ, פונ מוזיק=קלאַנגענ אונ איז ווײַס געווענ פונ טיכלעכ, וואָס האָבנ געפּאָכעט אינ דער לופט. אונ אינ צענטער פונ דעם אלעמענ איז אנ אָפּגעריסנ יינגל—די וויכטיקסטע פּערזאָנ פונ ענגלאנד — געשטאנענ אינמיטנ עסטראַדע א גליקלעכער, א שטאָלצער, ארומגערינגלט מיט קנוּ=ענדיקע געטיטלטע קנעכט אונ וואסאלנ.

אלע זײַנענ אופגעשטאנענ, אונ טאָמ קענטי האָט אויסגעשריִענ:

— איצט, אָ, מײַנ קיניג, נעמ די דאָזיקע קיניגלעכע קליידער זיכ אונ גיב דײַנ קנעכט, דעם אָרעמענ טאָמ קענטי, צוריק זײַנע טראנטעס אונ שמאטעס!

דאָ האָט זיכ דער לאָרד=רעגענט ארײַנגעמישט:

— רייסט אראָפּ פונ דעם קליינעמ טויגעניכצ זײַנע קליידער אונ ווארפט אימ ארײַנ אינ פעסטונג!

אָבער דער נײַער קיניג, דער עמעסער קיניג, האָט ניט דערלאָזנ.

— איכ וועל ניט דערלאָזנ, — האָט ער געזאָגט, — בלויז אדאנק אימ האָב איכ באקומענ ווידער מײַנ קרוינ. קיינער זאָל אפ אימ ניט ארופלייגנ קיינ האנט אָדער שלעכטס טאָנ אימ. אונ וואָס אָנבאלאנגט דיכ, מײַנ גוטער פעטער, מײַנ לאָרד=רעגענט, ביסטו זייער ניט דאנקבאר דעם אָרעמענ יינגל! איכ האָב געהערט, אז ער האָט דיכ געמאכט פאר א הערצאָג. — דער רעגענט האָט זיכ פארשעמט. — ער איז אָבער קיינ קיניג ניט געווענ. וואָס זשע איז דײַנ פײַנער טיטל איצט ווערט? מאָרגנ זאָלסטו זיכ ווענדנ צו מיר ד ו ר כ א י מ מיט א באקאָשע, איכ זאָל באשטעטיקנ דעמ טיטל, ווענ ניט בלײַבסטו א פּאָשעטער, אנ איינפאכער גראפ, ווי פריִער, אָבער ניט קיינ הערצאָג.

אויסהערנדיק דעם דאָזיקנ אויסרייד, איז דער הערצאָג אפ א ווײַלע אָפּגעטראָטנ אהינטער. דער קיניג האָט זיכ געווענדט צו טאָמענ אונ פרײַנטלעכ געזאָגט:

— מײַנ אָרעמ יינגל, ווי קומט עס, דו זאָלסט געדענקענ, וווּ איכ האָב אוועקגעלייגט דעמ שטעמפּל, אינ דער צײַט, ווענ איכ אליינ האָב עס ניט געדענקט?

— אָ, מײַנ קיניג, דאָס איז זייער גרינג געווענ פאר מיר צו געדענקענ, מאכמעס איכ האָב אימ עטלעכע טעג באנוצט.

— באנוצט אימ—אונ דאָכ ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז אזוינס?

— איכ האָב ניט געוווּסט, אַז דאָס איז די זאַכ, וואָס זיי זוכנ. זיי האָבנ עס מיר ניט אָפּגעמאָלט, אײַער מאַיעסטעט.

— וויאַזוי זשע האָסטו עס באַנוצט?

טאָם איז רויט געוואָרנ איבער די אויערנ, האָט אַראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ אונ געשוויגנ.

— זאָג, זאָג, גוט יינגעלע, האָב קיינ מוירע ניט, — האָט געזאָגט

— ...אַפּ צו קנאַקנ ניס...

דער קיניג, — צו וואָס האָסטו באַנוצט דעמ גרויסנ מעלוכע=שטעמפּל פונ ענגלאַנד?

טאָם האָט אַ ווײַלע פאַרשעמט געמורמלט, דערנאָכ האָט ער אַרויסגעזאָגט:

— אַפּ צו קנאַקנ ניס דערמיט!

אָרעמ קינד! דאָס געלעכטער, וואָס האָט אויסגעבראָכנ, האָט אים נאָכ אַ האָר שיר ניט אומגעוואָרפנ פונ די פיס. טאָמער איז נאָכ געווענ אַ שטיקל ספּעק, צי איז ער דער קיניג אָדער ניט, האָבנ די דאָזיקע ווערטער זײַנע צעשטרייט יעדנ ספּעק.

דערווײַל האָט מענ פונ טאָמענ אַראָפּגענומענ דעמ רײַכנ קיניגלעכנ מאַנטל אונ אַרופגעלייגט אים אַפּ דעמ קיניגס אַקסלענ, צודעקנדיק מיט אים די צעריסענע קליידער. דאַנ האָט זיכ ווידער אָנגעהויבנ די קרוינונגס=צערעמאָניע. דער קיניג איז געזאַלבט געוואָרנ, אונ די קרוינ איז אַרופגעלייגט געוואָרנ אַפּ זײַנ קאָפּ, אינ דער צײַט, ווענ האַרמאַטנ האָבנ אָנגעזאָגט די סימכע דער גאַנצער שטאָט, אונ גאַנצ לאָנדאָנ האָט ווי געטרייסלט זיכ פונ ענטוזיאַזמ.

עדוארד אלס קיניג

מײַלם הענדאָנ האָט אויסגעזענ גענוג אופאלנדיק, איידער ער האָט זיכ ארײַנגעמישט אינ דעם געשלעג אפּ לאָנדאָנער בריק, און נאָכ שענער האָט ער אויסגעזענ, ווענ ער איז ארויס פונ געשלעג. ער האָט געהאט זייער ווייניק געלט, ווענ ער איז ארײַנגעפאלנ אינ דעם געדראנג; ער האָט גאָרניט געהאט, ווענ ער איז ארויס פונ דאָרטנ: קעשענע־גאנאָווים האָבנ אויסגעליידיקט זײַנע טאשנ ביזנ לעצטנ פארטינג. אָבער דאָס מאכט ניט אויס, זאָל ער נאָר געפינענ דאָס יינגל. ניט אומזיסט איז ער געווענ א זעלנער — ער וועט ניט ארבעטנ גלאט אינ דער וועלט ארײַנ: פריִער פונ אלצ דארפ מענ אויסארבעטנ א פּלאנ פונ דער ארבעט.

וואָס דארפ דאָס יינגל געוויינלעכ טאָנ? וואוהינ וועט ער, אלפּי סייכל, גיינ? קיינ סאָפּעק, אז ער וועט גיינ צו זײַנע אלטע באקאנטע ערטער: אזוי איז שוינ די טעווע פונ מעשוגאָים — און פונ קלאָרע אויכ — צו גיינ אינ דער אלטער היים, ווענ זיי בלײַבנ עלנט און היימלאָז. ווו קאָנ זיכ געפינענ זײַנ אמאָליקע היים? זײַנ אָפּגעריסנקײַט און דער פּאקט, וואָס יענער באנדיט גיט זיכ ארויס פאר זײַנ פאָטער, זאָגנ אײדעם, אז זײַנ היים דארפ זיכ געפינענ אינ איינער פונ די אָרעמסטע און געמיינסטע גאסנ פונ לאָנדאָנ. וועט אים זײַנ שווער צו געפינענ, און וועט ער אים דארפנ לאנג זוכנ? ניינ, עס זעט אויס צו זײַנ א קורצע און א גרינגע ארבעט. ער וועט זוכנ ניט דאָס יינגל—ער וועט זוכנ א האמוינ: פריִער אָדער שפּעטער וועט ער געפינענ דאָס יינגל אינמיטנ פונ א גרעסערער אָדער קלענערער כעוורע ליידיקגייער, וואָס שטייט און מאכט בויזעק און רייצט זיכ מיט דעם אָרעמענ יינגל, וועלכער שרײַט, אז ער איז קיניג, ווי געוויינלעכ. מײַלם הענדאָנ וועט דעמלט עטלעכע פונ זיי צעשעדיקנ. צונעמענ בא זיי זײַנ קליינעם דערצויגלינג, בארויקנ און אײַנשטילנ אים מיט גוטע ווערטער, און קיינמאָל מער ניט צעשיידנ זיכ מיט אים.

אויסגעארבעט דעם פּלאנ, האָט זיכ מײַלם ארויסגעלאָזט זוכנ. שאָ נאָכ שאָ האָט ער געוואנדערט איבער לאָנדאָנער שמוציקע גאסנ און

הינטערגעסלעכ, געזוכט געזעמלען, געפונען זיי אָנ א שיר, אָבער אינ ערגעצ איז ניט געווענ קיינ סימענ פונעם יינגל. דאָס האָט אים זייער געוואונדערט, אָבער ניט אָפּגענומען דעם מוט. לויט זײַנ מיינונג, איז זײַנ פּלאַנ א ריכטיקער פּלאַנ, ניט מער, עס פאַרציט זיכ א ביסל לענגער, ווי ער האָט גערעכנט.

ווענ ס'איז געוואָרנ טאָג, האָט ער שוינ געהאַט דורכגעגאַנגענ א סאַכ מײַלנ אונ געזוכט צווישנ א סאַכ מענטשנ=געזעמלענ, אָבער מיט דעם איינציקנ רעזולטאַט, וואָס ער איז געווענ שרעקלעכ מיד, געווענ הונגעריק אונ זייער שלעפעריק. ער וואָלט עפּעס איבערגעביסנ, אָבער ס'איז ניט געווענ פאַר וואָס צו קויפנ. בעטלענ איז אים אפילע ניט אײַנגעפאַלנ; פאַרמאַשקענענ די שווערד — איז פאַר אים געווענ דאָס זעלבע, וואָס שיידנ זיכ מיט זײַנ ערע. ער וואָלט זיכ געקאָנט שיידנ מיט עפּעס פונ זײַנע מאַלבושימ, אָבער געפינענ א קוינע אפּ אזעלכע מאַלבושימ איז ניט גרינגער, ווי געפינענ א באַלנ אפּ א גוטער קרענק.

ארומ האַלבנ טאָג האָט ער זיכ נאָכ אלצ ארומגעשלעפּט, געזוכט צווישנ דעם האמוינ, וואָס איז נאָכגעגאַנגענ נאָכ דער קרוינונגס=פּראָצעסיע, ווײַל מײַלס האָט גערעכנט, אז א קיניגלעכער פּאַראַד האָרפּ געווים צוציִענ צו זיכ דאָס יינגל, וואָס איז צעמישט אפּ דעם פּונקט. ער איז נאָכגעגאַנגענ דער פּראָצעסיע איבער אלע גאַסנ. ביז צו וועסטמינסטער=קירכ. ער האָט זיכ אומעטומ אויסגעמישט צווישנ אוילעמ. ביז ער איז צומ סאָפּ, גאָר א צעמומלטער, אוועקגעגאַנגענ אָנ א זײַט, צו באַטראַכטנ אונ אויסבעסערנ זײַנ פּלאַנ. ווענ ער האָט זיכ אומגעקוקט, האָט ער דערזענ, אז ער געפינט זיכ הינטער דער שטאָט, אונ עס ווערט שוינ שפּעט. ער איז געווענ ניט ווײַט פונ טײַכ, אינ א פאָרשטאָט מיט רײַכע פּריוואַט=הײַזער, ווו מע נעמט ניט גאָר פרײַנטלעכ אופּ פאַרשוינענ אינ אזעלכע מאַלבושימ, ווי זײַנע.

עס איז געווענ ניט קאַלט, האָט ער זיכ אויסגעצויגנ אפּ דער ערד אונטער א פאַרקנ אָפּצורוענ א ביסל אונ באַטראַכטנ זיכ. עס איז אים באַפאַלנ א שלעפעריקײַט. פונדערווײַטנס האָט דערגרייכט דער אָפּקלאַנג פונ האַרמאַטנ=שיסערײַ; ער האָט א טראַכט געטאָנ: „דער נײַער קיניג איז געקרוינט געוואָרנ“ — אונ איז פּעסט אײַנגעשלאָפנ, — ער איז פריִער דרייסיק שאָ ניט געשלאָפנ אונ ניט גערוט. אופגעכאַפּט האָט ער זיכ ערשט אפּ מאָרגנ ארומ האַלבנ טאָג.

ער איז אופגעשטאנענ א שטײַפער, מיט אָפּגעלעגענע פיס, א האלב־פארכאלעשטער. ער האָט זיכ אײַנגעוואשנ אינ טײַכ, בארויִקט דעמ מאָגנ מיט א גוטנ טרונק וואסער אונ געלאָזנ זיכ גײנ צו וועסטמינסטער, וואָרטשעגדיק אפּ זיכ אלײנ, לעמײַ ער האָט צעריבנ אזויפיל צײַט אומזיסט. הונגער האָט אימ געהאָלפנ אויסצוארבעטנ א נײַעמ פּלאנ: ער וועט זיכ פּרוּוונ צושלאָגנ צו סער העמפרי מארלאָו אונ לײַענ בײַ אימ א פּאָר מארק אונ...—אָבער דאָס איז דערווײַל גענוג. אז ער וועט דאָס אויספירנ, וועט ער צײַט האָבנ אויסצוארבעטנ דעמ פּלאנ ווײַטער.

ארומ עלפ אזײגער איז ער צוגעקומענ צומ פּאלאצ, אונ כאָטש א גרויסער אוילעמ איז געגאנגענ אינ דער זעלביקער ריכטונג, איז ער געווענ גענוג קענטיק צווישנ אימ — זײַנ אָנטאָנ האָט שוינ געזאָרגט דערפאר. ער האָט זיכ גוט אײַנגעקוקט אינ די פּענעמער, זוכנדיק אזא אײנעמ, ווענעמ ער זאָל קענענ בעטנ אָנזאָגנ דעמ אלטנ לײטענאנט מארלאָו, אז ער וויל אימ זענ. ווענג אלײנ דערשלאָגנ זיכ אינ פּאלאצ איז ניט געווענ וואָס צו קלערנ.

אינ א ווײַלע ארומ איז פארבײַ הענדאָנענ פארבײַגײענדיקע אונדזער באקאנט „שמײַס־יינגל“. ער האָט זיכ אומגעקערט אונ, גוט באטראכטנ־דיק אימ, א קלער געטאָנ: „אויב דאָס איז ניט יענער שלעפּער, ווענג וועלכנ זײַנ מאיעסטעט באומרויִקט זיכ אזוי, — בינ איכ אנ אייזל, — כאָטש דאָס בינ איכ אזוי אויכ. ער פּאסט זיכ צו דער באשרײַבונג ביז צומ לעצטנ פאָדעמ. אז גאָט זאָל באשאפנ צװײ פּונקט די זעלבע—וואָלט געהײסנ גלאט בילִיק מאכנ ווונדער דורכ אָפּטער אי־בערכאזערונג. איכ וואָלט געוואָלט געפינענ עפּעס אנ אויסרייד צו פּאר־פירנ מיט אימ א שמועס“.

מײַלס הענדאָנ האָט אימ פארשפּאָרט די טירכע. ער האָט זיכ אלײנ א קער אויס געגעבנ צו אימ, ווי עס טרעפט אָפּט, ווענ איר פילט, אז עמעצער קוקט אײַכ פונ הינטנ נאָכ — אונ, באמערקנדיק אינ דעמ יינגלס אויגנ א גרויסנ אינטערעס צו זיכ, איז ער צו אימ צו־געגאנגענ אונ געזאָגט:

— דו ביסט ניט לאנג ארויס פונ פּאלאצ, ביסטו פונ דאָרטנ?

— יאָ, אײַער גנאָד.

— קענסטו סער העמפרי מארלאָו?

דאָס יִנגל האָט אַ ציטער געטאָנ. „גאָט מײנער,—האָט ער געטראַכט,—דאָס איז דאָך מײנ פאַרשטאָרבענער פאָטער“,—אונ געענטפערט הויך:

— זײער גוט, אײער גנאָד.

— גוט. איז ער דאָרטנ?

— יאָ,—האָט ער געענטפערט אונ צוגעגעבנ פאַר זיך: „אינ קײווער“.

— קענ איך באַ דיר בעטנ די טױווע, דו זאָלסט אַזױ גוט זײנ איבערגעבנ אים מײנ נאָמענ אונ זאָגנ אים, אַז איך וויל אים זאָגנ אַ פאָר ווערטער בעסאָד?

— איך וועל עס גערנ טאָנ, סער.

— זאָג זשע אים, אַז מײלס הענדאָנ, אַ זונ פונ סער ריטשאַרד, וואַרט דאָ אינ דרויסנ. איך וועל דיר דערפאַר דאַנקבאַר זײנ, מײנ וויל יִנגל.

דאָס יִנגל האָט אויסגעזענ אַנטוישט. „דער קיניג האָט אים אָנגערופנ מיט אַנ אַנדער נאָמענ, — האָט ער געטראַכט. — אָבער עס מאַכט ניט אויס. אויב דאָס איז ניט דער, וואָס דער קיניג זוכט, איז עס זײנ צווילינג-ברודער, וואָס וועט קאָנענ דערצײלנ דעם קיניג נײעס פונ דעם אַנדערנ „סער שטיקלעך-אונ-ברעקלעך“.

אונ, ווענדנדיק זיך צו מײלסנ, האָט ער געזאָגט:

— שטעלט זיך אָט אַהער אַ ווײלע, גוטער סער. איך וועל באַלד ברענגענ אַ טשוווע.

הענדאָנ האָט זיך געשטעלט, ווו מע האָט אים אָנגעוויזנ, — דאָס איז געווענ אַ נישע אינ וואַנט מיט אַ שטײנערנער באַנק אינווײניק, ווו די וואַך-זעלנער פלעגנ זיך באַהאַלטנ אינ אַ שלעכטנ וועטער. ער האָט זיך נאָרוואָס צוגעזעצט, ווענ עטלעכע אַלעבאַרדיסטנ מיט אַנ אָפיצער אינ דער שפיץ זײנענ פאַרבײגעגאַנגענ. דערזעענדיק אים, האָט דער אָפיצער אַ קאָמאַנדעווע געטאָנ, די סאָלדאַטנ זאָלנ זיך אָפּשטעלנ, אונ געהײסנ הענדאָנען צוגײנ. הענדאָנ איז צוגעגאַנגענ—אונ איז גלײך אַרעסטירט געוואָרנ אַלס פאַרדעכטיקע פערזאָנ, וואָס דרײט זיך אַרום פאַלאַץ.

דאָס איז געווענ אַ מיִעסע מײסע. הענדאָנ האָט געוואָלט דערקלערנ, וואָס ער טוט דאָ, אָבער דער אָפיצער האָט אים גראָב אָפּגעהאַקט אונ געהײסנ די סאָלדאַטנ אָפּנעמענ באַ אים זײנ געווער אונ באַזוכנ אים.

— האַלעווײַ זאָל דער בארעמהארציקער גאָט געבנ, זיי זאָלנ עפּעס געפינענ, — האָט מײַלס געזאָגט, — איכ האָב געגוג געזוכט אוג האָב גאָרנישט געפונענ, כאָטש איכ ניטיק זיכ מער פונ זיי...

— קיינ זאַכ ניט געפונענ, אויסער עפּעס א פּאַפּיר, — האָט געמאָלדנ דער אונטעראָפיצער.

דער אָפיצער האָט עס אופגעעפנט, אונ הענדראָנ האָט א שמייכל געטאָנ, דערקענענדיק די „קרײַזלעכ אונ דריידלעכ“, וואָס זײַנ קליינער פרײַנט האָט אָנגעשמירט אפ „דרײַ שפּראַכנ“ יענעם ביטערנ טאָג אינ הענדראָנ-שלאָס.

דעמ אָפיצערס פּאָנעמ איז פינצטער געוואָרנ, ווענ ער האָט איבערגעלייענט דעמ ענגלישנ נוסעכ פונ פּאַפּיר, אונ הענדראָנ איז, פּאַרקערט, בלייכ געוואָרנ, ווענ ער האָט דערהערט דעמ אָפיצער זאָגנדיק:

— א נײַער באַלנ אפ דער קרוינ! זיי פרובּפּערנ זיכ הײַנט ווי די העזלעכ, אפ מײַנ וואָרט! האַלט נאָר גוט צו דעמ כעווערעמאַנ, ביז איכ וועל ארײַנטראָגנ דאָס זעלטענע פּאַפּיר אינ פּאַלאַצ אונ אָפּשיקנ עס צומ קיניג.

ער איז שנעל אַוועקגעגאַנגענ, איבערלאָזנדיק דעמ ארעסטירטנ אינ די הענט פונ דעמ זעלנער.

— נו, איצט וועלנ זיכ, דאַכט זיכ, ענדיקנ אַלע מײַנע ליידנ, — האָט הענדראָנ געמורמלט, — איכ וועל זיכ שוינ געווימ וויגנ אפ א שטריקל צוליב דעמ שטיקל פּאַפּיר. וואָס וועט עס ווערנ פונ מײַנ אָרעמ יינגל — אָ, איינ גאָט ווייסט!

נאָר אָט האָט ער דערזענ דעמ אָפיצער לויפנדיק צוריק אינ גרויס אײַלעניש, אונ ער האָט זיכ געמאַכט א האַרצ צו באַגעגענענ זײַנ גוירל מיט מוט, ווי עס פּאַסט פאַר א זעלנער. דער אָפיצער האָט באַפוילנ די זעלנער, זיי זאָלנ אָפּלאָזנ דעמ געפאַנגענעמ אונ אָפּגעבנ אימ צוריק זײַנ שווערד. נאָכדעמ האָט ער זיכ מיט גרויס אָפּשײַ פאַרנייגט פאַר אימ אונ געזאָגט:

— זײַט אַזוי גוט, סער, אונ גייט נאָכ נאָכ מיר.

הענדראָנ איז נאָכגעגאַנגענ, קלערנדיק:

„ווענ איכ וואָלט איצט ניט געפירט ווערנ צומ טויט אונ ניט געמוזט זיכ היטנ צו באַגיינ א פרישע זינד, וואָלט איכ דעמ לומפּ דערוואָרגנ פאַר זײַנ שפּאָטנ פונ מיר“.

זיי זײַנען דורכגעגאַנגענ אַ גרויסנ הויפ און צוגעקומענ צום הויפּטאַרײַנגאַנג פונ פּאַלאַץ. דער אָפיצער האָט, ווידער טיפ פאַרנייגנדיק זיכ, איבערגעגעבנ הענדאָגענ אינ די הענט פונ אַ פאַרפּוצטנ הויכנ באַאַמטנ, וואָס האָט אים אויפגענומענ מיט גרויס קאָוועד און דורכגעפירט דורכ אַ גרויס אויפנעמ-צימער צווישנ צוויי רייענ דינער (וואָס האָבנ זיכ נידעריק געבוקט באַ זייער דורכגאַנג, אָבער געשטיקט זיכ פונ געלעכטער, ווי נאָר אונדזער פּרינצ האָט זיכ אומגעקערט צו זיי מיטנ רוקנ). דער באַאַמטער מיט הענדאָגענ האָבנ זיכ אויפגעהויבנ אַפ ברייטע טרעפּ צווישנ גאַנצע מאַכנעס הויפ-לײַט, און צום סאָפ האָט מענ הענדאָגענ אַרײַנגעפירט אינ אַ גרויסנ זאַל, מאַכנדיק פאַר אים אַ וועג צווישנ דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז דאָ געווענ פאַרזאַמלט, דערמאָנענדיק אים אינ איינ גאַנג, ער זאָל אַראָפּנעמענ זײַנ הוט, און געלאָזנ שטיינ אינמיטנ זאַל — אַ ציל פאַר אַלע אויגנ, פאַר אַ סאַכ בייזע בליקנ און גענוג פרייליכע און שפּאָטישע שמייכלענ.

מײַלס הענדאָגנ איז געווענ גאָר צעטומלט: פינפ טריט פונ אים איז אונטער אַ באַלדאַכינ געזעסנ אַפנ טראָנ דער יונגער קיניג, דעם קאָפּ אָנגעבויגנ און אָפּגעקערט אָנ אַ זײַט און געשמועסט מיט אַ פּאַרשוינ, וואָס האָט אינ זײַנע בלענדנדיק-רײַכע קליידער אויסגעזעענ ווי אַ גאַניידנ-פויגל — געוויס אַ הערצאָג. הענדאָגנ האָט אַ טראַכט געטאָנ, אַז שטאַרבנ אינ די בעסטע יאָרנ איז גענוג שווער אויכ אָנ אַזעלכע ביזיוינעס פאַר אַזאַ אוילעם. ער וואָלט געוואָלט, דער קיניג זאָל שוינ מאַכנ אַ סאָפ דערצו — צו שווער צו פאַרטראָגנ די באַליידיקנדיקע בליקנ מיצאַד אייניקע פונ די פּאַרשוינענ, וואָס דרייענ זיכ דאָ אַרום.

אינ דעם מאָמענט האָט דער קיניג אַ ביסל אויפגעהויבנ דעם קאָפּ, און הענדאָגנ האָט זיכ אינ אים גוט אײַנגעקוקט. עס האָט אים דער אָטעמ פאַרכאַפּט פונ דעם, וואָס ער האָט דערזענ! ווי אַ פאַרקישעפטער האָט ער אַ קוק געטאָנ אַפ דעם יונגנ פּאָנעמ און דערנאָכ אויסגערופנ אינ האַרצנ:

— וואָס, דער קיניג פונ דעם כאַלוימעס-און שאָטנ-קיניגרײַכ אַפ זײַנ טראָנ!

ער האָט אַלץ געמורמלט און גערעדט האַלבע ווערטער, ניט אויפהערנדיק צו קוקנ און צו וווּנדערנ זיכ. דערנאָכ האָט ער זיכ אומגעקוקט אַפ אַלע זײַטנ, ריידנדיק צו זיכ אַליינ:

— אָבער די אַלע זײַנען דאָך עמעסע, לעבעדיקע מענטשנ, אפ מײַנ וואָרט, עמעסע — וואָרהאַפטיקע, ס'איז ניט קײנ כאָלעמ...

ער האָט ווידער אָנגעשטעלט די אויגנ אפנ קיניג אונ געטראַכט: איז עס א כאָלעמ?.. אָדער איז ער טאַקע דער עמעסער הערשער פונ ענגלאַנד אונ ניט דער עלנטער אָרעמער טאָמ פונ מעשוגאָימ-הויז, פאַר וועלכנ איך האָב אימ געהאַלטנ? — ווער וועט מיר לייזנ די רע-טעניש?

מיטאַמאָל האָט א געדאַנק אופגעבליצט אינ זײַנע אויגנ: ער האָט א שפרײַז געטאָנ צו דער וואַנט, געבראַכט א שטול אונ אַנידערגעזעצט זיכ.

אַלע זײַנענ געוואָרנ אויסער זיכ. אײנער פונ די הויפ-לײַט האָט אימ א כאַפ געטאָנ באַמ קאָלנער אונ אויסגעשריִענ:

— שטײ אופ, דו אָפּגעריסענער נאַר! דו קלײַבסט זיכ זיצנ אינ דער קעגנוואַרט פונ קיניג?!

דער טומל האָט צוגעצויגנ דעמ קיניגס אופמערקזאַמקײַט. ער האָט אויסגעצויגנ זײַנ האַנט אונ אויסגעשריִענ:

— באַרירט אימ ניט, דאָס איז זײַנ רעכט!

דער עולעמ איז אָפּגעטראָטנ צוריק, געוואַלדיק איבעראַשט. דער קיניג האָט ווײַטער געזאָגט:

— זײַט וויסנ איר אַלע, לײדיס, לאָרדנ אונ דזשענטלמענס, אַז דאָס איז מײַנ אָנפאַרטרויטער אונ שטאַרק באַליבטער דינער, מײַלס הענדאָנ, וואָס האָט מיט זײַנ גוטער שווערד געראַטעוועט זײַנ קיניג פונ קערפערלעכער באַשעדיקונג אונ עפשער פונ טויט, אונ דערפאַר איז ער, דורכ דעמ קיניגס ווילנ, דערהויבנ געוואָרנ צומ ריטער-ראַנג. זײַט ווײַ-טער וויסנ, אַז פאַר א העכערער דינסט — דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרהיט זײַנ הערשער פונ שמיצ אונ שאַנד, נעמענדיק עס אפ זיכ, — איז ער דערהויבנ געוואָרנ צו פער פונ ענגלאַנד, גראַפ פונ קענט אונ וועט באַקומענ גאָלד אונ גיטער, ווי עס פאַסט פאַר זײַנ קאָוועד. נאָכ מער, דער זכוס, וואָס ער האָט איצט געטאָנ אויסנוצנ, — געהערט אימ דורכ א קיניגלעכנ געשאַנק, וואָרעמ מיר האָבנ געטאָנ באַפוילנ, אַז די בכאָרימ פונ דער מישפאָכע הענדאָנ זאָלנ האָבנ דאָס רעכט צו זיצנ אינ דער קעגנוואַרט פונ ענגלאַנדס מאַיעסטעט פונ הײַנט אָנ אונ ווײַטער, דאָר נאָכ דאָר, אַזוי לאַנג, ווי דער טראָנ וועט עקזיסטירנ. באַרירט אימ ניט!

צוויי פערזאָן, וואָס האָבן צופעליק פארשפּעטיקט און זײַנען נאָרוואָס אָנגעקומען פון דער פּראָווינץ, זײַנען געשטאַנען און צוגעהערט זיך און געקוקט דאָ אפן קיניג, דאָ אפ דער פארזעעניש, ווידער אפן קיניג און נאָכאמאָל אפ דער פארזעעניש אין א מין ווילדן וווּנדער. דאָס זײַנען געווען סער היו און לײדי עדיט. אָבער דער נײַער גראַף האָט זיי ניט באמערקט. ער האָט אלץ ניט אראָפּגענומען די אויגן פונעם מאָנארך און געמורמלט:

— אָ, גאָט מײַנער! און דאָס איז מײַן בעטלער! דאָס איז מײַן מעשוגענער; דאָס איז דער, פאר וועמען איך האָב זיך געוואָלט באַרימען מיט די זיבעציק צימערן אין מײַן הויז און מיט די זיבן און צוואנציק דינער! דאָס איז דער, וואָס האָט קיינמאָל קיין אנדער זאַך ניט געהאט, ווי שמאטעס פאר קליידער, איבערגעבליבענע ברעקלעך פון טיש צום עסן און קלעפּ אפ פארבײַסן! דאָס איז דער, וועמען איך האָב צוגענומען פאר א זון און געוואָלט מאכן פאר א מענטשן! אָ, האלעווײַ וואָלט איך געהאט א זאק צו באהאלטן אין אים מײַן קאָפּ פון שאנד!

מיטאמאָל האָט ער זיך דערמאָנט און האָט א פאל געטאָן אפ די קני און, אָנכאפנדיק דעם קיניגס האנט, געשוואָרן געטרײַקייט און געדאנקט פאר דעם טיטל און גיטער. דערנאָך איז ער אופגעשטאנען און אָפּגעטראָטן אָן א זײַט — א ציל פאר אלע בליקן און פאר גענוג קינע אויך.

איצט האָט דער קיניג באמערקט סער היו און האָט מיט א צאָרנדיקער שטים און ברענענדיקע אויגן געזאָגט:

— נעמט אוועק בא דעם דאָזיקן רויבער זײַנע געגאזלטע גיטער און טיטלען און האלט אים אונטער שלאָס און ריגל ביז מײַנע ווײַטערדיקע באפעלן.

דער געוועזענער סער היו איז ארויסגעפירט געוואָרן.

איצט איז אין צווייטן עק זאל פאָרגעקומען עפּעס א באוועגונג. די פארזאמלטע האָבן געמאכט א וועג, און טאָם קענטי, איינפאך, אָבער רײַך געקליידט, געפירט פון א צערעמאָניאל־מײַסטער, איז דורכגעגאנגען צווישן צוויי לעבעדיקע ווענט. ער האָט געקניט פארן קיניג, וואָס האָט געזאָגט:

— איכ האָב זיכ דערוווסט די געשיכטע פונ די פארגאנגענע עט=
לעכע וואָכנ אונ איכ בינ צופרידנ מיט דיר. דו האָסט געטאָנ רעגירנ
מיט דער מעלוכע מיט וואָרהאפטיקער קיניגלעכער גוטהארציקײט אונ

ער האָט א קוש געטאָנ דעמ קיניגס האנט.

ראכמאָנעס. האָסטו געפונענ דײַנ מוטער אונ שוועסטער? זיי וועלנ בא=
זאָרגט ווערנ. אונ דײַנ פאָטער וועט אופגעהאנגענ ווערנ, אויב דאָס איז
דײַנ פארלאנג אונ אויב דער געזעצ דערלויבט עס. זײַט וויסנ איר
אלע, וואָס טוט הערנ מײַנ שטימ, אז פונ הײַנט אָנ אונ ווײַטער וועלנ
אלע, וואָס געפינענ זיכ אינ קריסטוס יעסוימימ=הויז אונ געניסנ
פונ קיניגס צדאָקע, — באקומענ שפּײַז פאר זייערע מויכעס אונ הער=

צער אזוי גוט, ווי פאר זייערע קערפערס, און דאָס דאָזיקע יונגל וועט טאָג וווינענ דאָרטנ און וועט שפּעטער זײַנ גאנצ לעבנ פארגעמענ דאָרטנ אנ ערנ=אָרט צווישנ די לערער. און אזוי ווי ער איז געווענ קיניג, דארפ אימ אָפּגעגעבנ ווערנ באזונדער קאָוועד. זײַט זשע אופמערקזאמ אפ זײַנ באזונדער קליידונג, דורכ וועלכער אלע דארפנ אימ דערקענענ און קיינער טאָר זי ניט נאָכמאכנ. און וווּהינ ער זאָל ניט קומענ, וועט עס דערמאָנענ דעמ פאָלק, אז ער איז אמאָל געווענ א קיניג, און קיינער זאָל זיכ ניט דערוועגנ ניט צו אכטנ אימ און ניט צו באגריסנ אימ. ער טוט זיכ געפינענ אונטער דער שוצ פונ טראָנ, ער האָט די שטיצע פונ דער קרוינ, ער וועט זײַנ באוווּסט און גערופנ מיט דעמ ערנ=טיטל: דעמ קיניגס שוצלינג.

דער שטאָלצער און גליקלעכער טאָמ קענטי איז אופגעשטאנענ, געקושט דעמ קיניגס האנט און איז דערנאָכ ארויסגעפירט געוואָרנ. ער האָט ניט פארלאָרנ קיינ צײַט, נאָר גלײַכ געפלויגנ צו זײַנ מוטער דערציילנ איר, בעט און נענ די גאנצע געשיכטע, זיי זאָלנ זיכ פרייענ צוזאמענ מיט אימ.

שלוס

שטראָפ און באלוינונג

היו הענדאָנ איז זיכ אליינ מוידע געווענ, אז זײַנ ווײַב האָט זיכ דעמלט אָפּגעזאָגט אינ הענדאָנ=שלאָס פונ מײַלסנ, ווײַל זי איז דערצו געצוווּנגענ געווענ פונ אימ, היו הענדאָנענ, וואָס האָט צוגעזאָגט, — און אימ האָט מענ געקאָנט גלייבנ, — אז אויב זי וועט אימ ניט פאָלגנ און וועט דערקענענ מײַלסנ, וועט ער איר נעמענ דאָס לעבנ. און ווענ זי האָט אימ געזאָגט: „נעמ מײַנ לעבנ, עס איז מיר ניט טײַער“, — האָט ער געזאָגט, אז זי וועט ער לאָזנ לעבנ, אָבער ער וועט טויטנ מײַלסנ. דאָס איז שוינ געווענ אנ אנדער זאכ, האָט זי געגעבנ דאָס וואָרט ניט צו דערקענענ מײַלסנ און האָט דאָס וואָרט געהאלטנ.

היו איז ניט באשטראָפט געוואָרנ פאר באשווינדלענ זײַנ ברודער

און פֿאַר אַלע זײַנע מעשׂים, ווײַל זײַן פֿרוי און זײַנע ברודער האָבן ניט געוואָלט איידעס זאָגן קעגן אים, און דאָס ווײַב וואָלט ניט געקאָנט באַווײַזן קעגן אים, ווען זי זאָל אַפֿילו וועלן, ווײַל ער האָט זי אַוועקגעוואָרפֿן און איז אַוועק אין פֿרעמדע לענדער, ווו ער איז איינגיכן געשטאָרבן. מיט דער צײַט האָט דער אַמאָליקער מײַלם הענדאָן און איצטיקער גראַף קענט באַסענע געהאַט מיט היום אַלמאָנע.

אין הענדאָן=דאָרף האָט געהערשט גרויס פֿרייד, ווען דאָס פּאָרפֿאָלק איז צום ערשטן מאָל געקומען אין שלאָס.

טאָם קענטיס פֿאָטער איז ווי אין וואַסער אַרײַן.

דער קיניג האָט אויפֿגעזוכט דעם פֿערמער, וועלכן מע האָט געשטעמפּלט און פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ קנעכט, האָט אים אויסגעלייזט פֿון זײַן זינדיק לעבן אין דעם „סקאַנדאַליסטס” באַנדע און באַזאָרגט אים מיט אַ פֿײַנער עקזיסטענץ.

ער האָט אויך באַפֿרײַט פֿון געפֿענקעניש דעם אַלטן אַדוואָקאַט און אומגעקערט אים זײַן געלט=שטראָף.

ער האָט באַזאָרגט די טעכטער פֿון די צוויי פֿאַרברענטע פֿרויען און שטרענג באַשטראָפֿט דעם באַאַמטן, וואָס האָט געשמיסן הענדאָנען.

ער האָט געראַטעוועט פֿון עשאַפֿאָט דאָס יינגל, וואָס האָט געכאַפּט דעם פֿויגל, און די פֿרוי, וואָס האָט געגאַנוועט באַם וועבער אַ שטיקל געוואַנט.

ער האָט אָבער פֿאַרשפּעטיקט צו ראַטעווען דעם מענטשן, וואָס איז פֿאַרורטיילט געוואָרן פֿאַר דערשיסן אַ הירש אין קיניגס וואַלד.

ער האָט באַוויזן גנאָד דעם ריכטער, וואָס האָט אָפּ אים ראַכמאָנעס געהאַט, בײַם ער איז באַשולדיקט געווען אין גאַנוועגען אַ כאַזערל, און עס האָט אים האַנאָע געטאָן צו זען, ווי דער ריכטער איז מיט דער צײַט געוואָרן אַ גרויסער און פֿון אַלעמען געאַכטער מענטש.

זײַן גאַנץ לעבן האָט דער קיניג ליב געהאַט צו דערציילן זײַנע פּאַסירונגען פֿון דער שאָ אָן, וואָס ער איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון פּאַלאַץ אין די בעטלער=קליידער, ביז דער לעצטער נאַכט, ווען ער האָט זיך אַרײַנגעגאַנוועט אין וועסטמינסטער=קירכע צוזאַמען מיט אַ קאָמפּאַניע אַרבעטער און באַהאַלטן זיך אין טויטן=געצעלט פֿון קיניג עדוואַרד דעם

באַל־טשוווע און איז אַזוי פעסט אײַנגעשלאָפֿן, אַז ער האָט נאָך אַ האָר שיִר ניט פֿאַרשלאָפֿן די קרוינונגס־צערעמאָניע. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס אָפּטע איבערדערציילן די געשיכטע פֿאַרפֿעסטיקט זײַן ווילן צו ציִען פֿון איר נוצן פֿאַרן פֿאָלק, און ער וועט דעריבער ניט אויפֿהערן צו דערציילן זי ווי לאַנג ער וועט לעבן, כּדי צו האַלטן פֿריש אין זײַן זיקאָרן די טרויעריקע בילדער און דעם קוואַל פֿון ראַכמאָנעס, וואָס זיי וועקן אין זײַן האַרץ.

מײַלס הענדאָן און טאָם קענטי זײַנען געווען דעם קיניגס ליבלינגען די גאַנצע צײַט פֿון זײַן קורצער הערשאַפֿט, און זיי האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געטרויערט נאָך זײַן טויט.

דער גוטער גראַף קענט איז געווען צו קלוג צו מיסברויכן מיט זײַן אייגנאַרטיקער פּריווילעגיע, אָבער צוויי מאָל אין זײַן לעבן האָט ער זי יאָ אויסגענוצט: איין מאָל, ווען די קיניגין מערי איז אַרויף אויפֿן טראָן, און דאָס צווייטע מאָל, ווען די קיניגין עליזאַבעט איז געקרוינט געוואָרן. איינער פֿון זײַנע ווײַטערדיקע דאָר האָט אויסגענוצט די פּריווילעגיע, ווען דזשיימס דער ערשטער איז געוואָרן קיניג. איידער דעם דאָזיקן גראַפֿס זון האָט זיך אויסגעקליבן אויסצונוצן זײַן זכות, איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ פֿערטל יאָרהונדערט, און „די פּריווילעגיע פֿון די קענטס“ איז קימאַט ווי פֿאַרגעסן געוואָרן. און ווען איינער פֿון די קענטס האָט אין קעגנוואַרט פֿון טשאַרלז דעם ערשטן און זײַן גאַנצן הויף גענומען און אָנגעזעצט זיך, כּדי צו פֿאַרפֿעסטיקן און פֿאַרייביקן זײַנע רעכט, איז געוואָרן אַ היפּשער גערודער! אָבער די זאַך איז באַלד דערקלערט געוואָרן, און זײַן רעכט האָט זיך באַשטעטיקט. דער לעצטער פֿון דער פֿאַמיליע קענט איז געפֿאַלן אין דעם בירגערקריג, קעמפֿנדיק פֿאַרן קיניג, און די אייגנאַרטיקע פּריווילעגיע האָט זיך געענדיקט צוזאַמען מיט אים.

טאָם קענטי האָט דערלעבט ביז אַ טיפֿן עלטער. ער איז געווען אַ שיינער גרויז־גראָער זאָקן מיט אַן ערנסט און גוטמוטיק פּנים. זײַן גאַנץ לעבן איז ער פֿון אַלעמען געאַכט געווען. מע האָט אים אויך אָפּגעגעבן כּבֿוד פֿאַר זײַן באַזונדערער קליידונג, וואָס האָט אַלעמען דערמאָנט, אַז „ער איז אַמאָל געווען קיניג“, און ווו נאָר ער האָט זיך באַוויזן, האָט מען פֿאַר אים געמאַכט וועג און איינער דעם צווייטן פֿלעגט זאָגן: „טו אויס דײַן הוט, דאָס איז דער שוצלינג פֿון קיניג!“

ער פלעגט ענטפערן אַף די באַגריסונגען מיט אַ ליבלעכן שמייכל, וואָס איז פון אַלעמען נעשעצט געוואָרן, ווײַל יעדער האָט געוווסט זײַן לעבנס-געשיכטע.

דער קיניג עדוואַרד דער זעקסטער האָט אינגאַנצן געלעבט עטלעכע יאָר. אָרעם ייִנגל! — אָבער געלעבט ווי עס געהער צו זײַן. זייער אָפט, ווען עמעצער פון די וויכטיקע הויף-באַאַמטע, עפּעס דאַרטן אַ באַגילדעטער הויף-קנעכט, פלעגט אַרויסטרעטן קעגן דעם קיניגס מילדקייט און אויפוויזן, אַז דער געזעץ, וואָס ער וויל ליגדערן, איז אַזוי אויך גענוג מילד און פאַרשאַפט גאָר ניט די באַשטראָפטע קיין יעסורים, — פלעגט דער יונגער קיניג ווענדן אַף דעם באַל-אייצע זײַנע גרויסע, אויסדרוקפולע, ראַכמאָנעסדיקע אויגן און ענטפערן:

— וואָס ווייסטו פון יעסורים און אונטערדריקונג? איך און מײַן פאָלק ווייסן, וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער ניט דו.

די הערשאַפט פון עדוואַרד דעם זעקסטן איז געווען אַ באַרעמהאַ־ציקע הערשאַפט, ווערליק פאַר יענע גרויזאַמע צײַטן. לאָמיר זשע דאָס ניט פאַרגעסן איצט, ווען מיר צעשיידן זיך מיט אים, און לאָמיר אים שטענדיק דערמאָנען צו גוטן.

אַנמערקונגען און דערקלערונגען

1. **טאוער** — א לאָנדאָנער פעסטונג, וואָס האָט געדינט אלס טורמע פאר לאָרדן, הערצאָגן און אפילו קיניגן. דאָרט פלעגן פאָרקומען פּייניקונגען און קעפּונגען.

2. **אנא אסקיו** (1521 — 1546) איז אריינגעזעצט געוואָרן אין טורמע אלס פּראָטעסטאנטקע פאר דער „איינגעשפּארטקייט און אקשאָנעס אין אייניקע פראגן" און דאָרט געפּייניקט געוואָרן און דערנאָך פארברענט געוואָרן אין סמיטפילד.

3. **וועסטמינסטער-פּאלאץ** — געוועזענער קיניגלעכער פּאלאץ אין לאָנדאָן, אופגעבויט געוואָרן אין XI יאָרהונדערט. פון 1512 יאָר געפינט זיך דאָרט דער ענגלישער פארלאמענט.

4. **פּרינץ פון אועלס** — דער ענגלישער טראָנפאָלגער.

5. **פּארטינג** — א קופּערנע מאטבייע, ווייניקער פון א קאָפּעקע.

6. **מיי-דראָנג** הייסט אין ענגלאנד א הויכע מאסט, וואָס איז באפּוצט מיט בלומען און פלאגן. די דאָזיקע מאסט שטעלט מען געוויינלעך אוועק אף א גרויסער לאָנקע, און ארום איר קומען פאָר מיי-פארוויילונגען.

7. דעם קיניג זיינע שוין דאן געבליבן געציילטע טעג צום לעבן. מוירע האָבנדיק, אז נאָרפאָלק וועט זיך ארויסדרייען פון טויט, האָט ער ארויסגעזאָגט דער געמיינדע-פּאלאטע א פארלאנג, אז זי זאָל פארשנעלערן דעם אורטייל. אלס סיבע האָט דער קיניג ארויסגעשטעלט דאָס, וואָס נאָרפאָלק פארנעמט דעם פּאָסטן פון דעם גרויס-מארשאל, און מע האָט געמוזט באשטימען אף זיין אָרט אן אנדערן מאכמעס דער פאָרשטייענדיקער צערעמאָניע פון פייערלעכן באשטעטיקן דעם פּרינץ פון אועלס אלס טראָנפאָלגער (יום, „געשיכטע פון ענגלאנד", ב. II, ז. 307).

8. **בענווענוטאָ טשעליני** (1500 — 1571) — א בארימטער איטאליענישער סקולפּטאָר און מעטאל-שניצער.

9. **קאפּעלאן** — הויף-גאלעך.

10. ביזן סאָף פון הענרי דעם VIII קיניגן איז אין ענגלאנד ניט געוואקסן ניט קיין סאלאט, ניט קיין מערן, ניט קיין ריבן, ניט קיין אנדער גרינס. דאָס גאנצע גרינס פלעגט מען ברענגען פון האָלאנד און פלאנדריע און מע פלעגט עס האלטן פאר אן אויסערגעוויינלעכער לוקסוס-זאך. ווען דער קיניגן עליזאבעט האָט זיך פארוואָלט עסן סאלאט, איז זי געווען געצוווּנגען שיקן נאָך אים א ספּעציעלן מענטש קיין האָלאנד (יום, „געשיכטע פון ענגלאנד", ב. III, ז. 314).

11. די לאָרדן-פּאלאטע האָט, אפילו ניט פארהערנדיק דעם באשולדיקטן, ניט אופ-

קלײַבנדיק קיין באווײַזן, אָן א געריכט אונטערגעשריבן דעם ביל פון נאָרפאָלקס קעפונג און האָט געשיקט דעם ביל אין דער געמיינדע־פאלאטע. די קנעכטיש־האכנאָעדיקע געמיינדע־פאלאטע האָט געהאָרכזאם אויסגעפילט דעם קיניגס פאָדערונג. דער קיניג האָט באשטעטיקט דעם דאָזיקן ביל דורך א ספּעציעלער קאָמיסיע, און האָט באפוילן קעפּן נאָרפאָלקן דעם 29 יאנוואר אינדערפרי (יום, „געשיכטע פון ענגלאנד", ב. III, ז. 306).

12. די סטאטועס פון גויג אומאָגויג, וואָס געפינען זיך אינעם לאָנדאָנער ראָטהויז, שטעלן פאָר צוויי לעגענדארע גיגאנטן, וועלכע זײַנען קלוימערשט אוועקגעשטעלט געוואָרן אלס וועכטער באם ארײַנגאנג אינעם קיניגלעכן פאלאץ.

13. לאָנדאָנער בריק האָט געהייסן ניט נאָר די בריק גופא, נאָר אויך די געגנט ארום איר.

14. פעני — אן ענגלישע מאטבייע אינעם ווערט פון 4 — 6 קאָפּ.

15. מאריע טיודאָר (מערי) — ענגלישע קיניגן (1516 — 1558). די צײַט פון איר קיניגן איז באצייכנט געוואָרן מיט רעליגיעזע פארפאָלגונגען און פילצאָליקע קעפּונגען פון פּראָטעסטאנטן.

16. בײַם דער הערשאפט פון הענרי דעם VIII פלעגן גיפטמישערס, לויט א געזעץ פון פארלאמענט, פארמישפּעט ווערן אָפּגעקאָכט צו ווערן לעבעדיקערהייט. דער דאָזיקער געזעץ איז אָפּגעשאפט געוואָרן בײַם דער הערשאפט פונעם קומענדיקן קיניג.

אין דײַטשלאנד פלעגט די דאָזיקע שרעקלעכע שטראָף נאָך אָנגעווענדט ווערן אין XVII יאָרהונדערט. דער דיכטער טיילאָר האָט באשריבן די אויספירונג פון אזא טויט־שטראָף, וואָס ער האָט אין 1616 יאָר געזען אין האמבורג (ד־ר האמאנד טרעמבעל — „בלויע געזעצן — עמעסע און פאלשע").

17. אוּאָפּינג־אָלד־סטערס — אן אלטע טײַך־סטאנציע אף דער טעמזע.

18. אין הענדינגטאָן זײַנען א פרוי און איר ניַניאָריקע טאָכטער אופגעהאנגען געוואָרן איבער דעם, וואָס זיי האָבן פארקויפט זייערע נעשאָמעס דעם טײַוול און פלעגן ארויסרופן א שטורעם דורך אויסטאָן די זאָקן (ד־ר האמאנד טרעמבעל — „בלויע געזעצן — עמעסע און פאלשע").

19. אלפרעד דער גרויסער (840 — 901) — דער קיניג פון די זאקסן. אין ענגלאנד עקזיסטירט א לעגענדע, אז, ראטעווענדיק זיך פון די פארפאָלגונגען פון די דענער, האָט ער זיך באהאלטן אין א הײַזל פון א האָלצהעקער. ניט וויסנדיק ווער ער איז, האָט דעם האָלצהעקערס פרוי אים געהייסן אכטונג געבן אפן געבעקס און האָט אים אויסגעזידלט, ווען דאָס געבעקס האָט צוגעברענט.

20. באפּטיסטן ווערן אָנגערופן די נאָכפאָלגער פון דער רעליגיעזער לערע, וואָס אָנערקענען ניט די טויפונג פון קינדער און האלטן פאר ריכטיק בלויז די טויפונג פון דערוואקסענע.

21. לויט די ענגלישע געזעצן פון XVI יאָרהונדערט האָט פאר גאנוועגען א פערד, א פויגל, וואָל־שטאָף, פאר הארגענען א הירש אין דעם קיניגס וועלדער געקומט הענגען (ד־ר האמאנד טרעמבעל — „בלויע געזעצן — עמעסע און פאלשע").

אינהאלט

זײַט

ערשטער קאפיטל. דער געבורט פוג דעם פרינצ אונ פונ דעם בעטלער . 5
צווייטער קאפיטל. טאָמס קינדעריאָרנ. 6
דריטער קאפיטל. טאָמס באגעגעניש מיטנ פרינצ. 14
פערטער קאפיטל. דעם פרינצס צאָרעס הייבנ זיכ אָנ. 25
פינפטער קאפיטל. טאָם אלס פאטריציער. 30
זעקסטער קאפיטל. מע לערנט טאָמענ שטאט. 39
זיבעטער קאפיטל. טאָמס ערשטער קיניגלעכער מיטיק. 49
אכטער קאפיטל. מע זוכט דעם מעלוכע־שטעמפל. 55
נײַנטער קאפיטל. די פראָצעסיע אפנ טײַכ. 59
צענטער קאפיטל. דער פרינצ אינ קלעמ. 63
עלפטער קאפיטל. אינ ראָטהויז 74
צוועלפטער קאפיטל. דער פרינצ אונ זײַנ דערלייזער 80
דרײַצנטער קאפיטל. דער פרינצ ווערט פארשווונדנ. 96
פערצנטער קאפיטל. געשטאָרבנ דער קיניג — זאָל לעבנ דער קיניג. . . . 101
פופצנטער קאפיטל. טאָמ — א קיניג 117
זעכצנטער קאפיטל. דער פאראד־מיטיק 131
זיבעצנטער קאפיטל. פו־פו דער ערשטער. 134
אכצנטער קאפיטל. דער פרינצ צווישנ שלעפערס. 148
נײַנצנטער קאפיטל. דער פרינצ צווישנ פויערימ. 159
צוואנציקסטער קאפיטל. דער פרינצ אונ דער נאָזיר 166
איינ־אונ־צוואנציקסטער קאפיטל. הענדאָנ קומט צו הילפ 174
צוויי־אונ־צוואנציקסטער קאפיטל. א קאָרבנ פונ פאראט 179
דרײַ־אונ־צוואנציקסטער קאפיטל. דער פרינצ ווערט ארעסטירט 186
פיר־אונ־צוואנציקסטער קאפיטל. דאָס אנטלויפנ 190
פינפ־אונ־צוואנציקסטער קאפיטל. הענדאָנ־שלאָס 194
זעקס־אונ־צוואנציקסטער קאפיטל. פארלייקנט 203
זיבנ־אונ־צוואנצקסטער קאפיטל. אינ געפענקעניש 208

אכט-און-צוואנציקסטער קאפּיטל. דער קאָרבן 220
נײַן-און-צוואנציקסטער קאַפּיטל. קיין לאָנדאָן 225
דרײַסיקסטער קאַפּיטל. טאָמס דערפֿאָלג 228
איין-און-דרײַסיקסטער קאַפּיטל. די קרוינונג-פּראָצעסיע 231
צוויי-און-דרײַסיקסטער קאַפּיטל. דער קרוינונג-טאָג 239
דרײַ-און-דרײַסיקסטער קאַפּיטל. עדוואַרד אַלס קיניג 254
שלוס—שטראָף און באַלוינונג 263

Редактор перевода — М. Розенблюм.
Техредактор — А. Фридкин.
Корректор — М. Шпиллер.

Сдано в набор 19/II-38 г.
Подписано к печ. 31|V-38 г.
„Эмес“ № 23.
Ф. б. 84X108¹|₃₂. 17 п. л. 14,5 уч. авт. л.
Тираж 3000. Цена 4 руб. 75 коп. Переплет 75 коп.
Уполном. Главлита РСФСР Б—47225.

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9.
Зак. тип. № 394.